This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש היימלאנד

8

1987

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסטר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

8

אווגוסט

1987

אינהאַלט

70 יאָר אָקטיאַבער. דאָוויד בערגעלסאָן. אַף דעם הונדערט איינסטן וויאָרסט (פונעם בוך „שטורעמטעג") 3

נאָכעם אויסלענדער. פונעם ראָמאַן „אַף לאַנדעמירער וועג" 13

כאַיִם גילדין. אינע 20

מוישע בראָדערזאָן. אָקטיאַבער־לידער . . . 28

הערשל פּאָליאַנקער. געווען אַמאָל אַ שטעטל (ראָמאַן, צווייטער טייל) 34

כאַיִם ביידער. טשערנאָביל (פּאָעמע) 64

בוזי מילער. אָנהייב וועלט 80

עלישעווע קאַנצעדיק. אַניקשט, מײַן שטעטל אַניקשט 84

עלווירע פּאַגעל. דאָס מיידל פון זשמערינקע . 92

פּיניע פּלאָטקין. ווען ס'קומט די מילכאָמע אַפן זינען (לידער) 101

זאַלמען יאַקוב. אין יענע טעג (פאָרזעצונג) . 103

וויקטאָר מיטראָשענקאָו. דער וועג אין הימל־רוים 118

פון דער קולטור־געשיכטע. מיכאַיִל אָסטראָווסקי. „קונסט פאַרייניקט די פעלקער און באַפרײַנדעט" 126

איבער לענדער און קאָנטינענטן. אָלעג גראַסימאָוו. די וואַרעמקײַט פון דער האַנט 138

געלייענט אין דער סאָוועטישער פּרעסע. אַנדריי טשערקיזאָוו. דעמאָקראַטיע — דאָס איז ניט צעלאָזטקײַט 151

מיר זעצן פאָר דעם שמועס. לעוו אַרקאַדיעוו, אַדאַ דיכטיאַר. לויט די שפּורן פון אַ טאַליען 154

60 יאָר אין ייִדישן טעאַטער 155

פּריש אין זיקאָרן. יעפים גאָכבערג, גענאַדי עסטרײַך. דאָס ערשטע גאָלד 157

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. וו. מיילאַנד. עטוואָס וועגן ב. טוטעלמאַנס קינסטלערישער מאַניר 160

אירמע דרוקערס פאָלקלאָר־אָנזאַמלונגען 164

זעלבסטלערער פון ייִדיש 168

כראָניק 137 153

רעזומע (רוסיש, ענגליש, שפּאַניש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי, נאָטע לוריע,
ב. מאָגילנער, ב. מילער,
כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

70 יאָר אָקטיאַבער
פון אונדזער ליטעראַטור־אוצער

דאָוויד בערגעלסאָן

אַף דעם הונדערט אײנסטן װיאָרסט

פֿונעם בוך „שטורעמטעג“

1

אין עק לאַנד, באַם ברעג פֿון זומפּיקע „בײַטראַלע זאָנעס“, שטײט אַ ייִדישע קרעטשמע.

אין קרעטשמע האָבן רויטע אופגעהאַנגען אַ טעלעפאָן.

באַם טעלעפאָן — פעאָדאָר זאָזולי:

אַ קרעפּטיקער יונג.

אַ בײזלעך־געטרײַער און רויט־פּראַקשנטער.

ער זאָגט אַלעמען אַרום זיך מוסער.

ער קאָן זיך כאַסמענען.

ער האָט אַ געוווינהײַט זיך אָפּצושטעלן פאַר יעדן אָרט, ווו געדרוקטע אויסיעס זײַנען געשריבן, און לײענער זילבנווײַז אַף אַ קאָל, אַזוי אַז אַלע דורכגײער זאָלן זיך אָפּשטעלן און קוקן מיט וווּנדער סײַ אַף אים, סײַ אַף די ווערטער, וואָס ער לײענט.

ער רעדט מיט אַ פאַרדרײטער האַלב־רוסישער, האַלב־אוקראַיִנישער שפּראַך און הײבט טאָמיד אָן זײַנע בקירעס מיט די ווערטער:

— עמעס, צי נײן?

ער פילט זיך אין דער רויטער אַרמײ זײער געשעצט, כאָטש ער איז אין איר אַ קאַפּעלע אַ פאַרשפּעטיקטער, אַ צוגעקומענער פֿון דאָרף. ער ציט קעסיידער צו נײַע מענטשן צו זײַן טײל — ער „באַאַרבעט“ זײ מיט געשווינדע ווערטער:

— הער נאָר, כאַווער, איך גיב דיר אַ געמעל: ניטאָ מער קײן עלטסטע — עמעס צי נײן? ביסט, הײסט עס, אַלײן אַ סאָלדאַט און אַלײן אַ קאָמאַנדיר — ביסט אַ רויטאַרמײער, הײסט עס... די צײַט:

אײנער פֿון די ערשטע רויטאַרמײִשע ווינטערס.

פֿון אָנהײב איז זאָזולי דאָ אין קרעטשמע געווען ניט אײנער אַלײן. צוזאַמען מיט אים האָבן דעם פּאָסטן געהיט נאָך אַכט רויטאַרמײער. אַף די נאָענטע „בײַטראַלע“ זומפּן זײַנען טאַנצנדיקע זאַווערוכעס געווען פֿול מיט אָפּגעשוואַכטע געשרײען, מיט נאָגנדיקן שוידער, מיט וואַנדערנדיקע רויבער, און אין דער ברודיקער קרעטשמע, אַרום הוילן טיש זײַנען דענסטמאָל געזעסן אַכט רויטאַרמײער, געהאַלטן צווישן די פיס אָנגעלאָדענע ביקסן, גערײכערט מאַכאָרקע און געהערט, ווי אין טשאַד, זאָזוליס בקירעס וועגן די פּראָנצוויזן, וואָס זײַנען שוין אוועק פֿון אָדעס, און וועגן די ענגלענדער, וואָס שטײען נאָך אין אַרכאַנגעלסק:

— Ну, да, конешно, милый ты мой, случается, бывае... Это тебе не то, что коль снесли, а так, что каждна ласточка себе — ге-ге!...

נאָר סאָף ווינטער איז די „בײַטראַלע זאָנע“ געוואָרן מער שטיל און ווײניקער העפקער. אַף אַ ווײַלע האָט מען אופגעהערט צו וויסן:

— צו וועמען קער זי — צום אײגענעם לאַנד אָדער צום שכײניש.

די רויטאַרמײער זײַנען דאַן אוועק צו אַ צווייטן, אַ גאַנץ ווײַטן נײַעם פּאָסטן און האָבן דאָ אין קרעטשמע באַם טעלעפאָן צײַטווײַליק געלאָזט זאָזולין אײנעם אַלײן.

זאָזולי האָט דאָ זײַן אַרבעט באַם טעלעפאָן איבערגענומען פרײַוויליק, מיט דער גאַנצער היץ און מיטן גאַנצן ערנסט פֿון אַ מענטשן, וואָס דערגײט צו אַלע קענטעניש מיט זײַן אײגענעם סײכל.

אז וואָס דאַרף מען מער? — צום בײַשפּיל, אפילע די רעוואָליוציע אליין — איז ער צו איר אויך דערגאנגען מיט זײַן אייגענעם סייכל.

דעם אינסטרוקטאָר, וואָס האָט אים געוואָלט באַווײַזן, וויאַזוי באַם טעלעפאָן ארומצוגיין, האָט ער דעריבער אָפּגעשטעלט נאָך באַ די ערשטע ווערטער:

— ס'איז גאַנץ פארשטענדלעך, — האָט ער געזאָגט, — ניטאָ דאָ וועגן וואָס צו האנדלען, כאַ־ווער. דאָס דאַזיקע־אָ — „טעלעפאָן" רופט מען עס, עמעס צי ניין? רעדסט צו דעם, ענטפערט מען דורך דעם. נו, און גענוג... און ווײַטער איז אלץ קאַבאַק...

דער טעלעפאָן — א זאַך, וואָס קער צו דער רעוואָליוציע, דעריבער דאַרף מען דאָס היטן — דאָס ווייסט זאַזולי... ס'איז ניט קיין זאַכער און ניט קיין נעקייווע, און האָט דאָך אייגענע ווונטשן.

צום בײַשפּיל:

אין דרויסן בלאָזט ניט קיין מינדסט ווינטל, טאָ רעד צו דעם שטיל, ווי עס רעדן אלע מענטשן.

אין דרויסן איז א שטורמיש וועטער, טאָ שרײַ אין דעם ארײַן מיט אלע קויכעס אזוי, עס זאָל דיך באַשלאָגן א שוויס.

איין זאַך נאָר:

עס איז א ביסל לאַנגווײַליק. צווישן יידן האָט זאַזולי קיינמאָל ניט געלעבט, ניט פארשטאַנען זייער שפּראַך.

די קרעטשמע — זי איז א פּוסטע אינמיטן פעלד; זי האָט ניט ארום זיך קיין איין שילד, אַקעגן וועלכן מע זאָל זיך קאָנען אָפּשטעלן לייענען.

דער טעלעפאָן איז דעריבער גאָר אינגיכן דאָ געוואָרן זאַזוליס איינציקער כאַווער — עפּעס א מין באַזונדערער האַלב־לעבעדיקער גוטער־ברודער, צו וועמען מע קאָן צוגיין עטלעכע מאָל אין טאָג, ווי צו א נאָענטן פרײַנט, און אָף הארציקן כאַווערשן לאָשן זיך באַנײַס פאַרשטעלן דער רעוואָליוציע. ס'איז מער ניט, וואָס די רעוואָליוציע, אז מע שטעלט זיך איר פאַר דורכן טעלעפאָן, דערקענט זי ניט אזוי גרינג פון נעכטן — ווי א טויבלעכער מאַן, וואָס האָט א געשלאָגענעם זיקאָרן און דער־פרעגט זיך אלעמאָל פונסנײַ:

— א?.. ווער, זאָגסטו, ביסטו?

אלעמאָל, ווען מע גייט צום טעלעפאָן צו, דאַרף מען אים אפסנײַ אָנדרייען. עס דערהערט זיך א קלאַנג:

— דזשין! דזשין!

און נאָך שרײַט מען צו אים ארײַן גלײַך אין אויער:

— באַם טעלעפאָן בין איך, פעאָדאָר זאַזולי! פּאָסטן נומ. 3... וואָס אָפּן הונדערט מיט איינסטן וויאָרסט!..

און נאָך שרײַט מען צו אים ארײַן:

— פורן פאָרן ניט!.. מע זעט ניט!.. שיקט עסן!..

איצט איז שוין א פּאָר וואָכן, זינט זאַזולי האָט דאָ דעם טעלעפאָן. ער שלאָפט לעבן אים אין ווינקל אין זײַן קויטיקער שינעל. ער שיסט אלע באַנאַכט ארום דער קרעטשמע, קעדיי מע זאָל וויסן, אז דער פּאָסטן איז באַוואַכט. ער לייענט פון לאַנגווײַליקײַט די קויטיקע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס ער רײַסט פון אַן אלטער צײַטונג צו פאַרדרייען מאַכאָרקע, און פילט א באַדערפעניש זיך ארײַנלאָזן מיט עמעצן אין א כקירע, א שמועס טאָן מיט א האַרעפּאַשנעם מענטשן מיקויעך דעם, וואָס הײַנטיקע צײַטן איז דיר ניט דאָס, וואָס „טאָמער, עפּשער — מע דאַרף צוטרעפן"; און מיקויעך דעם, וואָס כאָטש די רויטאַרמייער זײַנען פונדאַנען אוועק צו א נײַעם, גאַנץ ווײַטן פּאָסטן, זײַנען זיי פונדעסט־וועגן געבליבן געטרײַע כאַווירים, און אני... זאָל נאָר עמעצער דאָ ארום אים פּרוּוון טאָן עפּעס ווי ניט באַדאַרף צו זײַן, איז באַלד איינס און צוויי — צום טעלעפאָן... און טאַקע דערפאַר טאָר ער, זאַזולי, דאָ ניט דרעמלען און דאַרף דינען געטרײַ איר, זײַן אייגענער זאַך — דער רעוואָליוציע.

באַ זאַזולין זײַנען שטענדיק גרייט די ווערטער, מיט וועלכע ער וואָלט דאָ מיט פאַרגעניגן אָנגע־הויבן אײַנצוטײַנען:

— יעדערן ווילט זיך לעבן בעסער, עמעס צי ניין?

נאָר טאָמיד, ווען ער הייבט דאָ אָן זײַן כקירע, בלײַבן אלע אין קרעטשמע ווי טויבלעך און קוקט אים אָן מעשונע מיט טעמפּע אויגן. און נאָכדעם, אז ער גייט אוועק איינער אליין אין קיך ארײַן, שרײַט מען, ווי טאָמיד, זייער בײַזלעך אָפּן איינציקן צוועלפיאָריקן מיידעלע:

— זעלדע! אווו איז דיר דער קאָפּ? זעלדע!..

— וואָס האָט מען דיר געהייסן טאָן... זעלדע?!

און הייסן הייסט עס:

— פאַרוואָס גייסטו ניט נאָך דעם אָרל?.. כאַפּ א קוק אין קיך... זעלדע!..

דאָוויד בערגעלסאָן (1952—1884) איז איינער פון די גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. די ערשטע דערציילונג — „ארום וואָקזאַל" האָט ער אָנגעשריבן אין 1906. אווטאָר פון די ראָמאַנען „נאָך אלעמען", „באַם דניעפּער" און פון פיל אנדערע ווערק. די דערציילונג „אַף דעם הונדערט איינסטן וויאָרסט" איז גענומען פון זײַן זאמלונג „שטורעמטעג" (1927).

כאַטש אליין איז מען שוין צו אים צוגעוווינט און מע פּאַנפּעט צווישן זיך, גלאַנצנדיק די אויגן קלוימערשט צום באַלקן:

— דער גוי איז אן אַרנטלעכער.

— עס מעג ליגן לעבן אים גאָלד.

און נאָך פּאַנפּעט מען:

— גלייבט אין די רויטע, ווי אין צײלעם.

— הערסט... דאָס איז דאָך דער אומגליק.

— אז די רויטע אליין האָבן גאָר וועגן אים געזאָגט: „מיר האָבן אים געטראָפן אין וועג, האָט ער זיך צו אונדז צוגעקלעפּט"

— וואָס קלערסטו?.. (א זיפץ). אַוואַדע וואָלט מען פרײַ אָפּגעעטעמט, ווען גאָט נעמט אים צו פונדאַנען.

2

פאַראַן אין קרעטשמע:

אן אלטער קליינוווּקסיקער, וואָס הערט שלעכט און שמעקט שלעכט — א ווײַסינקער זאָקן מיט געשוירענע וואָנצעס און מיט ציטעריקע אונטערגעבראָכענע קני. ער קלעטערט אלע טאָג אַף א בענקל דעם זייגער אָנציען, קוקט ארײַן אין א לויך און וואַרט:

אז עס וועט קומען עסטער־טאָנעס, וועט ער פאַסטן.

פאַראַן זײַנען אויך אין קרעטשמע:

מיטליאָריקע טאַטע־מאַמע, פאַרגרעבטע, שטילע, טיף־ארײַנגעטאָנענע אין זייער קרעטשמעדיק לעבן און אין קליינעם באַארבעטן שטיקל ערד, וואָס הינטער דער שטוב, — זיי קוקן דערשלאָגן און וואַרטן אַף בעסערע צײַטן.

זינט די רויטאַרמייער האָבן בא זיי אין שטוב אופגעהאַנגען דעם טעלעפאָן, איז געקומען דער דאַלעס — דאָ ארום האָבן אופגעהערט פאַרבײַצופאָרן מענטשן, וואָס גאַנווענען די גרענעץ, און האָבן אופגעהערט צו צאָלן פאַר „סאַמאָוואַרן", פאַרן „אָנוואַרעמען זיך", פאַר נעכטיקן און פאַר עסן.

די קרעטשמע:

א פוסטע און וויסטן פעלד בא די זומפּן — זי זעט איצט קיינעם ניט, אכוץ זאַזולין און אכוץ יאנקל דעם גראָבן — דעם געוועזענעם קאָצעוו, וואָס איז איצט געצוווּנגען פאר נישטיקע סכירעס צושטעלן עסן צו די פּאַסטנס און קוקט מיט שעלטנדיקע אויגן, בייזע, ווי נאָך א שאבעסדיקן שלאָף.

ער איז אין קאַס:

זײַנע פערד — די בעסטע אין געגנט (ער האָט זיי געקויפט, קעדיי צו פירן פּארשוינען צו דער גרענעץ, ער איז צוליב דעם געוואָרן אויס קאָצעוו), רײַסן זיך איצט אומזיסט אונטער די בײַכער אין די טיפע בלאָטעס. זײַן וואָגן ווערט פון מאָל צו מאָל מער פאנאנדערגעשרויפט און באקומט אויסגע־בויגענע רעדער.

בא יאנקל דעם גראָבן דערפרעגן זיך דאָ אלעמאָל פונסנײַ מאן און ווײַב:

— די באלעגאָלעס פירן צו דעם גרענעץ?.. א?.. יאנקל...

יאנקל איז אויסערלעך זייער קאלט. בייז זײַנען אין אים — אינווייניק — די קישקעס. ער ענט־פערט מיט א שטילן פאָנפע:

— וואָס זשע?.. מע פאָרט ניט?

— אלע טאָג, יאנקל?

— וואָס זשע?

— מיטן בײַעם וועג מיסטאם, א? יאנקל... מיט דער קוידענער קרעטשמע?

יאנקל טוט ווידער א פאָנפע:

— נו, יאָ... מיט דער קוידענער..., וואָדען? דורכן הימל פאָרט מען?..

— מע לייזט דאָרט? א, יאנקל?.. מע צאָלט מיסטאמע גוט?

יאנקל באטראכט זײַן וואָגנס רעדער. אויסגעדרייטע, ווי איבערגעקערטע אָפּצאסן. ער נעמט אָן א פולע ברוסט מיט לופט און ענטפערט מיט שטעכעניש, קעדיי בא די באלעבאטים פון קרעטשמע זאָל כאָטש אויך פלאצן די גאל:

— מע לייזט, מע לייזט.

— און וואָס זאָגט מען אין שטאָט?

— וואָס זאָל מען זאָגן?

— „זיי״ (מע טוט א ווונק אין זאָזוליס זײַט), זיי זײַנען אָף לאנג, די גרויסע?

— ווער ווייסט?

— אָבער ווי קלערט מען, יאנקל?

— מאשמאָעס אָף לאנג.

איטלעכס מאָל נאָך יאנקל דעם גראָבנס אוועקפאָרן זיפצט מען אין קרעטשמע, ווי גלײַך אָף דער וועלט איז געשטאָרבן א גרויסער צאדיק. מ׳רעדט צו זיך אָף דער פאָנפעדיקער שפּראך, וואָס גיסט זיך צוזאמען פאר זאָזוליס אויער אין איין לאנגן קלאנג:

— מיר־דיר־ביר־וויר־גיר.

קעדיי די יידענע זאָל אים ניט עסן, קעדיי ניט צו הערן, ווי זאָזולי גוואלדעוועט אין טעלעפאָן, גייט דאן דער באלעבאָס אוועק זיך פאָרקען אין שטויביקן האלב־טונקעלן שפּײַכלער און פארבלײַבט דאָרט אָף לאנגע שאָען.

זאָזולי ווארפט דאן אָף זיי אלע בליציקע בליקן, בייס ער דרייט מאכאָרקע.

ער האָט פּארדראָס.

אים ענטפערט די לעצטע טעג זייער קנאפּ אין טעלעפאָן דער צווייטער ווײַטער פּאָסטן. דער פּאָסטן קלינגט צו אים קימאט אָן אופהער און רעדט צו אים מיט מאָדנע צעצויגענע אומקלאָרע ווער־טער, ווי גלײַך מ׳האָט דאָרט עפּעס שטארק קיין צײַט ניט, ווי גלײַך מע פּאקעוועט זיך דאָרט אין גרויס אײַלעניש און מ׳גרייט זיך איבערגיין צו א נײַעם, גאָר־גאָר ווײַטן פּאָסטן. דערצו נאָך שיקט מען אים שוין ניט צו אהער קיין עסן און מע פארגעסט, אז ער איז דאָ געבליבן מיט א ליידיקער ביקס אָן קוילן.

קעדיי אויסצובאהאלטן זײַן אומרויִקײַט פון די ארומיקע, מורמלט ער דאָ קימאט אָן אופהער:

— אָט לײַדאקעס... אָט כאזיירים... אָט, אז איך וועל זיך צו זיי דערקלײַבן!..

ער קוקט ארײַן צום באלעבאָס אין טונקעלן שפּײַכלער און געפינט אים דאָרט א פארשטויבטן בא דער רעשעטע.

— דו, באלעבאָס, — פּרווּט ער צו אים רעדן, ווי נעכטן און אייערנעכטן, — דו, באלעבאָס, ארבעטסט? נו, ארבעט, ארבעט... און מיר באמיִען זיך פאר דיר... פאר אלע, וואָס ארבעטן, הייסט עס. עמעס, ציִ ניין? מיר פארטראכטן דאָס דאָזיקע־אָ אזוי: האָסט דיר, לאָמיר זאָגן, פון דײַן שטיקל ערד צוואנציק זעק ברויט... עס איז דיר קארג?.. טאָ האָב דיר א גרעסער שטיקל ערד, האָב צו עסן זאט. עמעס, ציִ ניין? מיר זײַנען ניט דאָס, וואָס די פריִערדיקע מאכט...

זעט אָבער אויס דער פאַרשטויבטער באַלעבאָס די לעצטע טעג מער באַרויגעז, ווי פריִער, און האָט טאָמיד אַזאַ אויסזען, ווי גלייַך זאַזולי רעדט צו דער וואַנט.

זאַזולי ווערט נאָך מער אומרויִק, קערט זיך אום צוריק אין קרעטשמע און זיצט דאָרט ביז פאַרנאַכט באַם הילצן טיש — זיצט מיט אַ ליידיקגייעריש לידל צווישן די ציין, שפאַרט דעם קאָפּ אויפן עלנבויגן און פרוווט צולעצט אייַנטייַנען כאַטש מיטן אַלטיטשקן, וואָס זיצט אַקעגן אויפן סאָפּקעלע:

— דו, זיידעניו, — שרייַט ער צו אים, — ביסט שוין אַלט... עמעס, צי ניין? הייַנט, מאָרגן שטאַרבסטו! און מיר אָט: יונגע רויטאַרמייער, איינס און איינס... מיר האָבן אָנגעהויבן, אַזוי צו זאָגן, מיט אונדזערע צען פינגער... קיינעמס אייסעק... עמעס, צי ניין?

נאָר דער אַלטער קוקט אויף אים מיט אויוורבאַטלדיקע אויגן, ציטערט אָן אויפהער מיטן קאָפּ איןביידע זייַטן, ווי איינער זאָגט:

— ניט מאַסקים, ניין... ניין... ניט מאַסקים...

און אַז זאַזולי גייט נאָכדעם אַרויס אין קיך, שרייַט ער, ווי אַלע, אויפן מיידעלע:

— זעלדע, וווּ איז דיר דער קאָפּ? פאַרוואָס גייסטו אים ניט נאָך אין קיך, זעלדע?..

זאַזולין האָט אָנגעכאַפּט אַ בענקשאַפט. ער האָט דאָ סאָפּקאָלסאָף אוועקגעמאַכט אויף אַלע מיט דער האַנט און זיך גענומען צוריק צום טעלעפאָן — צום אייַנציקן נאָענטן פרייַנט, וואָס פאַרבינדט אים מיט זייַניקע און מיט דער יעשוע, צו וועלכער ער לעכצט איצט, ווי אין אייביקער טונקלעניש, אַ גאַנצע דורשטיקע וועלט. זאָל זייַן, אַז זייַניקע האָבן צוליב עפּעס געמוזט איבערלאָזן זייער פּאָסטן און איבערגיין צו אַ צווייטן, זייער און זייער אַ ווייַטן. זאָל זייַן, אַז אין טעלעפאָן הערט מען ניט מער, ווי זייער אַ ווייַטן, ווייַטן אומקלאָרן קלאַנג. נאָר אויך אָט דער קלאַנג איז טייַער און פיל ליבער פון אַנדערע גאַנץ קלאָרע — אויך צוליב אים איז קעדייַ לאַנג אָפּצושטיין באַם טעלעפאָן און אין אים אַרייַנשרייַען מיט אַלע קויכעס:

— דאָ רעד איך, פּעאָדאָר זאַזולי!.. פּאָסטן נומער 3... וואָס אויף דער הונדערט מיט איינסטער וויאָרסט... ענטפער! נו! שווייַג ניט... ענטפער!..

עמעס, זייַנען דאָרטן מיט זיי, אומקומען, אויב מ'דאַרף, מיט אַ פּאַכנדיקער בלויזער שווערד אין האַנט צווישן הענט מיט בלויזע שווערדן — איז פיל גרינגער איידער קאַרטשען זיך אין גרויס בענקשאַפט איינער אַליין דאָ אויפן פּאָסטן. נאָר טאַקע דעריבער שטאַרקט זיך די באַדערפעניש צוצופאַלן צום טעלעפאָן — שטאַרקט זיך מייַנסטנס פאַרנאַכט, ווען זייַן אויער כאַלעמט זיך אַ ווייַטלעך שיסן, ווי פון האַרמאַטן, אָדער אַ ווייַטלעך זינגען, ווי פון גאַנצע רויטאַרמייִשע מאַכנעס, באַגלייט מיט שפּילנדיקע טראָמפּייטן, מיט פּויקן און מיט קלאַנג פון טאַנצנדיקע טאַצן.

שאָען לאַנגע האָט דאַן זאַזולי אָפּגעריכט זייַן טפילע באַם אַפּאַראַט, געשטאַנען אויף זייַן פּאָסטן ביז שפּעט אין פאַרנאַכט דאָ אינמיטן די אַרומיקע מייַלנווייַטע זומפּן.

זייַן געפיל:

אַ וועלט אַ רויבערישע, אַ זינדיקע איז קראַנק פון רויבערייַען און פון זינד, און צווישן אָט דער וועלט — ער, זאַזולי, איינער אַליין: ער רעדט זיך פאַר איר דורך אין טעלעפאָן מיט אַ זויבערער וועלט, אַ ליכטיקער, אַ געלייַטערטער דורך אופגעהויבענע הענט מיט בלויזע פּאַכנדיקע שווערדן. און צו אָט דער גלוסטיקער גאַניידנדיקער וועלט פירן דעם טעלעפאָנס דראָטן ווייַט, ווייַט, אַ מעהאַלעך ראָוו. אַמאָל ענטפערט מען פון דאָרט, אַמאָל ניט — ס'ווענדט זיך אינעם וועטער אין דרויסן און אין דער אַרבעט, וואָס דאָרט קומט פאָר. נאָר פאַרוואָס דאַכט זיך די לעצטע טעג, אַז אָט די גלוסטיקע וועלט דערווייַטערט זיך פונדאַנען אַלץ מער און מער און פאַרלאָזט דאָ אויפן פּאָסטן אים, זאַזולין, איינעם אַליין?

אָפּטמאָל ווייַזט זיך אויס, אַז דאָרט רעדן שוין ניט די פריִערדיקע קולעס, אַז עמעצער אַ פרעמדער ענטפערט קאַלט, שטעכיק, ווי אָפּצולאַכעס און אומקלאָר — עמעצער שפּאָט... און אויך דאָ אַרום אים, אין קרעטשמע, דאַכט זיך, שפּאָט מען שוין אויך... טאָמיד, שפּעט אין פאַרנאַכט, אַז ער טרעט אָפּ נאָך זייַן שאָען־לאַנגער אווידע פונעם טעלעפאָן, הערט מען אין שטוב מיטאָמאָל אויף צו רעדן, מע צינדט אָן דעם לאָמפּ, און דאָס מיידעלע קוקט דאַן אויף אים פאַרוווּנדערט, בייס ער שטייט אַקעגן און פאַרדרייט פון מאַכאָרקע אַ פּאַפּיראָס — עס קוקט מיט אַזאַ מינע, ווי גלייַך עס קיצלט איר אין נאָז.

— טי טשעוואָ?.. — האָט זאַזולי איינמאָל אויפן מיידעלע אָנגעשריגן.

ער האָט זיך דערבייַ בייז אַ קרום געגעבן און אַ טופּע געטאָן אויפן מיידעלע מיטן פוס.

נאָר דאָס מיידעלע האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט... עס איז אַנטלאָפן אין אַ צווייטן כיידער מיט אַזאַ שמייכעלע און מיט אַזאַ דריבנע געלעכטערל, ווי גלייַך דער צווייטער ווייַטער פּאָסטן, צו וועלכן ער שרייַט אין טעלעפאָן, איז שוין אויף אייביק אומגעקומען — ער איז שוין ניטאָ....

3

— דזשין! דזשין!...

— באם טעלעפאָן בין איך...

— פעאָדאָר זאָזולי.

— דזשין! דזשין!

— נו, ענטפער, אין דײַן מאמען ארײַן!

— ווער איז דאָרט?

— רעד ווערטער!

— דזשין!... דזשין!...

דער טעלעפאָן האָט א גאנצן טאָג ווי געכויזעקט פון זאָזולין, גענאַרט צו זיך, געקלונגען אַלע ווײַלע ווי מיט נײַער קראַפט. איטלעכס מאָל, ווען זאָזולי האָט צוגעלייגט זײַן אויער צום טרײַבל, האָט זיך אים געדוכט: עמעצער רופט אים צו זיך, עמעצער וויל אים עפעס זייער וויכטיקס זאָגן, נאָר ס'שטערן פרעמדע, קאַלטע קוילעס, ווי פון פאַרשיידענע זײַטן. א יאַריד פון פיל שוואַכע אומפאַר־שטענדלעכע ווערטער שטערן דעם איינציקן נייטיקן קלאַנג אין טעלעפאָן, און דער יאַריד אַליין, פונ־וואַנען מע רעדט זיך איבער, איז עפעס א מיִעסער, א פאַסקודנער.

ארום אין קרעטשמע שווײַגט מען. און נאָר דאָס מיידעלע לאַכט מיט א גיפטיק געלעכטערל — לאַכט ווי ניט פון אים, און דאָך יאָ פון אים.

דערצו נאָך האָט בא דער קרעטשמע זיך אופגעהערט צו באַווײַזן דער גראָבער, וואָס פירט פאַנאַנדער עסן. די באַלעבאַטים זײַנען געווען אומרויִק, און געדאַכט האָט זיך:

זיי וויסן עפעס...

זאָזולי איז ארומגעלאָפן ווי צעמישט.

די באַלעבאַטים, האָט ער געזען, רעדן צווישן זיך אַפגיך, מע קאָן ניט וויסן, צי זיי זײַנען שטאַרק פריילעך אָדער זיי קריגן זיך. עס פאַלט צו עפעס א נײַע אומרויִקע נאַכט. אין קרעטשמע איז מען געלעגן אין די בעטן אין דער פינצטער, זיך געמאַכט שלעפעריק, קעדיי זאָזולי זאָל גאָרנישט ניט באַמערקן, און זיך אײַנגעהערט, ווי די זומפן, וואָס אויף דער „נייטראַלער זאָנע", זײַנען פול מיט ווידערקוילעס, ווי אַן אופגערודערטער וואַלד. די ווידערקוילעס וואַקסן און ווערן קלערער. גאַנצפרי שיסט מען ערגעץ ווײַט אויף די זומפן, און ניט פון ביקסן — פון פיל שטאַר־קערס.

זאָזולי קלאַפט מיט דער דרויסנדיקער טיר. אַלע ווײַלע פאַרלאָזט ער דעם טעלעפאָן, לויפט ארײַן צוריק פונדרויסן און קלינגט ווידער:

— דאָ בין איך — פעאָדאָר זאָזולי!...

— נו, זאָג שוין!... זאָג!

איצטיקס מאָל איז דער טעלעפאָן מער טויב; זײַן זיקאָרן — מער געשלאָגן. וויפל מאָל זאָזולי שטעלט זיך פאַר אים ניט פאָר, דערקענט ער אים דאָך ניט און ענטפערט ניט. דער איינציקער קלאַנג, וואָס ער באַקומט ארויס נאָך אַלע געשרייען פונעם טרײַבל, איז שוין טאָמיד איינער און דער זעלבער: א שוואַכער אומפאַרשטענדלעכער קלאַנג, א ווײַטער, גלײַך קומען קומט ער אהער פון קעגנ־איבער פאַריאָגטע וועלטן — נאָר ער איז דאָך טײַער און הייליק.

זאָזולי איז שוין מיד און אונטערגעריסן.

א גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג איז ער דאָך ניט אָפגעטראָטן פונעם טעלעפאָן, געשטאַנען ראַק אויף די פיס, געקלונגען, געקלונגען, קעדיי ארויסצורופן דעם איינציקן אָפגעשוואַכטן און דערווײַטערטן הייליקן קלאַנג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

אין קרעטשמע האָט מען וועגן אים גערעדט צווישן זיך אויף דער „מיר־דיר־וויר־גיר"־שפּראַך:

— זע נאָר... זע נאָר...

— פונקט ווי מע רופט אָפ א טויטן.

— ביסט א מייוון?..

אָנגעשפּאָלטן, הייזעריק, פול און פול מיט געבעט האָט געקלונגען זײַן קאָל:

— ענטפער!... ענטפער!...

און אין די מידע קוויטשיקלעך פון זײַנע געשרייען פילט זיך הילפלאָזיקייט און ווייטיק — אָן שיער ווייטיק:

— פאַרלאָזט ניט, טײַערינקע!... כאָטש איין וואָרט...

און נאָכדעם איז שוין געווען פאַרנאַכט, און אַז זאַזולי האָט זיך ווידער מיט קוילעס און מיטן טרײַבל באַם אויער גענומען צום טעלעפּאָן, האָט ער שוין אין אים מער גאָרניט געהערט: דער אײַנ־ציקער אָפּגעשוואַכטער און האַרציקער קלאַנג איז פאַרשוווּנדן — די דראָטן זײַנען ערגעץ אומבאַוווּסט ווו געווען איבערגעריסן.

מיט פאַרשפּיצטע אויגן צו די זומפּן איז זאַזולי געשטאַנען אין דרויסן און זיך אײַנגעהערט: די זומפּן זײַנען צוריק שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן. דער קרעטשמער קערט זיך אום פון ערגעץ אַהיים. זײַן ייִדענע וואַרט אים אַפּ אין דרויסן און ווערט פריילעך בײַס ער דערציילט איר עפּעס זייער שטיל, וואָרפנדיק קאָסע אויגן אַף זאַזולין. אין קרעטשמע צינדט מען אָן אַ לאָמפּ און מע ווישט דערבײַ דאָס גלעזל מיט פיל מער ליבע און פיל לענגער, איידער מע האָט עס געווישט ביז הײַנט. מע רעדט אַרום אים פיל העכער, איידער מע איז געווינט געווען אַרום אים צו רעדן — מע באַמערקט אים ניט, ווי גלײַך ער וואָלט דאָ ניט געווען.

אַפּצולאָכעס שטעלט ער זיך באַנײַס אַוועק שרײַען אין טעלעפּאָן.

4

פון דער קרעטשמע טראָגט מען אַרויס אַלע טישן און בענק.

עס האַלט זיך אין איין טאָן, ווי פאַר אַ יאָמטעוו:

מע לופטערט באַטאָג בעטגעוואַנט אין דרויסן.

מע שטעלט אַרויס אויסבאַהאַלטענע קליידער און שוכוואַרג.

מע רײַבט אין שטוב די ווענט.

מע שאָבט שאַפּקעלעך און טאָפּטשאַנעס.

מע שײַערט די פּאָדלאָגעס.

מע שײַערט און מע רייניקט, ווי צוליב פּריצים.

זאַזולי קוקט זיך דערוף צו מיט טרויעריקן ווונדער:

מע וואַרפט אַרויס פון קרעטשמע אַלץ, וואָס דערמאָנט אָן פּאַסטן. צוליב וואָס טוט מען דאָס, זאָגט מען ניט, מע שווײַגט. נאָר וואָס מער מע שײַערט, אַלץ מער דערפילט זאַזולי, אַז אויך אים מיטן טעלעפּאָן וויל מען פון קרעטשמע אַרויסשײַערן.

— אָט רוכעס! אָט פּאַסקודסטווע!

זאַזולי קומט אַרײַן פון דרויסן און קוקט מיט בייזע פײַערלעך אין די אויגן, ווי מע ראַמט אויס זײַן געלעגער. דאָס מיידעלע שמירט דאָרט די וואַנט אָפּגיך, זי באַשפּריצט ווי אומיסטן דעם טעלעפּאָן. באַליידיקט, ווי מע וואָלט אים צוליב אומקאָווּעד אָפּגעגאָסן מיט שמוץ, קוקט צו אים דער אַפּאַראַט.

זאַזולי דערפילט פּלוצעם דעם עלנט פון זיך אַליין, פון זײַנע אָפּגעטראָטענע כאַווײרים און פון נעם טעלעפּאָן — דעם איינציקן גוטן־פרײַנט, וואָס איז באַשפּריצט... פול און פול מיט פלעקן, ווי מיט ווײַסע טרערן...

— אָט דאָ ניט טשעפּען, — בעט ער באַם מיידעלע, — ניט ראַמען דאָ אין ווינקל, זאָג איך... אָט דאָ וועל איך אַליין אויפראַמען, זאָג איך...

נאָר דאָס מיידעלע איז ווי טויב.

זי שפּריצט פון דער באַרשט נאָך שטאַרקער אַפן אַפּאַראַט.

זאַזולין פאַרקלעמט באַם האַרצן — ער צינדט זיך אָן:

— זיך אַהער ניט מישן! — שרײַט ער.

ער כאַפּט אין די הענט די ביקס מיט אַלע קויכעס, ווי אַ ווילדער.

דאָס מיידעלע שפּרינגט אָפּ מיט אַ היכץ, אַ בלאַסינקס, אָן אַ זײַט, און אין שטוב ווערן אַלע פול מיט שרעק.

דער ייִדענעס אויגן קוקן אַף אים שטאַרק אָפּן, ווי אַף אַ צעמישטן, דערבײַ רעדט דערוויַל איר מויל ניט צו אים, נאָר צום מיידעלע:

— טשעפּע אים ניט!.. לאָז אים דאָס ווינקל, לאָז אים... ראַם ניט...

און נאָכדעם איז שוין אין קרעטשמע שטיל.

זאַזולי וואַשט אָפּ די פלעקן פון דעם אַפּאַראַט און רעדט צו זיך אַליין:

— אָט וועט מען זיך אָנרײַסן... אָט וועט מען דערפאַר האָבן...

און נאָך:

דאָס דאַזיקע־אָ... טעלעפאָן הייסט עס, עמעס צי ניין? א זאַך איז עס א שטילע, אַן איידעלע, מיט גערערעם... א מאשינעריע א גאנצע... טוסט דעם שלעכטס, איז ווי דו טוסט שלעכטס א לעבעדיקן, נאָר עס שווייַגט... קיינעם טשעפּעט עס ניט, עמעס צי ניין?

נאָר אין קרעטשמע קוקט קיינער מער ניט אין זייַן זייַט, אכוץ דעם אלטן, וואָס זיצט, ווי טאַמיד, בא דער הרובע, שמעקט מיט א שלעכטן רייעך און שעפּטשעט מיט די ליפּן — רעדט אַן לאַשן מיט דעם פארנאכט.

— קיינעם טשעפּעט עס ניט, — שרייַט צו אים זאָזולי.

דער אלטער קוקט און שמעקט מיט די ליפּן...

— עך, עך, עך! — זיפצט זאָזולי מיט באדויערונג, — געוואָלט האָבן מיר אייַך געבן א לעבן... א?.. געוואָלט האָבן מיר אייַך באגליקן...

פון בענקשאפט קערט ער זיך צו זייַן ווינקל, ווי צו א טפילע, און טרעט פון דאָרט ניט אָפּ — ער היט דעם טעלעפאָן.

מיט א פּאָר טעג שפּעטער.

געקומען יאנקל דער גראָבער, געבראכט אויף זייַן וואָגן די ערשטע צוויי פארשוין אויף צו פירן זיי דאָ ארום צו דער גרענעץ. זאָזולי האָט זיי באטראכט מיט פארקלעמטע ציין, פארביטערט.

ביידע זייַנען געווען:

מאנצבלען.

בייַכעדיקע.

אָנגעפּעלצטע — שווער־באוועגלעכע אָפּגעטער.

און ביידע האָבן זיי מוירע געהאט אראָפּצוּוואַרפן פון זיך די וועג־בורקעס, ווי גלייַך עס קאָן דאָ עפּעס ארויספאלן פון זייערע געפּאקטע קעשענעס.

זאָזולי האָט, קוקנדיק אויף זיי, באקומען א פּייַערל אין די אויגן:

— אָט שלענג, אָט פּיאווקעס.

— אָט האָט מען זיך אָנגעראבעוועט און מע אנטלויפט!

אומגלייביק דערשראָקן, ווי אויף שפּילקעס, זייַנען דאָ געזעסן ביידע אָנגעפּעלצטע פארשוינען, מוירע געהאט פאר זאָזוליס בליקן און איבערהויפּט פאר זייַן פּאָרקען אין ווינקל באם טעלעפאָן און זיך געכאפּט פונדאנען אוועקצופאָרן. נאָר אויף מאָרגן האָבן זיך דאָ שוין אָפּגעשטעלט נייַע פארשוינען.

זאָזולי האָט דאן אין דרויסן אָפּגערופן דעם קרעטשמער אָן א זייַט און אים אָנגעהויבן געבן צו פארשטיין אפן וווּנק:

— דו, לאנדסמאן... הער: די גאנצע צייַט געהיט דאָ דייַן שטוב. קיין זאַך בא דיר ניט געמינערט, עמעס צי ניין?.. אוועקגיין איצט פונדאנען קאָן איך ניט — א געפאר. איך ווייס עס אקוראט: מייַנע, די רויטע, זייַנען דאָ ניט ווייַט... זיי וועלן זיך אומקערן... מע האָט מיר אנומלטן אהער אונטערגעשיקט זאָגן: אין צוויי וואָכן ארום זייַנען מיר דאָ צוריק...

די באלעבאטים האָבן געקוקט, געקוקט, ניט געוווּסט, צי ער זאָגט זיי דעם עמעס, און באשלאָסן:

— עפּשער טאקע... ניט אייַנרייַסן מיט א גוי... א סאקאָנע... ער וועט זיך פארדינען זייַן עסן.

נאָר אז מע האָט אים איינמאָל געזאָגט, ער זאָל אראָפּנעמען אין שטוב אריין בא די פארשוינען א פּאָר שווערע פּעקלעך, וואָס די באלעגאָלעס האָבן געבראכט, האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט, געשטאנען אין א זייַט מיט פארלייגטע הענט, וואָס אָט־אָט זייַנען זיי גרייט צו געבן פּעטש, אז די באלעבאטים האָבן פון מוירע אָפּגעטראָטן אין א זייַט, האָט ער נאָך אלץ געקוקט מיט בייזע שווארצאפּלען אויף די פארשוינען, אויף די באלעגאָלעס און אויף די שווערע פּעק:

— עך, עך, עך, — האָט ער אָפּגעזיפצט, — און מיר ווילן אייַך באגליקן, ווילן מיר... און מיר ווילן אייַך געבן א לעבן, ווילן מיר...

קעדיי ארויסצובאווייַזן זייַן סינע צו די דורכפאָרנדיקע, קלינגט ער אין טויב־שטומען טעלעפאָן, קלינגט אלע פארנאכט, ווען פארשוינען אין קרעטשמע קלייַבן זיך אָן א סאך און פילן אַן אלע צימערן. די פארשוינען האָבן זיך געשראָקן, מוירע געהאט צו רעדן הויך, און די באלעבאטים האָבן זיי געטרייסט:

— קיינעם טשעפּעט עס ניט, עמעס צי ניין?

— עסט!.. עסט!.. זאָלט איר געזונט זייַן. עס איז גאָרניט. עס איז גלאט אזוי. וואָס הארט אייַך?.. זאָל ער קלינגען.

מע האָט סאָפּקאָלסאָף פאַרהאַנגען דעם טעלעפאָן מיט א רעדנע, האָט זאַזולי זיך קיין אָרט ניט געפונען. קעדיי ניט צו פילן אזוי שטארק די באליידיקונג פונעם טעלעפאָן, האָט ער אָנגעהויבן אויס־קוקן פאר אים א נײַ אָרט. ער האָט פריִער איבערגעטראָגן דעם טעלעפאָן אין שפּײַכלער אַרײַן, אים אופגעהאנגען אַף דער וואנט, און נאָכדעם טאקע אהין אונטערן טעלעפאָן איבערגעטראָגן זײַן געלעגער.

5

דער אלטער, וואָס קלעטערט אלע טאָג אַף א שטול דעם זייגער אָנצוציִען, האָט אזוי לאנג אַרײַנגעקוקט אין לועך, אזוי לאנג געווארט אַף עסטער־טאָנעס, ביז עסטער־טאָנעס איז געקומען.

פארנאכט זײַנען „געסט" אין דער קרעטשמע געוועז א סאך, אָנגעפּאקט אלע צימערלעך, גע־שוויצט צוזאמען מיט די ווענט. באלעגאָלעס האָבן אלץ געבראכט נײַע, אלץ מיט נײַע שווערע פּעק.

זאַזולי האָט אלץ פארביטערט צוגעקוקט, געווייטיקט שטיל און ניט געהאט פאר וועמען אויס־צולייגן זײַן הארץ.

— אָט פּיאווקעס!.. אָט באנעמט מען דאָס אונדז... אָט פירט מען ארויס אלץ, וואָס מיר פאר־מאָגן.

אין קרעטשמע איז דער טיש געדעקט. אויבנאָן זיצט א דיקער יונגערמאַן און פּאַדערט, מע זאָל אָנצינדן ליכט, ווי אום יאָמטעוו.

ער כאַזערט:

— נישקאָשע... איך קאָן באַצאָלן...

פון סימכע האָט ער ניט אופגעהערט צו ריידן:

— איך האָב א שפּײַ געטאָן אַף מײַן היים, פארשטייט איר מיך! מויכל, מויכל... און העמדער טראָג איך לײַנענע... אדהײַעם, אָט טוט א קוק — וועבל... איך בין אזוי געווינט...

געווען איז דאָרט:

א יונגערמאַן א שטילער, א שווײַגנדיקער, וואָס רעדט מיט קיינעם ניט און האָט זײַן טײַערן פארפּאקטן פידל.

געווען איז דאָרט:

א מאמע, א געזעצטע, ווי א רײַכע רעבעצן, א קאראקולענע, מיט אויך אזעלכע געזעצטע דרײַ קאראקולענע מוידן, וואָס זיצן מיט פארפּומירטע טיכלעך בא די נעזער און האָבן מוירע א שמעק צו טאָן די לופט אין קרעטשמע, טאָמער האָט זי א שלעכטן רייעך.

געווען זײַנען דאָרט: צוויי לאנגע, מאָגערע יידן, וואָס קראצן זיך מיט די פּלייצעס בא דער הרובע און שפּארן זיך:

— מיט וואָס איז פריִער גרינגער געווען צו גאנווענען די גרענעץ — מיט לעדער צי מיט סאכארין?

נאָכדעם זײַנען אָנגעקומען נאָך א פּאָר יידן שוטפים. זיי האָבן זיך לאנג ניט געקאָנט דערמאָ־נען, צי דארף מען איצט דאַוונען מינכע פארן אָמעד אין א טאלעס, צי ניין. זיי האָבן צוזאמען מיטן אויוורבאָטלדיקן אלטיטשקן געשלעפּט אין צווייטן קלענערן כיידער צו א מיניען:

— קומט, רעב ייִד... וואָס הארט אײַך?..

דער געפּאקטער, וואָס טראָגט העמדער נאָר פון וועבל, האָט ניט געוואָלט גיין, געכויזעקט, געלאכט מיט דינע ציינדלעך:

— איז וואָס קאָן מען דערפאר האָבן, א? פּעטער... וואָס וועל איך דערבײַ פאַרדינען?

און דאָך, ווי אלע, זיך נאָכגעשלעפּט אין צווייטן צימער. פאר א טישל מיט ברענענדיקע ליכט האָט איינער פון די צוויי ייִדן שוין געהאט ארופגעוואָרפן אַף זיך דעם אלטיטשקנס טאלעס און געצוווינגען אלע באלעגאָלעס נאָכזאָגן, נאָכשאָקלען מיט די ליפּן.

בא דער שטילער שמוינע־עסרע:

די ארומיקע לופט איז א פארגעפּטע; מע שווײַגט, גלײַך אין קרעטשמע איז עמעצער געשטאָרבן.

בא „קדושע":

די קאראקולענע גווירישע רעבעצן צוזאמען מיט אירע דרײַ מוידן שטייען אַף די פּיס אין צווייטן כיידער, שפּרינגען מאנצבלש „קאָדויש".

זאַזולי איז דעמלט געשטאנען אין קיך־טיר, געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און זיך געשראָקן

פאַר דער שעפּטשעריַי, פאַר די ברענענדיקע ליכט, פאַר די אומפאַרשטענדלעכע קוילעס, פאַר אַלץ, וואָס פאַר אים קומט פאָר, און געפילט, אַז ס'איז עפּעס שעדלעך פאַר זײַנע אוועקגעגאַנגענע כאַווײרים, פאַר אים אַליין און פאַר אַלץ, אַף וואָס ער האָפט.

אין יענעם אָוונט:

מ'האָט אין קרעטשמע יאַמטעוודיק געטרונקען, און אויך זאַזולין האָט מען אַלעמאָל באַנײַס פאַרגעלייגט א שנאַפּס. זאַזולי האָט ניט געוואָלט, ניט געוואָלט, און האָט דאָך ענדלעך פון גרויס האַרצווייטיק, ווי א סאַם א נעם געגעבן דעם אויסגעשטרעקטן שנאַפּס, דערנסטמאָל האָט מען אים צוגעטראָגן נאָך און נאָך שנאַפּסן, מ'האָט אים ארומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס דערלאַנגען שנאַפּסן.

צוליב א באַלעגאָלע, בא וועמען ס'האָט זיך צעבראָכן דער וואָגן, האָט מען געפּרוווט בעטן זאַזולין, ער זאָל פון ווײַטלעכן דאָרף ברענגען א געדונגענע פור. זאַזולי האָט דאַן געבליצט מיט די אויגן, געגעבן פּעטש יענעם, וואָס שטייט צו אים צו, און ווי אַפּצולאָכעס געטרונקען נאָך און נאָך שנאַפּסן.

— צו אַלע ווערעמדיקע מאַמעס, — האָט ער זיך גערוסן אַף צו שלאָגן, — פורן וועל איך אײַך ברענגען... א טויט, א כאָליערע...

אין יענעם אָוונט:

זאַזולי ליגט מיט גרויס כאַראָטע אַף זײַן געלעגער אין טונקעלן שפּײַכלער, פילט זיך באַטרונקענערהייט באַנומען און באַטראַגן און קאָן זיך ניט מויכל זײַן דעם פאַרברעכן, צו וועלכן ער, זאַזולי, האָט דאָ אַף זײַן פאָסטן דערלאָזט:

— מע פירט אַרויס אַלץ... מע באַטראַגט... מע באַנעמט...

פון דער נאָענטער קרעטשמע האָבן צו אים אָן אויפהער דערגרייכט די קוילעס פונעם דאָרטיקן גרויסן שיקערן טומל — זינדיקע, פאַרברעכערישע קוילעס. פון אָנהייב האַלט דאָרט דער געזאַנג בלויז אין איין שטאַרקן זיך, דערנאָך גייט ער איבער אין א פײַפעריַי, הוקעריַי, פּאַטשעריַי, אין א טופּעריַי פון פיל טאַנצנדיקע פיס, וואָס צעטרעטן אונטער זיך עפּעס ביז גאָר הייליקס, נאָענטס, טײַערס.

פון האַרצווייטיק איז זאַזולי צוגעפאַלן מיט דער ברוסט צום טעלעפאָן, אין דער פינצטער האָט ער געדריקט דעם טעלעפאָן מיטן טרײַבל צו אַלע טיילן פונעם האַרץ. ער האָט צוגעלייגט צו אים זײַן מויל גאָר נאָענט, ער האָט ארײַנגעשריגן מיט אַלע קויכעס:

— קומט צוריק!.. ברידער!.. טײַערינקע... מע באַנעמט אונדז דאָ!.. קומט צוריק!!!

●

נאַכעם אויסלענדער

פונעם ראָמאַן

„אַף לאַדעמירער וועג"

1

אָנהייב זומער, יענעם יאָר, דעם נײַנצנטן, באַלד נאָך דעם, ווי אַף לאַדעמירער וועג האָט זיך באַוויזן סאָקירקאָ, דער אַטאַמאַן, — סע האָט שוין דעמלט געקלונגען איבערן קאַנט מיט דעם גרויסן בראָך, וואָס האָט געטראָפן אין לאַדעמיר, — האָבן די לאַדעמירער יִידן פּלוצעם דערזען אַ פרעמדן מענטשן אין שטאָט.

ער איז דאָ אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג נאָכאַנאַנד און מע האָט נאָך אַלץ ניט געוווּסט, ווער ער איז. מע האָט געפּרוּווט נאָכקוקן, ווי ער גייט אַרום איבער דער שטאָט, אַן אויסגעלייזיקטער דײַטשישער „רוקזאַק" הענגט אַראָפּ פון זײַן פּלייצע, די פיס קוקן אַרויס אַף אַ פּאָר געלעכערטע דײַטשישע שיך און אַפילע דאָס גרויסע סאָלדאַטישע רעקל זעט אויס פונקט ווי בײַ אַ דײַטש.

נאָר ער איז ניט קיין דײַטש. אָט שטעלט ער זיך אָפּ אינמיטן גאַנג, ער באַטראַכט דאָס אָרט, וווּ ס'זײַנען געשטאַנען די לאַדעמירער קראָמען — אַן עק, ניטאָ מער קיין קראָמען אין לאַדעמיר, סע האָט זיי אַלע פאַרברענט ערשט סאָקירקאָ, דער אַטאַמאַן — זעט דער פרעמדער ווי די לאַדעמירער יִידן קריכן אַרום, מע צעגראָבט דעם אַש אין די גריבער, מע זוכט, מע נישטערט צווישן פאַרויכערטע ציגל.

און אָט שטייט עליע דער לעדערוואַרגער אויך. ער איז באַגלײַך מיט אַלע פאַרשמירט און פאַרפּראָשעט מיט אַש, ער שלעפּט אויך שטיקלעך אָן ברעקלעך פון זײַן אַמאָליקן קרעמל מיט לעדער, נאָר אַמאָל פאַרגלוסט זיך נאָך עליען שטילערהייט אַ קוק צו טאָן אַרום און אַרום, זען דעם טאַכלעס, וואָס איז געוואָרן פון לאַדעמיר — און אָט אַזוי, ווען ער הייבט אוף איינמאָל דעם קאָפּ און טוט אַ קוק אַרום זיך, דערזעט ער פּלוצעם, ווי עמעצער אַ פרעמדער מענטש קוקט אים גלײַך אין די אויגן. איין מאָל, צוויי מאָל, מע טרעפט זיך אַלץ מיט די בליקן, ביז עליע דער לעדערוואַרגער טוט זיך מיטאַמאָל אַ ריר פונעם אָרט, ער גייט צו נאָענט צום פרעמדן, ער גיט ווידער אַ קוק אים אין די אויגן און דעמלט איז שוין עליע אינגאַנצן זיכער בײַ זיך. ער ווישט אויס אין דער פּאָלע די רעכטע האַנט, וואָס איז פאַרשמירט מיט סאַזשע, ער שטרעקט זי אויס צו דעם פרעמדן מענטשן און ער זאָגט צו אים:

— דאַכט זיך, ס'איז פּיִוויש, יאָ?

נו, אַוודע, אַוודע האָט עליע געטראָפן. אַזויפיל יאָרן געהאַנדלט מיט קלאָווע, אַזויפיל לעדער צעטיילט דאָרט צווישן שוסטער און שטעפּער — איז ווי זאָל עס עליע ניט דערקענען פּיִווישן, דעם בעסטן שטעפּער אין קלאָווע?.. אַ כידעש איז נאָר אַף פּיִווישן: וויאַזוי האָט ער דער ערשטער דער־קענט עליע דעם לעדערוואַרגער.

— זאָג מיר, פּיִוויש, דעם עמעס זאָג, — פרעגט זיך נאָך עליע, — ס'איז נאָך טאַקע פאַרבליבן אַ רעמעז פונעם אַמאָליקן עליען?..

און ער טײַט מיט דער האַנט אַף דער פאַרויכערטער כורווע, וואָס ליגט צעשפּרייט אינמיטן שטאָט:

— גיב אַ קוק, ווו מע האַלט, — זאָגט דער לעדערוואַרגער, — מע האַלט שוין ווײַט...

נאָר דאָ פאַלט פּלוצעם זײַן בליק אַף דעם מענטשן, וואָס שטייט אים אַנטקעגן, ער זעט, אַז פּיִוויש עפנט ניט ס'מויל, ער קוקט נאָר הינטערווײַלעכס אַראָפּ צו זײַנע געלעכערטע דײַטשישע שיך, טוט דער לעדערוואַרגער מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ אַף צוריק.

— מיילע, נו... — טוט אַ זאָג עליע, — וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? פון דיר איז אויך דאָרט געוואָרן אַ לײַט... קום, לאָמיר צוגיין צו מיר. ביסט מיסטאָמע צעבראָכן פון וועג...

און פון דעמלט אָן ווייסן אַלע, וואָס עס טוט דאָ, אין לאַדעמיר, דער פרעמדער. מע האָט שוין געהערט, אַז ער איז אַ שטעפּער פון קלאָווע, ער קערט זיך אום פון דער פרעמד, פון דער דײַטשישער געפאַנגענשאַפט, און איצט קען ער ניט קומען אַהיים, וואָרעם קלאָווע געפינט זיך אין פרעמדע הענט.

רעדט מען וועגן דעם אפן שטאָט, מע קלערט אלץ איבער, וואָס פאר אן אייצע קאָן מען געבן דעם פרעמדן, נאָר אז קיין רעכטע אייצע איז ניטאָ, בלײַבט דאָך פאַרט, אז דער פרעמדער זאָל צוגיין אין אן אָרט א געוויסן אין לאדעמיר, אָט אין יענעם הויז, ווו עס וווינט מיט זײַן איינציקן זון אבען דער אלטער רימער הערש־בער.

מע האָט גערעכנט, אז עפּעס־וואָס מוז דער אלטער וויסן. וואָרעם עס גייען דאָך איבער דורך דעם טאָג אזויפיל מענטשן צו דעם אלטן אין שטוב ארײַן, מע וואַרט דאָרטן גאנצע שאָען דור־כאנאנד, ביזקל הערש־בערס זון, אבע, וועט ארויס פון רעווקאָם, און וועט זיך לאָזן גיין שפּעט אין דער נאכט צו זײַן טאטן אהיים. און צו דעם אלטן הערש־בערן פלעג מען טאקע מוזן אָנקומען אָפּט אין יענע צײַטן. ער פלעג נאָך בא דער שוועל פון זײַן שטוב נעמען אויספרעגן ווער נאָך וואָס ס'איז געקומען, ער פלעג פארבייגן איין אויער און אויסהערן אלץ ביז דער מינדסטער זאך און ווען ביט־ווען פלעג ער נאָך עפּעס צוזאָגן אויך.

— מ'וועט שוין פויעלן, מ'וועט פויעלן, — האָט דער אלטער געקענט אמאָל א ברום טאָן באַרויגעזוהייט, ווי זײַן טעווע איז. און געמיינט האָט ער דערמיט, אז ס'איז דאָ נאָך אין לאדעמיר מיט וועמען צו ריידן. נישקאָשע, ער אליין קען נאָך אויך בא זײַן זון עפּעס פויעלן...

נאָר מיט דעם שטעפּער פון קלאָווע האָט ער גאָר אנדערש גערעדט. דער אלטער רימער האָט נאָר א פרעג געטאָן אזוי פון דער זײַט, וואָס פאר א פּײַוויש דאָס איז, צי איז ער ניט יענער פּײַוויש, וואָס איז אמאָל אײַנגעשטאנען פאר אן אײדעם בא מוישע־איצע דעם גלעזער פון קלאָווע? און אז ער האָט דערהערט, אז יאָ, האָט דער אלטער טכילעס גאָרניט געוווּסט, וואַס צו טאָן מיט זײַן גאסט. ער האָט אים באַזעצט ארום טיש, ער האָט אים ניט אופגעהערט קוקן אין די אויגן און ער האָט עפּעס אלץ ניט געגלייבט זיך...

— אָט דאָס ביסטו טאקע פּײַוויש אליין? — האָט דער אלטער, א פארגאפטער, געקוקט אָף דעם פרעמדן. — און דו ווייסט שוין אלץ, זאָגסטו, אזוי, דו ווייסט אלץ?

מע האָט געקענט מיינען, אז ס'איז אן אָפּגערעדטע זאך צווישן זיי. דער אלטער רימער האָט אפילע פארשפּאָרט צו דערמאָנען דעם נאָמען פונעם שטעפּערס ווײַב נעכאמקען. ער האָט נאָר א זאָג געטאָן, אז ער האָט אמאָל געדינט אין לאדעמירער וואלד, האָט דער פרעמדער טייקף פאר־שטאנען, אז דער רימער האָט געמוזט זײַן דערבײַ, ווי דער אומגליק האָט געטראָפן מיט נעכאמקען. אפּאָנעם, דער פרעמדער האָט באמערקט, ווי הערש־בער איז געוואָרן צעטראָגן פון די רייד, האָט ער זיך ווייניק־וואָס נאָכגעפרעגט, ער האָט נאָר שווײַגנדיק צוגעהערט, ווי דער אלטער רעכנט אויס אָף א קאָל:

— ראָשכוידעש אָדער איז געוואָרן דרײַ יאָר... איז האָבן מיר איצטערט... פונקט דרײַ יאָר מיט א פערטל...

נאָכדעם האָט ערשט הערש־בער גענומען ריידן פון יענער זאך, וואָס דער פרעמדער האָט גע־וואָלט בא אים פויעלן. נאָר אויך דאָ האָט דער אלטער עפּעס אלץ ניט געגלייבט זיך.
— דו ווילסט טאקע אהיים? — האָט ער זיך צעפרעגט בא דעם פרעמדן. — אזוי? סע ציט דיך אהיים?..

און ער האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט איבעריידן מיט אבען. נאָר אָף מאָרגן איז ער אליין גע־קומען צו גיין צו דעם לעדערוואַרגער אין שטוב ארײַן און ער האָט ווידער צעפרעגט זיך בא פּײַווישן, צי דאַרף ער טאקע אזוי נייטיק אהיים...

— ס'איז א גרויסע סאקאָנע, — האָט דער אלטער איבערגעגעבן אבעס רייד, — און מע דאַרף אײַנשטעלן דאָס לעבן דערבײַ. עפּשער איז גלײַכער פארבלײַבן אָף א צײַט דאָ אין לאדעמיר?

ער האָט אזוי איבערגעגעבן דעם זונס ווערטער, נאָר ער האָט ניט געזאָגט קיינעם, ווי שווער עס קומט אים אָן מיט זײַן זון. וואָרעם אבע, אז ער קומט אָן אהיים, איז אויך ניט איינער אליין, ער ברענגט אָפּטמאָל צו פירן מיט זיך פרעמדע מענטשן, וואָס גאנוועענען זיך דורך פון דער ווײַטער געגנט אהער, אינעם היגן רעווקאָם, און נאָך אָפּטער טרעפט, אז צו אבען קומט שפּעט אפּדערנאכט דער געוועזענער טעלעגראפיסט אפאנאסי. יענער זיצט אויך, באגלײַך מיט אבען, א גאנצן טאָג אין רעווקאָם, נאָר אז אינמיטן דער נאכט לויפט אָן עפּעס א נײַס, פוילט ער זיך ניט און קומט צו גיין זאָגן אבען. און מיט אים זיצט עס אָפּ אבע די נעכט בא זיך אינדערהיים. איז דעם אלטן הערש־בערן אוואדע ניט גרינג צו כאפּן א וואָרט בא זײַן איינציקן זון, אז יענער וויל גאָרניט הערן, וואָס דער טאטע רעדט צו אים.

— ווידער טאָן א צוליב, שטענדיק נאָר א צוליב, — אָט אזוי קרימט ער איבער זײַן אלטן טאטן. און דער טאטע זעט, אז זײַן זון איז פארבייזט און פארכמורעט, עס גייט, אפּאָנעם, ניט גלאַט בא אים דאָרט אין רעווקאָם, און אהיים, אז ער קומט, ליגט אים גאָרניט אין קאָפּ אָט דאָס אלץ, וואָס הערש־בער דערציילט וועגן די היימישע יידן. און אין דער מײַסע מיטן פרעמדן שטעפּער, וואָס קען ניט אריבער צו זיך אהיים, אין דער שטאָט קלאָווע — האָט אבע אויך זייער ווייניק עמונע.

נאָכעם אויסלענדער (1962—1893)
איז באוווסט דעם לייענער דעריקער אלס ליטעראַטור־קריטיקער. נאָר אָנגעהויבן האָט ער פון לידער און דערציילונגען. דער ראָמאַן „אַף לאַדעמירער וועג", אַן אויסצוג פון וועלכן מיר פּאַרעפּנטלעכן, איז דערשינען אין 1930.

— ווינציק שלעפּערס קריכן איצט אַרום אַף דער וועלט, — זאָגט אַבע ווידער און ווידער, — אַ רעכטער מענטש קען זיך אַליין איצט געפינען זײַן אָרט... ס׳איז ניט אַמאָליקע צײַטן.
וואָס זשע האָט געטאָן דער אַלטער רימער? ער איז אַליין געגאַנגען נאָכדעם אין יענעם הויז, וווּ עס געפינט זיך דער רעווקאָם, ער האָט געבעטן, מע זאָל אים צולאָזן צום קאָמענדאַנט פון רעווקאָם, צו דעם מאַדיאַר מאַריצן, און ער האָט געמאַכט מיט אים אַ שמועס וועגן דעם פרעמדן שטעפּער.
— געדענקסט, מאַריץ, געדענקסט דעם לאַדעמירער וואַלד מיט דער גאַרקיך, — האָט הערש־בער געוואָלט דערמאָנען דעם מאַדיאַר, — איז אָט דאָס האָסטו אצינד נעכאַמקעס מאַן...
נאָר אומזיסט האָט דער אַלטער געמיינט, אַז ס׳וועט אָנקומען שווער מיטן מאַדיאַר. אַז יענער געדענקט דאָך נאָך אַלץ אָט ווי סע וואָלט ערשט נעכטן געווען...
וויפל צײַט עס איז אַריבער פון דעמלט, ווען מע האָט דעם מאַדיאַר מאַריצן מיט זײַנע קראַנקע פיס געמוזט אַריבערפירן פונעם וואַלד אינעם לאַדעמירער שפּיטאָל, ס׳האַט אים, דאַכט זיך, גענוג פון יענער צײַט אָן געוואָרפן איבערן גאַנצן קאַנט ביז ער איז אַרײַן אָט אַהער אינעם פאָרעצס הויף — נאָר דער מאַדיאַר געדענקט נאָך דעם לאַדעמירער וואַלד, ער האָט נאָך גאָרניט פאַרגעסן די גאָרקיך און נעכאַמקען געדענקט ער אוואדע. ער איז אַפילע אַ באַלן צו זען, זאָגט ער, אָט דעם קערל, איר מאַן...
— אנו, ברענג אים אַמאָל צו פירן אַהער...
נאָר ס׳האָט, אַפּאָנעם, אַזוי געדאַרפט זײַן, אַז דער שטעפּער זאָל אַליין געפינען דעם וועג צו דעם הויז, ווו סע האָט באַזעצט זיך דער רעווקאָם פון שטאָט לאַדעמיר.
ווערט אין איין טאָג אַרום אַפן שטאָט אַ געטומל, פון ערגעץ לויפן אָן פרעמדע ייִדן, מע לויפט פון לאַדעמירער וועג, מע לויפט פון דערפער אַרום, און אָט אַזוי־ווי מע לויפט, טראָגט מען אָן אַ פולע שטאָט מיט מעהומע — דעמלט וויגט זיך שוין לאַדעמיר אויך און עס יאָגט און טראָגט איבער אַלע גאַסן: עס גייט סאָקירקאָ, סאָקירקאָ גייט ווידער...
מע הייבט אָן ציילן, וויפל מענער פאַרמאָגט נאָך די שטאָט, און דעמלט קוקט מען זיך אַרום אַפן פרעמדן שטעפּער אויך. נאָר ער איז שוין בא עליען אין שטוב ניטאָ. דאַכט זיך, קיינער האָט אים ניט געוויזן דעם וועג צו יענעם הויז, ווו ס׳געפינט זיך דער רעווקאָם, נאָר דער פרעמדער שטעפּער איז שוין דאָרט. ער שטופּט זיך דורך דורך דעם צעטומלטן אוילעם, און אַז ער באַווײַזט זיך צו הערש־בערס זון, צו אַבען, זאָגט ער ניט מער, ווי עטלעכע ווערטער.

— עפשער דארפט איר מיך האָבן? — אַזוי זאָגט ער צו אבען. — איך קען האַלטן אַ ביקס אין די הענט...

און אבע רעדט דעמלט אויך ניט קיין סאַך. ער באַפוילט נאָר, אַז מע זאָל דעם פרעמדן דערלאַנגען אַ ביקס.

קוים וואָס עליע דער לעדערוואַרגער האָט נאָכדעם צײַט געהאַט אַרויסצובאַגלייטן זײַן פרײַנט, דעם שטעפער, פון שטאָט. עליע איז נאָכגעלאָפן נאָך דעם שטויב, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אופגעהויבן אפן לאַדעמירער שאָסיי. סע זײַנען דאָרט געגאַנגען און געפאָרן רויטאַרמייער, צווישן זיי איז געווען אַ סאַך יונגוואַרג פון לאַדעמיר און ערגעץ האָט דאָרט געזאָלט זײַן אויך דער שטעפער פון קלאָווע. עליע איז פאַרלאָפן העט-ווײַט מיטן שאָסיי, נאָר ער האָט אַלץ ניט געקענט געפינען דעם שטעפער. אָט זעט זיך שוין אָן באַלד דער שפּיץ פון דער מאַכנע. מע זעט, ווי עס פאָרן דאָרטן דרײַ רײַטער בראָש, און דער לעדערוואַרגער דערזעט מיטאַמאָל, אַז דער אַלטער הערש-בער גייט אויך דאָרטן באַם סאַמע שפּיץ פון דער מאַכנע.

דאָס באַגלייט ער אַזוי אַרויס זײַן זון, אבען, דער אַלטער. ער שפּאַנט זיך בא דער זײַט פון שאָסיי און קיינער וואָלט גאָרניט זאָגן, אַז דעם אַלטן אַרט עס, וואָס זײַן זון, אבע, גיט אַפילע ניט אַ קוק אין זײַן זײַט. און אבע איז דאָך איינער פון די דרײַ רײַטער, וואָס פאָרן אין דער שפּיץ פון דער מאַכנע, צו לינקס — אָף אַ הויכער, מאַגערער שקאַפּע — אַפאַנאַסי, צו רעכטס — דער קאָמענדאַנט פון רעווקאָם, דער מאַדיאַר, מיט זײַן קליינעם, געפּאַשעטן פערדל, און אינמיטן — אבע.

מע דערקענט אבען אינעם קאָל, מע הערט אַפילע, ווי ער שפּאַרט זיך אַ לאַנגע צײַט מיטן קאָמענדאַנט פון רעווקאָם.

— עמעצער מוז דאָך פאַרבלײַבן אין לאַדעמיר, — אַזוי וויל אים אַלץ אײַנרעדן אבע. נאָר דער מאַדיאַר וויל גאָרניט הערן. ער וויל ניט בלײַבן מיט די אַלטע ייִדן אין שטאָט. מע שפּאַרט זיך לאַנג, און דער מאַדיאַר וויל, אַפּאַנעם, ניט פאָלגן. טוט זיך אבע מיטאַמאָל אַ קערעווע אויס צום מאַדיאַר, ער טוט זיך פּלוצעם אַ שטעל אוף פונעם זאָטל — דאָס פערד בלײַבט שטיין, און אבע זאָגט:

— איך באַפויל אײַך אין נאָמען פון רעווקאָם... איר וועט בלײַבן...

נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט שוין אבע באַמערקט, וואָס עס טוט זיך הינטער אים אין דער מאַכנע. טכילעס, ווען מ'איז נאָרוואָס אַרויס אפן שאָסיי, האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט אין געמאַסטענע רייען, נאָר אַצינד איז דאָרטן פול מיט לאַדעמירער ייִדן, זיי זײַנען אַרויס באַגלייטן איידעמס און זין, זיי געזעגענען זיך ווידער און ווידער און סע ווערט אַ טעל פון אַלע רייען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג? אָט אַזוי גייט אַ רויטע אַרמיי?.. — שרײַט אבע אויס אָף אַ קאָל אין דער מאַכנע אַרײַן, — פאַרוואָס גיט מען ניט אַכטונג?..

און ער באַפוילט דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל טייקעף פאַרנעמען די אַלטע ייִדן מיט זיך און זאָל זיך אומקערן מיט זיי צוריק אין לאַדעמיר.

איצט זעט דער קאָמענדאַנט, אַז ער מוז פאָלגן. ער טוט אַ טרײַב זײַן קליין פערדל אָף צוריק, ער גיט זיך אַ וואָרף צו די רייען און ווי ער גיט נאָר אַ קוק אַרום זיך, דערזעט ער עליע דעם לעדערוואַרגער, וואָס רעדט זיך דורך מיטן שטעפער.

— נאָך האַוז, נאָך האַוז, — שרײַט דער קאָמענדאַנט און ער וואַרט, ביז עליע וועט אַרויס פון די רייען. נאָר עליע האָט נאָרוואָס געפונען דעם שטעפער פון קלאָווע און וויל ניט אַוועקגיין. ער האָט דאָך אים אַזוי לאַנג געזוכט און פּלוצעם האָט ער דערזען, ווי דער שטעפער שפּאַנט גאָר פאָרנט, ניט ווײַט פון אבען אַליין. דער שטעפער איז נאָך געווען אָנגעטאָן, ווי פריִער, אין זײַנע דײַטשישע בגאָדים, נאָר עמעצער האָט אים נאָרוואָס געגעבן אַ רויטן, גלאַנציקן שטערן, האַלט ער נאָך דעם שטערן אין די הענט און עפּעס פאַרעט ער זיך, ער וויל אים אַרײַנזעצן אין זײַן אַלטן סאָלדאַטישן היטל. אָט דערזעט ער, ווי דער לעדערוואַרגער יאָגט זיך צו אים און ער גיט עפּעס אַ שמייכל דערבײַ.

— אָט דאָ בין איך, אָט דאָ, — שרײַט ער אויס אָף אַ קאָל צו עליע דעם לעדערוואַרגער. און עליע, אַז ער גייט שוין צו נאָענט, האָט ער נאָר צײַט צו דערלאַנגען דעם שטעפער אַ קליין פּעקעלע, וואָס ער האַלט אונטערן אָרעם בא זיך.

— נאַ, אָט דאָס האָסטו, — רופט עליע זיך אָן, — דאָס האָט מײַן ווײַב דיר געגעבן אין וועג אַרײַן... און זײַ געהיט... לעמאַנעשעם זײַ געהיט...

ווײַטער האָט דער קאָמענדאַנט ניט געלאָזט ריידן אַ וואָרט. מע האָט געמוזט גיין בא דער זײַט פון שאָסיי און קוקן פונדערווײַטנס, ווי דער שטעפער שפּאַנט אין דער ערשטער רײַ.

ביזן סאַמע אַרויספאָר פון שטאָט איז עליע געגאַנגען באַגלײַך מיט אַנדערע לאַדעמירער ייִדן, און ווי זיי האָבן אַרויסבאַגלייט זייערע אייגענע זין, אַזוי האָט ער באַגלייט דעם פרעמדן מענטשן פון קלאָווע. צוריק אין שטאָט אַרײַן איז עליע געגאַנגען מיטן אַלטן הערש-בער אינאיינעם. דער אַל-

טער האָט א שטיק וועג געשוויגן, און עליע האָט אלץ ניט געקענט פארגעסן אָן זײַן פרײַנט, דעם שטעפּער.

— פארוואָס קומט אָט דער מענטש אזויפיל אָפּ? — האָט געטײַנעט עליע דער לעדערוואַרגער, — פארוואָס דאַרף ער זיך אָנעמען פאר לאזהעמיר? וואָסי, ער האָט דאָ זײַן שטוב, צי זײַן היים? נאָר דער אלטער הערש־בער איז, ווײַזט אויס, לאנג געוואָרן א מיוון אף דעם פרעמדן שטעפּער.

— ביסט א נאַר, — האָט ער געענטפערט דעם לעדערוואַרגער, — יעדער מענטש דאַרף דען האָבן א היים... ער איז, אפּאָנעם, געראָטן אין מײַנעם...

2

א שטילע פרילינג־נאכט רוקט זיך אונטער צו לאדעמיר. ווי לאַנג איז דאָ, אז מ'איז געקומען פון הינטער דער שטאָט, מע האָט ארויסבאגלייט פרעמדע און אייגענע, — און דער טאָג איז שוין אריבער, גרויסער טונקל ציט אָן פון ארומיקן וואלד, ער ציט אריבער די נידעריקע הײַזער און באהאלט אויס די ברייטע לאדעמירער כוורוע.

טונקל, שטיל אפן שטאָט. וויל מען הײַנט מאכן נאכט אפּדערגיך. מע פארטרײַבט די קינדער פון גאס, מע לעשט אויס ליכט. און פלוצעם דערהערט זיך ווי פון דער זײַט פון לאדעמירער וואלד טוט א בוכע אזוי ווײַט, אזוי עלנט א הארמאט. נאָר איין שאָס, און די גאנצע שטאָט איז שוין ארויס פון די הײַזער. מע הערט זיך אײַן אין דער נאכט, מע ציילט אָפּ אינדערשטיל א שאָס נאָך א שאָס און א פּאָר אלטע ייִדן שטעלן אָפּ אינמיטן גאס דעם קאָמענדאנט פון רעוווקאָם, דעם מאַדיאַר. זיי טײַטן אים מיט דער האנט אפן לאדעמירער וואלד.

— אהא, — זאָגן די ייִדן, — מע שיסט...

נאָר דער קאָמענדאנט, זעען זיי, האלט ניט פון זייערע רייד. ער יאָגט ארום איבער דער שטאָט אף זײַן נידעריק פערדל, ער איז שוין אויסגעוועזן ווי נאָר א געסל, און אומעטום, זעט ער, איז מען נאָך אויף, מע וויל ניט זיצן אין די הײַזער, מ'איז ארויס אף די גאנעקעס און מע וואַרט.

— אף וואָס וואַרטן די ייִדן? — פרעגט זיך נאָך דער מאַדיאַר, — פארוואָס זאָלן זיי ניט גיין צו זיך אין שטוב ארײַן שלאָפן? סע דאַרף זײַן רויִק אין שטאָט... אימער רויִק...

ווילן זיי אים אָבער ניט פאָלגן, די לאדעמירער ייִדן. זיי פארלייגן טערוצים, זיי צעשרײַען זיך קלוימערשט אף די קינדער:

— אנו, שלאָפן גיין...

— מע זאָגט אײַך — שלאָפן, איר הערט?

— אָט די מינוט זאָל מיר ווערן נאכט...

נאָר סע ווערט הײַנט ניט נאכט דאָ, אין לאדעמיר. ס'איז אָנהייב פרילינג. די נאכט איז פארצויגן מיט א קילבלעכן אָטעם, פונעם טײַך ציט א שיטערע, גרווילעכע פּארע, ערגעץ רוישט דאָרט דאָס וואסער בא דער הערבליע, נאָר די שטאָט איז פארשטילט און פארשוויגן. מע שלעפּט ארויס פון דער שטוב אָן אלטן בעגעד, מע ווארפט אים אריבער אפּדערגרינג איבער אקסל און אָט אזוי זיצט מען ווידער אף אלע גאנעקעס אין שטאָט. און ווײַבער, פארוויקלט אין טונקעלע שאלן, שטעלן זיך קופּקעסווײַז. מע הערט ווי זיי רעדן אינדערשטיל:

— מע זאָל דערלעבן כאָטש זען די לעוואָנע...

— אָט איר זעט דאָך, סע כמארעט זיך גאָר אָן...

— אז גאָט זאָל וועלן, קען די כמארע אריבער...

— האלעווײַ, האלעווײַ...

פלוצעם זעען די ווײַבער, ווי עס רוקט זיך אין דער פינצטער א געשטאלט. קוים וואָס מע דערזעט דאָס ווײַסע טיכל, וואָס גיט זיך א ווײַז אפן טונקעלן שאָסיי. נאָר די ווײַבער שטויסן זיך שוין אָן, ווער דאָס איז. דאָס גייט ווידער דעם דיאקס טאָכטער, נאטאלקע, וואָס פירט זיך אום מיט איר קינד איבער דער שטאָט. זי האָט א מאַן, וואָס סע האָט מיט אים צו טאָן די גאנצע שטאָט, מע רופט אים אפאנאסי, און אלע ווייסן, אז ער זיצט מיט אבען באגלײַך אינעם פּאַרעצס הויז, ווו עס געפינט זיך דער רעווקאָם. נאָר דאָס ווייסן דאָך שוין אויך פון לאַנג אלע אין שטאָט: אז איר טאטע לאָזט גאָר ניט דערמאָנען בא זיך אין שטוב דעם איידעמס נאָמען. „אפּגעמעקט, זאָגט ער, איז בא אים געוואָרן אפאנאסי, אָט פון זינט יענער איז געוואָרן א „כאווער" און האָט פארוואָרפן די לאדעמירער פּאָטשט". איז וואָס זאָל טאָן מיט אזא טאטן נאטאלקע דעם דיאקס?..

זעען די ווײַבער, ווי זי גייט ארום אלע אפּדערנאכט איבערן שאָסיי, זי פירט מיט זיך איר פיריאָריק זונדל, מיט איין האנט פירט זי דאָס קינד, אין דער אנדערער האלט זי פארוויקלט אין א פּאטשיילקע דאָס איבערבײַסן, וואָס זי טראָגט פון איר מאנס וועגן, און אזוי זעט מען זי אלע אפּדערנאכט אפן שטאָט.

הײַנטיקס מאָל איז עפּעס נאַטאַלקע זייער דערשלאָגן. זי איז, ווי אַלעמאָל, אַרויסגעגאַנגען פֿון איר טאַטנס שטוב, וואָס שטייט בײַ דער זײַט פֿון דער שטאָט, לעם דער סלאָבאָדע, זי איז געגאַנגען, ווי שטענדיק, מיטן וועג צום רעוואָקאָם און אונטערוועגס האָט זי זיך פּלוצעם דערוווּסט, אַז איר אַפֿאַנאַסי איז ניטאָ גאָר אין שטאָט. ער איז נאָך באַטאָג, זאָגט מען איר, אַוועק מיטן לאַדעמירער וועג, ער איז אויך אַוועק אַנטקעגן סאַקירקאַ, דעם אַטאַמאַן. דרייט זיך איצט נאַטאַלקע אַרום מיטן קינד איבערן שאַסיי. זי פֿרעגט זיך נאָך, ווי לאַנג דאָס אַלץ איז געשען, און וועגן איר מאַן, אַפֿאַנאַסי, פֿרעגט זי זיך אויך נאָך בײַ די היימישע ווײַבער, און די ווײַבער רינגלען זי אַרום, מע גלעט איין דער פֿינצטער איר קינד און מע וויל זי אײַנריידן, אַז זי דאַרף איצט ניט אומגיין אומזיסט־אומנישט.

— גיי אַהיים, — זאָגן די ווײַבער, — אָט וועסטו זען, ער וועט דיר קומען צוריק...

און אַלטע לאַדעמירער ייִדן, וואָס קומען צו נעענטער און דערהערן די רייד, לייגן אויך צו אַ וואָרט.

— גיי, נאַטאַלקע, גיי דיר אַהיים, — זאָגן די ייִדן, — גאָט וועט העלפֿן, וועט אַלץ דורכגיין בעשאָלעם...

און זיי קוקן נאָך, ווי נאַטאַלקע גייט אַוועק מיטן שאַסיי.

דערווײַל הייבט אָן אויפֿגיין די שפּעטע לעוואָנע. זי באַווײַזט זיך פֿון הינטער דער גרויסער געמויערטער מיל, זי צעוואַרפֿט פּאַסן ליכט איבערן שאַסיי און אָט זעט מען קומט אַרויס אַהער פֿון אַ זײַטיקער גאַס אַן אַלטער ייִד, — ער האָט אויפֿגעשטעלט הויך דעם שמוציקן קאָלנער, נאָר מע זעט, אַז ס'איז פּיניע דער קאַצעוו — און אָט דער פּיניע דערציילט גאָר אַ ווּנדערלעכע זאַך.

— איר קענט שאָלעם־שאַכנע דעם שמאַטניק? — פֿרעגט זיך נאָך פּיניע דער קאַצעוו, — ס'איז שוין איינמאָל אַ שמאַטניק... ער פֿאָרט דאָך נאָך אַדהײַעם אַרום אויף די דערפֿער... איז אָט איז ער נאַרוואָס געקומען צו פֿאָרן מיט אַ נײַעס. סאַקירקאַס לײַט, זאָגט ער, האָבן אים איבערגענומען אין וועג און מע האָט אים איבערגעגעבן אַ בריוול קיין לאַדעמיר... שוין איינמאָל אַ בריוול...

— נו זשע, נו, — טרײַבט מען צו פּיניען דעם קאַצעוו פֿונעם אוילעם. פּיניע קאַצעוו האָט צײַט, ער איז זיכער, אַז קיינער ווייסט נאָך ניט, וואָס אין סאַקירקאַס בריוול שטייט. נאָר מע רעדט שוין וועגן דעם אומעטום אויפֿן שטאָט, מע שטעלט זיך ריידן אינמיטן דער גאַס און סע הערט זיך:

— פֿון סאַקירקאַן אַ בריוול?

— אָט אָט דאָס, וואָס איר הערט...

— וואָס זשע שטייט דאָרט געשריבן...

— ער לאָזט אונדז אַלעמען גריסן...

— נו, און ווײַטער?

— ער שרײַבט: סאַקירקאַ איז אַ האַק, און די האַק וועט פֿאַלן אויף לאַדעמיר...

— שאַ, רעד שטילער...

— נישקאָשע, עס ווייסן שוין אַלע...

און סע ווייסן שוין טאַקע אַלע אין שטאָט. מע לויפֿט אַראָפּ פֿון גאַנעקעס, וואָס אַרום לאַנגן שאַסיי, מע לויפֿט פֿון אַנדערע געסלעך אויך.

— פֿון סאַקירקאַן אַ בריוול?...

— אָט אָט דאָס, וואָס איר הערט...

— וואָס זשע שווײַגט מען?

— צום קאָמענדאַנט... צום קאָמענדאַנט...

אַ שטילע נאַכט הענגט אַראָפּ איבער לאַדעמיר. צו דעם פּוילישן קאָסטיאָל האָט זיך אַראָפּגעבויגן די שפּעטע לעוואָנע, זי דערלאַנגט שוין צו דער שטאָט נאָר פֿון דער זײַט, נאָר ס'איז ליכטיק און מע זעט די נאַקעטע קוימענס פֿון דער לאַדעמירער כורווע. אָט פֿאַרבײַ אָט דער כורווע גייט אַצינד אַ גרויסער אוילעם, מע לויפֿט זוכן דעם קאָמענדאַנט פֿון רעוואָקאָם. און פּלוצעם זעט מען: עמעצער גייט דאָרט אַרום אויף דער כורווע.

— היי, ווער איז דאָרט?

— ווער גייט דאָרט אַרום?...

ניין. ס'איז קיינער ניט. דאָס דרייט זיך אַרום בונע דער מעשוגענער. אַלעמאָל, אָט פֿון זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די לעוואָנע־נעכט, קומט ער אַרויף באַנאַכט אויף דער כורווע, ער קלײַבט אויף שטיקלעך בלעך בײַ די אַמאָליקע קראָמען מיט „זאַליאַז", ער רײַבט אָן דאָס בלעך מיט דעם אַש פֿון דער כורווע. און אַז דאָס בלעך הייבט אָן גלאַנצן, איז בונע צופֿרידן ביז גאָר.

— אָטאָ באַלד וועט ער שוין האָבן אַ סאַך געלט. — אַזוי זאָגט בונע. — סע האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַווײַזן דער גלאַנץ...

נאָר הײַנטיקס מאָל איז עפּעס בונע דערשראָקן. ער זעט, אַז אוילעם רוקט זיך שטיל איבערן שאַסיי, מיינט ער, ס'איז אַ לעווײַע, און פֿאַר אַ לעווײַע האָט ער מוירע, נאָר ער ווייסט, מע דאַרף

גיין גלײַך מיט אַלע. קלעפּט ער זיך צו צו דעם אוילעם, ער גייט מיט אַלעמען גלײַך און אַט אַזוי קומט מען אָן צו דעם הויז, ווו עס געפינט זיך דער קאָמענדאַנט, דער מאַדיאַר.

ס'איז דעם פּאַרעצס אַמאָליק הויז, סע שטייט מיט אַ גאַנצער טוץ פענצטער צום פרונט און ס'קוקט אַראָפּ מיט אַ הויכן גלעזערנעם גאַנעק אויף דער גאַנצער שטאָט. נאָר הײַנט איז דאָרט טונקל אין אַלע פענצטער. דאָס הויז שטייט פאַרשאָטנט אינמיטן דער נאַכט, אַ לאַנגער שאָטן פון אַ הויכער טאָפּאָליע האָט זיך צעלייגט איבער דער גאַנצער ברייט פונעם הויף, וואָס איז באַשאָטן מיט דריבנע, גלאַנציקע שטיינדלעך, און אָט אַהער קומען איצט די לאַדעמירער יידן צו דעם קאָמענדאַנט.

דער קאָמענדאַנט זיצט אין אַ זײַטיק כיידערל, וואָס איז צום סאַמע קאָרידאָר, סע ברענט דאָרט איצטער אַ ליכט, איין־און־איינציקע ליכט אויף דעם גאַנצן הויז. איז דאָס הויז פול מיט טונקעלע שאָטנס, און ווי די שאָטנס, וואָס רוקן זיך פון אַלע זײַטן צו דער איין־און־איינציקער ליכט, אַזוי רוקן זיך אַרײַן די יידן צו דעם מאַדיאַר אין זײַן זײַטיקן צימער. זיי רוקן זיך איינציקווײַז, זיי שטעלן זיך אויס אַרום דער וואַנט און זיי הערן זיך צו, ווי פאַלעק איינבינדער רעדט מיטן מאַדיאַר.

פאַלעק איז אַ ייד, וואָס זײַן פּאָנעם איז אים אינגאַנצן באַהאַלטן אין דער באָרד, זײַנע גרויסע ברעמען זײַנען בא אים אויך אַ שטיק באָרד, זיי הענגען אַריבער איבער די אויגן און אָט וועלן זיי באַלד, דאַכט זיך, פאַרשטעלן פאַר אים די ליכטיקע וועלט. אויף זײַן צעשויבערטן פּאָנעם זעט מען אָן, אַז ער איז די נאַכט ניט געשלאָפן, דאָס קאָל איז הייזעריקלעך און רײַסט זיך אָפּטמאָל אים איבער. נאָר ער רעדט שוין לאַנג מיטן מאַדיאַר און ער וויל אַלץ נאָך אים געבן צו פאַרשטיין...

— מיר זײַנען יידן, — זאָגט פאַלעק, — און מע האַלט אונדז שוין לאַנג אין דער שרעק... העלף אונדז, הער, און באַשיץ אונדז...

און דער מאַדיאַר, אַז ער הערט עס, ווייסט ער ווידער ניט, וואָס ער קען טאָן מיט אַזעלכע יידן.

— קיין געפאַר, קיין געפאַר, — באַרויִקט ער די יידן, — זיי מעגן אַהיים גיין און לייגן זיך שלאָפן...

ער איז שוין אויך, אַפּאָנעם, מיד פון דער ניט־געשלאָפענער נאַכט, זײַן גרויסער נאַקעטער שאַרבן בייגט זיך אָן נאָך יעדן וואָרט און די טיף־אַרײַנגעזעצטע אויגן קוקן אָן אַזוי פאַרכידעשט דעם צעשויבערטן פאַלעקן, וואָס זיצט גלײַך אַקעגן אים... ער פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס פאַלעק וויל אים ניט אָנהייבן גלייבן, אַז ער זאָגט זיי, ס'איז ניטאָ קיין געפאַר, פאַרוואָס ווילן זיי קיינמאָל ניט גלייבן?..

— מיר זײַנען יידן, — הייבט ווידער אָן פאַלעק...

— עס גיבט קיין רוסן, קיין יידן... — שלאָגט אים איבער דער מאַדיאַר, — רעוואָליוציע, יאַ... און ער שמייכלט צו פאַלעקס צעפלאָסענער באָרד.

און די יידן, וואָס שטייען אַרום און אַרום בא די ווענט, לייגן צו אַן אויער, זיי הערן מיט קאָפּ און זיי שעפּטשען זיך איבער:

— ס'איז ניט פּאָניע...

— ער רעדט דאָך גאָר, ווי אַן אייגענער...

און פּלוצעם קלינגט אויף אין אַ ווײַטן צימער דער טעלעפאָן. ער קלינגט לאַנג אינעם ליידיקן פּאַרעץ־הויז, ער צעקלינגט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און דער מאַדיאַר טוט זיך אַ ריס פונעם אָרט. ער אַנטלויפט אין ווײַטן צימער, ווו עס קלינגט דער טעלעפאָן, און דאָ בלײַבן די יידן מיט פאַלעק איינבינדער באַם מאַדיאַר אין זײַן זײַטיקן צימער.

— איר האָט געהערט? — פרעגט זיך נאָך פאַלעק איינבינדער.

— ס'הייסט ווי דען? — ענטפערן אויף די איבעריקע יידן.

— סע זאָל אים נאָר אַזוי גיין פון דער האַנט, ווי ער ווינטשט זיך...

— שאַט, לאָמיר הערן, וואָס ער רעדט...

מע גאַנוועט זיך אַרויס פונעם צימער אויפן לאַנגן קאָרידאָר. ס'איז דאָרט טונקל און שטיל, און פאַלעק איינבינדער שטופּט זיך דורך צווישן אוילעם, ער טרעט אויף שפּיץ פינגער און פונקט אַזוי רוקן זיך אַלע אויף די שפּיץ פינגער צו יענעם ווײַטן צימער, ווו דער מאַדיאַר שרײַט אַרײַן אין טעלעפאָן.

— איר הערט, ר' פאַלעק, איר הערט?..

— וואָס זאָגט ער: סאָקירקאָ אַנטלויפט?..

— סאָקירקאָ לויפט?..

— און קלאָווע ברענט, זאָגט ער...

— גאַנץ קלאָווע ברענט?..

— איר הערט, איר הערט: גאַנץ קלאָווע האָט סאָקירקאָ פאַרברענט...

— אַן עק, ניטאָ מער קיין קלאָווע אויף דער וועלט...

כאַים גילדין

אינע

1

דער זיגרײַכער אָנגריף פון דער ערשטער זאַדניעפּראָווער דיוויזיע האָט זיך אָפּגעהאַקט פונקט אויפן שמאָלסטן פּאַסיקל פונעם קערטשער פּערעשייעק.

דאָ, אויף די אַקמאָנאַיער פּאָזיציעס, האָבן די אַרמייער אויסגעבעט זייער שטיינערנעם געלעגער מיט אָקורקעס און מיט פֿאַרבלוטיקטע אָנעטשעס, צוגעדעקט זיך מיט אַ הויכן, גרינלעך־בלויען פּריליגג־הימל, דורך טעג און נעכט צוגעהערט זיך, ווי דער יאַם פּליַסט זיך פּאַרוויגן זײַן אומרו, און געוואַרט, אַז אויב ניט הײַנט, נאָר מאָרגן וועט די לעצטע אַנטשיידענע שלאַכט פּאָרקומען אומבאַדינגט.

פון די ווײַסגוואַרדייִשע פּאָזיציעס האָט זיי אָפּגעטיילט אַ מעהאַלעך סאַכאַקל פון צוויי קילאָמעטער. פונקט אין אַזוינע שטיינערנע קוואָרים זײַנען דאָרט געלעגן טיילן פון סלאַשטשאָווס פּעכאָטנער דיוויזיע און עטלעכע עסקאַדראָנען טשעטשענצעס פון גענעראַל באַביִעווס קאַוואַלעריע.

פון מאָל צו מאָל פּלעגן זייערע בראָנעוויקעס פּרוּוון זיך... דערנעענטערן צו די רויטאַרמייִשע טראַנשייען, נאָר אַ העפטיקער אַרטילערישער פֿײַער פּלעגט זיי טײַקעף פּאַרטרײַבן.

קימאַט יעדן אָוונט פּלעגן די רויטע אָנהייבן גרייטן זיך צו אַ באַנאַכטיקער אַטאַקע, נאָר פונקט אַנטקעגן די רויטאַרמייִשע פּאָזיציעס איז איין אַנטאַנטישע עסקאַדרע געשטאַנען אויפן שוואַרצן יאַם, די צווייטע עסקאַדרע איז געשטאַנען אויף יענער זײַט פונעם קערטשער פּערעשייעק אויפן אַזאָווער יאַם. און פון די פראַנצויזישע דרעדנאָוטן, פון די ענגלישע בראָנענאָסצעס פון די גריכישע קרייסערס, פון די צענדליקער טראַולערס און מינענטרעגערס האָט מען טאָג און נאַכט נײַגעריק געשפּירט נאָך דער מינדסטער באַוועגונג, וואָס קומט פאָר אין... די רויטאַרמייִשע אָקאָפּעס, און באַם ערשטן פּרוּוו אָנצוגרײַפן פּלעגן די ביידע עסקאַדרעס באַשיטן מיט פײַער אָט דעם שמאָלן שעטעך, וואָס טיילט אָפּ די רויטע פון די ווײַסגוואַרדייער.

פון מאָל צו מאָל פּלעגט אין די אָקאָפּעס אַראָפּקומען דער נאַטשדיוו דיבענקאָ, אַ ריזיקער מאַטראָס מיט אַ שטרענגן באַפעלערישן בליק, מיט אַ געדיכטער לייבישער שטים און מיט אַ ברייטן, זיכערן קלינגענדיקן טראָט פון אַ מענטשן, וואָס פילט, אַז די ערד, וואָס ער באַטרעט, האָט ער אויסגעקעמפט אין שווערע בלוטיקע שלאַכטן, און יעדער גרעזעלע, יעדער שטיינדל איז זײַנס.

אָט דעם געוועזענעם נאָוואָזיבקאָווער פויער האָבן די אַרמייער געשעצט פאַר זײַן דרייסטער קעמפערישקייט, פאַר זײַנע פּראָסטע הייסע רעדעס, און דערפאַר, וואָס דיבענקאָ האָט שטענדיק געפירט צו ניצחונעס.

יעדער אַרמייער האָט געפילט, אַז אין אים, אינעם מאַטראָס דיבענקאָ, גליט די דווירעסדיקע סינע פון די מיליאָנען באַרויבטע, און אַזאַ ווי דיבענקאָ וועט אַראָפּנעמען די ביקס פונעם אַקסל נאָר דעמלט, ווען פונעם סוינע וועט שוין ניט בלײַבן קיין זייכער.

אויף די פּאָזיציעס פּלעגט ער אַראָפּקומען אומדערוואַרט, שטרענג אויסהערן דעם ראַפּאָרט, ווי אַזוי די אַרמייער זײַנען באַזאָרגט, וויפל זײַנען פאַראַן פאַרווונדעטע און געהאַרגעטע, און אויף וויפל מעטער מע האָט זיך פּאַרן באַנאַכטיקן אָנגריף אַ רוק געטאָן פאָרויס:

— דריאַן דיעלאָ, דריאַן! מיט אַזאַ טשערעפּאַכענער לאַנגזאַמקײַט וועלן מיר דערקריכן צו פּאַריזש ווייסט דער רוער אין וויפל כאַדאָשים אַרום נאָכן סאָציאַליזם.

דער קאָמאַנדיר פונעם באַזונדערן פּאָלק, מאָסייענקאָ, וואָס האָט די גאַנצע צײַט אָנגעפירט מיט די שלאַכטן, פּלעגט אים פּרוּוון דערקלערן די סיבעס, געבן אָנצוהערעניש, אַז מע וואָלט געדאַרפט ענדערן דעם פּלאַן פון די אָפּעראַציעס, נאָר ווי אַ ריזיקע בראָנזענע סטאַטוע איז דיבענקאָ, אַ פאַרטיפטער, אַ שווײַגנדיקער, געשטאַנען צווישן די אַרמייער, געביסן די לינקע וואָנצע, און נאָר די אויגן פּלעגן בא אים ווערן ברייטער, רונדער און ווי אָנגעגאָסן מיט אַ הייסער פינקלענדיקער ליכטיקײַט.

פּלוצלינג פּלעגט ער פון אונטער דער שוואַרצער קאַווקאַזער בורקע אויסשטרעקן די האַנט, און דאָס וואָרט „כאַווירים” פּלעגט זיך קלינגענדיק פאַרקײַקלען צום ווײַטסטן אַרמייער, וואָס האָט געהיט דעם אַרײַנגאַנג אין די אָקאָפּעס.

אין דיבענקאָס מויל האָט דאָס וואָרט „כאַווירים” געקלונגען מיט אַ באַזונדערער אייגנאַרט. און געווען איז אינעם וואָרט ניט קיין רוף, ניט קיין באַפעל, ניט קיין געבעט, נאָר אַ שטאָלצע, שטרענגע פאָדערונג פון אַ גלײַכן צו גלײַכע.

הערן פלעגט מען אים מיט א פאַרטײַעטן אָטעם, און ער, א באַרוישטער פון דער אייגענער לייבישער שטים, פלעגט רופן גיין ביזן גאָרגל אין בלוט איבער בערג, איבער טײַכן, איבער יאַמען און ניט געקוקט אױף אַלע שטערונגען הויך טראָגן די פאָן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס איז טאַקע נאַקעט, באָרוועס און פאַרלײַזיקט, נאָר אונטער דער ברודיקער גימנאַסטיאָרקע טראָגט זי גרויסע ברודערשאַפט פאַר אַלע אונטערדריקטע פון דער גאַנצער וועלט, און נאָענט איז דער טאָג פון גרויסן ניצאָכן, נאָענט, כאַווייִרים! דאָרט, אין די רײַכע לאַנדאָנס און די פעטע אַמעריקעס, דאָרט הייבט זיך שוין אָן!

נאָך אזא באַגײַסטערטער רעדע פלעגן די אַרמייער ליגן צוגעפּרעסט צו דער ווינטאָווקע און נײַגעריקער קוקן אױף די אויסלענדישע קריגס־שיפן, צי הייבט זיך דאָרט ניט אָן דער אופשטאַנד פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע.

נאָר די עסקאַדרע מיטן הויפּט־דרעדנאָוט אין דער שפּיץ האָט לאַנגווײַליק א גאַנצן טאָג געפּיפקעט פון צענדליקער קוימענס, געשמועסט צווישן זיך אױף א פאַרביקער פאָנען־שפּראַך. און פונעם לופט־באַלאָן, וואָס איז ווי א זילבערנע סיגאַרע געהאַנגען אױף דער מאַטשטע פונעם הויפּט־דרעדנאָוט, פון דאָרט האָט די עסקאַדרע אומרויִק נאָכגעשפּירט נאָך דער מינדסטער באַוועגונג, וואָס קומט פאָר אין די אָקאָפּעס פון די רויטע.

באַנאַכט פלעגן זיך אױף דער עסקאַדרע אָנצינדן צענדליקער פּראָזשעקטאָרס, און מיט א טויטער בלענדנדיקער שײַן באַגיסן די רויטאַרמייִשע אָקאָפּעס, די געבײַדע, ווו עס געפינט זיך דער רעווקאָם מיטן מיליטער־שטאַב. און איך, דער פאָרזיצער פון רעווקאָם, פלעג ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט אָפּשטיין באַם פענצטער און ניט אָפּווענדן די בליקן פון דער אַנטאַנטישער עסקאַדרע.

א האַלב לעבן בין איך אָפּגעשטאַנען באַם וואַרשטאַט מיטן האַמער אין האַנט. און אָט איצט האָט די פּאַרטיי מיר פאַרטרויט אָנצופירן מיט א גאַנצער גובערניע, וואָס פאַרמאָגט מיליאָנען דעסיאַטין ערד, צענדליקער זאַוואָדן, הונדערטער פאַרלאָזענע פּריצישע גיטער מיט פאַרבאַהאַלטענע צענדליקער טויזנטער פּעסער ווײַן. טאָגטעגלעך שטיי איך פאַר א געפאַר, אַז אָט דער זיסער גיפט זאָל פאַרסאַמען די ניט־שטאַנדהאַפטיקע טיילן פון דער אַרמיי, וואָס געפינען זיך ניט אױף די פּאָזיציעס, די טויזנטער לומפּענס אין די שטעט.

טאָגטעגלעך באַלאַגערן מיך די אַרבעטלאָזע, די אָנפירער פון די נאַציאָנאַליזירטע, נאָר פאַרמאַכטע זאַוואָדן, פאָרשטייער פון פאַרדעכטיקע קאָאָפּעראַטיוון; טאָגטעגלעך באַלאַגערט מיך די אָרעמקײַט, וואָס האָט אױף אונדז אַזוי לאַנג געוואַרט. פון אַלע זײַטן פאָדערט מען פון מיר סובסידיעס, קרעדיטן, דאָטאַציעס, יעדער וואָך באַשטײַער איך די פאַרבליבענע בורזשואַזיע מיט א נײַער קאָנטריבוציע, ס׳איז אָבער א טראָפּן אין יאַם.

נאָר איך מאַנעווריר, טאָגטעגלעך האַלט איך פלאַמיקע רעדעס, די הונגעריקע שפּײַז איך מיט האָפּטאָכעס, אַז הײַנט־מאָרגן וועט דער צענטער צושיקן געלט, נאָר אין האַרצן, אין האַרצן טראָג איך א שווערן סאָד.

איך ווייס שוין, אַז אױפן דאָנבאַסער פראָנט גייען פאַרביטערטע שלאַכטן, און די ווײַסע פלײַסן זיך דורכרײַסן זיך צו זאַפּאָראָזשיע, קעדיי אָפּצושנײַדן אונדז דעם וועג קיין ראָטן־רוסלאַנד און פאַרשליסן די קרימער אַרמיי אין א זאַק.

איך ווייס שוין, אַז הינטער די אַקמאָנאַיער פּאָזיציעס פאַרמירט איבער דער גענעראַל סלאַשטשאָוו זײַן דיוויזיע און וועט אינגיכן אויך אָנהייבן דעם אָנגריף.

אַכט ווערסט פון שטאָט, אױפן שמאָלסטן פּאַסיקל פונעם קערטשער פּערעשייעק, איז אונדזער אַרמיי פאַרקראָכן אין די שטיינערנע קוואָרים פון די אַקמאָנאַיער פּאָזיציעס, און די צוויי עסקאַדרעס, וואָס שטייען אױפן שוואַרצן און אַזאָווער יאַם, שיסן דורך דעם קערטשער פּערעשייעק אױף דורך און דורך, און פאַר אונדזער אַרמיי איז דער וועג פאָרויס מיט פײַער פאַרצוימט.

ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט בין איך יעדעס מאָל געשטאַנען באַם פענצטער פון רעווקאָם, געפלײַסט זיך פאַרשטיין, וועגן וואָס שמועסט צווישן זיך די עסקאַדרע אױף א פונקען־שפּראַך, געהערט, ווי די ערד ציטערט פון דער שווערער אַרטילעריִשער קאַנאָנאַדע און אַלץ געטראַכט: ווען זשע וועט די עסקאַדרע אַרויסזעצן א ווײַסגוואַרדייִשן דעסאַנט, הײַנט באַנאַכט, צי מאָרגן?

צו זיך אין צימער אױפן עק שטאָט פלעג איך קומען א מידער, שאָענווײַז אָפּליגן אױפן בעטל און ניט קאָנען אײַנשלאָפן.

אין שכיינעסדיקן צימער האָט געוווינט די פּיִאַניסטן אינע רובליאָווע. א פרוי פון א יאָר פיר און צוואַנציק, מיט א צאַרטער טרוימערישער פאַרטראַכטקײַט אין די בלויע אויגן.

געווען איז זי אויך א באַגאַבטע קאָמפּאָזיטאָרן.

אין אַלע אירע סאָנעטן האָט געצאַפּלט אזא שטילע, צנועסדיק־צאַרטע בענקשאַפט נאָך א גרויסער שיינער ליבע, וואָס זאָל באַרײַכערן איר קינסטלערישן שאַפן און געבוירן ליכטיקע, פריידיקע אַקאָרדן, נאָר אין יעדן נײַ־געליבטן פלעגט זי זיך טייקעף אַנטוישן און נאָך מער פאַרטיפן זיך, נאָך מער גריבלען זיך בלויז אין די פערזענלעכע איבערלעבונגען און פלעכטן פון זיי עלעגיש־פאַרבענקטע

כאַים גילדין (1884—1944) האָט דעביו־טירט אין דער ליטעראַטור נאָך פאַר דער רעוואָליוציע. ער איז געווען אַ דיכטער, פּראָזאַיקער, זשורנאַליסט. די דערציילונג „אינע“, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן, איז גענומען פון זײַן זאַמלונג דערציילונגען „ברונעמס“ (1929).

מאַטיוון, שטימונגען צאַרטע, נאָר וואָגלאָזע און פּונקט אַזוינע דורכזיכטיקע, ווי די טרוימערישע פאַר־טראַכטקייט פון אירע בלויע אויגן.

פון דער פּעוורואַל־איבערקערעניש איז זי אַ שטיקל צײַט געווען באַרוישט, עפּעס האָט דאָס לעבן אויפגעברויזט מיט נײַע שוימיקע מאָטיוון און פאַרקניפּט זיי מיט די טרוימען פון איר פאַרשטאָר־בענעם פאָטער דעם שווינדזיכטיקן אײַנבינדער, פאַרקניפּט מיט די זיכרוינעס פון אירע קינדער־יאָרן, ווען בײַ זיי אין שטוב פלעגן זיך פאַרזאַמלען מענטשן אין ברילן, אין שוואַרצע העמדלעך. מענטשן מיט אַזאַ הייסן, פרײדיקן גלויבן אינעם גליק.

אַ גאַנצן זומער איז זי אומגעלאָפן פון מיטינג צו מיטינג, נײַגעריק צוגעהערט זיך צו יעדן רעדנער און געטרוימט און געהאָפט, אַז הײַנט־מאָרגן וועט זיך איר אײַנגעבן אָנצושרײַבן אַ הייסע פּאַ־טעטישע ליד. נאָר אין די טענער פלעגט זיך פלוצלינג אײַנפלעכטן דער אָפּגלאַנץ פון ברענענדיקע דערפער, הונגעריקע טריט פון אַרבעטלאָזע און אַזאַ ברודיקער געטומל פון ספּעקוליאַנטישע קאָפּע־הײַזער.

שאָען פלעגט זי אָפּזיצן באַם ראָיאַל, צענדליקער מאָל ענדערן די צייכענונג פון דער מעלאָדיע, און לעסאָף אוועקשפּאַנען איבער די גאַסן מיט אַ פאַרביטערטן געדאַנק, אַז עס איז ניט דאָס, עפּעס פילט זי אַ פאַרטײַעטן אָטעם פון אַ שטורעם, וואָס דאַרף זיך ערשט צעפלאַקערן, פילט אים מיט אַלע כושים, נאָר אַז ער האָט אין אָקטיאַבער אויסגעבראָכן, איז זי געוואָרן איבעראַשט.

אַזאַ אומדערוואַרטע דרייסטע אַזעס, אַזאַ נאַקעטע פּראָסטקײַט, מיט האַרטע ברודיקע נעגל האָט מען אַ כאַפּ געטאָן דאָס לעבן באַם גאָרגל, צוגעשטעלט עס צום וועגטל, און דעם ערשטן מאָל גע־צוווּנגען אינען פאַרגעסן אין די קליינלעכע, פּערזענלעכע איבערלעבונגען און צוהערן זיך, באַנעמען די שפּראַך פון דער ביקסן־שיסערײַ.

אין די בלויע טראָפּנס טוי פון אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פאַרטיפטער ערנסט און בייזער פאַרדראָס פאַר די יאָרן, וואָס זי האָט מיט בלינדע קעצישע טריט געשפּאַנט איבער די אָפּגע־לייגטע זײַטיקע געסעלעך פון לעבן, געקוקט אויף אַלץ מיט אַ טרוימעריש־געבלויטן בליק און ניט באַמערקט דעם בלוטיקן פלאָנטער.

זי, אַ טאָכטער פון אַ שווינדזיכטיקן אײַנבינדער, וואָס האָט זיך דורכגעשטופּט צו דער קונסט מיט אָפּגעריבענע עלנבויגנס, אפילו זי האָט מיט פלינקע צאַרטע פינגער געגלעט אָט די דורשטיקע פּאַנטערע און ניט געהאַט קיין האָזע הויך אַ געשריי טאָן, אַז אַלץ איז רויבעריש, אַלץ איז געבויט אויף צוויעס!...

אין הארץ איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסן א פאַרליבטע אַכטונג צו די מיליאָנען פאַרברודיקטע רויטאַרמייער, וואָס האָבן געהאַט די האָזע דרייסט א קוק טאָן דעם לעבן אין פּנים און א כאַפּ טאָן אירע הערשער באַם גאַרגל.

נאָר דעם מויעך האָט געבוירערט, אַז דערוויַל קאַכט דאָך אין זיי נאָר די דורשטיקע סינע, מיט די שטאָלענע באַגנעטן קערן זיי אויס נאָר דעם שימל, וואָס די אומרעכט האָט פאַרפּלאַנצט. אָבער וואָס פאַר א לעבן וועלן אופבויען די באָלשעוויקעס?..

איינמאָל אָף א קאָנצערט פאַר די רויטאַרמייער האָט זי א גאַנצע שאָ געשפּילט שאָפּענען, טשײַקאָווסקין, ראַכמאַנינאָוון.

א גאַנצע שאָ האָבן אירע פלינקע פינגער דערציילט פאַרבענקטע עלעגישע מײַסעס און באַשאָטן די אַרמייער ווי מיט פאַרביקע זייפן־בלאָזן.

בײַס דער האַפּסאָקע איז זי צוגעגאַנגען צו אַן אַרמייער און געפרעגט, ווי געפעלט זיי דער קאָנצערט.

— נישקאָשע, — האָט ער געמיטלעך געענטפערט, — „טיערפּים”.

פונעם וואָרט „טיערפּים” האָבן אירע שמאָלע אַקסלען אופגעציטערט.

צו זיי, הייסט עס, דערגייען ניט קיין טענער לײַכטע, ווי די שמעטערלינגען, און שפּילעוודיקע, ווי זון־פלעקן, אַזא קונסט פאַרטראָגן זיי אויס נויט, אויס העפלעכקײַט און ניט מער.

אירע שווערע שטימונגען האָט זי קיינעם ניט פאַרטרויט, נאָר יעדע נאַכט, גייענדיק צו זיך אַהיים, האָב איך געהערט ווי דער ראָיאַל דערציילט, וואָס בא איר אין הארצן קומט פאָר.

אַכט ווערסט פון שטאָט גייט די שלאַכט, אונדזערע פּאָזיציעס באַשיסט די עסקאַדרע פון שווערע האַוביצעס, די ערד ציטערט ווי גייזערס דערהייבן צום הימל זײַלן שטויב און פײַער, צוויי וועלטן פירן א פאַרביטערטע שלאַכט אָף טויט און לעבן, און דאָ, פון איר צימער, רײַסט זיך דער צעבושעוועטער שטורעם פון וואַגנערס ניבעלונגען. פון רעגע צו רעגע וואַקסט אָן דער גאַלאָפּירנדיקער טעמפּ. בליצן בלאַנקען, דונערס קראַכן, אין געדויש פונעם שלאַקסרעגן שנײַדן זיך אַרײַן אַזוינע פינקלענדיקע האַמער־קלאַנגען און א דרייסטער רוף אַהער, אַהער, צו דער קוזניע, וווּ זיגפריד קאָוועט די שווערד.

ביסלעכווײַז ווערט שטילער דער שטורעם, ס'ווערט שטילער דער רעגן, מיט א ווייכן דופטיקן געפליסטער צעאָטעמט זיך דער וואַלד און שמעקט מיט זון, מיט גראָז, מיט אָפּגעפרישטע גרינע בלעטער. ווי גוט וואָלט געווען אײַנצואָטעמען אין זיך אָט די דופטיקע רויִקײַט און פאַרגעסן, אַז אַכט ווערסט פון שטאָט פירן די צוויי וועלטן א קאַמף אָף טויט און לעבן! די דרייסטע מונטערע אַקאָרדן פון וואַלקירי רופן דאָך צוזאַמפאַלן מיט די דאָרשטיקע ליפּן צו די ברוזיקע קוואַלן פון לײַדנשאַפט, צום ערדישן פיזישן פאַרגעניגן, זויפן, טרינקען ביז שיכּרעס און ניט טראַכטן וועגן די צילן און שלאַכטן פונעם לעבן.

נאָר דער גאָלדענער רעגן פון לאָענגרין צעבושעוועט זיך פּלוצלינג אין אַזא הייסן פאַרביטערטן פּראָטעסט קעגן דעם עגאָיִזם פון דער בורזשואַזיע, קעגן איר כײַישער לײַדנשאַפט אָנצופרעסן זיך מיט די אָנגערויבטע רײַכטימער פון לעבן, צעטרעטן דאַרף מען אָט דאָס לעבן, אויספליקן מיטן וואָרצל: נאָר ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז דער זיג איז א געזיכערטער? אַכט ווערסט פון שטאָט ליגט דאָך די אַרמיי אין די שטיינערנע קוואָרים פון די אַקמאָנאַיער פּאָזיציעס, די גאַנצע וועלט האָט אָף איר אָנגעצילט די שווערע האַוביצעס און שפּײַט מיט פײַער. ווער זשע קאָן גאַראַנטירן, אַז דער זיג איז געזיכערט?

ביז טיף נאָך האַלבער נאַכט פלעגט זי קוויקן זיך מיטן מאָרעשכוירעדיקן טרויער פון טריסטאַן און פּאַרסיפאַר, אין זייערע געדיכטע שוואַרצע טענער אויסגיסן איר ביטער הארץ, א פאַרצווייפלטע פאַר עמעצן פאַרקלאָגן זיך אָף אָט דעם מעשונעדיקן פּלאָנטער, וווּ טראָט בא טראָט, אין אײַנקלאַנג מיטן שוימיקן לעבן שפּאַנט אויך דער טויט מיט א ברייט־צעוויקלטער שוואַרצער פאָן און קיינע רעוואָליוציעס וועלן דעם קנויל ניט צעפּלאָנטערן.

אַכט ווערסט פון שטאָט האָט די אַנטאַנטישע עסקאַדרע געפלייצט מיט פײַער אָף אונדזערע פּאָזיציעס, אַכט ווערסט פון שטאָט האָבן צוויי וועלטן נאַכט אָף נאַכט געפירט א קאַמף אָף טויט און לעבן. און דאָ, באַם קלאַוויר, איז געזעסן א פאַרטרויערטע יונגע פרוי, געטרונקען קלינגענדיקן סאַם און געזוכט אָן אָרט צווישן די צוויי וועלטן.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, א בלייכע, א מידע, פלעגט זי אַרײַנקומען צו מיר אין צימער, צוזעצן זיך אָפן ברעג בעט, און די גרויסע פאַרטרויערטע אויגן פלעגן שטום פרעגן:

— וואָס וועט זײַן? אין איראָפּע וועט זיך עפּעס אָנהייבן, צי מע וועט אונדז פאַרטרינקען אין בלוט?

מיט א מידער פאַרשלאָפענער שטים פלעג איך איר אָנהייבן דערציילן וועגן גרויסע שטרײַקן, וועגן אופשטאַנדן אין די איראָפּעישע אַרמייען, וועגן פאַרטיזאַנער אין מאַראָקאָ, אַראַוויע, אינדיע און פעסט פאַרזיכערן, אַז די אַלוועלטלעכע רעוואָליוציע איז גאָר, גאָר נאָענט.

אירע בליקן פֿלעגן ווערן דאַרשטיק, אָנגעשטרענגט און אַזוינע ווײַטע, ווײַטע, גלײַך ווי זיי האָבן זיך פֿאַרטראָגן אין די זאַמדיקע וויסטעס פֿון אַראַוויע, אין די אַספֿאַלטענע גאַסן פֿון בערלין און זוכן דאָרט די שטרײַקער, די פֿאַרטיזאַנער, די אויפֿגעמערידעטע סאָלדאַטן.

פּלוצעם פֿלעגט זי אויפֿשפּרינגען פֿון בעט, מיט פֿאַרפֿלאַכטענע הענט, אַ שטומע, אַ פֿאַרטראַכטע, שפּאַנען לאַנג איבערן צימער און לעסאָף בײַ דער שוועל ווענדן זיך צו מיר מיט אַ שטיל־געבראָכע־נעם קאָל:

— מיט וואָס זשע וועל איך קאָנען דינען דער נײַער מענטשהײַט, האַ? מיט וואָס? מײַנע סאָנעטן פֿאַרטראָגן זיי דאָך נאָר אויס נויט, נאָר אויס העלפֿלעכקײַט.

2

דאַכט זיך, אַ פּאָר טעג פֿאַרן ערשטן מײַ האָט זיך דער הויפּט־דרעדנאָוט פּלוצלינג אָפּגעטײלט פֿון דער עסקאַדרע און געלאָזט זיך אין דער ריכטונג צו דער שטאָט.

— עפּעס געפֿעלט מיר ניט די רײַזע! — האָט מיר אָנגעקלונגען דער נאַטשאַלניק פֿונעם שטאַב. — כ׳האָב מוירע, אַז דער גאַסט וועט אַרײַן אין האַפֿן. באַפֿויל נאָר דער מיליציע, זי זאָל טייקעף קומען אַ באַוואָפֿנטע צום האַפֿן. מײַנע רעזערוון שיק איך גלײַך אַרויס.

אין אַ פֿופֿצן מינוט אַרום האָט זיך דער הויפּט־דרעדנאָוט טאַקע אָפּגעשטעלט אינמיטן האַפֿן און אַרויסגעהאַנגען אַ פֿאָן, אַז ער פֿאָדערט אַ פֿאַרשטייער פֿון דער מאַכט.

מאָדנע, אָט דער שטאָלענער פּיראַט, וואָס קאָן מיט זײַן אַרטילעריע צעשמעטערן די גאַנצע שטאָט פֿאַר איין האַלבער שאָ, פֿאָדערט אַ פֿאַרשטייער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט אויף אונטערהאַנדלונגען? נאָר וועגן וואָס אונטערהאַנדלען? דען האָט אין פֿראַנקרײַך אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, און זיי קלײַבן זיך עפּשער פֿאַרלאָזן דעם שוואַרצן און אַזאָווער יאַם?

לויטן דירעקטן טעלעגראַף האָב איך זיך טייקעף פֿאַרבונדן מיטן פֿאָרזיצער פֿון דער קרימער ראַטן־רעגירונג, נאָר קיין ידיעס, נאָך וואָס דער דרעדנאָוט איז אַרײַן אין האַפֿן, קיין דירעקטיוון, וויאַזוי זיך האַלטן בײַס די אונטערהאַנדלונגען, האָב איך ניט באַקומען.

— טאַפּ אָן, מיט וואָס דער באַזוך שמעקט, — האָט מיר די טעלעגראַפֿן־סטענגע אָפּגעשטעמפּלט, — און אָריענטיר זיך לויט דײַן אייגענעם פֿאַרשטאַנד.

דער איינציקער נאָענטער מענטש אין שטאָט, וואָס האָט געקענט ענגליש און פֿראַנצויזיש, איז געווען די פּיאַניסטן אינע רובליאָווע. האָב איך זי אַרויסגערופֿן, אָפּן אַרבל פֿונעם פּידזשאַק אָנגעטאָן די רויטע טאַשמע מיטן אויפֿשריפֿט „פֿאָרזיצער פֿון רעווקאָם”, און אוועקגעלאָזט זיך „אָנטאַפּן און אָריענטירן זיך”.

אַ האַלבע שטאָט מענטשן איז שוין געווען אויפֿן האַפֿן.

לענגאויס דעם ברעג איז געשטאַנען אַ וואַך פֿון רויטאַרמייער און מיליציאָנערן, צווישן דעם אויפֿלעם זײַנען אומגעגאַנגען באַוואָפֿנטע אַרבעטער און פֿון אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט זיך, אין וועמענס אויגן האָט דער הויפּט־דרעדנאָוט אויפֿגעגלייט אַ פֿרייד.

מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אינעם איינציקן שיפֿל, צוגעבונדן אַ ווײַס נאָזטיכל צום שפּיץ פֿון אינעם שירעם, אַלס שאָלעם־פֿאָן, און אוועקגעשוווּמען פֿירן אונטערהאַנדלונגען.

זיצנדיק אין שיפֿל, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ כאַראָטע: צו וואָס כ׳האָב מיטגענומען אינען. אויפֿן הויפּט־דרעדנאָוט קאָן מען דאָך צעשיסן אי מיך, אי זי, צו וואָס זשע דאַרף איך ריזיקירן מיטן לעבן פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט מיט דער אַלטער וועלט נאָר אײַנגעריסן, אָבער צו אונדז נאָך ניט דערשוווּמען?.. אויפֿן דרעדנאָוט זײַנען דאָך געוויס פֿאַראַן גענוג ווײַסגוואַרדייִשע אָפֿיצערן און זיי וואָלטן געקאָנט זײַן די איבערזעצער.

— אין וואָס, אייגנטלעך, וועט באַשטיין מײַן ראָל? — האָט אינע פּלוצלינג איבערגעשלאָגן מײַנע געדאַנקען.

— איבערזעצן אַלץ, וואָס איך און וואָס זיי וועלן זאָגן.

— זײַן נאָר אַ רופֿאָר?

אין אירע בלויע אויגן האָט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע אויפֿגעבליצט און טייקעף אויסגעלאָשן געוואָרן. עפּעס איז אינע געוואָרן אַזוי אָנגעלאָדן, ערנסט, גלײַך זי וויל זיך ענדגילטיק קלאָר מאַכן, ביזוואַנען וועט זי זײַן נאָר אַ רופֿאָר, נאָר אַ פֿאַרמיטלער צווישן פֿײַנטלעכע צוויי וועלטן.

פֿונעם הויפּט־דרעדנאָוט האָט מען אַראָפּגעלאָזט אַ טראַפּ, און ווי נאָר מיר זײַנען אַרופֿגעגאַנגען, האָבן זיך פּלוצלינג אַ דריי געטאָן די מעכטיקע טורעמס און אָנגעצילט אויפֿן האַפֿן און אויף דער שטאָט די פֿערצנדיוּימאָווע האַרמאַטן.

פון דער באַגעגעניש איז מיר געוואָרן קאַלט אין אַלע גלידער: אַפּאַנעם, אַז אין פראַנקרײַך האָט די רעוואָלוציע נאָך ניט אויסגעבראָכן, און די ברעגן פון שוואַרצן און אַזאָווער יאַם קלײַבן זיי זיך נאָך ניט פאַרלאָזן.

מיטן בליק האָב איך אָבער אָפּגעמאָסטן דעם שטעטל צום האַפן און געקומען צום באַשלוס, אַז די דיסטאַנץ איז צו קליין. אינעם האַמוין, וואָס שטייט אַפן האַפן, קאָנען די האַרמאַטן ניט טרעפן.

— ווער האָט אײַך דערלויבט אַרײַנשווימען אינעם סאָוועטישן האַפן? — האָב איך שטרענג א פרעג געטאָן, און די זעלבע בייזע שטרענגקייט דערהערט אין אינעם שטים.

אַדמיראַליש געקליידט, איז אַנטקעגן מיר געשטאַנען אַ באַיאָרטע הויכע שימפּאַנזע און מיט טוסקלע בלײַענע אויגן שטרענג געמאָסטן מיך פון קאָפּ ביז די פיס.

צווישן זײַן אויסגעשטאַרצטן שטערן און ברייטן כײַישן קין איז געלעגן אַ פּיצל נעזעלע און עפּעס מאָדנע אומרויִק געוויגט די צעברייטערטע נאָזלעכער, גלײַך דער אַדמיראַל באַשמעקט מיך.

לויט מײַן פּאָנעם, לויט מײַן הוילעך איז אים, אַפּאַנעם, טייקעף קלאָר געוואָרן, אַז שטאַמען שטאַם איך ניט פונעם העכסטן אַדל, אָבער די פּאָר הונדערט מאַטראָסן, וואָס זײַנען ניט ווײַט פון מיר געשטאַנען און מיט אַ וואַרעמער נײַגעריקייט געקוקט אַף דער רויטער טאַשמע, וואָס אַף מײַן אַרבל, — זיי האָבן גלײַך דערפילט, אַז איך בין זיי גאָר, גאָר נאָענט.

— לויט אונדזערע ידיעס, — האָט מיר דער אַדמיראַל געענטפערט, — געפינען זיך אין אײַערע פּאַקהאַוזן צענומענע אונטערוואַסער־שיפלעך, דעריבער זײַנען מיר געצוווּנגען מאַכן אַ רעוויזיע.

אינעם אַדמיראַלס האַרטן, טרוקענעם קאָל איז געווען עפּעס קראַיִשס און געעקבערט מײַן געהער.

— וואָס אין אונדזערע פּאַקהאַוזן געפינט זיך — האָט ניט צו אײַך קיין מינדסטע שײַכעס, די מאַכט אין שטאָט געהערט דעם ראַט פון די אַרבעטער, פּויערים, רויטאַרמייער און מאַטראָסן, נאָר ניט צו אײַך, און אויב איר וועט זיך דערוועגן צושווימען צו די פּאַקהאַוזן פון האַפן, וועלן מיר עפענען אַן אַרטילערישן פײַער.

דער אַדמיראַל האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן, ווידער אָפּגעמאָסטן מיך פון קאָפּ ביז די פיס און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אַף די שטאָלענע טורעמס:

— אונדזער אַרטילעריע איז אַ ביסל שווערער פון אײַערער, און ווען איר זיך קעגנשטעלן דער רעוויזיע, וועלן מיר רוּינירן די שטאָט.

מײַן ענטפער האָט שוין אינגע ניט געהערט און ניט איבערגעזעצט. אַ בליצבע, אַן אופגערעגטע, האָט זי זיך אויסגערדרייט צו די מאַטראָסן און הילכיק אַ געשריי געטאָן:

— קאַמעראַדן, מיר האָבן צוגענומען די ערד בײַ די פּריצים, די בענק, די זאַוואָדן בײַ די קאַפּיטאַליסטן, און זייערע שענסטע פּאַלאַצן האָבן מיר באַזעצט די קאַפּצאָנים, דאָ אין לאַנד ווערט פּאַרווירקלעכט דער שענסטער מענטשלעכער טרוים, נאָר אײַערע אַדמיראַלן ווילן אײַך אָנרייצן, איר זאָלט מיטן האַרמאַטישן פײַער צעשיסן אָט דעם ליכטיקסטן טרוים, און מיליאָנען זאָלן ווידער שפּאַנען אין קייטן פון האַלעס, פון נויט, פון טויזנטפּאַכיקער פאַרקנעכטשאַפט!

די שטילקײַט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אַף אינגען קוקן הונדערטער צעפינקלטע אויגן און יעדעס וואָרט אירס הערן זיי, דאַכט זיך, מיטן האַרצן.

פּלוצלינג האָט דער אַדמיראַל באַפעלעריש אַ געשריי געטאָן צו די מאַטראָסן, נאָר קיינער פון זיי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

עפּעס אַ הויכער אָפיצער האָט אינגען געוואָלט אָנעמען בײַ דער האַנט, נאָר זי האָט זיך אַף אים פאַרמאָסטן מיטן שירעם.

די מאַטראָסן האָבן זיך פריידיק צעלאַכט און הילכיק אָנגעהויבן אַפּלאָדירן.

אין דער זעלבער רגע האָט אָבער עמעצער פון הינטן אָנגעכאַפּט בײַ די אַקסלען מיך, אָנגעכאַפּט אינגען און אַראָפּגעשטופּט אונדז פונעם טראַפּ, אין שיפל אַרײַן.

אַ ראָוע, מיט לויכטנדיקע אויגן און מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ געשווירענע האָר, איז זי געשטאַנען אין שיפל, גראַציעז זשעסטיקולירט, גלײַך זי דיריזשירט מיט אַן אָרקעסטער, און געשריִען צו די מאַטראָסן, אַז דאָ בויט זיך אַ היים פאַר אַלע אונטערדריקטע פון דער גאַנצער וועלט, און זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פּראָוואָצירן.

פון פרייד בין איך געזעסן אין שיפל אַ שטומער, פאַרליבט געקוקט אַף איר באַגײַסטערט ראָזן פּאָנעם, אַף אירע צעשויבערטע האָר, וואָס זײַנען, דאַכט זיך, ווי אופגעברויזט געוואָרן פון די נײַע געדאַנקען און דערפילט, אַז צו אונדזערע רייען איז צוגעקומען אַ כאַוער, וואָס וועט מיט די פּאַר־ביקסטע אַקאָרדן באַזינגען אונדזער שווערן בלוטיקן קאַמף.

באַם ברעג האָט מען אונדז באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן, און ווי נאָר מיר זײַנען אַרויסגעקראָכן פון שיפל, האָט מען אונדז אונטערגעכאַפּט און אָנגעהויבן קאַטשען.

לעכאטכילע האָב איך ניט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס מע קאַטשעט אונדז מיט אַזאַ פרייִדיקן הוראַ. נאָר טאַנצנדיק אינדערלופטן, האָב איך ערשט באַמערקט, אַז דער הויפּט־דרעדנאָוט האָט פאַרלאָזט דעם האַפן.

3

וואָס אַפן הויפּט־דרעדנאָוט איז דערנאָך פאַרגעקומען, ווייס איך ניט ביז הײַנט, נאָר אין אַ שאָ אַרום האָבן ביידע עסקאַדרעס פלוצלינג אָנגעהויבן אַ גרויזאַמע קאַנאָנאַדע אויף אונדזערע פּאָזיציעס, און דער גאַנצער פּערעשייעק האָט געפלאַמט.

די שטאָט איז מיטאַמאָל געוואָרן אומרויִק.

איבער די גאַסן האָבן זיך באַוויזן מענטשן מיט קינדער און מיט די לעצטע בעבעכעס. אין רעווקאָם זײַנען זיך צונויפגעקומען די אָנפירער פון צענדליקער אַנשטאַלטן, און אין זייערע צעשראָקענע אויגן האָב איך דורכגעלייענט איין שטומע פראַגע:

— קאַפּוט? מע דאַרף זיך פּעקלען?

אַזייגער פיר האָט מיר פון די פּאָזיציעס אָנגעקלונגען דער קאָמאַנדיר מאָסייענקאָ און געמאָלדן, אַז די לאַגע איז זייער אַן ערנסטע, סלאַשטשאָווס פּעכאָטע האָט זיך אַרײַנגעריסן אינעם כוטער צאַריאַוואָ, און דער וועג אין שטאָט אַרײַן איז פאַר די ווײַסע מיט גאָרנישט פאַרצוימט; אונדזער אַרטילעריע האָט ניט קיין קוילן, די שטימונג בײַ די אַרמייער איז אַ געפאַלענע, און מע דאַרף טייקף אַרויספאָרן אַפן פראָנט.

נאָר ביז איך האָב זיך דורכגעריסן דורכן אַרטילערישן פײַער, האָט מען די ווײַסע פון צאַריאַוואָ שוין אַרויסגעטריבן.

העכער אַ האַלב דאָרף האָט געברענט, עטלעכע פערד מיט פאַרגלאָצטע אויגן זײַנען געזעסן אויף די אונטערגעשאָסענע הינטערשטע פיס און פון זייערע צעעפנטע מײַלער האָט דאָס בלוט געשלאָגן ווי פון אַ פאָנטאַן.

לעבן אַ בערגל, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פיס פון פאַרשאָטענע בײַ דעם אַרטילערישן פײַער, איז געזעסן אַ שווער־פאַרוווּנדעטער אַרמייער מיט אַן ערדיש געל פּאָנעם.

— דערשיס מיך, כאַווערל, — האָט ער זיך בײַ מיר געבעטן, — דערשיס, מיט די ווײַסע סוואַלאַטשעס וועל איך שוין בעמיילע ניט קאָנען קעמפן.

כ׳האָב אים אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און מיטן נאָזטיכל צוגעדעקט די ווונד.

— אַט אַ דאַנק, אַ ביסל טאַקע גרינגער. שטעק מיר אַרײַן אַ פּאַפּיראָס אין מויל. שאָלעם אַבראַמאָוויטש רופט מען מיך, מײַן טאַטן האָבן די ווײַסע צעשאָסן. גיב איבער אין שטאַב, מע זאָל שיקן סאַני...

דעם קאָמאַנדיר מאָסייענקאָ האָב איך געטראָפן אַפן מאַרק־פּלאַץ נעבן אַ הויפן צעפּיצלטע קערפּערס פון מענער, פרויען און קינדער. אַרום זײַנען געשטאַנען שטומע פאַרקלעמטע פּויערים, און איבער זייערע קעפּ אויף אַ צווײַג פון בוים זײַנען געהאַנגען צוויי יונגע קעפּ מיט אויסגעשטרעקטע צינגער.

— באַנאַכט, — האָט מאָסייענקאָ באַפוילן זײַן אַדיוטאַנט, — באַנאַכט זאָל מען די הרוגים אָפּפירן אין שטאָט, און זאָלן די מענשעוויסטישע פּאַכדאָנים זען, וויאַזוי די ווײַסע זײַנען זיך נויקעם. קום, כאַווער פּאָרזיצער.

אַ צענדליק רויטאַרמייער האָבן אָפּגעגראָבן די פאַרשאָטענע, מיטן ציגאַר אין די ציין איז אַבראַמאָוויטש געלעגן אַ טויטער. אויף זײַן בויך האָט דאָס פאַרנאַכטיקע ווינטל געשפּילט מיט ניט קיין פאַרבלוטיקטן שפּיץ פון דעם נאָזטיכל.

מיר זײַנען אַרײַן אינעם פּוסטן וואָקזאַל, צעלייגט די פעלד־קאַרטע און אָנגעהויבן באַהאַנדלען: אויף וואָסער פלאַנג קאָן מען באַנאַכט דערוואַרטן אַ צווייטן אָנגריף און מיט וואָסערע טיילן פאַרשטאַרקן דעם פלאַנג.

פלוצעם האָבן איבער אונדז אַ הודע געטאָן שווערע אַרטילערישע סנאַריאַדן און ווי מיט אַ צעוויכערטן צוגווינט האָט עס אונדז אַרויסגעטראָגן פון וואָקזאַל.

די סנאַריאַדן האָבן געטראָפן אין אַנטקעגנדיקן דרײַשטאָקיקן הויז און מיטאַמאָל עס אָנגעצונדן פון אַלע זײַטן.

וויפל מײַן שאָפער האָט זיך ניט געפלײַסט לאָזן דעם אויטאָמאָביל, האָט זיך עס אים ניט אײַנגעגעבן. אַפּאָנעם, דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן.

אין שטאָט אַרײַן בין איך צופוס געקומען בײַ אַ האַלבער נאַכט. די אַרטילערישער קאַנאָנאַדע האָט זיך שוין לאַנג אויפגעהערט און די גאַנצע שטאָט, אַן אויסגעלאָשענע, איז געשלאָפן, אַפילע די שפּיאָנישע סיגנאַליזאַציע האָט אין ערגעץ ניט געפינקלט. עפּעס אַ געדיכטער שוואַרצער פּאַכעד האָט אײַנ־

געוויגט די שטאָט, נאָר פֿון אינע רובליאָוועס צימער האָבן זיך אין דער נאַכט אַרײַן געטראָגן אַזױנע שטאָלצע פֿײַערלעכע אַקאָרדן, וואָס איך האָב פֿון איר ביז איצט ניט געהערט.

אויס עלעגישע פֿאַרבענקטקייט, אויס אַבסטראַקטקייט, די צייכענונג פֿון דער מעלאָדיע אַזאַ בוילעטע, אַ שאַרפֿע, יעדער געדאַנק איז אַזוי פּראָסט, אַזוי טיף און אָנגעלאָדן מיט אַ הייסער טריִומפֿירנדיקער דינאַמיק, מיט ווײַניקן זאַפֿט פֿון אַ קלאָרן, פֿריידיקן וועלט־באַנעם.

אין די אַקאָרדן הערן זיך שווערע האַמעטנע טריט פֿון מיליאָנען באַוואָפֿנטע, וואָס שפּאַנען איבער קערפּערס, איבער קוואָרים. מיט פֿײַערלעכע מאַרשן, מיט הילכיקן געלעכטער רײַסן זיי זיך אַרײַן אין די מעכטיקע ווענט פֿון די באַסטיליעס, צעפֿליקן די גראַטעס, צעשמעטערן די קייטן, מיט אַ שוואַרצער פֿײַערלעכער מעסע רײַסט זיך פֿלוצעם אַרײַן דער טויט, ווײַל פֿאַרצוימען דעם וועג, נאָר זײַנע טענער פֿאַרזינקען אין דער הייסער פֿרייד פֿון מיליאָנען, וואָס שפּאַנען איבער דער פֿלייצע פֿון דער אַלטער וועלט, שפּאַנען מיט שווערע, פֿאַרבלוטיקטע שטיוול.

אַ מידער, האָב איך אײַנגעדרעמלט, נאָר לאַנג נאָך, לאַנג געהערט, ווי אינע קאָן זיך ניט שיידן מיט די פֿײַערלעכע טענער פֿון בעטהאָווענס העראָישער סימפֿאָניע, גלײַך הײַנט האָט זי דאָס ערשטע מאָל אָנגעטאַפּט דעם צענטראַלסטן לעבנס־קנופּ, געפֿונען איר וועג אַלס מענטש און קינסטלער און מיט אַ טריִומפֿירערישער זיכגעוודיקייט וועט זי איצטער שפּאַנען צו איר נײַעם ציל.

4

צענדליקער פּראָזשעקטאָרס האָבן די גאַנצע נאַכט פֿאַרפֿלייצט די גאַסן מיט אַ טויטער ליכטיקייט. ביז באַגינען האָט די ערד געפֿיבערט פֿון דער שווערער אַרטילערישער קאַנאָנאַדע. נאָר די שטאָט האָט געבויט אַרקעס, באַצירט די גאַסן מיט רויטע פֿאָנען, מיט גרינע גירלאַנדעס און געגרייט זיך צו דער ערשטמײַיקער פֿײַערונג.

אַזייגער עלף איז די צענטראַלע גאַס, וואָס ליגט הארט באַם יאַם, געווען באַלאַגערט מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן, מיט הונדערטער רויטע פֿאָנען און צענדליקער אָרקעסטערס.

מיט אַ גרינג, פֿריילעך געמיט בין איך אַרויס אויפֿן באַלקאָן פֿונעם רעוואָקאָם און באַגריסט די פֿאַרזאַמלטע:

— איבער אַלע עקן וועלט פֿלאַטערט הײַנט די רויטע פֿאָן. פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק און קאַלקוטע זײַנען הײַנט באַלאַגערט מיט מיליטער. די אַרבעטער מאַרשירן דאָרט אין קלעם פֿון באַגנעטן, נאָר די בורזשואַזיע ציטערט, זי טרויט ניט אַפֿילע איר אייגענער אַרמיי, וואָס באַשטייט דאָך פֿון אונדזערע ברידער, זעט, — האָב איך מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער עסקאַדרע, — הײַנט, אינעם טאָג פֿון דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַרישקייט, האָט אַפֿילע בײַ דער עסקאַדרע אָפּגענומען דאָס לאָשן. זי שווײַגט אַ פֿאַרגליווערטע.

נאָר פֿלוצלינג האָט זיך דער הויפּט־דרעדנאָוט אָפּגעטיילט פֿון דער עסקאַדרע און געלאָזט זיך צו דער שטאָט.

אַ פֿאַרגליווערטער, בין איך געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און נאָר דערפֿילט, ווי דער גרויל האָט בײַ די צענדליקער טויזנטער מענטשן פֿאַרטײַעט דעם אָטעם.

עפּעס איז די שטילקייט געוואָרן אַזוי אָנגעצויגן, אַזוי דורכזיכטיק, און סע הערט זיך, ווי דראָענדיק דער הויפּט־דרעדנאָוט רוישט.

אָט באַלד וועט אויסברעכן אַ פּאַניק, הונדערטער מענטשן וועלן צעטראָטן ווערן, אָנשטאָט הילכיקע, פֿריידיקע טריט וועלן זיך די שטיינער באַפֿלעקן מיט הייס בלוט.

נאָר הינטער מײַן פּלייצע האָט אינע פֿלוצלינג אָנגעהויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, און די גאַנצע גאַס האָט מיטאַמאָל אונטערגעכאַפּט.

פֿון פֿרייד האָב איך פֿאַרמאַכט די אויגן און מיט אַלע מײַנע כושים הער איך, ווי דאָס שטאָלצע געזאַנג צעברייטערט זיך, פֿאַרשטאַרקט זיך, רײַסט זיך פֿון צענדליקער טויזנטער הערצער מיט אַ פֿאַראַקשנטן ליכטיקן גלויבן, אַז:

דער אַרבעטס־מאַן וועט זײַן מעמשאָלע
פֿאַרשפּרייטן אויף דער גאַנצער וועלט,
און פּאַראַזיטן די מאַפּאָלע
באַקומען וועלן פֿון זײַן שווערד.

דער הויפּט־דרעדנאָוט איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צום ברעג, מיט די שוואַרצע לעכער פֿון זײַנע שווערע האַרמאַטן אַ קוק טאָן אויפֿן זינגענדיקן עולם און פֿאַרקערעוועט צוריק צו דער עסקאַדרע. אויפֿגעהילכט האָט אַן אָרקעסטער נאָך אַן אָרקעסטער, און די קאָלאָנעס האָבן זיך גערירט.

מ ו י ש ע ב ר אָ ד ע ר ז אָ ן

מוישע בראָדערזאָן איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע, פון קינדווײַז אָן האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך די רוסישע קולטור, און האגאַם ער האָט א סאך יאָרן געלעבט אין לאָדז, האָט די צוגעבונדנקײַט צום נײַעם, רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד קיינמאָל בא אים זיך ניט אויסגעלאָשן. דעביוטירט אין דער ליטעראטור אין 1913 מיט א לידער־זאַמלונג „שווארצע פליטערלעך“, האָט ער אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און בייס דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע ווידעראמאָל געלעבט אין רוסלאַנד און מיט באַגײַסטערונג אופגענומען די סאָציאַלע באַנײַונג פון זײַן היימלאַנד.

ווען די דײַטשישע פאשיסטן האָבן פארכאַפּט פוילן, איז מוישע בראָדערזאָן געקומען קיין פּסס״ר, געשריבן לידער, געווידמעט דעם קאַמף קעגן דעם בלוטיקן סוינע. אין 1947 האָט דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער געשטעלט זײַן פּיעסע „ערעוו יאָמטעוו“.

די פּובליקאַציע פון מ. בראָדערזאָנס רעוואָלוציע־לידער האָבן מיר גענומען פונעם זשורנאַל „קולטור און בילדונג“. אין קיין שום זאַמלונג פונעם דיכטער זײַנען זיי ניט אײַנגעשלאָסן געוואָרן.

אָקטיאבער־לידער

דער מארש

בראַנד און פײַער, גלי די שווערד!
ס׳הייליקט זיך אין קאַמף די ערד!
יונג דער מענטש א נײַער ווערט!

רײַטער, אַפּן פערד! אין וועג!
ס׳קומען אָן די נײַע טעג!
אַלטע — גייט אַוועק!

שרעק און צאָרן! בלוט און מוט!
ווער עס קעמפט, איז יענעם גוט!
נעם אַראָפּ די הוט —

דעם מאַרטירער! פאַר דעם טויט
זע, א נײַער הימל גייט!
פלאַמט אין פּורפּור־רויט!

דער מיזבייעך פון דער וועלט
פלאַקערט אויף און טרײַבט די קעלט!
אַלע הערצער — העלט!

שעלטן שעלט נאָר אַלץ די קראָ,
וואָס נעווײַלע איז ניטאָ!
זי פאַרשוועכט די שאָ!

היי, טראָמפּייטן, העכער שאַלט!
וואַלקנס, שמעטערט! וואַלקנס, שפּאַלט!
ברעכט די כורוועס־אַלט!

און באַהאַלט זײַן טרויער איצט,
ווען דער פײַנט מיט ציינער קריצט,
ווען עס דונערט, בליצט!

זיצט אין מיקדעש אויף א טראָן —
זיצט א געץ! פון אים הייב אָן!
העכער הייב די פאָן!

רײַטער! אויפן פערד! אין בראַנד!
קעמפן מיט דעם מענטשנס שאַנד!
— צום געבענטשטן לאַנד!

(„קולטור און לעבן“, 1918, נומ. 8, 22 אָקטיאַבער)

* * *

זאָלן אויפפלאַצן די הימל־קוואַלן!
און א רעגן! און א מאַבל־שטראָם זאָל פאַלן
אויף דער ערד אַראָפּ —
מיט א נײַעם, מיט א שאַפונגס־גאָב!

אַלץ שפּינעכצן און נעצן פונעם האַס און טרויער,
און די שימלען פון באַדויער
זאָל דער הימל דער פאַרוואָלקנטער, דער גרויער
מיט די מאַבל־וואַסערן פאַרלענדן
אינעם קאַפּעקאַל פון דער פאַרגאַנגענהײַט און טויט!

און צונטער־רויט —
אין בלוטן פונעם יונגן הימל הייס,
אין אַנגסטן־שווייס,
אין שטורעם־בייז, —
וועט גלײַך א נײַע יונגע וועלט געבוירן ווערן!
מיט אויגן פריילעכע און זינגענדיקע שטערן!

און ס'וועט דער שויפער שעל מאָשיעך ווײַט זיך לאָזן הערן
פון דונער אַרויס!
פון הויז צו הויז!

פון שטאָט צו שטאָט!
פון מענטש ביז גאָט!

און ס'וועט אין לויטערקײַט זיך גאָט אַנטפּלעקט דערקלערן,
ווען אָפן וועלן ווערן נײַע בלויע קוואַלן,
און ס'וועט אַ נײַער מאַבול זײַן פון שטראַלן
פון זון און פרייד — און מענטש און גאָט!

(„קולטור און לעבן", 1918, נומ. 7, 15 אָקטיאַבער)

הארץ

(א הארבסט־ניגן)

היי! ה־ע־י!
— ווער זאָגט עס, אז איך גיי?
איך גיי ניט, נאָר איך טאַנץ —
אין שטערן־גלאַנץ!
אין ליבע־קראַנץ!
ווער זאָגט עס, אז די נאַכט איז שוואַרץ?
היי! ה־ע־י!
ס'איז ניט אַזוי!
אָט טראָג איך זי, מײַן סייפער־טוירעלע, מײַן האַרץ!
מײַן ריינקײַט, געקאַשערט אינעם אהאָווע־פײַער!
א יונגער און פרײַער!
און אומגעהייער ציטערן און פלאַטערן דיביימער!
וואָס איז דאָס הײַנט?
ניט שוין זשע א פאַרשפּעטיקטער, א הארבסטיקער לאַגבוימער?
אוי, ביימער, פרײַנט!
איר טאַנצט עס מיט מײַן פרייד צוזאַמען!
אוי, ווײַטע שפּילנדיקע מיל־מיליאָסן שטערן־פלאַמען!
אוי, הימל מײַנער — פיל מיליאָנען פאַקלדיקע בלוי־מענוירע!
ס'איז הײַנט מײַן סימכעס־טוירע!
דער יובל פון מײַן זינגענדיקן, שפּרינגענדיקן, טאַנצנדיקן הארץ...
היי! ה־ע־י!
איך האָב פאַרגעסן הײַנט פון יעדן וויי,
און איך געדענק שוין ניט, אשטייגער, וואָס איז שוואַרץ!
ווי זעט עס אויס, אשטייגער?
דער זייגער קלינגט! זאָל קלינגען הויך דער זייגער!
זאָל זינגען ער! עס איז מײַן לויטער גליקלעך־שאָ!
— הוישײַע נאָ!
און, מײַנע פרײַנט!
איר קוקט זיך אײַן, ווי הײַנט דער הימל שײַנט?
פאַר איר, פאַר דער פאַרפּוצטער קאַלע —
פאַר דער ערד, און אויך פאַר אונדז, אויך אונדזערטוועגן אַלע!
און ס'שאַלן פריילעכע די ווינטן אָן א שיר!
און יעדערער — אין אויער מיר
דערציילט לעגענדעס פון מײַן איצטיק זײַן!
דערציילט מיר מײַסעלעך פון ליבער זונענשײַן!
איך הער זיך אײַן!
אין קאָן אַרײַן, איר אַלע, ווער די סימכע הערט!
און לאָמיר אַלע, כאָסן־קאַלע, גיין אַרום דער ערד!
ניט גיין, נאָר טאַנצן!
די וועלט באַקראַנצן!

די ערד פאַרפלאַנצן —
אַרום־אַרום אײַנגאַנצן!
— הױשײַע נאָ!
עס איז דאָך אונדזער שענסטע יונגע שאָ!
הײ! ה־ע־י!
איך גײ! איך טאַנץ — און גײ!
װי פרײלעך זינגענדיק די שטערן טאַנצן!
— מעכאַבעד מיט האַקאָפעס: מיט די הערצער גײט!
און סימכעדיקע, פערלדיקע ליבע שפּרײט —
אױ, ליבע פרײַנט!
ס׳איז סימכעסטױרע, עמעס, סימכעסטױרע הײַנט!
ניט קײן פײַנט! נאָר אַלע — פרײַנט!
מיר װײסן עס ניט, װאָס באַטײַט צו זײַן באַטריבט!
זאָל זײַן — אַ האַרבסט־רעגן אַ גרױסער זיפט!
זאָל זײַן — איך האָב דעם צאַר און צאָרן איבערהיפּט...
זאָל זײַן — אַ גרױסער טרױער האָט די װעלט באַהערשט!
זאָל זײַן — אַז אױסער מיר, זעט קײנער איצטער ערשט —
די גרױסע קומענדיקע פרײד,
װאָס נעענטערט זיך און גײט
און װעט בעקאָװעד קומען
אין פרילינגען, אין שטראַלנדיקע בלומען!
זאָל זײַן — אַז מיך אַלײן האָט זי אַרומגענומען!
זאָל זײַן — אַז נאָך אַלײן בין איך פאַרליבט...
הײ! ה־ע־י!
איר זאָגט עס, אַז די נאַכט איז שװאַרץ?
ס׳איז ניט אַזױ! לעגאַמרע — ניט אַזױ,
אָט טראָג איך זי, מײַן סײפער־טױרע, גרױס, מײַן האַרץ!

(„קולטור און בילדונג", 1918, נומ. 9—10, 12 נאָיאַבער)

פאַרפרי

הױכע געלע, רױטע הונדערט־אױגנדיקע מױערן־פאַבריקן,
העל באַלױכטענע אין װינטערדיקן פראָסט פאַרטאָג.
ס׳שװערע אָטעמען פון שטאָל־מאַשינען, װעלכע װעבן, װעלכע שטריקן,
און דאָס אומעטיקע לאַנגע פײַפן פון סירענעס, װי אַ קלאָג.

ס׳קריצן צײנער פון פאַרשײדן־אױפנדיקן לױפנדיקן שטאָל און אײַזן,
און די לעמפלעך שימערירן, װי דערשראָקענע אין שלאָף,
אין מאַשינען אײַנגעפלאָכטן רױטע פלעמלעך — רױטע צינגער האַלב באַװײַזן,
און עס װעבט זיך אָן אַ סאָף אַ גרױסער שטאָף...

עפּעס לױערט אין געזאַנגען פון פאַרביקן קרענקלעכס און בלײכעס,
װאָס פאַרװעבט זיך אין אַ יעטװידער געװעב.
שטײען אַרבעטער בײַ שטאַלן, װי דערנעבן די מיזבײכעס
ערנסט קױהאַנים, פאַרטראַכט, מיט אַראָפגעלאָזטע קעפּ.

קלעפּ פון האַמער שרעקן ערגעץ פונדערנאָענט שטאַרקע, האַרטע,
ס׳האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן... עמעצער פאַריכט,
און עס הערט ניט אױף דאָס זינגען ס׳אומעטיקע, צאַרטע,
און עס װענדט ניט אָפּ זיך פון דער אַרבעט קײן געזיכט.

עמעץ פלעגט אַ זיפץ אַרײַנעט אין די נײַע גרױ־געװעבן,
און אין זינגען װערט׳ס דערשלונגען, אין דער אַרבעטס־ליד.
עמעץ טריפט אַרײַן אַ זודיק טרער פון אױגן־בלאַסן לעבן,
מיד און אײַנגעבױגן צו מאַשינען־גלידער — יעדעס מענטשן־גליד.

סאַרא אויסזען וועט דאָס גרוי־געוועב באַקומען? סאַרא פֿאַרבן?
עפּשער בונטע פּאַסן, עפּשער רויטע, גרינע, בלויע בלומען שיין?
ווער וועט אָנטאָן די געוועבן? ליבן? בייסן שטאַרבן?
צי דו וועבסט עס, אַרבעטערן, זיך אַ קופּע־קלייד פֿרימאָרגנס? ווי פֿאַרשטיין?

הויכע געלע, רויטע הונדערט־אויגיקע מויערן־פֿאַבריקן
אין פֿרימאָרגן־נעפּלען וועבן צאַרטן, דינעם גרויען זייַד.
ס'איז דער כאַלעם־שלאָף ניט אָפּגעטאָן זיך פֿון די ערנסט־בליקן,
עמעץ קערט זיך איבער אין געשמאַקן שלאָף אויף דער אַנדערער זייַט...

(„קולטור און לעבן", 1918, נומ. 13—14, 10 דעקאַבער)

דער טריבון

פֿרייַ נאָך עמיל ווערהאַרן

פֿון די ריזנבויימער שטאַמענדיק,
וואָס אויף דעם קלויסטער־פּלאַץ געהיט האָבן די ווידעס —
עס שטייט צווישן אונדז אַ שטאַלצער שטאַרקער אייַדעס,
פֿאַרקניפּט אין זיך פֿון קויכעס שטייַפֿע שטריק.

פֿון קינדהייַט האָט געבליט אויף טראָטוואַרן קאַלטע
אין פֿינצטער פֿאַרשטעטל, צעפּרעסענעם פֿון בייז,
ווו יעדער מענטשן־שקלאַף נאָר טויטע קלאַלעס ווייסט
און נאָר די טפֿיסע־ענג פֿון די מינהאָגים אַלטע.

אין גליוועדיקער לופֿט פֿון נויט און אַרבעט שווער,
ווו שטערנס קנייטשן זיך, און נאַקנס — טיף געבויגן,
ווו יעדער טאָג צום טיש געגאַנגען איז די טרער...
זינט ווען שוין? און ביז ווען? — געפֿרעגט האָבן די אויגן.

און פּלוצעם — שפּרינגט ער טיף אין קאַמף־רויש פֿון דער וועלט,
ווען ס'האָט דאָס פֿאָלק, צעבראָכנדיק די אַלטע צאַמען,
און פֿויסטן הייבנדיק — אַנטקעגן זיך געשטעלט,
דעם שוואַרצן גורל דרייסט גענומען אין די ראַמען,
מיט צאָרן האַגלענדיק. דער שטיינער־טאַנץ
געשלאָגן האָט אין פֿענצטער יעדן גלאַנץ
די בריק באַשיטנדיק, ווי מיט באַגילדטע פֿלאַמען.

דאָס ריידן זייַנס, וואָס האָט דעם טאַם פֿון בלוט —
אויף בינטלער פֿייַלן — שאַרף — ווי ענלעך — ווילד־צעזייטע,
זייַן ליבע־דראַנג, זייַן צאָרן און זייַן וווּט
דאָ — פֿעסט געפֿלאָכטענע, דאָ — פֿרייַ צעשפּרייטע
אַרום זייַן העל אידיי...
און זייַן געדאַנק, זייַן האַזערדיקעס פֿילן,
זייַן פֿייַער־ווילן,
געשמידט אין לייַדנשאַפֿטן און אין וויי!

און אויך זייַן זשעסט — דער ווירבלענדיקער שטורעם,
וואָס טרוימען אין די הערצער צינדט,
וואָס הימל מיט דער ערד פֿאַרבינדט —
אַ לינדערונג פֿון די יסורים?

דער מיילעך איז ער איצט פון וואנזיניקע שפילן.
געגאנגען — און ער גייט אלץ העכער און פאָרויס,
און ס׳וואקסט זײַן מאכט און גײַסט אין ברויזן פון געפילן,
אין ליארעם און אין פאָלקס-היסלײַוועס גרויס.

די וועלט האָט, דוכט, געגארט און אָפּגעוואַרט זײַן קומען!
די הערצער צאפּלען אויף, פון שמייכל אופגענומען!
ער איז דער צאַר, דער שרעק, דער טויט, דאָס בלוט!
ער איז דער שאָלעם און די קראפט און מוט!

ער איז דער סאָד פון ריזן-ווילן,
וואָס שמידט די האמערס פאר די מײַסים גרויס —
און שטאָלץ איז ער, וואָס מענטשן וייסן עס און פילן,
מיט בלוט פון אייביקײַט געהייליקט האָט ער׳ס פילן.

און אָט איז ער באם זײַל, ווו ס׳שיידן זיך די וועגן,
דעם נײַעם וועג געטיילט, ווו ס׳וועלן זוכער פיל
זיך לאָזן ווײַטער גיין, אין אייביקן באוועגן
און זוכן אומבאוווּסט א פרילינגדיקן ציל!

ער איז מיט דעם שוין גרויס, וואָס לײַדנשאפטן גיט ער,
ניט טראכטנדיק, זײַן נעשאָמע אָפּ,
וואָס ווייסן ווייסט ער ניט פון לעצטן הערשאפט-ציטער —
פון בליצן, וואָס דאָס מאזל שיקט אראָפּ!

ער ווייסט ניט, אז א סאָד איז ער, זײַן גאנצעס וועזן,
אינגאנצן ווי ער איז — איז ער דאָס פאָלק, זײַן קראפט,
און אינעם פאָלק, וואָס האָט זײַן סאָד נאָך ניט געלעזן —
ער לעבט און שאפט!

זאָל זײַן — ער וועט אוועק, צו דונערן געגליכן,
זײַן וועג שנעל דורכגעמאכט אין טעג פון יאָמטעוו-פרייד,
צי אין די כארפּע-טעג מיט שוואָכים-רייד באגלייט —
אן אנדערער וועט קומען באלד, אינגיכן!

ניט ביזן סאָף געגאנגען זײַנען פרײַנט,
ס׳נעווײַש פלאמענוואָרט ניט רעכט נאָך אופגענומען,
נאָר אויב ער איז אוועק — וועט ער צוריק נאָך קומען!
און זײַן נעשאָמע יונג צום אָסיד, וואָס ט׳געשײַנט.

אין פרײַקײַטן פון יאָמען-ברומען —
וועט מיטן אָפּגוס ברויזיק-בונט
זיך ניט באהאלטן אפן גרונט,
זײַן קויעך גלאנצט נאָך אלץ אין ווײַסע יאָמען-שוימען.

ווי פונקען, יאָגט ער זיך געשווינד!
דער פלאקער גליט אין אונדז פון זײַנע שטאָלצע טרוימען,
פוז זײַנע עמעסן — אין הערצער טיף אצינד.

(„קולטור און בילדונג“, נומ. 3—4, 6 סענטיאבער)

הערשל פאָליאַנקער

געווען אַמאָל אַ שטעטל

ראָמאַן

צווייטער טייל

קאַפּיטל צען

דאָס גרויסע געווינס

אַזוי פּאַוואָליע און ניט געכאַפּט איז שוין אַוועק אַ פּײַנע פּאָר וואָכן, זינט דער געהויבענער גאַסט, שיקע מאַזור, דאָס הייסט, שויעל דעם זיפּנמאַכערס עלטערער זון, האָט פֿאַרלאָזט באַפּאָליע און איז ווידער אַוועקגעפֿאָרן אַהין, וווּ ער האָט געדינט.

דאָס זײַנען געווען אומפֿאַרגעסלעכע צוויי וואָכן, ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַן כאַדאַראַם. עס האָט זיך געטאָן, ווי מע זאָגט, אויף טיש, אויף בענק און אויף קליינע בענקעלעך.

שיקע איז גראַדע געווען פֿון שויעלס אויסגעשפּילטע קינדער. אַ שטאַלטנער, אַ שיינער, ווי די וועלט, אַלע מיידלעך האָבן אויף אים געוואָרפֿן אויגן, זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין אים. דערצו נאָך — ניט שטומפּיק אויף אַ וויץ, אויף אַ כאָכמעלע, ווי זײַן טאַטע.

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 4, 5, 1987 (ערשטער טייל).

מע האָט אים דאָ ניט געלאָזט רוען קיין מינוט. ווו ער האָט זיך ניט באַוויזן, איז גלײַך אויסגעוואַקסן אַרום אים אַ רעדל מענטשן, פֿאַרשאָטן אים מיט פֿראַגן, און ס'איז אים אויסגעקומען אַף אַלץ ענטפֿערן, געגעבן דערציילן וואָס און ווען.

דעריקער האָט ער אָן אַ שיר דערציילט וועגן זײַן ווײַטן קאַנט, דערציילט, פֿאַרליבט אין קאַנט איבער די אויערן. הערנדיק אים, האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז קיין שענערס און בעסערס, ווי סיביר, ווי דער ווײַטער מיזרעך, איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ.

מערסטנס האָבן אים ניט געלאָזט רוען די יונגע כעוורע פֿון שטעטל. אינדערעמעסן, ניט אַלע מאָל טיק און דאָנערשטיק קומט אַהער אַזאַ טײַערער מענטש, וואָס איז שוין אויסגעוועזן אַ וועלט, האָט שוין אַזויפֿיל געזען, און די יונגע כעוורע האָבן אים אויסגעהערט פֿאַרגאַפֿטע, מיט צעעפֿנטע מײַלער.

טאַקע, געציילטע פֿון די באַפּאַליער יינגלעך און מיידלעך זײַנען אַף זייער לעבן אַרויסגעפֿאָרן פֿונעם שטעטל. אַפֿילע צו דער סטאַנציע איז ניט געווען גרינג זיך דערקלײַבן. מע איז דאָ געזעסן און געמיינט, אַז פֿון יענער זײַט באַפּאָליע ענדיקט זיך די גרויסע וועלט...

— זעט, כעוורע, איר זאָלט ניט פֿאַרשלאָפֿן די יונגע יאָרן אײַערע! — האָט שיקע מאַזור צו זיי געטײַנעט. — וואָס וואַרט דאָ אַף אײַך? ענדיקן די שול און זיך זעצן אין אַרטעל צו שוסטערײַ, שנײַדערײַ, אָדער דער טאַטע וועט אײַך אויסלערנען אויסאַרבעטן זיפּן, לאָקשנברעטן, קאַטשעלקעס און נאָך דער הונט ווייסט וואָס? מע דאַרף צוביסלעך אַרויספֿאָרן אין דער גרויסער וועלט, קיין קיִעוו, קיין מאָסקווע, קיין לענינגראַד. דאָרטן וועט איר קענען לערנען. אומעטום פֿאָדערן זיך איצט מענטשן, סײַ אַפֿן דניעפּערבוי, סײַ אין קוזבאַס. דאָרטן וועט איר ווערן מעטאַלורגן, בויער, שלאָסערס, טעכניקער, אינזשעניערן... וואָס זשע, איר זענט הינקענדיקע שנײַדערס? וויפֿל וועט איר זיך דאָ האַלטן באַ דער מאַמעס פֿאַרטעך? נו, און פֿאַרוואָס זאָלט איר טאַקע ניט פֿאָרן לערנען אין די מיליטערישע שולן, ווערן אָפֿיצערן?

די כעוורע האָבן זיך אײַנגעהערט אין זײַנע רייד, און אַ סאַך האָבן גענומען טראַכטן, אַז מע דאַרף טאַקע זיך אָוועקלאָזן אין די ווײַטע מעקוימעס, מע דאַרף טאַקע אַ טראַכט טאָן וועגן טאַכלעס.

מיט זײַנע רייד האָט שיקע מאַזור ניט ווייניק כעוורע אַראָפּגעפֿירט פֿונעם וועג, און ניט ווייניק פֿון יענע, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין אַרטעל אַ מעלאָכע, האָבן גענומען קוקן אין דער ריכטונג פֿון דער באַן־סטאַנציע.

דער ערשטער איז געקומען צו דער מאַמען דאָווידקע און געמאָלדן, אַז מער בלײַבט ער ניט אין באַפּאָליע קיין איין טאָג. ער וועט פֿאָרן מיט שיקען. דערהערט די דאָזיקע דיבורים, איז פּעסיע געוואָרן אויסער־זיך. ער איז מעשוגע, צי כאָסערדייע? וואָס הייסט ער וועט פֿאָרן? אַזאַ צוציק, אַף וועמענס ליפּן דער מאַמעס מילך איז נאָך ניט אויסגעטריקנט געוואָרן, וועט אָוועקוואַרפֿן די שטוב, טאַטע־מאַמע און וועט פֿאָרן אין דער וועלט אַרײַן זוכן גליקן? ער ווייסט דאָך נאָך ניט, ווי אַ קאַץ אַן עק צוצובינדן...

און זי האָט שיקען געמאַכט אַ שיינעם פּעטשאַטעק, לעמײַ ער פֿירט אַראָפּ דעם ברודער פֿון גלײַכן וועג, לעמײַ ער האָט אויפֿגעהויבן אַ גאַנצע בוריע צווישן די באַפּאָליער כעוורע, וואָס מיינען, אַז אין דער פֿרעמד וואַרטן אַף זיי גאָלדענע בערג.

די באַפּאָליער מאַמעס האָבן אויפֿגעהויבן אַ טומל. ביז שיקעס קומען איז דאָ געווען שאַ־שטיל, קיינער פֿון די כעוורע האָט ניט געטראַכט וועגן פֿאַרלאָזן די היים, און דאָ — גיב אַ קוק וואָס עס טוט זיך! איינער וויל פֿאָרן אין אַ גרויסער שטאָט לערנען, דער אַנדערער קלײַבט זיך אַף די בויונגען, ווער — אַף זאַוואָדן, פֿאַבריקן, אין די שאַכטעס... וואָס זשע וועט זײַן מיט באַפּאָליע? אויב, אינדערעמעסן, די יוגנט וועט פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, וועלן דאָ פֿאַרבלײַבן נאָר עלטערע מענטשן. ווער זשע וועט אַרבעטן אין אַרטעל, אין קאָמבינאַט?

עס איז געוואָרן אַ גאַנצער גערודער.

ניט אַנדערש, ווי שיקע, שויעלס זון, האָט מיט זײַן קומען איבערגעלאָזט אַ פֿונק, און עס הייבט זיך אָן צעבלאָזן אַ סרייפֿע.

נאָר ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, די צוויי וואָכן, ווען דאָ האָט פֿאַרבראַכט דער זון, איז דער טאַטע אומגעגאַן, ווי אַ זיגער. מאַמעש אַפֿן זיבעטן הימל. זאָלן די ווײַבער זיך בײַזערן אַפֿן זון, וואָס ער האָט אויפֿגערודערט די יונגע כעוורע, דאָס איז זייער זאַך. ער האָט פֿון זײַן גאַסט געקליבן נאַכעס. אין שטעטל איז געווען פֿריילעך. דער אוילעם האָט ניט אויפֿגעהערט לאַכן, כאָכמענען זיך איבער דער געשיכטע, וואָס איז דאָ פֿאַרלאָפֿן דעם ערשטן טאָג, ווען מע האָט באַגעגנט דעם גאַסט. דאָס הייסט, ווען מע האָט געזען, ווי שויעל דער זיפּנמאַכער האָט זיך אויפֿגעהויבן אַפֿן אַעראָפּלאַן און געפֿלויגן איבער באַפּאָליע. דאָס שטעטל האָט שוין געהאַט פֿון וואָס צו טרײַבן לעצאָנעס!

ווו מע האָט דעם זיפּנמאַכער ניט באַגעגנט, האָט זיך אָנגעהויבן:

— שויעל, וואָס הערט זיך באַ דיר אין די הויכע הימלען?

— די נעשאָמע דײַנע האָט זיך שוין אומגעקערט פון די פּיאַטעס, צי זי זיצט נאָך דאָרט און טרייסלט זיך?..

— וואָס טראַכט זיך אין מאָסקווע וואָראָשילאָוו, דער נאַרקאָם? אין באַפּאָליע זיצט אַזאַ גרויס־אַרטיקער ליאָטשיק, אַ פּליִער, און אַנשטאָט ער זאָל פליִען אויף די עראָפּלאַנען, מאַכט ער גאָר זיפן...

שויעל האָט דאָס אויסגעהערט מיט אַ שמייכל און זיך אָפּגעשלאָגן פון די כאָכמאַטשעס מיט אַ וויק, מיט אַ גלײַכוווערטל:

— וואָס לאַכט איר אַזוי? ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, נאָר איך האָב זיך אויפן עראָפּלאַן אַרופֿגעזעצט און איר האָט מוירע געהאַט... איך דאַרף אײַך, מײַנע טײַערע, זאָגן, אַז עס איז אַ מעכײַע זיך דורכפליִען אויף אַן עראָפּלאַן. עמעס, באַם אופהייבן זיך און באַם עראָפּלאַן זיך איז אַ קאַפּעלע שרעקלעך. נאָר אַזוי איז עס דאָס זעלבע, וואָס פאָרן אויף אַן אווטאָמאָביל. נאָך בעסער! אויף אַן אווטאָמאָביל פאָרן איבער אונדזערע וועגן וועט איר זיך אָנעסן מיט אַ גוט ביסל שטויב, און דאָרטן, אין הימל, איז די לופט ריין — אַ מעכײַע! לאַכט אײַך יאָ, לאַכט אײַך ניט, נאָר איך שווער אײַך, אַז ווען איך בין ייִנגער מיט אַ מיטוואָך און האָב ניט אַזאַ כעוורײַע קינדער, וואָלט איך געביטן די מעלאָכע מײַנע, אַליין זיך אויסגעלערנט פליִען אויף אַן עראָפּלאַן.

אָבער דאָך האָט מען ניט אופגעהערט לאַכן, שפּאַסן, און אַלעמאָל ווידער אים פאַרטשעפּעט:

— וואָס טוט זיך באַ דיר, שויעל־לעבן, אין די הויכע הימלען?..

דער זיפּנמאַכער איז צו די זאַכן שוין געווען צוגעוווינט. ער האָט אַליין שטאַרק געהאַלטן פון געלעכטער, איז געווען זיכער, אַז געלעכטער העלפט אַרויס פון אַלע צאָרעס און אומגליקן; אַז כאָכמעס און וויצן זײַנען בעסער פון אַלע דאָקטוירים און קענען העלפן שטאַרקער, ווי די טײַערסטע רעפּועס.

אָבער ווי איר ווילט ניט, האָט זיך דאָ, אין שטעטל, נאָך לאַנג געטומלט סײַ מיט דעם, וואָס דאָ איז געווען צוגאַסט שיקע, און סײַ דערמיט, וואָס אין באַפּאָליע האָט זיך פאַרקאָכט אַ גאַנצע קאַשע. אין עראָפּלאַן איז געפלויגן ניט נאָר אונדזער שויעל, נאָר אַ סאַך מענטשן, וועלכע קאָנען נאָך אַדהײַעם ניט פאַרגעסן די גוואַלדאָוונע רײַזע, וואָס זיי האָבן געמאַכט איבער באַפּאָליע!

זאָגן, אַז שויעלן איז גאָר שטאַרק געווען געפעלן זיך אופהייבן אין די הויכע הימלען, קאָן מען, פאַרשטייט זיך, ניט. פאַר אַ האַריק, וואָס האָט אָפּגעדינט אַזוינע עטלעכע שווערע צענדליק יאָר און פאַרזוכט קאַלטס און וואַרעמס, איז עס, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ניט קיין גרינגע זאַך. אָבער די יונגע כעווררע, וועלכע האָבן דערפילט דעם טאַם פון פליִען, פונעם עראָפּלאַן, — זיי זײַנען געווען אויפן זיבעטן הימל. מע האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָנלויבן אי פון דער מאַשין, אי פונעם פּילאָט, וואָס האָט זיי געפירט. מ'האָט שוין אַפילע אָנגעהויבן טראַכטן, אַז מע וואָלט אַליין אויך געקאָנט ווערן פליִער, מע דאַרף זיך נאָר אַרויסרײַסן פונעם שטעטל און פּרוּוון אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אין אַ פליִער־שול...

אין יישעוו־ראַט האָט מען געזאָגט דער כעווררע, אַז צום אַלעם ערשטן וואָלט מען געדאַרפט שאַפן אַ קרײַזל פון אָסאָאוויאַכים, זיך פאַרבינדן מיט אַ שכייניש מיליטער־טייל, עפּשער וועט מען פון דאָרטן אויסטיילן אַ פּאָר קאָמאַנדירן, וועלכע וועלן אַהער אַראָפּקומען איין מאָל אין דער וואָך און נעמען לערנען דעם אוילעם די מיליטערישע טוירע. צוביסלעך וועט מען עפּשער אוועקשטעלן לעבן וואַלד אַ טורעם, און מע וועט זיך לערנען שפּרינגען מיט די פּאַראַשוטן, מע וועט זיך לערנען שיסן פון אַ ביקס, זיך באַנוצן מיט אַ קעגנגאַז־מאַסקע, ווײַל עס גייט אַזאַ צײַט, ווען דער קאַפּיטאַל וועט וועלן אַ פּרוּוו טאָן אָנפאַלן אויף אונדזער לאַנד און מע וועט עס דאַרפן קענען פאַרטיידיקן.

און וואָס דאַרפט איר אַ סאַך, אין באַפּאָליע האָט מען געשאַפן ניט קיין איין קרײַזל, נאָר עטלעכע, און אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך זײַנען אַהער אַראָפּגעקומען אָפיצערן־אינסטרוקטאָרס פון דעם מיליטער־טייל, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט, אין אַ שכייניש שטעטל, און דער אוילעם האָט זיך גענומען צו דער לערע.

אַזאַ קרײַזל האָט מען געשאַפן אויך אין אַרטעל. מע איז געקומען צום געדאַנק, אַז ניט בלויז יונגע דאַרפן זיך גרייטן פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, נאָר אויך די באַיאָרטע מענטשן. מע דאַרף שטענדיק זײַן גרייט נעמען אַ ביקס אין האַנט, אָנטאָן און אויסטאָן די קעגנגאַז־מאַסקע, ווײַל די בורזשואַזיע טראַכט אײַך אויס אַלעמאָל נײַ געווער אויף אונדזער קאָפּ, און מע טאָר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

אין אַ קורץ שטיקל צײַט אַרום זײַנען שוין אין די קרײַזלעך געווען ניט וויייניק מענטשן — קליין און גרויס — און מע האָט זיך געלערנט. ווײַל אויב, באַהיט גאָט, עס וועט טאַקע דערגיין צו אַ מילכאָמע, זאָל מען קענען פאַרטיידיקן די ראַטנמאַכט.

אָפּטלעך, ווען עס האָבן זיך באַגעגנט שכיינים באַלמעלאָכעס, וועלכע באַזוכן די קרײַזלעך, האָט מען געקאָנט הערן:

— זאָגט נאָר, רעב אײַזיק, צוליב וואָס איז נייטיק די „נאָז” אויף דער מאַסקע?

— וואָס הייסט? קעדיי אויסוווישן די גלעזלעך, אויב זיי וועלן פֿאַרהוכקעט ווערן...

— וואָס דאַרף מען טאָן, לייבעש, ווען מע מעלדעט א טרעוואָגע, א לופֿט־טרעוואָגע?

— אז מע מעלדעט א טרעוואָגע? איז טאַקע ביטער...

— ניין, אָן כאָכמעס!..

— אז דער הודאָק מעלדעט א טרעוואָגע, דאַרף מען זיך וואָס גיכער אופֿכאַפּן, אַנטאָן, נעמען אפֿן אַקסל די קעגנגאַז־מאַסקע, די ביקס און לויפֿן אין קלוב אפֿן זאַמלפּונקט...

— וואָס דאַרף מען, אשטייגער, טאָן, כאָווער גערשמאַן, אז עס פֿליִען אָן אף באַפּאַליע פֿײַנט־לעכע אעראָפּלאַנען?

— וואָס הייסט וואָס, מע דאַרף גלײַך אויסלעשן אין די שטיבער די שײַן, דער סוינע, — די אויגן זאָלן אים אַרויסקריכן, — זאָל ניט זען, וווהין צו וואַרפֿן די באָמבעס...

אין באַפּאַליע איז געווען פֿריילעך. נאָך דער ארבעט האָט מען, איבערכאַפּנדיק אף איין פֿוס דעם הונגער, זיך געלאָזט אין קלוב, ווו עס האָבן געוואַרט די אַנפֿירער פֿון די קרײַזלעך, און דער אוילעם האָט זיך אוועקגעזעצט אף די פּאַרטעס, ווי די עמעסע שילער...

פֿאַרטאָג אין דער לער, האָט דער אוילעם פֿאַרגעסן, אז מיט א צײַט צוריק האָט מען געקויפֿט לאָטעריי־בילעטן, און עס קאָן נאָך עמעצן אויספֿאַלן דאָס גליקלעכע קוויטל. שויעל דער זיפּנמאַכער האָט אין דעם אויך פֿאַרגעסן. ער האָט זיך ניט געגנייט קיין גרויסן בײַטל. די לאָטעריי איז דאָך לעטויוועס דער שוץ פֿונעם לאַנד, דאָס הייסט, דאָס געלט, וואָס מע האָט צונויפֿגענומען באַם אוילעם פֿאַר די לאָטעריי־בילעטן, גייט אף צו פֿאַרפֿעסטיקן די ארמיי, טאָ פֿאַרוואָס זאָל מען טאַקע ניט קומען צו היקף, ניט ארײַנטראָגן אין דעם אַלגעמיינעם כעזשבן די עטלעכע קאַרבוינים? דאָס אַליין איז דאָך א געווינס! און אונדזער שויעל האָט אויך געקויפֿט עטלעכע בילעטן באַגלײַך מיט אַנדערע, זיי פֿאַרשטעקט ערגעץ אין שאַפֿע, און גלײַך אין זיי פֿאַרגעסן.

די בילעטן האָבן אָבער ניט פֿאַרגעסן אין אים.

אין איינעם א שיינעם ערעוו פֿאַרנאַכט זײַנען ארײַנגעקומען צו אים עטלעכע כעוורע פֿון זײַן אַרטעל, יענע, וועלכע זײַנען דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל אין די קרײַזלעך פֿון אַסאָאַוויאַכים, איינער פֿון זיי האָט געהאַלטן א צײַטונג, געפּאַכעט מיט איר, אינדערלופֿטן און אויסגעפּאַליעט:

— כאָווער שויעל, באַלד וועלן מיר א קוק טאָן, צי איר זײַט א מאַזלדיקער, דערלאַנגט נאָר אײַערע לאָטעריי־בילעטן... עס איז שוין אָפּגעדרוקט דער טיראַזש און באַלד וועלן מיר א פּרווו טאָן אײַער מאַזל, א קוק טאָן, צי האָט איר עפּעס געווונען, אָדער פֿאַרשפּילט...

דערהערט דאָס וואָרט „פֿאַרשפּילט”, האָט זיך שויעל א בייזער געטאָן אף דער כעוורע:

— וואָס, אשטייגער, קאָנען מיר פֿאַרשפּילן באַ אונדזער וולאַסט? עס איז דאָך עפּעס אונדזער אייגענע מעלוכע, וואָס זשע קאָנען מיר, האָרעפּאַשניקעס, פֿאַרשפּילן? דעם טאַטנס מאַיאָנטקעס?

און נאָך דעם, ווי שויעל דער זיפּנמאַכער האָט זיך א ביסל אויסגעוועטערלט מיט די געסט, האָט ער געבעטן די פֿליוינעסטע זיך מאַטריִען זײַן און אופֿזוכן די לאָטעריי־בילעטן.

צום ערשטן האָט זי אויך ניט פֿאַרשטאַנען, אין וואָס עס גייט דאָ, נאָר דערהערט, אז דער שאָכן זאַלמען דער באָנדער האָט אף א בילעט געווונען א פּרימוס און ארן־געדאַליע — א גאַנצן סאַמאָוואַר, יאָסל ביימענע — א זייגער און פֿרידל לעמבערג א שניפּס, האָבן זיך באַ איר צעשפּילט די אויגן און זי האָט שטאַרקער גענומען זוכן דאָס פּעקעלע בילעטן, טראַכטנדיק, עפּשער האָט שויעלן אויך צוגעשפּילט דאָס מאַזל, און ער האָט אויך עפּעס געווונען.

מע האָט צעשפּרייט אפֿן טיש די צײַטונג מיט דעם גרויסן צעטל געווינסן, זיך גענומען גוט צוקוקן. און וואָס דאַרפֿט איר א סאַך, צום סאַמע סאָף פֿונעם פּעקעלע בילעטן איז זיך געלעגן א בילעט מיט א מאַזלדיקן נומער. א געווינס! און ניט קיין פּאָשעטער געווינס, א גאָר געהויבענער! די כעוורע האָבן דאָס אויסגעשאָסן אין איין אָטעם, מיטאַמאָל.

לעכאַטכילע האָט שויעל ניט געוואָלט גלייבן, געמיינט, אז די כעוורע טרײַבן מיט אים קאַטאָ־וועס. וואָס זשע, ווייניק שטעט און שטעטלעך זײַנען פֿאַראַן אין דער מעדינע, דאַרפֿן גראַדע אַהער, קיין באַפּאַליע, ארײַנפֿאַלן אַזויפֿיל גוטע געווינסן? וואָס זשע, — האָט ער זיך געטראַכט, — באַפּאַליע איז באַ דער מעלוכע א בעניאָכיד? עמעס, אין באַפּאַליע האָט דער אוילעם, און ער בעסויכעם, גע־קויפֿט א סאַך בילעטן.

האַקיצער, זיך גוט צוגעקוקט צום צעטל און צום נומער פֿונעם בילעט, האָט שויעל זיך צע־שײַנט:

— יאָ, פֿאַראַן א געווינס! די נומערן פֿאַלן זיך צונויף! ווי מע וואַלט א מאָס פֿון זיי אַראָפּגע־נומען! יאָ, ער זאָל אַזוי געזונט זײַן מיטן ווײַב און מיט די קינדער, ווי ער האָט געווונען!

און געווונען האָט ער ניט קיין פּרימוס און ניט קיין סאַמאָוואַר, ניט קיין שניפּס, ווי אַנדערע, נאָר עפּעס גאָר א באַזונדערן געווינס — א רײַזע קיין מאָסקווע אף צען טעג און דערצו נאָך פֿאַר צוויי מענטשן.

מיט קליינינקע אויסיעלעך איז אין עק פון דער צײַטונג געווען אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז אויב דער געווינער וויל ניט די געווינסן, קאָן ער באַקומען געצאָלטס, דאָס הייסט, מעזומען די פּרײַז, וויפל עס קאָסט דאָס געווינס.

וואָס מיר מעזומען, ווער מיר מעזומען, שויעל דער זיפּנמאַכער האָט זיך צעשײַנט, ווי דער מאַרגנשטערן. ס'איז דאָך אַ גליק! ער וועט זיך קאָנען דורכפאָרן קיין מאָסקווע, ווו ער איז נאָך זינט ער לעבט ניט געווען; דערצו נאָך אַן אַ גראַשן געלט! און מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן! אין מאָסקווע, זאָגט מען, וועט מען אים באַגעגענען בעקאָוועד גאָדל, געבן אַ פײַנעם גאַסטינעץ, ווו ער וועט ווויינען, מע וועט אים אַרומפירן וווּהין ער וועט נאָר וועלן, באַווײַזן אַלץ, וואָס זײַן האַרץ גלוסט, מע וועט אים האָדעווען און פּויען, ווי עס דאַרף צו זײַן.

און וואָס בעסערס קאָן זיך נאָך פאַרגינען אַ פּראָסטער שאַלעשידעס, אַ געוויינלעכער אַמכאָ פון אַ פאַרוואָרפן שטעטעלע אין פּאָדאָליע?!

אין שטוב בא שויעלן האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער ראַש. עפּעס אַ קלייניקייט — אַזאַ געווינס, אַזאַ גליק!

דערהערט אַ ראַש באַם שאָכן אין שטוב, זײַנען זיך גלײַך צונויפגעלאָפן שכיינים, קרוווים, זיך דערוויסן, וואָס איז געשען.

די שטוב איז געגאַנגען כאַדאָראָם!

דער אוילעם האָט דעם באַלסימכע באַגריסט, צוגעווינטשעוועט אַ גליקלעכן וועג, עס זאָל אַלץ בא אים דורכגיין שיין און לײַטיש און ער זאָל זיך בעשאָלעם אומקערן אַהיים.

וועגן דעם, אַז אַלע זײַנען אים מעקאַנע געווען, איז ניט שײַעך צו ריידן. הערט נאָר, עפּעס גאָר אַ מאַזלדיקער פאַרשוין, שויעל דער זיפּנמאַכער! ווו ער זאָל זיך ניט אַ קער טאָן, גייט עס אים!

אַ קלייניקייט אויסצורײדן — אַ מענטש האָט געוווּנען אַ רײַזע קיין מאָסקווע! פאַר געציילטע טעלעכע קאָרבן. עס האָט זיך אים אפילע אַזוינס ניט געכאָלעמט, דעם זיפּנמאַכער! ער האָט אפילע ניט געטרוימט וועגן אַזאַ רײַזע! ער וועט זען אַ שטיק וועלט! און דאָס וועט אים, כאָלילע, ניט שאַטן. אַ געזונט אים אין דיביינער! זאָל ער טאַקע פאָרן און זען. ער דאַרף זיך טאַקע צעוײַלן, ווײַל צווישן אונדז גערעדט, איז ער שוין ניט קיין יינגעלע און דאָס, וואָס דו קאָנסט מאַכן הײַנט, זאָלסטו, לעמאַנעשעם, ניט אָפּלייגן אויף מאָרגן!..

אייניקע באַפאָליער האָבן אַ טעווע צו זאָגן: מאָרגן זאָל זיך גאָט זאָרגן. צו שויעלן אָבער קער זיך עס ניט אָן. זינט ער קען זיך האָט ער אַ טעווע זיך צו זאָרגן צי פאָרן הײַנט, צי פאָרן מאָרגן.

ווען אין שטוב איז עטוואָס שטילער געוואָרן און אונדזער באַלסימכע האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען דעם אויפגעלעבטן גוטן־פרײַנט זײַנעם, זאַלמען דעם באָנדער, איז ער צוגעגאַנגען צו אים, אַרופגעלייגט אים די האַנט אויפן אַקסל און זיך אָנגערופן:

— גוט, ברודער־לעבן, וואָס דו ביסט געקומען. איך טראַכט, אַז אַליין פאָרן אַזוי ווײַט איז אַ ביסל שרעקלעך. סקיטשנע. עפּשער וועלן מיר ביידע פאָרן? זעסט, אויף צוויי מענטשן איז דאָס געווינס...

— איך וועל מיט דיר, שויעל, פאָרן אפילע אין עק וועלט. מיט גרויס פאַרגעניגן. אפילע איצט, באַלד! — האָט אַ צופרידענער געענטפערט דער באָנדער.

נאָר דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט די שכיינע כאַסיע, אַ קײַלעכיקע פרוי אין די יאָרן, וואָס האָט זיך ליב אומעטום אַרײַנמישן און האַקן טשײַניקעס.

— רעב זאַלמען! — האָט זי געזאָגט, — אַ היקעוואַטער וואָלט עס ניט אויסגערעדט פאַר קיין וואָך און אַ קרומער וואָלט עס ניט אויסגעטאַנצט פאַר אַ מעסלעס, וואָס איר האָט אַרויסגעבראַכט פאַר איין מינוט!.. וואָס זשע, קיין בילכערס פון אײַך איז שוין בא שויעלן נישטאָ? עס לעבט נאָך ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר זײַן פעסל, איז זי כאַשעווער פון צען באָנדערס... וואָס זאָגסטו, פעסל, איך בין גערעכט, צי ניט?..

פעסיע האָט זיך צעלאַכט און אַ קוק געטאָן צום מאַן:

— הער אויס, מײַן טײַערער שפּילפויגל, אויב דו וועסט זײַן אַזאַ כאָכעם, וועסטו בא מיר בלײַבן אינדערהיים מיט די קינדער, מיט דער באַלעבאַטישקייט און איך וועל פאָרן. איך און כאַסיע... ווי געפעלט ער אײַך, מײַן ברויטגעבער? איך בין שוין בא אים גאָרניט מיט נישט. ער וועט פאָרן קיין מאָסקווע מיט זאַלמען דעם באָנדער... זאַלמען איז טאַקע דײַנער אַ גוטער־ברודער מיט אַלע זיבעצן זאַכן, נאָר אויב עס גייט שוין אין פאָרן, בין איך, דאַכט מיר, בילכער. איך אַרבעט בא דיר אין שטוב, ווי אַ קנעכט, קאָך און וואַש, פיר די שטוב, קאָן איך זיך איין מאָל אין אַ פורים ניט פאַרגינען פאָרן מיט דיר? אינעם לאָטעריי־בילעט האָב איך אויך אַ שטיקל כיילעק...

אין שטוב איז געוואָרן אַ ראַש, דער אוילעם האָט געהאַלטן, אַז גראָדע אין דעם פאַל איז פעסיע טויזנט מאָל גערעכט און אויף דורכצומאַכן אַזאַ פײַנע רײַזע מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, איז דאָס ווײַב אַוואַדע בילכער!

און אַזוי איז געבליבן.

א טאָג האָט זיך אויסגעגעבן — אַן עמעסע צאַצקע!

ווען אַזעלכע טעג זאָגן כאַכאָמים: ווער עס וועט אין אַזאַ טאָג שטאַרבן, וועט שטאַרק כאַראַטע האָבן...

פון די סעדער האָט מען געפירט די זאַפטיקע עפל און באַרן, פון די באַשטאַנעס — געשמאַקע קאַווענעס. גאַנצע אַבאַזן מיט בורעקעס האָבן זיך געצויגן פון די אַרומיקע פעלדער צום צוקער־זאַוואָד, און אַרום האָט געוועלטיקט דער מעכײַעדיקער גערוך פון שעפע, פון רײַכקײַט, וואָס די מאַמעניו־ערד האָט אַרויסגעגעבן מיט דער ברייטער האַנט.

עס האָט שוין אָבער א ווייע געטאָן מיטן גאָלדענעם האַרבסט. פון די קאַשטאַנעס און קליאָנען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אָפּשיטן די מיד־געוואָרענע פונעם הייסן זומער בלעטער.

די בלומען אױף די בייטן, אין די סעדלעך און פאַליסאַדניקעס בא די הײַזער, האָבן זיך א קרים געטאָן, אַראָפּגעלאָזט נידעריקער די קעפּ, און די בינען האָבן זשעדנע געזויגן פון די בלומען די לעצטע טראָפּנס נעקטאַר, גלײַך ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט פאַרשפּעטיקן, אַנווערן דאָס ביסל זאַפט, וואָס האָט געוואַרט אױף זיי.

די זון האָט אָסיענדיק געשײַנט, נאָר שוין ניט געוואָרעמט אַזוי, ווי פריִער. און דאָך איז דאָס געווען פון יענע מעכײַעדיקע פאַרטאָגן, וועלכע פאַרגעדענקען זיך אױף לאַנג.

בא שויעלן אין שטוב זײַנען אַלע קינדער שוין געווען אויף. מע איז אַרומגעלאָפן און זיך באַמיט מיט וואָס נאָר מע קען העלפן די עלטערן גרייטן זיך אין ווײַטן און אומבאַוווּסטן וועג. מע האָט עס געטאָן אַן איבעריקן כיישעק, ווײַל מע האָט זיך נאָך ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי מע וועט דאָ בלײַבן אַליין, אָן טאַטע־מאַמע. מײַלע, דער טאַטע איז נאָך ווען־ניט־ווען אַרויסגעפאָרן פון באַפּאַליע, אױף א קורצער צײַט, דערצו נאָך, דאָ ניט ווײַט. נאָר איצט פאָרט ער אײנײנעם מיט דער מאַמען. קײנער פון די קינדער געדענקט ניט, די מאַמע זאָל אַרויספאָרן פון יענער זײַט שטעטל. זי איז שטענדיק געזעסן אין שטוב, טאָמיד געווען פאַרהאַוועט, פאַרטאָן, די ליכטיקע וועלט פאַר זיך ניט געזען און דאָ — אָט האָסטו דיר! זי פאָרט!..

שויעל און פעסיע האָבן זיך פאַרפּוצט אינעם שענסטן און בעסטן, ווי מע זאָל זיך קלײַבן אױף א כאַסענע. כאַסיע, די שכײנע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען בלײַבן אין שטוב מיט די קינדער אױף דער צײַט, וואָס פעסיע וועט דאָ ניט זײַן, איז אויך אַרומגעגאַנגען, ווי א פאַרטשאַדעטע. זי האָט ניט געוווּסט, צי די כעווריאַלײַט וועלן זי וועלן הערן, צי עס וועט זיי געפעלן דאָס, וואָס זי וועט זיי קאָכן, אָדער אָפּבאַקן. זי ווייסט גוט, וואָס פאַרא מאַזיקים זיי זײַנען און ווי שווער עס קומט אָן פעסיען אַרומגיין אַרום זיי. מײַלע, — האָט זי געטראַכט, — מיט די קלענערע קינדער וועט זי נאָך ווי־ניט־איז אויסקומען. ס'האָט זי געשראָקן דאָווידקע. דאָס איז ניט קיין ייִנגל, נאָר א ברען. א ווינט אין פעלד. ער איז ווי א יונג צעפּאָלאָכעט פערדל אָן א צײַמל. ער האָט אַפילע ניט מוירע פאַרן טאַטן, פאַר דער מאַמען — איז שוין אָפּגערעדט. א קלוגער, א שײנער, מיט א גאָלדענעם קאָפּ צום לערנען, נאָר ער קאָן ניט לײַדן, אַז מע זאָגט אים א קרום וואָרט, אַז מע וויל אים געבן עפּעס אָן אײַצע.

נאָך אַן אַנדער ברײרע האָט כאַסיע געהאַט? זי האָט זיך אונטערגענומען בלײַבן מיט די קינדער אין שטוב אױף דער צײַט, וואָס פעסיע וועט דאָ ניט זײַן, וועט זי אַוואַדע ניט כאַפּן צוריק.

דער אײנציקער גרינער אווטאָבוס, גרויס, ווי א גענעץ, וואָס גייט שוין א לענגערע צײַט פון באַפּאַליע ביז דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, האָט זיך ניט געפוילט, און כאָטש זײַן וועג איז מיט דער גלאַוונער גאַס פון באַפּאַליע, האָט ער פאַרקערעוועט צום זײַטיקן געסל, זיך אָפּגעשטעלט לעבן שויעלס שטוב, איבערשרעקנדיק די טשאַטשע גענדז און הינער, וועלכע האָבן אומשפּאַצירט איבערן שטויביקן שליאַך. יאַנקל דער לאַנגער, וואָס האָט געשעמט אין באַפּאַליע, ווי א פּאַטאָמסטווענער באַלעגאָלע און איז צוריק מיט א צײַט געוואָרן א קאָנדוקטאָר אױפן אײנציקן באַפּאַליער אווטאָבוס, איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם טרעפּל, פאַריכט אױפן אַקסל דעם בײַטל מיט די בילעטן, אָנגעקלאַפּט אין טיר און מיט זײַן גראָבן עטוואָס הײזעריקן באַס א ברום געטאָן:

— הײ, באַלעבאַטים! איר קענט זיך רירן א ביסל גיכער? וואָס מײנט איר, די באַן וועט אױף אײַך וואַרטן? אויב איר ווילט ניט בלײַבן מיטן בײַטשל, איז האַדיע, נעמט די זאַכן, און הײַדאַ, זעצט זיך אַרײַן, וועלן מיר פאָרן!

דערהערט די באַקאַנטע שטים, האָט שויעל אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, באַטראַכט דעם געװעזענעם באַלעגאָלע און איצטיקן קאָנדוקטאָר פון קאָפּ ביז פיס, זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— שטילער א ביסל, יאַנקל! פונוואַנען נעמסטו עס, אַז מיר מײנען, די באַן וועט אױף אונדז וואַרטן? ווער עס מײנט אַזוי, זאָל זיך דעם זעצן א מאַקע אױף דער צונג!.. אָט גייען מיר שוין. נאָך

אַ מינוטקעלע, און מיר פֿאָרן... האָסט געטאָן, ווי אַ כאַכעם, וואָס דו ביסט געקומען צו דער סאַמע צײַט.

אָפּגעזעגנט זיך אפגיך מיט די קינדער, מיט כאַסיען און געזומען דעם גרויסן לאָזע־קויש, ווו עס זײַנען געווען אײַנגעפּאַקעוועט די וועג־זאַכן, האָט שויעל אַ ווונק געטאָן צום ווײַב און מע האָט זיך געלאָזט צו דעם פֿאַרשטויבטן אווטאָבוס, אַרום וועלכן עס זײַנען שוין געשטאַנען די שכיינים און שכיינעס, די פֿאַרשײַטע כעווריײַע פֿונעם געסל. יעדער איינער האָט עפּעס געוואָלט אָנזאָגן אַפֿן וועג די געהויבענע פּאַסאַזשירן, נאָר דער לאַנגער יאַנקל האָט פֿאַרמאַכט דאָס טירל פֿון אווטאָבוס, אַ טאָרע געטאָן דעם שאָפֿער אין דער פּלײצע און אויסגעשריגן אַף אַ קאָל, אַזוי ווי ער פֿלעג, ניט הײַנט געדאַכט, שרײַען אַף זײַנע פֿערד:

— הײַדאַ, פֿעדיע, טרײַב דײַן קאָבילע אַזוי, אַז פֿונקען זאָלן פֿלײַען פֿון אונטער די קאָפּיטעס!..

און דער אווטאָבוס איז געפֿלויגן, אופֿהייבנדיק מוירעדיקע כמאַרעס שטויב, די פֿענצטער האָבן געציטערט.

מע וואָלט גראַדע געקליבן פֿאַרגעניגן אַ קוק טאָן אין דער צײַט אַף פּעסיען, וועלכע איז געזעסן אַ פֿאַרפּוצטע, אײנגעאַנצן אַ געענדערטע, עטוואָס אַן איבערגעשראָקענע. זי איז, נעבעך, דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעפֿאָרן פֿון באַפּאָליע אַזוי ווײַט, איבערגעלאָזט די שטוב מיט קינדער און זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, וויאַזוי די שכיינע כאַסיע וועט זיך ספּראַווען מיט אַלע שטוב־איניאָנים. הער נאָר אַ מײַסע, עס האָט זיך פּעסיען אַפֿילע ניט געכאָלעמט אַזאַ פֿלוצעמדיקע רײַזע. זיך געזעסן אין שטוב שאַ־שטיל, געווען שטענדיק פֿאַרטאָן, פֿאַרהאַוועט, געשטאַנען באַם אויוון, געקאָכט, געוואַשן, גענייט, געלאַטעט, און אַט האָסטו דיר — אין וועג אַרײַן!

געדעכט איז טאַקע געווען יאַנקל דער לאַנגער, דער קאָנדוקטאָר. מע האָט טאַקע שיר ניט פֿאַרשפּעטיקט צום צוג. אינמיטן וועג האָט זיך דער אווטאָבוס פֿלוצעם אָפּגעשטעלט — ניט אַהין, ניט אַהער, — און כאָטש גיב אים אַכצן קרענק, האָט ער ניט געוואָלט פֿאָרן. דער שאָפֿער און דער קאָנדוקטאָר האָבן זיך געגריבלט אינעם מאָטאָר, עפּעס געדרייט, געקלאַפּט, זיך געזידלט מיט די לעצטע ווערטער. די פּאַסאַזשירן זײַנען קוים אײַנגעזעסן אַף די ערטער, זיך שוין געוואָלט לאָזן גיין צופֿוס, נאָר דאָך האָט צום סאָף דער מאָטאָר אַ ציטער געטאָן, זיך צערעוועט אַף אַ קאָל, גלײַך מע זאָל אים קוילען, און אופֿגעלעבט געוואָרן:

— ניט געזאָרגט, קינדערלעך, הײַדאַ, מע פֿאָרט! — האָט זיך צעשײַנט דער קאָנדוקטאָר, און דער אווטאָבוס האָט גענומען יאָגן פֿריילעכער.

יאָ, איצט האָט שויעל שוין פֿאַרשטאַנען, אַז געדעכט איז טאַקע געווען יאַנקל דער לאַנגער. ווי מע איז נאָר אָנגעקומען אַפֿן קליינעם וואָקזאַל, האָט זיך באַלד דערהערט דער צווייטער קלונג, און דער אוילעם פּאַסאַזשירן האָבן ניט טויט, ניט לעבעדיק געכאַפּט זייערע זאַכן און זיך געלאָזט לויפֿן צו די וואַגאָנען.

שויעל מיט פּעסיען האָבן זיך אופֿגעהויבן אַף די הויכע טרעפּלעך, אַרײַן אין אַ שיינעם, ווייכן וואַגאָן, זיך אַ שפּיגל געטאָן אין אַ גרויסן שפּיגל, געוואָרפֿן דעם בליק אַף די ווייכע פּאָליצעס, אַף דער ציכטיקײַט פֿונעם וואַגאָן, און פּעסיע האָט מאַמעש געשײַנט. זי האָט אַפֿילע ניט געוואַגט זיך צוזעצן אַף אַזאַ ווייכן, ציכטיקן דיוואַן.

— הערסט, שויעל, איך קאָן שווערן, אַז אין אַזעלכע וואַגאָנען איז אַמאָליקע יאָרן געפֿאָרן דער קייסער מיט זײַן סוויטע... — האָט פּעסיע שטילערהייט זיך אָנגערופֿן.

— אַוואַדע... און זאָג מיר נאָר, טײַערינקע מײַנע, מיט וואָס ביסטו איצט ניט קיין קייסערינ־יע באַ מיר? דו מעגסט זיך פּיקן, ווי באַ זיך אינדערהיים... באַ מיר ביסטו ניט ערגער פֿון אַ קייסערי־ניע... — האָט שויעל אָפּגעענטפֿערט און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ווייכער פּאָליצע.

דער גלאָק פֿון יענער זײַט וואַגאָן האָט זיך ווידער צעקלונגען, און דער צוג האָט גערירט פֿון אָרט.

ער האָט גענומען גיין אַלץ שנעלער און שנעלער, און אײנגיכן אָנגעהויבן יאָגן, ווי הונדערט רוכעס וואָלטן אים אונטערגעטריבן. שויעל און פּעסיע זײַנען צוגעזאָטן געוואָרן צום פֿענצטער, אײַנגעקוקט זיך ווי פֿאַרקישעפֿטע אין דער אַרומיקער שיינקײַט. דער קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן דרייען פֿון די לויפֿנדיקע פֿעלדער, וועלדלעך, טעלעגראַף־סלופּעס, פּאָלוסטאַנקעס, וועלכע האָבן זיך דורכ־געטראָגן פֿאַר די אויגן.

— דער רועך זאָל עס נעמען, — האָט זיך פּעסיע אָנגערופֿן, — שטייסט אַף אַ גאַנץ לעבן באַם אויוון און זעסט ניט, ווי שיין די וועלט איז...

— נישקאָשע, דאָס איז ערשט אַן אָנהייב. וועסט זען, וואָס פֿאַר אַ שיינקײַט עס וועט זײַן שפּעטער... אַז מיר וועלן קומען אַף אָן אָרט...

— ווען עמעצער שטייט בא דער זײַט, שויעל, און הערט דײַנע רייד, וואָלט ער געמיינט, אַז דו ביסט שוין אויסגעוועזן כּמעט אַ האַלבע וועלט. איז אָבער אַ סוואָרע, אַז ווײַטער פֿון באַפּאָליע ביסטו אויך ניט אַרויסגעפֿאָרן...

— וואָס רעדסטו, נאַכעס מײַנער? איך בין דאָך געוועזן אויף דער מילכאָמע...

— איך ווייס, אַז דו ביסט געוועזן אויף דער מילכאָמע, נאָר אויף דער מילכאָמע ביסטו געגאַנגען צופוס, ניט געהאַט קיין צײַט זיך אַרומקוקן, און דאָ פֿירט מען דיך אין אַזאַ גרויסאַרטיקן צוג...

ער איז אויף אַ פּאָר מינוט שטיל געוואָרן, זיך פֿאַרטראַכט און אַ קוק געטאָן אויפֿן ווײַב, אַ גלעט געגעבן זי איבער דער פּלייצע:

— עך, דער רוען זאָל דאָס נעמען, פּעסיע־לעבן, הייסט עס, פֿאָרן מיר!

— וואָדען, מיר גייען, כאָלילע, צופוס? אַוואַדע פֿאָרן מיר...

— עס האָט זיך דיר אַמאָל אַזוינס געכאָלעמט, אַז מיר וועלן פֿאָרן, ווי די פּריצים?

— סע וואָלט זיך מיר גיכער געכאָלעמט אַ מיסע־מעשונע אויף מײַנע סאָנימס קעפּ! — האָט זי אָפּגעענטפֿערט און פֿאַריכט מיט דער האַנט אירע שוואַרצע געדיכטע האָר, וועלכע זײַנען שוין געווען אַ ביסל איבערגעשאָטן מיט זילבער, — איך מיין, אַז נאָך אַזאַ יאָזדע איז שוין ניט שרעקלעך אַפּילע צו שטאַרבן...

— וואָס רעדסטו, נאַרישע? בײַס דיר אָפּ די צונג! זאָלן אונדזערע סאָנים שטאַרבן. לעבן דאַרף מען! ערשט איצט דאַרף מען לעבן, אַלע סאָנים אויף צעפּיקעניש!..

— זע נאָר, שויעל, סאַראַ שיינע וועלדער לעבן יענע בערג, דו ביסט עפּעס אַ מיוון?

— אַוואַדע אַ מיוון!.. וואָס איז שײַעך צו ריידן, דער אייבערשטער האָט צוגעטראַכט ניט קיין מיעס וועלטל. אַזאַ יאָר אויף מיר און אויף אונדז ביידן!..

— זאָג מיר, טײַערער, פֿאַר ניקאָלקעס צײַטן זײַנען דאָ אויך געווען אַזעלכע שיינע וועלדער?

— צאַרעס זײַנען געווען בא ניקאָלקען! טורמעס און קאַזעמאַטן... און אַז עס זײַנען געווען אַזעלכע וועלדער, האָט זיי דען דער פּראָסטער באַלמעלאָכע געזען? ווי לאַנג קרענקט ער, דײַן מי־קאָלקע!..

— פֿאַרוואָס עפּעס מײַנער? — האָט פּעסיע באַרויגעט אַ קוק געטאָן אויפֿן מאַן, — איך האָב אים דעמלט געדאַרפֿט האָבן אויף קאַפּאָרעס און האָב אים איצט אַוואַדע טיף־טיף אין דער ערד...

זי האָט זיך געוואָלט אָנשפּאַרן אויפֿן קישעלע, נאָר מוירע געהאַט, זי זאָל עס ניט צעקנייטשן, און שויעל האָט מיט גאַדלעס געזאָגט:

— שפּאַר זיך צו, שעם זיך ניט. פֿיל זיך, ווי בא זיך אינדערהיים!

זי האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אויף דער ווייכער פּאָלקע, איר פֿאַרברוינט פּאָנעם, וואָס האָט פֿאַרהיט אויף שטענדיק סימאָנים פֿון געוועזענער שיינקײַט און כיינעוודיקײַט, האָט אַ שײַן געטאָן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— יאָ, די בורזשואַזיע האָט געוווּסט, וואָס גוט הייסט, אַ בראַנד אין זיי!

— אַ שיין וועלטעלע אַרום אונדז! — האָט שויעל איבערגעכאַזערט, קוקנדיק אין פֿענצטער, — עס וואָלט געווען נאָך שענער און בעסער, ווען מע וואָלט אַ סאָך געמאַכט צו אונדזערע סאָנים, וואָס קוקן אויף אונדזער מעדינע, ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע, און שאַרפֿן אויף אונדז די ציינער...

און ער האָט שטילערהייט אָנגעהויבן אונטערברומען אַ ניגנדל, וואָס האָט זיך צו אים שוין לאַנג צוגעטשעפּעט, ווען ס'איז אים געווען גוט אויפֿן האַרצן:

אוי, דו, לעוואָנע,
אַז דו זאָלסט עס טאָן,
אַז דו זאָלסט זײַן שיקער,
דאָס שטייט מיר ניט אָן.
איך גיי רעכטס און לינקס
איך טרעף ניט מײַן הויז,
גאַס, דו ביסט שיקער,
דאָס זע איך אַרויס!..

דאָס ווײַב האָט אויף אים אַ קוק געטאָן קרום, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אָט האָסטו דיר! די צווייטע טעג יאָמטעוו! אַ קאָנצערט אינמיטן דער ראָשטשינע. און דו שעמסט זיך ניט?.. — האָט זי אַ ווונק געטאָן אויפֿן וועגטל. — דאָרטן זיצן דאָך פּאַסאַזשירן. זיי וועלן דערהערן, ווי דו זינגסט, וועלן זיי מיינען, אַז דו ביסט שיקער, צי מעשוגע...

— ווער ווועט אַזוי מיינען, נאַרישע? — האָט ער איבערגעשלאָגן, — וואָס זשע, אַז מע זינגט זיך אונטער, איז מען, כאָלילע, מעשוגע? מע דאַרף וויינען, אַז ס'איז גוט אויפֿן האַרצן?!

— וואָס איז דיר אַזוי לעבעדיק אויפֿן האַרצן, שויעל?

— און דיר איז אפֿן האַרצן אומעטיק? זע נאָר, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן לאָזן מיר זיך דורך אַ נעס אין אַזאַ רײַזע, און דו ביסט נאָך ניט צופֿרידן. אײַ, ווײַבער, ווײַבער! שמײַסן דאַרף מען אײַך! ניט אומזיסט האָט אײַך ניט ליב געהאַט שלוימע המלך...

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ער האָט זיי ניט ליב געהאַט? — האָט פֿאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן פּעסיע אַפֿן מאַן. — מע זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע ווײַבער... אַ גאַנצע טשערעדע, אַ גאַנצן זשענאַטדיעל...

— נו, האָט ער זיי געקאָנט פֿירן אין אַזאַ וואַגאָן, ווי איך פֿיר דיך?

— דעמלט זײַנען נאָך, זאָגט מען, קיין צוגן ניט געווען, ווי זשע האָט ער די קליפּעס געקענט פֿירן?..

— מינאַסטאַמע האָט ער זיי געפֿירט אויף אייזלען, אויף קעמלען... נאָר זיי האָבן ניט געקוקט אויפֿן מיילעך אַזוי קרום, ווי דו קוקסט אויף מיר.

— וואָס זשע, דו גלײַכסט זיך צו שלוימע המלכן? ווען ער איז געווען אַ מיילעך אַ כאַכעם...

— פֿונוואַנען האָסטו דאָס גענומען, פּעסיע?

— דו האָסט עס מיר אַליין אַמאָל דערציילט... האָסט שוין פֿאַרגעסן?

— כאַפּט אים דער ניט־גוטער, — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט שויעל, — וואָס־וואָס, נאָר מיר פֿאָרן!..

— אַוואַדע פֿאָרן מיר, נאָר וואָס וועט זײַן, ווען מיר וועלן קומען קיין מאָסקווע? אַזאַ גרויסע שטאָט. ווו וועלן מיר זיך דאָרט אַהינטאָן, ווו וועלן מיר אַ נאַכט איבערנעכטיקן?

— וואָס רעדסטו, נאַרישע! מיר פֿאָרן דען אַהין, ווי ניט־געבעטענע געסט? מע קער שוין דאָרט אויף אונדז וואַרטן!..

פּעסיע האָט זיך צעלאַכט:

— ווער וועט דאָרטן אויף דיר וואַרטן? וואָס זשע, מאָסקווע האָט שוין ניט וואָס צו טאָן? אָט זיצן זיי, און קוקן אַרויס אויף דיר...

— נו, מײַן טײַערע, איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז מיט דיר פֿאָרן, וועסטו מיר דערגיין אין וועג די יאָר. דאָ שטיי ניט, און דאָ גיי ניט, דאָרט ליג ניט, און דאָ זינג ניט... עך, געוווען געדאַרפֿט מיטנעמען זאַלמענען דעם באָנדער. עס וואָלט מיר געווען פֿרייל עכער אויף דער נעשאָמע... אַז איך וועל נאָכאַמאָל געווינען אַ רײַזע איבער דער וועלט, וועל איך שוין וויסן, וואָס איך האָב צו טאָן. איך וועל נעמען זאַלמענען מיט זיך.

— יאָ, איך שטעל זיך פֿאָר, סאָראַ פּאָנעם איר וואָלט געהאַט אין דער וועלט. מע וואָלט פֿון אײַך געלאַכט, זיך געהאַלטן פֿאַר די זײַטן...

— עפּעס אַ מאָדנע זאַך, — האָט שויעל געזאָגט, — קומסטו אַרײַן צו אַ פֿרעמד ווײַבל, נעמט זי דיך אויף בעקאָוועד־גאָדל, באַזעצט דיך אויבנאָן, זאָגט דיר: „רוט זיך אָפּ, טרינקט אַ גלעזל טיי מיט אײַנגעמאַכטס, נעמט אַ שטיקל לעקעך, עפּשער אַ גלעזעלע מאַשקע, דערציילט עפּעס...” קומסטו אַרײַן צו דײַן קליפּע, הייבט זי דיך אָן בענטשן: „אַ כוואָראָבע אויף מײַנע סאָנים, גיי טראָג אַרײַן וואַסער פֿון דער קרענעצע, האַק אָן האָלץ, טראָג אַרויס דעם צעבער, האָדעווע אָן די גענדז, שייל אָן קאַרטאָפֿליעס, הייץ אײַן אין הרובע...” אַ שיין מאַזל האָבן מיר בײַ אײַך, ווײַבער! וואָס זשע, איך בין ניט גערעכט? באַם גאַנצן שטעטל האָב איך קאָוועד, און בײַ דיר? פּעסיע, עפּשער וואָלסטו געווען אַ כאַכאָמע און בעסער צעעפֿנט דײַן קאָשעק, מיר זאָלן עפּעס נעמען אין מויל? מיר זײַנען פֿון נעכטן אָן געווען אַזוי צערודערט מיטן גרייטן זיך צו דער יאַזדע, אַז מיר האָבן, דאַכט זיך, אין עסן פֿאַרגעסן...

— מיטן גרעסטן קאָוועד! באַלד וועל איך צוגרייטן. עמעס, פֿאַר דײַנע רייד וואָלט איך עס ניט געווען געדאַרפֿט טאָן. זאָל דיר דײַן טײַערער זאַלמען דער באָנדער גרייטן עסן...

— וואָס זשע מיינסטו? ווען ער פֿאָרט מיט מיר, וואָלט ער נאָך פֿאַרכאַפּט מיט זיך אַ „מערזאַווטשיק” אויך. מיט אים וואָלט מיר געווען פֿרייל עכער...

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט פּעסיע זיך צעבייזערט אין שפּאַס, — זײַ אַזוי גוט און שטעל אָפּ דעם צוג, וועל איך זיך אומקערן אַהיים און נעם דיר אין וועג דײַן באָנדער...

זי האָט געעפֿנט די וואַליזקע, אַרויסגענומען פֿון דאָרטן וואָס זי האָט מיט זיך פֿאַרכאַפּט און אַ ווונק געטאָן צו שויעלן:

— זעץ זיך צו צום טישל און רעד ניט קיין נאַרישקייטן, בײַס איבער, וואָס גאָט האָט געגעבן, וועט דײַן כאַראַקטער ווערן ווייכער.

ער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, איז שויעל צוגעוואַקסן געוואָרן צום פֿענצטער און געקוקט אויף די טומלדיקע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט לויפֿן צו די וואַגאָנען. וווּהין אײַלן זיי אַזוי שטאַרק? וווּהין פֿאָרט מען? וווּהין יאָגט מען? נו, ער מיטן ווײַב האָבן אַרויסגע־

צויגן אַ געווינס, אַ רײַזע קיין מאָסקווע, נאָר וווּהין טראָגט עס אַזויפיל מענטשן? געשיקט זיך, אַז זיי האָבן אויך געוווּנען אַ רײַזע אַהין, ווו ער?

ער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן טראַכטן, צו וועמען און וווּהין זיי וועלן אין אַזאַ ריזיקער שטאָט זיך ווענדן, ווען מע וועט זיך אַהין דערקלײַבן. נאָר עס איז אים דאָך געקומען אַ געדאַנק, אַז יענע, וועלכע האָבן אים אַרויסגערופן, וועלן אים באַגעגענען און זאָגן וואָס און ווען.

נאָר אָן אַ שיר געדאַנקען זײַנען אים געקומען אין קאָפּ, און ער האָט דערפילט נאָכן עסן עפּעס אַ שטאַרקע מידקײַט און באַטראַכט, אַז עס איז שוין צײַט זיך לייגן שלאָפן. און מאָרגן? מאָרגן זאָל זיך גאָט זאָרגן!

אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז ער שוין געשמאַק געשלאָפן, און פּעסיע האָט אים פון מאָל צו מאָל אַ טאָרע געטאָן, ער זאָל ניט ריידן פון שלאָף, ער זאָל האָבן גאָט אין האַרצן, ווײַל ער קאָן נאָך, כאַליִלע, אויפוועקן די מענטשן פון דער שכיינעסדיקער קופּע.

צי דערפאַר, וואָס ער האָט געטראַכט אַ סאַך וועגן זײַן רײַזע, צי דערפאַר, וואָס, נאָך זײַענדיק אינדערהיים, האָט זאַלמען דער באָנדער אין שפּאַס אים פאַרגעזאָגט, מיט וואָס פאַר אַ פּאָמפּע מע וועט אים און פּעסיען באַגעגענען אין שטאָט, וואָס פאַר אַ קאַבאַלעס-פּאָנעם מע וועט זיי אײַנאָרדענען, — שויעל איז געלעגן ווי אַ ניי-געבוירענער, די קלאַפּנדיקע רעדער האָבן אים גוט אײַנגעוויגט, און עס האָט זיך אים געכאָלעמט:

...דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, די פּאַסאַזשירן האָבן געכאַפּט זייערע זאַכן און זיך געלאָזט צום בײַוואָקזאַל-פּלאַץ. אַרום האָבן זיך צעשײַנט די פּילשטאָקיקע מויערן פון דער הויפּט-שטאָט. אַ טומל, אַ ראַש. אין דעם טומל און שטופּעניש האָט שויעל פאַרלאָרן דאָס ווײַב, שטייט אַ דערשיטער-טער, קוקט זיך אַרום, זוכט זי און קאָן זי ניט געפינען. פּלוצעם דערהערט ער אַ געקנאַל פון טרומייטן. עס אַרבעט אַף אַלע קיילים אַ קאַפּעלע קלעזמער — אַ מיליטערישער אָרקעסטער. לענגויס דעם וואָק-זאַל שטייט אַ לאַנגע ריי סאָלדאַטן, ווי אַף אַ פּאַראַד, און צו שויעלן לאָזט זיך גיין מיט אַ שטאָלצן טראָט סעמיאָן מיכײַלאָוויטש בודיאָני. ער האָט אים גלײַך דערקענט לויט די בונטע פאַרדרייטע אַף אַרוף וואָנצעס. שויעל שטייט אַ צעטומלטער און ווייסט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. וואָס שפּילט אַזוי שטאַרק דער מיליטערישער אָרקעסטער? וואָס פאַר אַ יאָמטעוו? און וואָס גייט צו אים אַנטקעגן בור-דיאָני? נאָר בודיאָני קוקט אַף אים, שמייכלט געשמאַק אין די וואָנצעס, שטרעקט אים אויס די האַנט און רופט זיך אָן:

— וואָס זשע, רויטאַרמייער מאַזור, האָסט שוין פאַרגעסן, אַז דו האָסט געדינט בײַ מיר אין אַרמיי, ווען מיר זײַנען געגאַן אַף וואַרשע אין צוואַנציקסטן? דו האָסט זיך געטרײַ געשלאָגן מיט דער קאָנטרע און איך האָב דיר דעמלט פאַרשריבן אין צעטל, צוגעשטעלט, מע זאָל דיך באַלוינען מיט אַן אָרדען פון דער רויטער שלאַכט-פאָן? נאָר לעבן בערעסטעטשקאָ אין שלאַכט ביסטו פאַרוווּנדעט גע-וואָרן, מע האָט דיך אַרויסגעטראָגן פון אונטערן פײַער און אָפּגעפירט אין לאַזאַרעט. אַנטשולדיק אונדז, בעטן מיר דיך. פאַרשטייסט דאָך, אַז בײַס אַ שלאַכט קאָן מען ניט אין זינען האָבן יעדן סאָלדאַט, מיר האָבן ניט געוווּסט, צי ביסטו געבליבן לעבן, צי ניט, און מיר האָבן דיר ניט געקאָנט איבערגעבן דעם אָרדען. און אָט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דו לעבסט אין באַפּאַליע, ביסט געזונט און שטאַרק און האָסט געוווּנען אַף אַ לאָטעריי-בילעט אַ רײַזע קיין מאָסקווע. ווילן מיר דיר טאַקע הײַנט איבער-געבן דײַן אָרדען. איז זײַ אַזוי גוט און זעץ זיך מיט מיר אין דער מאַשין, וועלן מיר פאָרן אין קרעמל צום כאַווער קאַלינין, און ער, דער אַלפאַרבאַנדישער סטאַראָסטע, וועט דיך באַגריסן...

— יאָ, כאַווער בודיאָני, אַ גרויסן דאַנק, וואָס איר האָט אין מיר ניט פאַרגעסן און מיך אַזוי וואַרעם באַגעגנט, נאָר איך בין אַהער געקומען מיט מײַן ווײַב פּעסיען...

— זייער גוט! — האָט זיך אָנגערופן דער קאָמאַנדאַרם, — בעט זי אויך אַרײַן צו אונדז אין מאַשין...

און שויעל דער זיפּנמאַכער מיט דער פּלוינעסטע זעצן זיך אַרײַן אין אַ שיינעם אווטאָמאָביל און מע טראָגט זיך איבער דער שטאָט צום קרעמל...

אין עטלעכע מינוט אַרום קומט מען צו אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ, מע הייבט זיך אויף אַף מירמלנע טרעפּ, און אַף דער שוועל פון אַ גרויסן זאַל, באַפּוצט פונעם פּאָל ביז דער סטעליע מיט גאָלד, שטייט מיט זײַן וווּנדערלעכן שמייכעלע דער כאַווער קאַלינין. דערזען דעם זיפּנמאַכער, לאָזט ער זיך צו אים אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט...

און גראַדע דאָ, ווען דער כאָלעם איז שוין געגאַן צום סאָף, האָט שויעל דערפילט, ווי עמעצער טאָרעט אים פונעם שלאָף. דערשראָקן אופגעעפנט די אויגן, האָט ער דערזען לעבן זיך דאָס ווײַב, זי האָט געלאַכט פון אים און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זאָג מיר נאָר, באַלטאַכלעס, וואָס שרײַסטו אַזוי פון שלאָף? ווו האָסטו געזען בודיאָנין און קאַלינינען? וואָס פאַר אַן אָרדען? וואָס פּלאַפּלסטו?..

שויעל האָט זיך פאַרלוירן, זיך אופגעהויבן פון דער פאַלקע און גענומען אויסווישן מיט די קולעקעס די אויגן.

פון יענער זײַט פענצטער איז שוין געווען גרויסער פרימאָרגן. די זון האָט שוין אַרײַנגעקוקט און אין אַלע וואַגאָן־קופּעען האָט זיך אָנגעהויבן א גערודער. אין די פענצטער האָבן זיך באַוויזן הויכע מויערן. דאָס האָט באַטײַט, אַז אָט־אָט פאָרט מען שוין אַרײַן אין מאָסקווע. באַלד וועט זיך באַווײַזן דער וואָקזאַל, און מע דאַרף זיך וואָס גיכער גרייטן פאַרלאָזן די פײַנע קופּע מיט די גרויסאַרטיקע ווייכע דיוואַנען.

שויעל און פּעסיע האָבן זיך גיך אָנגעהויבן אָנטאָן, צונויפנעמען די זאַכן. ביידע האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, וווהין זיי דאַרפן איצט זיך לאָזן גיין און צו וועמען.

כאָטש שויעלן האָט עס געמאַטערט שטאַרקער פון דער פּלוינעסטע, נאָר ער האָט זיך באַמיט ניט אַרויסווײַזן פאַר איר זײַן אומרו.

— נישקאָשע, פּעסיע־לעבן, — האָט ער צו איר געזאָגט, — מע האָט אונדז אַרויסגערופן, טאָ זאָלן זיי זיך זאָרגן! וואָס זשע מיינסטו, דאָס איז עפּעס א שפּילעכל? דו שטייסט אין מאַרק לעבן א קאַטערינשטשיק מיט א פּאַפּוגײַ, שלעפּסט אַרויס א קוויטל פאַר צוואַנציק קאָפּיקעס, א געווינס, הייסט עס, צעוויקלסט דאָס פּאַפּירל און זעסט פאַר זיך א פּוסטן נומער? דאָ איז בא אונדז אַן עמעסע לאָטערייע פון אַסאַאַוויאַכים. דאָ מאַכט מען זיך ניט נאַריש. ס׳איז א גאָסודאַרסטווענע זאַך. האָסטו געוווּנען -- וועט עס זײַן ראַיעל און ערלעך...

— נו, פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן...

קאַפּיטל עלף

אונטערן הימל פון מאָסקווע

אַן אומגעהויערע מענטשן־כוואַליע האָט אונטערגעכאַפּט דאָס באַפּאַליער פאַרפאַלק און עס געטראָגן צו דער הויכער געבײַדע פונעם וואָקזאַל. די געשרייען, דאָס געלעכטער פון די מענטשן האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די הודאָקן פון לאָקאָמאָטיוון, מע האָט פונעם טומל געקענט טויב ווערן.

אַלע שטופּן זיך, יאָגן איבער איינער דעם אַנדערן, אײַלן זיך, ווי מע וואָלט מוירע ערגעץ פאַרשפּעטיקן.

פּעסיע האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט אין שויעלס אַרבל, קעדיי זי זאָל זיך ניט פאַרלירן אין דעם האַרמידער. נאָר דאָס פעלט איר אויס — פאַרלירן דעם מאַן און בלײַבן אין דער פרעמדער ראַשיקער שטאָט ניט אַהער און ניט אַהין.

זי ווייסט, אַז איר שויעל פילט זיך אויך איצט גאַנץ צעטומלט און פאַרלוירן, נאָר אַף אים זעט מען עס ניט אַף אַזויפיל אָן, ווי אַף איר. דערצו טומלט איר נאָך אַלץ אין קאָפּ די קלאַפּערײַ פון די רעלסן, דאָס סקריפּען פונעם וואַגאָן, מיט וועלכן עס האָט די גאַנצע נאַכט געמאָרדעוועט, ווי אין א קאַדאָכעס און זי האָט ניט געקאָנט צומאַכן אַן אויג, מוירע האָבנדיק, אַז דער צוג קאָן, כאָלילע, אַראָפּ פון די רעלסן, און דו וועסט דערבײַ האָבן א שיין פּאָנעם...

זי האָט דערצו די גאַנצע צײַט איבערגעטראַכט, ווי וועט די שכיינע כאַסיע זיך געבן אַן אייצע מיט די כעווערלײַט, און צי וועט יענע ניט פאַרגעסן אַרײַנטרײַבן די הינער אַף דער סידעלקע, אָנשיטן עסן די עטלעכע גראַגערס — גענדז און פאַרטרײַבן אַהיים די קאַטשקעס פונעם ברעג טײַך... יאָ, איבערגעלאָזט א שטוב מיט קינדער און די באַלעבאַטישקײַט אַף העפקער און זיך געלאָזט אין וועג.

אין דער ענגשאַפט, אינעם טומל האָט זיך שויעל מאַזור אויך ניט געפילט גאָר פריילעך. כאָטש ער האָט זיך אין וואַגאָן גאַנץ פײַן אויסגעשלאָפן.

נאָר ווען עס האָט אים אַרײַנגעטראָגן אינעם גרויסן, הויכן זאַל פונעם וואָקזאַל, וואָס האָט א ביסל דערמאָנט אין א קלויסטער, מיט די געפאַרבטע ווענט און בלישטשענדיקע ליוסטרעס, האָט ער עטוואָס איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און, באַגעגענענדיק זיך מיטן ווײַבס פאַרלוירענעם בליק, א שמייכל געטאָן:

— ניט געזאָרגט, מײַן טײַערע... דעריקער, וואָס מיר זײַנען שוין, גאָט צו דאַנקען, אַף אָן אָרט. איצט וועט זײַן גרינגער...

— זאָל איך אַזוי וויסן פון א בייזער וועטשערע, ווי איך ווייס, צוליב וואָס מיר האָבן זיך געשלעפּט אַהער און ווער וואָרט דאָ אַף אונדז...

— ע, פּעסיע, דאָס געפֿעלט מיר ניט. יאַקאָס וועלן מיר זיך דערוויסן, וואָס מיר האָבן איצט צו טאָן, און עס וועט זײַן גוט!

— אוואַדע, בײַ דיר איז שטענדיק גוט. אַפֿילע, ווען עס איז שלעכט און ביטער, איז בײַ דיר גוט... — און זי האָט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ צוגעגעבן: — ווייסט, שויעל, וואָס איך וואָלט דיר זאָגן? ווען מע קאָן קויפֿן בילעטן, וואָלט איך גלײַך אַוועקגעפֿאָרן צוריק אַהיים...

שויעל האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט אויף אַזאַ קאָל, אַז די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט, האָבן אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי אויף אַ צעדרייטן.

— אוי, מײַן טײַערע, — האָט ער דערנאָך פּעסיען געזאָגט, — דו ביסט דאָך שוין ענלעך אויף אונדזער אַפּטייקער לאַנצמאַנען. ער האָט זיך אַמאָל געלאָזט גיין צופֿוס קיין זווענגאָראָדקע, און ווען מע האָט אים געפֿרעגט, צוליב וואָס ער שלעפּט זיך אַזאַ ווײַטן וועג, האָט ער געענטפֿערט: „איך גיי קיין זווענגאָראָדקע אויפֿן יאַריד, עפּשער וועל איך דאָרטן קריגן אַ פֿור צוריק אַהיים". אַזוי איז אויך מיט דיר, פּעסיע...

צווישן גערויש און טומל האָט זיך פֿלוצעם צעטראָגן די שטים פֿון ראַדיאָ. עמעצער האָט געמאָלדן, אַז אין צען מינוט אַרום גייט אָפּ פֿון דער זיבעטער ליניע דער צוג אויף לענינגראַד... און נאָך האָט מען געמאָלדן אין ראַדיאָ — אַז מע בעט די צוויי יינגעלעך וואַסיע און קאָליע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פֿון דער מוטער, צוגיין צום נאַטשאַלניק פֿון וואָקזאַל, ווײַל דאָרטן וואַרט אויף זיי די מוטער... די זעלבע שטים האָט אויסגערופֿן, אַז יענע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן אויף די לאָטעריי־בילעטן אויסגעשפּילט אַ רײַזע קיין מאָסקווע, בעט מען צוגיין צו דעם אַרויסגאַנג פֿון וואָקזאַל... דאָרטן וואַרט אויף זיי אַ דעזשורנע...

בײַ שויעלן איז געוואָרן ליכטיקער אויף דער נעשאָמע. ער האָט אַ נעם געטאָן פּעסיען בײַ דער האַנט, אַוועקגעלאָזט זיך צום אַרויסגאַנג און טאַקע באַלד דערזען אַ שוואַרצכיינעוודיק מיידל בײַ אַ טישל, אַרום וועלכן עס זײַנען שוין געשטאַנען עטלעכע פֿרויען און מאַנצבילען — גליקלעכע געווינער.

נאָך עטלעכע מאָל האָט אָפּגעהילכט די שטים אין דער ראַדיאָ, און ווען דער אוילעם אויפֿן וואָקזאַל איז געוואָרן שיטערער און אַרום דעם שוואַרצכיינעוודיקן מיידל איז שוין אויסגעוואַקסן אַ נישקאָשעדיק רעדל, האָט זי די מענטשן אַוועקגעפֿירט צו אַ גרויסן אויטאָבוס, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט, דערקלערט, ווּהין מע וועט איצט פֿאָרן און וואָס יעדער עקסקורסאַנט דאַרף גוט פֿאַרגעדענקען, אַוועקגעזעצט זיך דערנאָך אויף דעם ווייכן בענקל באַנאַנד מיטן שאָפֿער, און די מאַשין איז אָפּגעפֿאָרן צום צענטער פֿון דער שטאָט.

דער אוילעם איז געזעסן אַ פֿאַרגאַפֿטער, אַן אײַנגעשטילטער און זיך אײַנגעקוקט אין די פֿענצטער. פֿון מאָל צו מאָל האָט דאָס מיידל זיך אויפֿגעהויבן און דערקלערט, דורך וועלכע גאַסן און פּלעצער מע פֿאָרט און וואָס פֿאַראַ באַרימטע ערטער מע זעט פֿאַר זיך. זי האָט דערציילט, ווו מע וועט פֿאַר דער וואָך זײַן, וואָס מע וועט זען, אין וועלכע טעאַטערס און מוזייען מע וועט גיין. דערווײַל וועט זי דעם אוילעם באַלד ברענגען אין האָטעל, ווו אַלע וועלן זיך אײַנאָרדענען, זיך אַרומוואַשן, אָפּעסן פֿרישטיק און אין אַ פּאָר שאָ אַרום וועט זי קומען און מע וועט באַטראַכטן דעם פּלאַן פֿון די עקסקורסיעס.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז מען שוין געווען אין אַ גרויסאַרטיקן האָטעל אין סאַמע צענטער פֿון שטאָט. דער ליפֿט האָט זיי אויפֿגעהויבן אויפֿן צענטן שטאָק. און אָט איז שוין שויעל מיט זײַן פּלימעניצע אין אַ געראַמען ליכטיקן צימער, ווו אַלץ האָט שימערירט פֿון ריינקײַט און ציכטיקײַט. דער נומער מיט די צוויי ברייטע ווייכע בעטן, ווייכע שטולן, שיינע שפּיגלען און נאָך מיט אַ וואַנע־צימער בײַ דער זײַט, האָט זיי מאַמעש דערמאָנט אין אַ קליינעם גאַניידן.

— נו, פּעסיע־לעבן, זעסט? קעדײַ געווען פֿאָרן, האַ?

— וואָס זשע, ווי קאָן אַזוינס ניט געפֿעלן? אין אַזעלכע צימערן דאַרפֿן וווינען גרויסע מענטשן, ניט אַזעלכע, ווי מיר...

— נארישע, און מיר זײַנען ניט קיין גרויסע מענטשן? בײַ אונדזער וולאַסט איז יעדער האָרע־פּאַשניק אַ גרויסער מענטש... וואָס זשע, דו ווייסט עס דען ניט?

— ווייסן ווייס איך, נאָר ניט אויף אַזויפֿיל...

פּעסיע האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן און זיך דערשראָקן:

— גאָטעניו מײַנער! מיר זײַנען דאָך שוין באַלד הינטערן הימל. אַ פּאַכעד פֿאַלט אַזש אָן אויף דיר, אַז דו קוקסט אַראָפּ...

— ווער־זשע הייסט דיר קוקן אַראָפּ, אַז דו קאָנסט קוקן אַרויף...

— יאָ, אַ גוואַלדאָוונע שטאָט! זע נאָר, וויפֿל אויטאָמאָבילן, מאַשינען. מע קאָן מעשוגע ווערן פֿונעם גערויש...

— זאָלן אונדזערע סאָנים מעשוגע ווערן, און מיר וועלן קלײַבן פאַרגעניגן... — האָט שויעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, דעם קאַרטוז, דאָס העמדל, געכאַפּט אַ ציכטיק־ווײַסן האַנטעך און אַוועק אין וואַנע־צימער זיך אַרומוואַשן פונעם וועג.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָרל, אויסווײַשנדיק דאָס אָפּגעפּרישטע פּאָנעם מיטן האַנטעך און אַ ווונק געטאָן צו פּעסיען:

— גיי, וואַש זיך אַרום, וועסטו זיך דערפילן פאַר אַ נײַ־געבוירענער, וועסט זיך מעכײַע זײַן...

זי האָט געעפנט די טיר און דערזען אַזויפיל גלאַנצנדיקע קראַנען, האָט זי זיך דערשראָקן. ניין, זי וועט אַהין ניט אַרײַנגיין. זי ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ קראַן מע דאַרף אויפדרייען און וואָס פאַר אַ קראַן מע דאַרף פאַרדרייען.

שויעל האָט אַ ווונק געטאָן צום ווײַב, אַז זי האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן, אָט וועט ער איר ווײַזן וואָס און ווען, און זי וועט זיך שוין דאָ קענען וואַשן וויפל איר האַרץ גלוסט.

זיך גוט אַרומגעוואַשן אונטערן דוש, האָבן זיי זיך טאַקע דערפילט, ווי נײַ־געבוירענע, די מידקײַט איז מיטאַמאָל אָפּגעטראָטן, איצט האָט מען שוין געקאָנט באַטראַכטן דעם אַרום.

די גלעזערנע טיר פונעם געראַמען באַלקאָן איז געווען ברייט צעעפנט, אין דרויסן האָט זיך געפילט דער אָטעם פון דער שטאָט. זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן, און פאַר די אויגן זייערע האָט זיך אַנטפּלעקט אין זײַן גאַנצער פּראַכט דער רויטער פּלאַץ, די קרעמל־וואַנט, דער לעניִן־מאַווזאָליי, די זילבערנע יעלן, די צוויי סאָלדאַטן מיט די שפּיזן, וועלכע זײַנען געשטאַנען אין ערן־קאַראַול באַם אַרײַנגאַנג אין מאַווזאָליי. דער אָטעם האָט פאַרכאַפּט, קוקנדיק אויף אַזאַ אומפאַרגעסלעך בילד. שויעל איז געבליבן שטיין אָן לאָשן. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו פּעסיען, געוואָלט טיילן מיט איר זײַנע געפילן, נאָר זי איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און געווען בלאַס.

— וואָס איז מיט דיר, פּעסיע?

— פרעג ניט... די קני ציטערן בײַ מיר... זע נאָר, מיר שטייען דאָך מיט דיר שיִר ניט אונטער די כמאַרעס. דער באַלקאָן קאָן ניט אַראָפּפאַלן און מיר מיט אים בעסויכעם?..

— נאַרישע, וואָס רעדסטו? מע וועט פון דיר לאַכן... זעסט ניט, אַז דאָס שטיקל אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן פעסט, גוטע באַלמעלאָכעס האָבן דאָס שטיבעלע געבויט. עס וועט שטיין טויזנט יאָר, אויב ניט מער... קום צו נעענטער צו דער פּאַרענטשע און ציטער ניט. קוק נאָר, ווי שיין איז דער קרעמל, דער רויטער פּלאַץ... סאַראַ פּראַכט!

אַנטקעגן דער זון האָבן די רובין־שטערן אויף די הויכע קרעמל־טורעמס געשפּילט מיט אַלע קאָלירן פונעם רעגנבויגן, און שויעל האָט דאָס אַלץ באַטראַכט מיט אַ צעעפנט מויל:

— נו, פּעסיע־לעבן, נאָר צוליב דעם, מע זאָל אַ קוק טאָן אויפן פּלאַץ, אויף די טורעמס, איז קעדײַ געווען אַהער פאָרן! ביסט עפּעס אַ מיווון אויף אַ שטיקל אַרבעט? נו, וואָס וועסטו זאָגן?

— וואָס זאָל איך זאָגן? גוואַלדאָוונע שטיבער. איך האָב נאָך אַזעלכע ניט געזען, זינט איך לעב... און אַזויפיל אויטאָמאָבילן יאָגן, עס כאַפּט אַזש אָן אַ שרעק. און די מענטשן, וואָס גייען איבערן פּלאַץ זעען אויס, ווי די קאַרליקלעך...

— נאַרישע, וואָס רעדסטו?! — האָט שויעל זיך צעבייזערט אויפן ווײַב. — דאָס זײַנען ניט קיין קאַרליקלעך, נאָר גרויסע מענטשן!..

— מיילע, זאָל זײַן, ווי דו זאָגסט... — האָט זי אַרײַנגעשטעלט און זיך בעסער אײַנגעקוקט אינעם אַרום, מוירע האָבנדיק עפּעס דורכלאָזן.

— זעסט אַ וועלטעלע, צי דו זעסט ניט?..

— איך זע, איך זע! וואָס זשע די אויגן זײַנען מיר אַרויסגעקראָכן? איך זע...

— וואָס זעסטו, פּינצטערע בעהיימע בעצוראַס פערד. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז בײַ אײַך, ווײַבער, זײַנען לאַנגע האָר און קורצער סייכל... דאָס סאַמע גלאַוונע זעסטו ניט... דאָס סאַמע גלאַוונע...

— וואָס הייסט עס — דאָס סאַמע גלאַוונע?

— דאָס הייסט, אַז דאָס אייבערשטע פון שטייסל זעסטו ניט. דעם סאַמע צימעס, ווי עס רעדט זיך.

— איך זע, אַז אַלץ אַרום איז דאָ שיין, ווי גאָלד... זייער שיין...

— אײַ, וואָס וועל איך מיט דירריידן! — האָט ער איבערגעשלאָגן. — דו ביסט בלינד און זעסט ניט דעם איקער, פּעסיע. דו זעסט ניט, אַז אינמיטן אונדזער הויפּט־שטאָט, אינמיטן מאָסקווע, עטלעכע צענדליק טריט פונעם קרעמל, פונעם האַרצן פון אונדזער מעלוכע שטייט שויעל דער זיפּנמאַכער פון באַפּאָליע, שויעל מאַזור, און באַטראַכט די וועלט... דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט? אין די אַמאָליקע צײַטן, ווען דער קייסער איז דאָ געזעסן אויף זײַן פּרעסטאָל, וואָלט אונדזער פּוס, פּעסיע, דאָ אָנגעשטעקט? מע וואָלט אונדז אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער און אָפּגעפירט מיטן עטאַפּ אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי". מיר וואָלטן דאָ שיין אויסגעזען. מיר האָבן דאָך אַמאָל ניט געהאַט קיין

„פּראוואָזשיטעלסטוואָ", אונדזער פּוס האָט דאָ ניט געטאָרט טרעטן... פאַרשטייסט, צי דו פאַרשטייסט ניט?!..

— אוואַדע פאַרשטיי איך...

— מײַנע סאָנים זאָלן אַזוי לעבן, ווי דו ווייסט, וואָס איך רעד איצט צו דיר!.. לאַנגע האָר און קורצער סייכל, דאָס הייסט, קורצער זיקאָרן!..

שויעל האָט דערפילט, ווי אַ קנויל איז אים אין האַלדז געבליבן שטעקן און אין די אויגן האָבן אַ שײַן געטאָן טרערן.

— וואָס איז מיר דיר, שויעל? דאַכט זיך, דו וויינסט?..

— נישקאָשע... עס וועט איבערגיין...— האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ לאַנגער פּויזע, — עס וועט איבערגיין... איך האָב זיך אין עפּעס גראַדע איצט דערמאָנט.

— אין וואָס האָסטו זיך דערמאָנט, אויב דאָס איז ניט קיין סאָד? — האָט די פּלוינעסטע זיך אָנגערופן און זיך שוין דערפילט אַף דעם הויכן באַלקאָן עטוואָס זיכערער. — אין וואָס זשע האָסטו זיך דערמאָנט?

שויעל מאַזור האָט זיך איצט דערמאָנט...

אָפּגעלעבט אַף דער וועלט אַ שווער שטיקל לעבן, איז, דאַנקען דעם אייבערשטן, פאַראַן וואָס זיך צו דערמאָנען. ער האָט געהאַט אין זײַן לעבן קאַלטס און וואַרעמס. און גראַדע אַצינד, שטייענדיק אַף דעם גרויסאַרטיקן באַלקאָן און זעענדיק פאַר זיך די לעבעדיקע וועלט, פילנדיק זיך, ווי אַ פרײַער פויגל אין הימל, איז אים געקומען אַפן זיקאָרן גאָר אַן אַנדער רײַזע, אַ ביטערע, ווי גאַל.

נאָך איידער ער איז אַראָפּגעקומען מיט טאַטע־מאַמע צו די קרויווים קיין באָפאָליע אַף אַ כאַ־סענע, זיך באַגעגנט מיט זײַן באַשערטער, דאָס הייסט, מיט פּעסיען, זיך אין איר פאַרליבט איבער די אויערן און טאַקע מיט איר שפּעטער כאַסענע געהאַט, אַריבערגעפאָרן קיין באָפאָליע, האָט ער געוווינט נאָך אין אַ קלענער שטעטל — לובענעץ. באָפאָליע האָט קעגן זײַן געבורט־שטעטל לובענעץ אויסגעזען, ווי אַ גאַנצע מעדינע! כאָטש ווי איר פאַרשטייט אַליין, איז באָפאָליע אויך ניט פון די גרוי־סע מעקוימעס אין אונדזער פּאָדאָליער גובערניע.

ווי מע ווייסט שוין, איז שויעל מאַזור ניט קיין פּאָשעטער זיפּנמאַכער, נאָר אַ זיפּנמאַכער בען זיפּנמאַכער, דאָס הייסט, אַ פּאַטאָמסטווענער זיפּנמאַכער.

און אויב עמעצער מיינט, אַז זײַן מעלאָכע געהערט ניט צו די געהויבענע, האָט ער אַ טאָעס. ער האָט צו זײַן זיידן און טאַטן ניט געהאַט קיין טײַנעס, וואָס מע האָט אים, שויעלן, בעירושע איבער־געגעבן אַזאַ מעלאָכע אין די הענט.

קיין גרויסע געשעפטן האָט ער קיינמאָל ניט געמאַכט, נאָר דאָס שטיקל ברויט מיט דער קאַר־טאָפליע האָט זיך שטענדיק געצויגן.

דער טאַטע זײַנער האָט מיט דער מעלאָכע אויך ניט געמאַכט קיין גאָלדענע געשעפטן. ווי איר פאַרשטייט אַליין, זײַנען זיפּן קיינמאָל ניט געווען יענע סכוירע, וואָס מע האָט זיי געדאַרפט פירן אַף די גרויסע וועלט־מערק און יאַרידים. טאָמער האָט מען אויסגעגעבן אַ טאָכטער, האָט איר די מאַמע אָדער אַרײַנגערעכנט אין נאַדן אַ נײַע זיפּ, וועלכע זי האָט אײַנגעקויפט בײַ די מאַזורס, בײַ שויעלס טאַטן און זיידן, אָדער, פאַר אַ נויט, האָט די מאַמע איר איבערגעגעבן די אַלטע זיפּ אירע און אַראָפּ־געפּאַטערט אַן אַל פּונעם קאָפּ. דעמלט איז אַלציינס אויסגעקומען די זיפּ פאַריכטן, און מע איז ווידער אָנגעקומען צו די זיפּנמאַכערס. די מאַזורס האָבן זיך אַף זייער גוירל ניט געקלאָגט, כאָלילע, כאָטש דאָס שטעטעלע לובענעץ איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ, אַז די באַלעגאָלעס האָבן אַרויסגעפירט די קאָלימאַגעס פון דער שטאָל, האָבן זיי מיט די דישלען דערגרייכט צום צווייטן עק שטעטל, נאָר מענטשן האָבן ווי־ניט־איז געצויגן זייער כאַיונע, זיך פאַרדינט אַף ברויט, און די וואַסער איז געווען בײַ דער טיר, אין קרענעצע... ס'איז אויך געווען אַ ציבעלע, אַ קאַרטאָפליע, אַ מערל מיט אַ פּעטרעשקע, ווײַל יעדער איינער האָט זיך געפּאָרעט בײַ אַ שטיקל גערטנדל. מע האָט ווי־ניט־איז, שטילערהייט געלעבט, זיך געמערט און געפּרוכפּערט. און גאַנץ וויל, ווײַל קיין טעאַטער מיט קיין קינאָ זײַנען דעמלט דאָ ניט געווען, קעראָסין האָט געקאָסט טײַער, איז מען אין ערגעץ ניט געגאַן, די גאַנצע צײַט פאַרבראַכט אין די שטיבלעך...

מענטשן האָבן דאָ געלעבט שטאַרקע, מיט האַרטע הענט און פעסטע פּלייצעס. עכטע האָרעפּאַש־ניקעס.

מע קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז שטענדיק איז דער אוילעם געווען געזונט און ניט געדאַרפט אָנקו־מען צו דאָקטוירים אָדער אָפּשפּרעכערנס פון אַ גוט־אויג.

ווען שויעל איז שוין געווען אַ היפּש ייִנגל, קאַלע־מיידלעך האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרקוקן אַף אים, האָט געדאַרפט אַזוי טרעפן, אַז די מאַמע זײַנע זאָל פּלוצעם קראַנק ווערן. מע האָט זי אַוועק־געפירט צו אַ באָבציע, וואָס האָט געהיילט מענטשן מיט אָפּשפּרעכענישן און מיט קרײַטעכצער, נאָר

ניט דאָס, ניט יענץ האָט געהאָלפן. איז געבליבן, אַז מע דאַרף די מאַמע פירן צו פּיִווּיש הירשביינען, דעם היגן רויפע, וואָס פלעג זיך אַרומשלעפּן איבער די אַרומיקע דערפלעך און שטעטלעך היילן כאַלאַים. פּיִווּיש הירשביין איז געווען באָקי אין קאָפּווייטיק און בויכווייטיק און ציינווייטיק און אין האַרץ־שמערצן, געקענט שרייבן אַדרעסן אויף אויסלענדישע שפּראַכן, צונויפשטעלן אַ פּראָשעניע צום איספּראַווניק און גובערנאַטאָר...

אַנדערע רויפעס האָבן ליב געהאַט באַטראַכטן זייערע פּאַציענטן בעכיפּאָזן, אויף איין פוס, צושרייבן פאַרשיידענערליי רעפּועס, וואָס האָבן געקאָסט אַ מאַיאָנטעק מיט געלט, ניט געלאָזט דעם כוילע אויסריידן אַן איבעריק וואָרט, געהייסן דעריקער ליגן צו בעט, ניט אָטעמען, ניט דערלאָזן צופיל פרישע לופט אין שטוב, ווייניקער שפּאַצירן... פּיִווּיש הירשביין איז געווען גאָר אַן אַנדער רויפע. ער האָט געזיצט טאָג אַלץ קאַפּויר. געקענט שאָענווייז זיצן און אויסהערן דעם כוילע, דערביי אַפילע כאַפּן אַ גוטן דרעמל. גערעדט האָט ער מאַמע־לאָשן, געשאָטן מיט ווערטלעך, געזיצט דעם כוילע, וואָס מער לאַכן, ווייל דאָס, האָט ער געזאָגט, איז בעסער פון אַלע רעפּועס. מע טאָר בעשום־אויפן קיין סאַך ניט שלאָפן, פאַרקערט — שפּאַצירן, עסן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך און וואָס עס קאָסט ווע־לוועלער.

קעדיי זיך היילן בא הירשביינען, האָט מען ניט געדאַרפט פאַרמאָגן קיין גרויסע קאַפּיטאַלן — עטלעכע גראָשנס אויף איינקויפן אין אַפּטייק פּיאַווקעס, אָדער פּאָשעט כאַפּן די פּיאַווקעס אין טייכל. וואָס עס זאָל ניט ווי טאָן, האָט פּיִווּיש הירשביין געהייסן ווענדן זיך צו פּיאַווקעס. העלפן ניט די פּיאַווקעס, דאַרף מען זיך אַראָפּכאַפּן אין דער שוויצבאָד, זיך גוט אָנשמייסן מיט אַ בערעזעווע בעזעמל, וועט מען פאַרגעסן אין אַלע כאַלאַסן, דערנאָך דאַרף מען פאַרקאָכן גראָזן, דריי מאָל אַ טאָג איינעמען, וועט אַלץ ווערן גוט און פיין. גראָזן האָט ער געטיילט פון דער ברייטער האַנט, ניט געזשאַלעוועט.

עס קומט אַריין אַ כוילע צו פּיִווּיש הירשביינען, טוט דער רויפע אַ שטעק אָן אויף דער גראָבער נאָז די פּענסנע, וועלכע ער האָט געטראָגן צוליב אימפּאָזאַנטקייט, באַטראַכט דעם כוילע, לייגט אים אַוועק אויף דער קאַנאַפּע, כאַפּט אַרויס פונעם סלאָי אַ פּאָר פּיאַווקעס, שטעלט זיי צו צום קראַנקן אָרט און די פּיאַווקעס נעמען זיך צו דער אַרבעט.

— איר פאַרשטייט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, — האָט פּיִווּיש דערקלערט, — אָט נעמט אַ געוויינלעכע גומענע קישקע, דורך וועלכער עס פליסט די וואַסער. פון וואָס פּלאַצט זי, די קישקע, פון וואָס ווערט זי קאַליע? פון אַ סאַך וואַסער ווערט זי קאַליע... וואָס זשע דאַרף מען טאָן? מע דאַרף לאָזן אין דער קישקע ווייניקער וואַסער... פּונקט אַזוי איז מיט די מענטשנס אָדערן. פון וואָס ווערן זיי קאַליע און טוען וויי? פון צופיל בלוט! דאַרף מען צולייגן פּיאַווקעס, וועלן זיי אָפּציִען דאָס בלוט, און דעם כוילע ווערט גלייך ליכטיקער אין די אויגן. נו, און צו אַלע מאַקעס זיינען גוט גראָזן, בלעטער, דאָס הייסט, זאַפּט...

אין דעם איז באַשטאַנען די גאַנצע טוירע פונעם רויפעס היילונג.

שויעלס קראַנקע מוטער האָט ער געהיילט מיט אַלע דריי זאַכן — סיי מיט פּיאַווקעס, סיי מיט גראָזן, סיי מיט דער שוויצבאָד. און ער האָט זי אַזוי געהיילט, אַז זי האָט זיך שוין ניט געקאָנט האַלטן אויף די פיס.

איז מען געקומען צום געדאַנק, אַז אויב מע וועט ניט אַוועקפירן די מאַמע צו אַ רעכטן דאָקטער קיין קיִעוו, וועט זי האָבן אַ שיין פּאָנעם. נאָר ווער וועט זי פירן, אַז דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט פון דער יאַפּאָניש־רוסישער מילכאָמע אויף איין פוס, אויף קוליעס. איז געבליבן, אַז שויעל וועט די מוטער אַוועקפירן אין דער גרויסער שטאָט.

אויספאַרקויפט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט פון דער שטוב, אַריין אין כויוועס, פאַרזעצט דער מאַמעס אוירינגלעך, איז שויעל מיט דער מאַמען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט, אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַהער און אַהין, ביז מע האָט אָנגעטראָפן אויף אַ „טשאַסנע ליעטשעבניצע“. אַרויסגעלייגט פאַרן אַלטן דאָקטער דאָס ביסל מינץ, וואָס מע האָט מיט זיך געבראַכט, האָט מען דעם כוילע מיט גרויסע צאָרעס אַריינגענומען אין שפּיטאָל אויף היילונג, און שויעל האָט אַ באַרויִקטער זיך געלאָזט איבער די הייזער, עפשער וועט ער געפינען אַ נאַכטלעגער, ווייל ער איז שוין געפאַלן פון די פיס, דערביי געווען הונגעריק, ווי אַ וואָלף.

ער איז געגאַנגען אַ פאַרכאַלעשטער, איינקוקנדיק זיך אין די הייזער, עפשער וועט ער דערזען אַ שטיקל אַכסאַניע, צי וואָס. אַזוי גייענדיק, האָט עס אים פאַרטראָגן אויפן קרעשטשאַטיק. דערזען די שיינע וויטרינעס מיט אַלדאָס גוטס, דעריקער, עסנוואַרג, איז ער געשטאַנען און געשלונגען, נעבעך, די סלינע. מיט וואָס פאַר אַ כיישעק וואָלט ער זיך אַרופגעוואָרפן אויף די רעדלעך קאַלבעס, אויפן קעז, פּאָמידאָרן, אוגערקעס, בולקעלעך מיט מאָן!

אַזוי ווי שויעל מאַזור שטייט אין געהאַקטע ווונדן און באַטראַכט די אַכילע פון יענער זייט פענצטער, דערפילט ער מיטאַמאָל אַ מוירעדיקן נערעק אין דער פּלייצע, פונקען האָבן אים אַזש אַ שפּריץ געטאָן פון די אויגן:

— טי, כלאַפּ, קטאָ טאקאַי בודיעש? קאַקאָהאָ טשאָרטאַ־דיאוואָלא טי קרוטישסיא פּאָ קרעשטשאטיקו? הא?

שויעל האָט זיך א קער געטאָן און דערזען פאר זיך א געזונטן, אײַזערנעם גאַראַדאָוואָי מיט א גרויסער בליאכע אויף דער ברוסט, א דיק, רויט פּאָנעם און צוויי שווארצע וואָנצעס. אויף דער באק א טיפער שראם.

— קטאָ טאקאָי, ספּראשיוואיו, בודיעש? טשעהאָ שליאיעשסיא פּאָ קרעשטשאטיקו? טוואָי דאָקו־מענטי?

שויעל איז מיטאמאָל דערציטערט געוואָרן, דערזעענדיק פאר זיך דעם מאלכאמאָוועס מיט דער בליאכע, פארשטאנען, אז עס האלט שלעכט. ער האָט ניט קיין „פּראוואָזשיטעלסטוואָ". ער וועט באלד שיין אָפּלייזן. נאָר ער האָט אויף א צעבראָכענעם רוסיש און א ביסל מיט די הענט געגומען דערקלערן דעם בורמילע, אז ער איז ניט שולדיק. דאָס האָט ער געבראכט די מוטער אין שפּיטאָל, זי איז זייער קראנק. דער טאטע האָט מיט איר ניט געקאָנט פאָרן. דער טאטע גייט אויף קוליעס, ער האָט אין פּאָרט־ארטור פארלוירן א פוס. ער איז געווען א געטרײַער ניקאָלײַעווער סאָלדאט און בלוט פארגאָסן פאר צאר באטיושקא, פאר דער באטקיוושטשינא...

נאָר דער גאַראַדאָוואָי האָט דעם באָכער דערלאנגט א טשמעל מיטן פויסט און געגומען שרײַען:

— מאָלטשאט! ניע ראסוזשדאט, זשידאָווסקאיא מאָרדא! איך וועל דיר ווײַזן, ווי מע קומט קיין קיִעוו אָן פּראוואָזשיטעלסטוואָ...

און שויעלן האָט גאָרניט געהאָלפן. יענער האָט אים אָנגעכאפּט פאר׳ן קאָלנער און גענומען שלעפּן אין אוטשאסטאָק.

שויעל האָט געווישט מיט ארבל דאָס בלוט פונעם פּאָנעם. דער גאַראַדאָוואָי האָט אים געשלעפּט און דער אוילעם ארום האָט אויף אים געקוקט, מיינענדיק, אז מ׳האָט געכאפּט א גאנעוו. ווען מע האָט פארקערעוועט אין א זײַטיק געסל, האָט זיך דער גאַראַדאָוואָי פארטשעפּעט פאר א שטיין, אומגע־פאלן, — און דערבײַ האָט פון זײַן מויל זיך געטראָגן דער גערוך פון בראנפן, ווי פון א פאס. שויעל האָט געכאפּט די פיס אויף די פּלייצעס, אין איין אויגנבליק אריבערגעשפּרונגען איבער א פּלויטל, ארײַנ־געלאָפן אין א האלב־פינצטערן הויף, און זיך באהאלטן.

די נאכט איז ער שוין ווי־ניט־איז איבערגעשלאָפן אין א טונקל סעדל אויף א באנק, און גאנצ־פרי, מיט זײַטיקע געסלעך זיך דערקליבן צו דעם שפּיטאָל, וווּ די מאמע איז געלעגן. דאָס הארץ האָט זיך בא אים שיר ניט אָפּגעריסן, ווען ער האָט פונדערווײַטנס ווידער דערזען א גאַראַדאָוואָי.

אזוי האָט ער פארבראכט צוויי וואָכן, באהאלטנדיק זיך פון מענטשן און פון א זײַטיק אויג. ער האָט זיך דערפילט גליקלעך, ווען די מאמע האָט זיך א ביסל געשטעלט אויף די פיס און ער האָט זיך מיט איר פארקליבן צום וואָקזאל און זיך בעשאָלעם אומגעקערט אהיים.

אזא איז געווען שויעלס ערשטע רײַזע אין דער גרויסער וועלט. שטייענדיק איצט אויף דעם הויכן באלקאָן פונעם האָטעל און באטראכטנדיק די הויפּט־שטאָט, דעם וווּנדערלעכן קרעמל און דעם רויטן פּלאץ, האָט שויעל זיך דערמאָנט אין דער דאָזיקער געשיכטע און ווי קיינמאָל דערפילט זיך פרײַ, ווי א פויגל, זיך דערפילט, ווי א מענטש באגלײַך מיט מענטשן אויף דער ערד.

פּעסיע האָט פארוווּנדערט באטראכט דעם מאַן, זיך ניט געקענט אָנשטויסן, פארוואָס זײַנען זײַנע אויגן פײַכט. זי האָט ניט געוווּסט, אז דאָס זײַנען געווען ניט קיין געוויינלעכע טרערן, נאָר גאָר אנדערע — טרערן פון גרויסער מענטשלעכער פרייד.

שויעל מאזור האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע זײַן ציבעלע, דאָס הייסט, זײַן זייגער, וואָס ער האָט באזונדערס געשאנעוועט, ווײַל דאָס איז געווען די פּרעמיע, וואָס ער האָט דאָ ניט לאנג באקומען פונעם טרעסט פאר שלאָגלערישער ארבעט, א קוק געטאָן אויף די ווײַזערס און זיך געכאפּט פאר׳ן קאָפּ. צײַט זיך אראָפּלאָזן אין וועסטיביול, וווּ עס ווארט שוין דאָס שווארצכיינעוודיקע מיידל אויף דעם אוילעם, וואָס איז געקומען פון פארשיידענע עקן לאנד — די גליקלעכע געווינער.

איצט איז זײַן פּלוינעסטע שוין ניט ארײַנגעגאַן אין ליפּט מיט אזא פּאכעד, ווי פריִער.

שויעל האָט זי א טאָרע געטאָן מיטן עלנבויגן און געזאָגט:

— דו ווייסט, יענע, וואָס קענען דיך ניט, קאָנען טראכטן, אז דו ביסט א גרויסשטאָטישע דאמע און ניט קיין יידענע פון באָפּאָליע...

— טשעפּע זיך אָפּ... זאָל מען טראכטן וואָס מע וויל. איך הער זיי ווי דעם ווינט אין פעלד... רעד ניט קיין נארישקײַטן, מענטשן הערן...

— זאָל מען הערן געזונטערהייט! — האָט ער געענטפערט. — וואָס זשע, דו מיינסט, אז מע טאָר דאָ קיין וואָרט ניט אויסריידן? דו הערסט דאָך, אז אלע ריידן דאָ אויף זייער לאָשן: אוזבעקן — אוזבעקיש, גרוזיניער — גרוזיניש, רוסן — אויף רוסיש, אוקראַינער — אויף זייער שפּראך. פארוואָס זשע טאָרן מיר ניט ריידן אויף אונדזער מאמע־לאָשן?

— מעגסט ריידן אַף דײַן לאַשן, נאָר דו רעדסט דען?
— וואָס זשע?..
— דו רעדסט ניט — דו שרײַסט!..
— דאָס ביסטו גערעכט... וועל איך ריידן שטילער...
— אָט דאָס איז עפּעס אַנדערש. רעד, נאָר שרײַ ניט, איך בעט דיך!..

שויעל מאַזור האָט גלײַך דערזען אײַנמיטן גרויסן זאַל דאָס שוואַרצטשיינעוודיקע מיידל, אַרומגע־רינגלט פון א געדיכט רעדל מענטשן, אַוועלכע, ווי שויעל און זײַן ווײַב.

דאָס מיידל האָט זיך צופרידן צעשמייכלט, א רוף געטאָן די געסט און זיך אָנגערופן:

— אוי, און מיר וואַרטן שוין אַף אײַך... איך זע, אַז אונדזער גאַנצע גרופּע האָט זיך צונויפגע־זאַמלט... איז אָט וואָס. איצט וועלן מיר אַרײַנגיין אין רעסטאָראַן אָפּעסן וואַרמעס און גלײַך וועלן מיר צוטרעטן צו אונדזער אַרבעט... דער פּלאַן אַף הײַנט, כאַווײרים, איז אַזאַ...

א קוק טוענדיק דערנאָך אָפן גרויסן וואַנטזייגער, האָט דאָס מיידל זיך פאַרכאַפּט:

— אוי, מיר האָבן זיך, דאַכט זיך, פאַרעדט... שוין ניט פרי און איר זייט, זעט אויס, גוט הונגעריק. וועלן מיר גלײַך זיך אופהייבן אין רעסטאָראַן עסן וואַרמעס...

— יאָ, באַרישניע, דאָס, דאַכט מיר, איז א קלוגער געדאַנק... — האָט זיך אַרײַנגעמישט שויעל דער זיפּנמאַכער, — אונדזערע כאַכאָמים פון באַפּאָליע האָבן אַמאָל געזאָגט, אַז פאַרן עסן גייט קיין טאַנץ ניט...

דער אוילעם האָט אופגעהויבן א געלעכטער און מע האָט זיך גלײַך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פונעם געהויבענעם רעסטאָראַן, פונוואַנען עס האָבן זיך אַהער דערטראָגן פרײַלעכע קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער און דער רייצנדיקער גערוך פון געשמאַקע מײַכאָלים.

קאַפּיטל צוועלף

ווען דאָס האַרץ פרייט זיך

ווען אונדזער שויעל וואָלט אָפּגעהאַרעוועט אַזאַ טאָג בא זײַן וואַרשטאַט ווי ער האָט הײַנט אָפּגעהאַרעוועט אַף דער ערשטער עקסקורסיע איבער מאָסקווע, וואָלט ער געוויס אויסגעפּילט דרײַ נאַרמעס און באַקומען א פּרעמיע. ווו איז ער הײַנט ניט אויסגעוועזן און וואָס האָט ער ניט געזען! דאַכט זיך, די גאַנצע צײַט קיין מידקײַט אַפּילע ניט געפּילט, זי האָט וועגן זיך געגעבן צו וויסן שפּעט אין דער נאַכט, ווען מע האָט זיך אומגעקערט אינעם האָטעל און קוים אַרײַנגעוואָלגערט אין צימער.

סײַ ער, סײַ די פּלויִנעסטע זײַנען געווען באַגײַסטערט פון אַלץ, וואָס מע האָט געזען און געהערט. געזען האָט מען אַן א שיר אַזוינס, וואָס איז זיי אַפּילע קיינמאָל אין כאַלעם ניט געקומען.

פּעסיע האָט זיך אויסגעצויגן אָפן ווייכן דיוואַן און איז אין א פּאָר מינוט אַרום אַנשלאָפן גע־וואָרן. שויעל האָט אויך געפּרוווט אײַנדרעמלען, נאָר דער שלאָף האָט אים ניט גענומען. ער איז אַרויס אָפן באַלקאָן, דערפּילט, ווי דער קאָפּ דרייט זיך אים. פּאַר די אויגן האָבן געשווינדלט די טויזנטער פּילקאָלירנקע פײַערלעך פון די לויפנדיקע אווטאָמאָבילן. זיי האָבן זיך ווי איבערגעוווּנקען, זיך איבערגעגאָסן מיט אַלע פּאַרבן פונעם רעגנבויגן, און שויעל איז שיר ניט פאַרכלינעט געוואָרן פון פאַרגעניגן.

ער וואָלט, דאַכט זיך, אַזוי געקאָנט שטיין אָפן באַלקאָן פון צענטן שטאָק די גאַנצע נאַכט זיך אַרומקוקן, זיך אײַנהערן אינעם געפּילדער און געברום פון דער וווּנדערלעכער שטאָט, אײַנקוקן זיך אין איר שיינקײַט און פּראַכט.

דאָס האַרץ איז געווען איבערפולט מיט לויטערע געפילן, און עס איז אים געווען א גרויסער פאַרדראָס, וואָס ער האָט איצט ניט, מיט וועמען אויסריידן א וואָרט, דערציילן, וואָס עס טוט זיך בא אים איצט אַף דער נעשאָמע.

שויעל מאַזור איז צוגעגאַנגען צום ברייטן פּאָלירטן טיש, זיך צוגעזעצט, איבערגעקוקט די בלעט־לעך, ווו עס זײַנען געווען אָנגעשריבן די קלאָלים פּאַר די געסט; אין א שופלאָד זײַנען געלעגן עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און קאָנווערטן.

שויעל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין גאַנץ לאַנג ניט געשריבן שיקען קיין בריוולעך און באַטראַכט, אַז גאָט אַליין האָט אים, שויעלן, צוגעשיקט פּאַפּיר און קאָנווערטן, ער זאָל קענען פּאַרן זון אויסריידן זיך דאָס האַרץ, זיך טיילן מיט זײַנע הײַנטיקע געדאַנקען און מאַכשאָוועס.

און, ניט לאַנג געטראַכט, צוגערוקט נעענטער צו זיך דאָס פּאַפּיר, גענומען אַ פּען און אָנגע־הויבן שרײַבן:

„מײַן ליבער און טײַערער זון שיקע!

דאָס שרײַבט דיר דײַן טאַטע, וואָס ווינטשט דיר שימשן־הגיבורס געזונט, אַ יאַם פֿרייד און אַלדאָס בעסטע!

אין די ערשטע שורעס פֿון מײַן בריוו בעט איך דיך מיר מוחל זײַן מײַנע קאַטשערעס און לאַ־פּעטעס און זאָלסט מיר פֿאַרצײַען, ווי אַן אייגענעם טאַטן, אויב עס וועט זיך בײַ מיר באַקומען ניט אַזוי פֿויגלדיק, ווי עס שרײַבן בריוולעך אַפּטייקערס, רויפֿעס און אַנדערע מינים טיליגענטן, ווײַל דײַן טאַטע איז קיינמאָל קיין גימנאַזיעס מיט קיין וועריסיטעטן ניט דורכגעגאַן, און דאָס ביסל גראַ־מאַטע, וואָס איך האָב אַרײַנגעכאַפּט בײַ מוישע־לייב דעם מעלאַמעד אין כיידער, איז מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, און איך וויל דיר טאַקע שרײַבן אויף פּראָסט מאַמע־לאָשן.

איז הער מיט קאָפּ!

ווען דו ווייסט, מײַן טײַערער זון שיקע, ווו איך געפֿין זיך מיט דער מאַמען, און פֿונוואַנען איך שרײַב דיר דאָס בריוול, וואָלסטו אונטערגעשפּרונגען אונטער דער סטעליע.

זאָלסט זײַן מיט אַכצן קעפּ, וועסטו זיך ניט דערטראַכטן, אַז דײַן טאַטע געפֿינט זיך איצט אין סאַמע מאָסקווע, אויפֿן צענטן שטאָק פֿון אַ גרויסאַרטיקער גאַסטינעץ מיט אַ באַלקאָן און גרויסע פֿענצ־טער, וואָס קוקן אַרויס אויפֿן רויטן פּלאַץ, בײַם סאַמע קרעמל...

וועסטו דאָך לאַכן, וועסט מיינען, אַז דײַן טאַטע איז אַראָפּ פֿון די געדאַנקען און דערציילט דיר באָבעמײַסעס? דאַרף איך דיר זאָגן, אַז דאָס איז עמעס, ווי איצט איז דאָנערשטיק אויף דער גאַנצער וועלט.

יאָ, איך בין אין מאָסקווע, און די מאַמע איז אין מאָסקווע. וועסטו דאָך פֿרעגן: וואָס פּלוצעם? איז די מײַסע פֿון דער געשיכטע אַזאַ...

אויב דו האָסט ניט פֿאַרגעסן, איז ווען דו ביסט מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק געקומען צו אונדז צוגאַסט אויפֿן אָערראָפּלאַן און דער באַפּאַליער אוילעם און איך בעסויכעם האָבן אײַנגעהאַנדלט בילעטן פֿון אָסאָאַוויאַכים, האָט קיינער פֿון אונדז ניט געטראַכט, אַז מע קאָן עפּעס געווינען אין דער לאָטערייע. לאָזט זיך אויס, אַז מיר האָבן געלעבט אין טאָעס.

נאָך אַ מין געווינען!

זאַלמען דער באָנדער האָט געוווּנען אויף איין בילעט אַ סאַמאָוואַר און אויפֿן צווייטן אַ קאַפּעליוש. כאַסיע, אונדזער שכיינע, האָט געוווּנען אַ פּרעסל, עמעצער — אַ פּרימוס, אַ קאַסטרוליע. און איך האָב אַרויסגעשלעפּט דאָס גרויסע געווינס — אַ רײַזע קיין מאָסקווע אויף צען טעג...

נו, ביסטו עפּעס אַ מייוון? דערבײַ אַ יאַזדע אויף צוויי מענטשן!

איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, גענומען מיט זיך די מאַמע, זאָל זי אויך האָבן האַנאָע פֿון דער וועלט. זי איז נאָך, טראַכט איך זיך, אויף איר לעבן ניט אַרויסגעפֿאָרן פֿון יענער זײַט באַפּאָליע און ווייסט ניט, וויאַזוי אַ פּאַראָוואָז פּײַפֿט. טאָ זאָל זי פֿאָרן!

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מײַן טײַערער זון שיקע, מע האָט אונדז דאָ אויפֿגענומען, דאַכט זיך, שענער ווי מע האָט אַמאָליקע יאָרן אויפֿגענומען דעם גובערנאַטאָר! מיט אַ „דאַבראַ פּאָזשאַלאָוואַט", מיט אַ „פּריוועט, דרוזיאַ" און מיט וואָס דו ווילסט. קוקנדיק אויף דעם גרויסאַרטיקן אַרום, טראַכט איך זיך, אַז עס איז געווען טויזנט מאָל גערעכט אונדזער אַפּטייקער, וועלכער האָט געזאָגט: די קאַפּאַטע פֿאַר־זעצן, נאָר אַרויספֿאָרן כאָטש איין מאָל אין אַ פּורים אין דער גרויסער וועלט!

האָט מיר דאָס מאַזל אונטערגעשפּילט, און אָט געפֿין איך זיך צווישן גוטע מענטשן אין סאַמע מאָסקווע און פֿיל זיך דאָ, ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, אָדער ווי גאָט אין אָדעס! און דערבײַ גע־פֿאָרן אַהער אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט! אונדזער גרופּע פֿון צוואַנציק פֿאַרשוין פֿירט אַרום אַ שיינע און פֿײַנע מויד, טאַמאַרע וואַסיליעוונאַ הייסט זי, אויף דיר געזאָגט געוואָרן אַזאַ קאַלע. זי רעדט זייער שיין און אַלץ ווייסט זי. די גאַנצע צײַט דערציילט זי אונדז, ווו ס'האָט דאָ געוווינט פּושקין, און ווו לעוו טאָלסטאָי, זי האָט אונדז געפֿירט, פֿאַרשטייט זיך, צום רויטן פּלאַץ און צו אַנ־דערע פּלעצער, ווו עס איז פֿאָרגעקומען די רעוואָליוציע און ווו מע האָט אײַנגעשטעלט אונדזער וולאַסט. זי האָט אונדז געפֿירט אין אַ מוזיי, ווו עס הענגען אָן אַ שיר בילדער, דער קאָפּ האָט זיך בײַ מיר אױש אָנגעהויבן דרייען. צום אַלעם ערשטן האָט זי אונדז געפֿירט אויף אַן אווטאָבוס, ווײַל מאָסקווע, דאַרף איך דיר זאָגן, מײַן טײַערער זון שיקע, איז גרויס, ווי אַ גאַנצע גובערניע. דערנאָך האָט זי אונדז געפֿירט צופֿוס, געזאָגט, אַז אויב מיר ווילן גוט זען די שטאָט, איז בעסער פֿון אַלץ גיין צופֿוס. און מיר דאַכט זיך, אַז זי איז טאַקע גערעכט, די טאַמאַרע וואַסיליעוונאַ, זאָל איר גאָט געבן געזונט און אַ גוטן כאָסן.

נאָר וואָס וועל איך דיר דערציילן וועגן דעם מיידל? ווען דו טוסט אַ קוק אויף דײַן מאַמע בײַם דער עקסקורסיע, וואָלסטו געקליבן פֿאַרגעניגן און געפּלאַצט פֿון געלעכטער.

קאַק ראַז איצט, אין דער מינוט, ווען איך זיץ און שרײַב דיר דעם בריוו, שלאָפֿט זי אויפֿן דיוואַן אַזוי געשמאַק, ווי זי איז נאָך קיינמאָל אויף איר לעבן ניט געשלאָפֿן, און איך האָב אויף איר ראַכמאָנעס, זיץ זיך באַם טיש שטילערהייט און אָטעם קימאַט ניט — איך האָב מוירע זי אויפֿוועקן. זינט זי לעבט אויף דער וועלט, דײַן מאַמע, איז זי זיך נאָך אַזויפֿיל ניט אָנגעגאַן און ניט אָנגעפֿאָרן, אַזויפֿיל ניט געזען און ניט געהערט, ווי פֿאַרן הײַנטיקן טאָג.

די גאַנצע צײַט האַלט זי זיך פֿאַר מײַן אַרבל — זי האָט מוירע ניט פֿאַרלירן ווערן, ניט פֿאַרבלאָנדזשען. וואָלסט געדאַרפֿט געווען אַ קוק טאָן, וואָס מיט איר האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער סטאַנציע פֿונעם מעטראָפּאָליטען, ווי זי איז געשטאַנען אויף די טרעפּ, וועלכע האָבן זיך געטראָגן אַראָפּ.

אינמיטן פּלוצעם, ווען מיר זײַנען שוין געזעסן אין וואַגאָן און די מעטראָ האָט זיך געטראָגן אונטער דער ערד, ווי אַכצן רוכעס וואָלטן אים אונטערגעטריבן, האָט זי זיך אָנגערופֿן צו מיר, אַז איך זאָל בעטן אָפּשטעלן דעם צוג, ווײַל זי וויל אַראָפּגיין... עס איז איר שרעקלעך אַזוי צו פֿאָרן.

עמעס, צום סאָף פֿון דער יאַזדע האָט די מאַמע זיך אַ ביסל באַרויִקט, און ווען מע האָט געדאַרפֿט אַראָפּגיין און זיך אויפֿהייבן אַרויף, האָט זי שוין געזאָגט, אַז דער צוג איז איר גראַדע געפֿעלן. און נאָך האָט זי געזאָגט, אַז עס וואָלט גאָרניט געווען שלעכט, ווען מע בויט אויס אַזאַ מעטראָפּאָליטען אין באַפּאָליע...

באַזונדערס זײַנען איר געפֿעלן געוואָרן די טרעפּ. מע שטעלט זיך אויף זיי אַוועק, און זיי טראָגן דיך אַרויף, מע דאַרף ניט גיין צופֿוס. אויב ניט אַזאַ מעטראָ אַוועקשטעלן אין באַפּאָליע, האָט זי געזאָגט, איז כאָטש אַזעלכע גייענדיקע טרעפּ, ווײַל ביז דו הייבסט זיך אויף פֿונעם ברעג בוג באַרג־אַרויף איך שטעטל, צו דער מיל־גאַס, ווערט מען אָפּגעגאָסן מיט שווייס, וואָלט דאָרטן צוניץ געקומען אַזאַ סאָרט לייטער, ווי דאָ.

וואָס זאָל איך דיר, מײַן ליבער שיקע, שרײַבן? איך בין דעם טאָג אַרומגעגאַנגען ווי פֿאַרטשאַדעט. עס לייגט זיך גאָרניט אויפֿן סייכל, וויאַזוי מע האָט געקאָנט אויסבויען אונטער דער ערד אַזעלכע פּאַלאַצן, דאָס הייסט סטאַנציעס, פֿון שטיין און מאַרמאָר. און נאָך וואָס פֿאַר אַ מאַרמאָר — אַזאַ, וואָס איך האָב נאָך זינט איך לעב ניט געזען. מיילע, ווײַסן מאַרמאָר האָב איך געזען, נאָר רויטן, בלאָוון, גרינעם — צום ערשטן מאָל!

איך בין אַרומגעגאַנגען און מיט גרויס ווונדער געקוקט אויף די הויכע הײַזער, אויף די סעדער, אויף די געבײַען, ווי אַ מענטש, וואָס איז אָקאָרשט געקומען אויף דער וועלט. ווו האָבן זיך גאָר גענומען די באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן אַזוינס אויסגעבויט! מע דאַרף דאָך האָבן גאָלדענע הענט דערצו. הײַנט דאָס, וואָס איך האָב געזען אין די מוזייען — די בילדער, די סקולפּטורעס, דאָס מעבל, דאָס געפֿעס, די זייגערס — איך האָב געזען אַ גאָלדענעם כאָלעם! און איך דאַרף דיר זאָגן דעם ריינעם עמעס, אַז איך בין מעקאַנע געווען די מענטשן, וועלכע לעבן און אַרבעטן אין דער דאָזיקער שטאָט. ווען זיי ווילן, קאָנען זיי אַרײַנגיין אין מוזיי, אין טעאַטער, אַרויסגיין אויפֿן רויטן פּלאַץ, וואָס זעט אויס, ווי אַן עמעסע קאַרטינקע. נאָר פֿון דער צווייטער זײַט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז פֿאַר דעם טאָג האָב איך און אונדזער אוילעם געזען דאָ מער, ווי עס זעען הי‍גע מענטשן, וואָס לעבן דאָ. זיי האָבן דען צײַט? און דערצו נאָך, זעט אויס, לייגן זיי אָפּ די זאַך אויף שפּעטער, אויף אַן אַנדערש מאָל. ווי איינער רעדט: נישקאָשע, מיר פֿאָרן נאָך ניט אַוועק פֿון דער שטאָט, מיר וועלן נאָך אויספֿייען דאָס זען שפּעטער...

דער היגער אוילעם, דאַרף איך דיר זאָגן, מײַן טײַערער שיקע, איז מיר געפֿעלן גאַנץ פֿײַן, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז די גרויסשטאָטישע זײַנען צופֿיל פֿאַרטומלט, פֿאַרטאָן, פֿאַרדײַגעט און מע הערט ניט אויף אײַלן, לויפֿן, יאָגן. שטעלט זיך אָפּ אַ טראַמווײַ, אַן אווטאָבוס, אַזוי הייבט זיך אָן אַ שטורפּערײַ, אַ טומל, אַ האַר־האַ, מע שטורעמט דעם אַרײַנגאַנג פֿון אַלע זײַטן און איך פֿאַרשטיי ניט, ווי האַלטן אויס די טירן, די טרעפּ! אַז אַלע אײַלן זיך! באַזונדערס נאָך דער אַרבעט, אָדער בעשאַס מע לויפֿט אויף דער אַרבעט. מענטשן האָבן מיר געזאָגט, אַז עס איז נאָך אַ גליק, וואָס מע האָט אויסגעבויט דעם מעטראָפּאָליטען, וועלכער שלינגט אײַן הונדערטער, טויזנטער פּאַסאַזשירן. מענטשן וווינען אין איין עק שטאָט, און אַרבעטן לויפֿט מען אין צווייטן עק. דו זעסט עס דען בײַ אונדז אין באַפּאָליע? בײַ אונדז גייט מען פֿאַוואָליע. די אַרבעט איז ניט ווײַט פֿון דײַן הויז. קיינער ספּעשעט בײַ אונדז ניט. שטיל, רויִק — אַ מעכײַע!

נו, און די אווטאָמאָבילן? דער קאָפּ פֿאַרדרייט זיך מאַמעש, ווען דו קוקסט: איבער די גאַסן און פּלעצער טראָגן זיך גאַנצע טשערעדעס אווטאָמאָבילן, אומעגלעך מאַמעש אויף יענער זײַט טראָטואַר אַריבערגיין! מיילע, די יונגע כעוורע זײַנען געוווינט צו דער אײַלעניש, צום האַר־האַ, צום מישמאַש, נאָר

אױף די אַלטע לײַט איז מאַמעש אַ ראַכמאָנעס צו קוקן. מע גײט מיט די קױשלעך, מיט די שטעקלעך און שירעמס און מע האַלט זיך נעענטער צו די װענט, דער מענטשן־שטראָם זאָל זײ ערגעץ ניט אַװעקטראָגן.

אױ, איך האָב זיך שױן, דאַכט זיך, פאַרעדט. עס איז שױן גאַנץ שפּעט, מאָסקװע װערט שױן אײַנגעשטילט און לײגט זיך שױן שלאָפן, װײַל איך זע, װי אַנטקעגן, אין די הױכע מױערן, װערן אױסגעלאָשן די פענצטער, די מענטשן דאַרפן זיך אױסרוען די בײנער, אָפּרוען, װײַל מאָרגן דאַרפן זײ װידער לױפן צו דער אַרבעט, אױף די סלוזשבעס, און דער מױעך דאַרף זײַן קלאָר און לױטער. נאָר איך אײַל זיך ניט צו דער אַרבעט. און אַזױװי דער שלאָף נעמט מיך עפּעס ניט, װײַל דאָס האַרץ איז איבערגעפולט, פאַרפלײצט מיט פרײד, מיט דעם, װאָס איך האָב זיך הײַנט אַזױפיל אָנגעזען, מוז איך עס עמעצן אַרױסזאָגן אױף צװעלף טעלערלעך און זיך באַרויִקן. רײדן מיט דער מאַמען — איז זי אַ פאַרמאַטערטע אײַנגעשלאָפן, האָב איך זיך גענומען פאַר דער פּען און דערצײל עס דיר, שיקע, װײַל ניט שטענדיק האָב איך פרײַע צײַט זיך אַװעקזעצן דיר אָנשרײַבן װאָס און װען...

אױ, די מאַמע זאָל לעבן און געזונט זײַן! זי איז הײַנט גאָר געװען אױפן זיבעטן הימל. װײַל, צוריק גערעדט, װען האָט זי אַ פרײַע שאָ ערגעץ אַרױסגײן פון יענער זײַט שװעל, אַז זי איז די גאַנצע צײַט אין גאָלעס בײַ די קינדער, בײַ דער שטוב, בײַ דער באַלעבאַטישקײַט? זי רוט דען אַמאָל? דו שטעלסט זיך דען פאָר, װאָס דאָס הײסט אָנהאָדעװען און אַרומװאַשן, אױסצװאָגן די קינדער, אױפראַמען אין שטוב, שטײן דעם גאַנצן טאָג בײַם אױװן, איבער דער באַליע װעש, דערבײַ נאָך זען, דאָס ביסל אױפּעס און געװינס זאָלן זײַן צו דער צײַט אָנגעהאָדעװעט און אָנגעפּאַיעט, די מאַזיקים דאַרף זי אַרױסבאַגלײטן אין שול, אין קינדער־גאָרטן, יעדן אײנעם מיטגעבן עפּעס עסן, זען, אַז דאָס

העמדל זאָל זײַן ריין אויסגעוואַשן און אויסגעפּרעסט! איז טאַקע אַ גליק, וואָס די מאַמע האָט זיך פאַר אַזויפיל יאָרן געקאָנט אַרויסכאַפּן פון איר קאַטאָרגע, אַ גאַנצע וואָך זײַן פרײַ און אַרומגיין באַטראַכטן מאָסקווע, זען אַ וועלט. זאָלסט זען, טײַערער שיקע, מיט וואָס פאַראַ אויגן זי באַטראַכט אַלץ, ווי זי שײַנט, ווי זי איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש!

אָבער דאָס שענסטע, וואָס דײַן מאַמע האָט אָפּגעטאָן, וועל איך דיר באַלד באַשרײַבן, נאָר זאָלסט ניט לאַכן.

מיר זײַנען זיך אָנגעגאַן, אַז קיינער פון אונדז האָט, דאַכט זיך, די פיס ניט געפילט, ווי זיי וואָלטן אָפּגענומען געוואָרן. אַ קלייניקײַט אויסצורײדן, ווו זײַנען מיר הײַנט ניט געווען!

אונדזער טאַמאַרע וואַסיליעוונאַ, זאָל איר גאָט געבן געזונט, האָט דערזען, ווי מיר זײַנען פאַרמאַטערט, האָט זי געזאָגט, אַז אַזוי ווי מיר זײַנען נאָענט צום גרויסן פּאַרק פון קולטור און אָפּרו, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מאַקסים גאָרקי, האָט זי אַ פּלאַן. וואָס פאַר אַ פּלאַן? זי וועט אונדז אַרײַנפירן אין רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך טאַקע אין סאַמע פּאַרק, מיר וועלן זיך מעכײַע זײַן מיט אַ גרויסאַרטיקער וועטשערע, נאָך דעם וועלן מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער דעם פּאַרק און שוין דערנאָך זיך אַרײַנזעצן אין מעטראָ און פאָרן אין גאַסטיניצע.

איך האָב גלײַך געענטפערט דער טאַמאַרע וואַסיליעוונען, אַז זי איז טאַקע גערעכט. דער פּלאַן אירער געפעלט אונדז אַלעמען, און כ׳האָב איר ווידעראַמאָל דערמאָנט, אַז פאָרן עסן גייט ניט קיין טענצל...

און אַזוי איז טאַקע געווען.

אָפּגעגעסן די שיינע וועטשערע, איז אַלעמען גלײַך פריילעכער און גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, און מיר האָבן זיך געלאָזט שפּאַצירן איבערן פּאַרק. ווער עס האָט אים ניט געזען, האָט קיין שיינס ניט געזען! אַ פּאַרק — אַ ווונדער. שיינע אַלייעס, אויף יעדן שריט און טריט קלומבעס מיט קאָלירלײַ בלומען — אַ מעכײַע! דו גייסט און ווייסט ניט אויף וואָס פריִער קוקן און אויף וואָס אָפּשטעלן דאָס אויג. דאָ דרייט זיך אַ מוירעדיקע ראָד, אויף די פערדלעך, וואָס זײַנען צו איר צוגעטשעפּעט, זיצן ייִנגלעך און מיידלעך, און דאָס געלעכטער זייערס הילכט איבערן גאַנצן פּאַרק. דאָרט שטייען טישלעך, בענקלעך, און מענטשן קוקן אַרײַן אין אַ בלאַט, אין אַ זשורנאַל. דאָ שפּילט מען אַ שאָך, דאָ קלאַפּט מען אַ „קאָזיאָל“. אומעטום אַרום גיסן זיך איבער הונדערטער פאַרביקע לעמפּעלעך, און אומעטום ווילט זיך אָפּשטעלן און זען אַלץ, זיך צוהערן. אויף אַ הויכער בינע שטייען אַרטיסטן און זינגען לידער. אין אַ זײַטיק ווינקל שפּילט אַן אָרקעסטער און אויפן הילצערנעם פּלאַץ גייט דער אויִלעם אַ טענצל. מיר שטייען אין דער געדיכטעניש פונעם גרויסן אוילעם, און די מאַמע לעבן מיר, האַלט מיך פאָרן אַרבל, ווײַל זי האָט מוירע זיך פאַרלירן אין דער געדיכטעניש און קלײַבט פאַרגעניגן, קוקנדיק ווי מע טאַנצט.

אינווייניק אינעם גרויסן טאַנצנדיקן קרײַז טראָגט זיך אַרום אַ לאַנגער, דאַרער באָכער מיט אַ רויטער קוטשמע האָר און פירט אָן מיט דעם כיידער. דאָס הייסט, אַלעמאָל טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט צו די קלעזמער, און זיי לאָזן זיך ניט לאַנג בעטן, נעמען זיך שפּילן, און דער באָכער שלעפּט אַרײַן אין קרײַז וואָס מער מענטשן.

זאָלסט אַ קוק טאָן, מײַן טײַערער שיקע, סאַראַ מענטשן עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט! ווער דו ווילסט! גרוזינער און אוזבעקן, קאַזאַכן און אוקראַיִנער, ייִדן און בעלאָרוסן, סיביריאַקעס און ווײַטמיזרעכניקעס. און אָט שפּילט דער אָרקעסטער אַ לעזגינקע און עס לויפן אַרויס פון אַלע זײַטן גרוזינער און הייבן אָן קערן וועלטן. מיטאַמאָל ווערט די לעזגינקע איבערגעריסן און עס דערהערט זיך אַ פּאָלקע, דערנאָך אַ האָפּאַק. דער אויפגעלעבטער אוילעם טאַנצט, אַזש שטיקער שפּענער פליִען פון די ברעטער, פונעם הילצערנעם דיל. דער לאַנגער דאַרער באָכער מיט דער רויטער טשופּרינע לאָזט קיינעם ניט שטיין רויִק און פאַרבעט אַלעמען אין קרײַז אַרײַן. פּלוצעם לויפט דער באָכער צו צו אונדז, צו מיר און צו דער מאַמען, כאַפּט אונדז אָן פאַר די הענט און פאַרבעט אונדז אויך טאַנצן.

— טאַקע נאָר טאַנצן גייט אונדז איצטער אָפּ! מיר זײַנען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז מיר זעען ניט די וועלט פאַר זיך...

קעדיי זיך אָפּטשעפּען פונעם באָכער, זאָג איך אים, אַז דאָ טאַנצט מען אַ לעזגינקע, אַ האָפּאַק, אַ פּאָלקע און מיר קענען ניט די טענץ. מיר טאַנצן אַ „פריילעכס“, „אַ שער“, אַ „סעם סאָראָק“...

איך האָב דערמיט געמיינט, אַז דער באָכער וועט זיך פון אונדז אָפּטשעפּען, נאָר אין דער מינוט ווערט ער פאַרשוווּנדן, לויפט אַוועק צום אָרקעסטער, זאָגט עפּעס דאָרט דעם קאַפּעלמייסטער, און וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברײַען, איך דערהער אַ „פריילעכס“ — אַ מעכײַע! ביסט עפּעס אַ מײַוון, באַלד וועט ער צולויפן, דער טאַנצמייסטער, און אונדז הייסן טאַנצן. דאָס האָט ער, הייסט עס, פאַר אונדז באַשטעלט דעם טאַנץ. דערצו נאָך וועט בלויז מיר און דער מאַמען אויסקומען טאַנצן אין דעם גרויסן קרײַז, ווײַל ווער נאָך קען דאָ טאַנצן אַ פריילעכס?!

און איך טראַכט שוין ווידער, וואָס איך זאָל זאָגן דעם פּאַרשוין, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון אונדז.

נאָר א נעכטיקער טאָג! די מאַמע האָט דערהערט א „פריילעכס", האָט זי זיך צעשײַנט, ווי דער מאָרגנשטערן:

— הערסט, שויעלע! — רופט זי זיך אָן צו מיר, — אַן עמעסער „פריילעכס"!.. זיי שפּילן דאָך ניט ערגער, ווי אונדזערע באַפּאָליער קלעזמער! א מעכײַע צו הערן!.. — און די מאַמע צעלאָזט די עקן פון איר געקווייטלטער פּאַטשיילע, גייט אַרײַן אינעם גרויסן קרײַז און צעלאָזט זיך, פּונקט ווי אַמאָליקע צײַטן, בײַ אונדזער כאַסענע. דער גאַנצער עולם קוקט אויף איר און נעמט פּליעסקען, באַגלייט זי מיט הילכיקע, פריילעכע אויסגעשרייען. אָט איז זי צוגעפלויגן צו מיר און ווינקט אונטער, איך זאָל אויך אַרײַן אין קרײַז. און אַנדערש ברײַרע האָב איך? איך בין אויך אַרײַן אין קרײַז, און מיר האָבן בײדע גענומען טאַנצן, דערמאָנט זיך אין די צײַטן, ווען מיר זײַנען יונג געווען און ניט געהאַט קיין גרויסע דײַגעס.

האַקיצער, מיר זײַנען דורכגעגאַן א פּאָר קרײַזן, געטאַנצט געשמאַק, פון גאַנצן האַרצן, געטראַכט, עפּשער איז שוין גענוג, מיר מעגן שוין אַרויס פון קרײַז, זאָלן אַנדערע טאַנצן אַנדערע טענץ. דער עולם אָבער האָט געזען, ווי מיר טאַנצן א „פריילעכס", אַבי מע האָט געכאַפּט, הייסט עס, דעם שניט, האָבן זיך גלײַך א לאָז געטאָן אין קרײַז צענדליקער מענטשן, יונג און אַלט, אָנגעהויבן וואַרפן מיט די הענט און פיס, גלײַך ווי אָט די מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן — רוסן, גרוזינער, קאַזאַכן, אוקראַינער, אוזבעקן, וואָלטן דאָס גאַנצע לעבן געטאַנצט דעם דאָזיקן „פריילעכס"...

איך און די מאַמע האָבן שוין מער ניט געקענט טאַנצן און געפּרוווט אַרויסדרייען זיך פון קרײַז, נאָר מע האָט אונדז אונטערגעכאַפּט, און ווידער געשלעפּט טאַנצן.

פאַרמאַטערטע, נאָר צופרידענע, האָבן מיר זיך אַרויסגעדרייט פון קרײַז, זיך אָנגעטאַנצט, ווי א גוטער פּויק אויף א כאַסענע, און זיך שוין געקליבן גיין ווײַטער, נאָר דאָ איז שטיל געוואָרן דער אָרקעסטער און דער לאַנגער דאַרער באָכער מיט דער רויטער טשופּרינע האָט אויפגעהויבן די האַנט און אויסגעשריגן:

— טײַערע פרײַנט און כאַווײרים! מירן באַלד פּרעמירן די בעסטע טענצער פּאָר זייער הײַנ־טיקער אַרבעט. איך בעט עטלעכע מינוט געדולד און באַלד וועט אונדזער זשורי מעלדן די זיגער...

דער עולם איז אײַנגעשטילט געוואָרן, איך מיט דער מאַמען האָבן זיך שוין געקליבן אַוועקגיין, ווײַל עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, נאָר דאָ האָט דער באָכער זיך אויפגעהויבן צום אָרקעסטער און געמאָלדן:

— דער זשורי איז געקומען צום אויספיר, אַז דער בעסטער טאַנץ הײַנט איז געווען די „לעזגינקע", און אונדזערע גרוזינער פרײַנט מאָסאַשווילי און באַכאַדזע באַקומען דעם ערשטן פּריז. איך בעט אַפּלאָדירן! — און דער אַרומיקער עולם האָט גענומען פּליעסקען מיט די הענט און אונ־טערטאַנצן. — דעם צווייטן פּריז באַקומען אונדזערע אוקראַינער כאַווײרים פאַרן גלענצנדן אויספירן א „האָפּאַק!" דעם דריטן פּריז קריגן די כאַווײרים פון באַפּאָליע, פאַר זייער טאַנץ א „פריילעכס"!

און מע האָט מיר און דער מאַמען צוגעטראָגן בלומען, א גרויסן טאָרט און צוויי פלעשער ווײַן. אַרום איז געוואָרן א טומל און א ראַש, א פּליעסקערײַ. באַזונדערס האָבן זיך געפרייט אונד־זערע, מיט וועלכע מיר זײַנען געקומען קיין מאָסקווע אויף דער גרויסאַרטיקער עקסקורסיע.

געקומען אין האָטעל מיט דעם גרויסאַרטיקן פּריז, האָבן מיר זיך אַלע אויסגעזעצט אַרום טיש, אין קאָרידאָר, צעשניטן דעם געשמאַקן טאָרט, גענומען צו גלעזלעך לעכאַיִם, און ווען די דעזשורנע קומט ניט אַרײַן און בעט ניט, עס זאָל זײַן שטיל, מיר זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין אויף די ערטער און זיך לייגן אָפּרוען, וואָלטן מיר זיך ווידער אַוועקגעשטעלט טאַנצן א „פריילעכס".

איז אָט, אָקאָרשט, ליבער און טײַערער זון שיקע, זײַנען מיר אַרײַנגעקומען צו זיך אין צימער. די מאַמע איז שטאַרק פאַרמאַטערט און זיך גלײַך געלייגט שלאָפן, נאָר מיר נעמט נאָך ניט דער שלאָף, כאָטש עס איז שוין גאַנץ שפּעט. דאָס האַרץ מײַנס איז איבערגעפולט הײַנט מיט פרייד, און איך האָב זיך צוגעזעצט צום טיש, גענומען א פּען אין האַנט און באַשטימט פאַדראָבנע באַשרײַבן דיר אונדזער יאַזדע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ פריילעך און עס ווילט זיך גלייבן, אַז אויך אויף ווײַטער וועט עס אונדז גיין גוט און פריילעך. נאָר ווער ווייסט, די וועלט זאָגט, אַז פרייד גייט באַנאַנד מיט אומעט, מיט ווייטיק, איז טאַקע אויף דער נעשאָמע א ביסעלע אָנגעזאָליעט, ווײַל מיר ווייסן ניט, וואָס עס טוט זיך בא אונדז אין באַפּאָליע, צי איז רויִק, צי איז קיין צאָרע דאָרט ניט געשען... איך ווינטש דיר גליק. דײַן טאַטע שויעל".

צוגאַסט בײַ דער מומע סאָניע

געשטאַנען איז זיך באַפּאַליע אין דער זײַט פֿון די גרויסע וועגן און שטעגן, אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט מיט אַלטע סאָסנאָווע וועלדער און ברייטע פֿעלדער, געלעבט מיט אירע גרעסערע און קלענערע דײַגעס.

ביז דער אײַזנבאַן־סטאַנציע איז געווען, ווי שוין געזאָגט געוואָרן, גאַנץ ווײַט, און די באַלעגאָלעס האָבן געריסן די הויט פֿאַר אַ יאַזדע, דאָס שטיקל אויטאָבוסל, וואָס מע האָט דאָ קוים צונויפֿגעלאַטעט פֿון אַן אַלטן אויטאָמאָביל, איז אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק קאַליע געוואָרן, מע האָט זיך דערויף אויך ניט געקאָנט שטאַרק פֿאַרלאָזן. דער טײַך, וואָס איז געפֿלאָסן דאָ ניט ווײַט, איז טאַקע געווען אַמאָל אַ ריינער און שיינער, מע זאָגט, אַז עס זײַנען אויף אים געגאַנגען שיפֿן און בערוועס, נאָר פֿאַר די לעצטע יאָר האָט אים קיינער ניט גערייניקט, ער איז פֿאַרוואַקסן געוואָרן מיט טשערעט, מיט אָסאָקע, אָנגעוווירן זײַן אַמאָליקן כיין און גוורע. קיין גרויסע געשעפֿטן מיט דער גרויסער וועלט האָט באַפּאַליע ניט געהאַט.

גאַנץ פּאַמעלעך איז נאָך דער מילכאָמע און בירגערקריג באַפּאַליע געקומען צו־זיך. אײנעם גרויסן פֿײַער זײַנען אַוועק געגוג יונגען, נאָר אומגעקערט אַהיים פֿון דאָרטן האָבן זיך ניט קיין סאַך. דאָס שטעטל האָט בײַס די געשלעגן און רײַסערײַען צווישן פֿאַרשיידנאַרטיקע באַטקעס שטאַרק געליטן, אָבער דאָך ווייניקער פֿון אײַניקע אַנדערע שטעטלעך. דאָ, אין באַפּאַליע, איז געווען אַ פֿעסטער אַטריאַד „סאַמאָאָבאַראָנע” און ניט יעדער טײַוול האָט געוואַגט צוקומען נאָענט אַהער. פֿון די אַרומיקע קלײנינקע יישובים, האָט דער אוילעם זיך געסטאַרעט פֿאַרקלײַבן אַהער, קיין באַפּאַליע. פֿאַרט אַ שטיקעלע שוץ.

נאָר דאָך האָט דאָס שטעטל געגוג געליטן פֿון סרייפֿעס, פֿון די באַנדעס, פֿון פּאָגראָמען און לאַנג־לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך. דאָס האָט מען געקאָנט זען לויט די קאַליקעס, וואָס זײַנען געווען אין שטעטל, לויט די היימלאָזע קינדער, וועלכע מע האָט, עמעס, אונטערגעהאַלטן אײנעם זקיינים־הויז און אײנעם היגן פּריוט...

באַשיידן און ניט ברייט האָט זיך געלעבט באַפּאַליע, אָבער מע איז דאָ ניט אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. פֿון אַלע יאָרן האָבן דאָ געוווינט לעבעדיקע און פֿריילעכע מענטשן, געקענט אָפּנאַרן דעם מאָגן מיט אַ כאָכמע, מיט אַ וויץ. די באַרימטע קאַפּעלע קלעזמער, וואָס האָט דוירעס־לאַנג געשעמט איך דער אומגעגנט, האָט אויך ניט געלאָזט אַרומגיין דעם אוילעם פֿאַרומערט...

עמעס, קיין אָפּטע כאַסענעס זײַנען ניט געווען. זייער פּאַמעלעך זײַנען אונטערגעוואַקסן כאַסאַנים. די עמעסע באָכערים האָבן זיך ניט אומגעקערט פֿון דעם קריג. און קאַלעס האָבן געוואַרט אויף זייער גוירל, געוואָרן אַלץ עלטער און זיך ניט דערוואַרט...

לעבעדיקער און פֿריילעכער איז געוואָרן אין באַפּאַליע, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרברייטערן דער אַרטעל, ווו עס האָבן געפֿונען אַרבעט די באַפּאָליער באַלמעלאָכעס. עס האָבן זיך געעפֿנט קלענערע און גרעסערע וואַרשטאַטן, כּוֹץ דעם האָבן די באַלעבאָסטעס אָנגעהויבן פֿאָרען זיך בײַ אַ סעדל ניט ווײַט פֿון די שטיבלעך, געפּאָרעט זיך מיט ליבע און קענטשאַפֿט, און די שטיקלעך גערטנדלעך האָבן גאַנץ פֿײַן אָפּגעדאַנקט פֿאַר דער אַווידע.

שויעל דעם זיפּנמאַכערס שטוב איז געווען אָפֿן פֿאַר אַלעמען. פֿון דער שטוב איז קיינער ניט אַרויסגעגאַנגען קיין באַליידיקטער. דאָ האָט מען געקענט אויסגיסן דאָס ביטער האַרץ, זיך האַלטן אַן אייצע, געפֿינען אַ טרייסט אין אַן אומגליק, פֿאַרטרײַבן די מאָרעשכוירע, אויסטרינקען אַ גלעזל טיי מיט פּלעצעלעך און אײַנגעמאַכטס. סײַ דער באַלעבאָס פֿון דער שטוב, סײַ די באַלעבאָסטע, דאָס הייסט, שויעל מאַזור און זײַן פֿלינקסטע פּעסיע, האָבן ליב געהאַט מענטשן. זיי האָבן ליב געהאַט פֿון אַלע צײַטן, אַז אין שטוב זאָל זײַן טומלדיק און עס זאָל שטענדיק זײַן שיין. פּונקט אַזוי האָבן זיי אויסגעכאָוועט די קינדער. שטענדיק טאָפּטשען זיך אין שטוב און אין הויף ייִנגעלעך און מיידעלעך און עס איז טאָמיד פֿריילעך אין יעדער ווינקעלע.

עמעס, דער עלטסטער אין שטוב, דאָווידקע מאַזור — דער עלטסטער נאָך זײַן ברודער שיקען און דער שוועסטער ליזען, — איז ניט פֿון די גאָר טומלדיקע קינדער. ער האָט ניט ליב קיין גרויסע כאַליאַסטרעס. ער קאָן זיך אין אַ הייסן זומערטאָג פֿאַרקלײַבן אויפֿן בוידעם, אײַנגראָבן זיך אין שמעקנדיקן היי און לייענען אַ בוך ביז עס ווערט פֿינצטער און מע זעט שוין ניט קיין לעבעדיק וואָרט.

ביכלעך האָט ער ליב פֿאַנטאַסטישע, וווּ עס ווערן באַשריבן ווײַטע רײַזעס און אויסטערלישע געשיכטעס. אָפּטמאָל בלאָנקעט ער איִן די אַרומיקע וועלדער און יאַרוגעס, זיצט שאָענווײַז אפֿן הויכן ברעג פֿון טײַך מיט אַ ווענטקע און כאַפּט פֿיש. ער האָט שטאַרק ליב קינאָ, און קעדיי זען אַ נײַעם פֿילם, וועט ער זיך ניט פֿוילן אוועקלאָזן אין אַ שכייניש דאָרף און דערנאָך אַרײַנכאַפּן אַ גוטן פּסאַק פֿון דער מאַמען — איז דאָס אַ זאַך גיין אַזוי ווײַט און דערנאָך זיך אומקערן איינער אַליין מיט די וועלדער און פֿעלדער? מע קאָן דאָך, באַהיט גאָט, אַרײַנפֿאַלן אין די קליקעס פֿון אַ ווילדן כאַזער, אַ הירש, אַ וואָלף...

נאָך האָט ער געהאַט אַ שלעכטע טעווע — פֿאַרשווינדן אַף עטלעכע טעג פֿון דער שטוב און קיינער זאָל ניט וויסן, וווּ ער שטעקט אָן, וווּ ער ווערט ערגעץ פֿאַרפֿאַלן.

זומערצײַט האָט דאָווידקע מאַזור אָנגעהויבן פֿאָרן אין פּיאָנערישן לאַגער, וואָס געפֿינט זיך אין אַ געדיכטן דעמבענעם וואַלד, אין אַ מאַיאָנטעק, וווּ עס האָט אַמאָל געלעבט דער פּאָרעץ טערעשטשענקאָ. אַהערצו קומען זיך צונויף אַף אָפּרו אַלע זומער כעווערלײַט פֿון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי אויך פֿון ווינניצע.

דאָרף אַזוי טרעפֿן, אַז אַנומלטן זאָלן זיך דאָ באַגעגענען דאָוויד מאַזור און זלאַטקע פּרעסמאַן, וואָס איז אָקאָרשט געקומען מיט אַ כאַליאַסטרע שילער אַזש פֿון ווינניצע. זייער אַ כיינעוודיקע איז געווען די זלאַטקע. דערצו האָט זי נאָך פֿאַרמאָגט זייער אַ שיין קאָל. אַז זי האָט שטילערהייט געזונגען, האָבן זיך די ייִנגלעך פֿון די עלטערע קלאַסן פֿאַרקוקט אַף איר. יעדער איינער פֿון זיי וואָלט געווען צופֿרידן, ווען זלאַטקע זאָל אים שענקען אַ שמייכעלע, אַ פּאָר גוטע ווערטער. נאָר דער פּיאָנערן־אָנפֿירער, דער וואָזשאַטע, אַ הויכוווקסיקער און שטרענגער באָכער מישע קאָרסונסקי, איז די גאַנצע צײַט געווען אַף דער וואַך, ניט דערלאָזט, אַז ייִנגלעך מיט מיידלעך זאָלן שפּאַצירן, זיך שושקען, זיך איבערוואַרפֿן מיט צעטלעך.

מישע קאָרסונסקי איז אויך געווען אַ ווינניצער, געאַרבעט דאָרט אין דער ניי־פֿאַבריק, געווען אַן אַקטיווער טוער אין קאָמיוגישן קעמערל און זיך באַרימט געמאַכט דערמיט, וואָס ער האָט אַף אַלע

פארזאמלונגען געטאדלט די קאָמיוגיסטן, וועלכע האָבן זיך דערוועגט אָנטאָן א שניפּס, א קאַפּעליוש. געפּאַדערט, מע זאָל אויסשליסן פונעם קאָמיוג יענע מיידלעך, וואָס פירן ליבעס מיט באָכערים, זוכן זיך כאַסאַנים. מישע קאָרסונסקי האָט געהאַלטן, אַז אויב דו ביסט א קאָמיוגיסט, דאַרפסטו די גאַנצע צײַט טראַכטן נאָר וועגן דער וועלט־רעוואָליוציע און ניט וועגן זײַטיקע נארישע זאכן.

די קאָמיוגיסטן פון דער פאבריק האָבן געהאַט גרויסע צאָרעס פון מישע קאָרסונסקין. אויב ער האָט געזען, אַז א מיידל, וואָס גייט פון דער צווייטער וואכטע, פאַרהאַלט זיך מיט א יינגל לענ־גער אין גאָרטן, אָדער מע גייט געאַרעמט, מע לאַכט אַף א קאָל, מע קושט זיך, איז דאָס גלײַך אַפן אַנדערן טאָג באוווּסט געוואָרן אין קאָמיוג־ביוראָ, און אַף דער ערשטער פאַרזאַמלונג איז מישע אַרויס־געטראָטן מיט פײַערדיקע רעדעס, אַז אַזעלכע און אַזוינע טאָרן ניט זײַן אין די קאָמיוגישע רייען...

מע האָט לאַנג געטראַכט, ווי מע ווערט פּאַטער פון דעם דאָזיקן בייזן באָכער. און אַזוי ווי עס איז ניט געווען וועמען צו שיקן אין פּיאָנערן־לאַגער, איז מען באשטאַנען אַף דעם, אַז מישע קאָר־סונסקי זאָל אַהין פאָרן אַף א כוידעש צײַט, עפּשער וועלן די קינדער מיט זייער לעבנסלוסטיקײַט אַראָפּטרײַבן פון זײַן טאָמיד אָנגעדראָלענעם פּאָנעם די מאָרעשכוירע.

נאָר אויך דאָ האָט ער זיך ניט געקענט באַרויִקן, ער האָט אַלץ געמאָנט, עס זאָל זײַן אָרדענונג. דאָס הייסט, יינגלעך זאָלן זיך האַלטן ווײַטער פון מיידלעך און פאַרקערט.

איז גראַדע געשען, אַז מע האָט אויסגעטיילט דאָווידקען און זלאַטקען דעזשורען באַם שײַטער. דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי געדאַרפט אונטערהאַלטן דאָס פײַער, קאָכן אַפן שײַטער צוויי עמער קאַשע פאַר די קינדער, טראָגן וואַסער פונעם קוואַל.

מישע קאָרסונסקי איז אין יענעם טאָג געפאָרן קיין וויניצע נאָך פּראָדוקטן אַף דער אייִנציקער שקאַפּע, וואָס האָט זיך געפּאַשעט לעבן לאַגער. ער האָט זיך אומגעקערט פון וועג, ווען די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט, און די צוויי כעווערלײַט האָבן זיך געקליבן אָפּקאָכן אַף וועטשערע די קאַשע פאַר די קינדער.ביידע עמערס זײַנען געהאַנגען אַף דעם דרענגל איבערן שײַטער, מע האָט געדאַרפט דערגיסן וואַסער, און דאָס פּאָרל איז אַוועק צו דעם קוואַל אין וואַלד אַרײַן...

אַז קאָרסונסקי האָט דאָס דערזען, איז אים געוואָרן א לאָך אין האַרצן. ער האָט זיך שטילערהייט באַלד אַוועקגעלאָזט אין וואַלד, נאָכן פּאָרל, געגאַנגען אָבער אַף די שפּיץ פינגער, קעדיי ער זאָל זען, וואָס זיי טוען דאָרט.

דערזען האָט ער זיי אַף דער ברייטער אַלייע. זלאַטקע איז געגאַנגען א שײַנענדיקע און מיט פאַר־ליבטע אויגן געקוקט אַף דעם שיינעם, פעסטן באָכער, וואָס האָט לײַכט געטראָגן אין ביידע הענט צוויי עמער וואַסער. קאָרסונסקי איז געוואָרן אויסער־זיך. וואָס איז דאָס פאַר א געשיכטע? פאַרוואָס טראָגט ער ביידע עמערס? זלאַטקע דאַרף טראָגן איין עמער! וואָס זשע, ער ווייסט ניט, דער דאָווידקע מאַזור, אַז בא אונדז איז גלײַכהײַט פאַר מאַנצבלען און פרויען? וואָס קומט דאָ פאַר — עס האָבן זיך געיאַוועט באַרישניעס און קאַוואַלערן, ווי אין די אַלטע בורזשואַזע צײַטן?! דאָס וועט ער ניט דער־לאָזן. מיט א געשריי און מיט א טומל האָט ער באַפוילן גלײַך צונויפרופן צו דער „לוזשײַקע" אַלע קינדער, און געגנומען ביידע דעזשורנעס זידלען אַף וואָס די וועלט שטייט.

זינט זי לעבט, זלאַטע, האָט זי ניט איבערגעלעבט אַזאַ ביזאָיִען, ווי דעמאָלט, ווען זי איז געשטאַ־נען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געהערט די זידלערײַען פון דעם צעבייזערטן וואָזשאַטע. ווען זי ווייסט דעם וועג און האָט ניט מוירע פאַרבלאָנדזשעט צו ווערן, וואָלט זי גלײַך אַנטלאָפן אַהיים. עמעס, דאָווידקע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין א שטאַם פון אַן אַלטן דעמב, געקוקט אַף דעם וואָזשאַטע מיט א מאַמזעריש שמייכעלע, ווי א זיגער, און לעסאָף געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט ניט, וואָס יענער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים און זלאַטקען? אויב ער האָט געהאָלפן דעם מיידל טראָגן פונעם קוואַל די וואַסער, איז דאָך דאָס ניט קיין פאַרברעכן. פאַרקערט, א פּיאָנער דאַרף שטענדיק העלפן זײַן כאַווער...

ניין, נאָך זײַן רעדע האָט מישע קאָרסונסקי ניט געפונען קיין כיין אין די אויגן בא די קינדער. מע האָט באַרויִקט זלאַטקען, געצייצעט ניט לייגן קיין אכט אַף דעם אויסרייד, וואָס זי האָט באַקומען פון קאָרסונסקין, מע האָט זי אויך אָפּגעהאַלטן, זי זאָל ניט וואַרפן דעם לאַגער, ניט פאָרן אַהיים, ווײַל ניט שטענדיק וועט אויסקומען לײַדן ביזיוינעס פון דעם וואָזשאַטע.

אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט זלאַטקע זיך באַמיט האַלטן ווײַטער פון דעם באַפּאַליער כיינעוודיקן יינגל. כאָטש זי האָט געפילט, אַז עס ציט זי צו אים, ווי א מאַגנעט. זי וואָלט גערן זיך מיט אים באַגעגנט און שפּאַצירט. זי איז געווען אַפן זיבעטן הימל, ווען זי האָט איבערגעכאַפּט זײַן כיינעוודיקן בליק און, פאַרבײַגייענדיק, זיך דורכגעוואָרפן מיט א פּאָר ווערטער.

כאָטש מישע קאָרסונסקי איז זיי געשטאַנען, ווי א ביין אין האַלדז, און זיי האָבן מוירע געהאַט אַפילע אַף עטלעכע מינוט בלײַבן זאַלבעצווייט און זיך דורכריידן, האָבן זיי דאָך אָפּטלעך געפונען א טערעץ זײַן נאָענט איינס לעבן צווייטן.

דעם עמעס זאָגנדיק, האָט דאָווידקע באם אָנהייב ניט פארשטאַנען, וואָס עס טוט זיך בא אים אין הארצן. פארוואָס האָט ער אָנגעווירן דעם שלאָף? און ווען ער שלאָפט שוין יאָ איַין, כאָלעמט זיך אים באלד זלאַטקע. פארוואָס האָט דאָס מיידל בא אים אָפּגענומען די רו? אָבער דאָס האָט אים ניט געמאַטערט, פארקערט — דאַכט זיך, דערהויבן. ער האָט געפילט, ווי עס וואַקסן בא אים אויס פליגל, עס וואַקסט אָן אין אים קראַפט און ער וואָלט געקאָנט בערג איבערקערן, זאָל זלאַטקע צו אים בלויז א ווונק טאָן.

דער רועך זאָל עס נעמען, וואָס קומט מיט אים פאָר? אין שול, באַנאַנד מיט אים, זיצן אַזעלכע שיינע, כיינעווודיקע שטיפערקעס, און ער האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן ווײַטער פון זיי, זיי אויסגעמיטן, פארוואָס זשע איז זלאַטקע אים אזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן? פארוואָס ציט אים אזוי צו איר דאָס האַרץ? מיט וואָס האָט זי אים אזוי געפאַנגען, וואָס ער טראַכט די גאַנצע צײַט וועגן איר?

אָט וועט דורכלויפן דער כוידעש, זיי וועלן פארלאָזן דעם זומער־לאַגער, זיך פאַנאַנדערגיין, ווי די שיפן אין יאַם, און ווער ווייסט, ווען מע וועט זיך ווידעראַמאָל קענען באַגעגענען. —

דאָווידקע האָט געפילט, ווי די סרייפע אין זײַן נעשאָמע צעפלאַקערט זיך מיט יעדן טאָג שטאַרקער, און ניט געוווּסט, וואָס טראַכט וועגן אים זלאַטקע, צי לעבט זי איצט אויך איבער דאָס, וואָס ער? פארוואָס דאַרף ער לעבן אין באַפּאָליע און זי איז ווינִיצע? זייערע וועגן וועלן זיך דאָך קיינמאָל ניט צונויפגיין. מע וועט זיך אומקערן אַהיים, און פארגעסן איינס אין אַנדערן. ער האָט זיך ניט פאָר־געשטעלט, וויאַזוי מע וועט זיך צעשיידן און ווען מע וועט זיך ווידער באַגעגענען.

ער איז געווען אין קאַס אַף מישע קאַרסונסקין, דעם שטענדיק אָנגעדראָלענעם יונג. ער לאָזט ניט אויפהייבן דעם קאָפּ. טאָמער זעט ער, אַז דאָווידע דערנעענטערט זיך צו זלאַטקען, אזוי וואַקסט ער לעבן זיי אויס, ווי פון אונטער דער ערד, גייט זיי נאָך ווי א שאָטן. א פאָר מאָל שוין האָט ער געדראָט, אַז ער וועט אָנשרײַבן צו זיי אַהיים די עלטערן, אין שול...

וואָס וועט ער שרײַבן, דער טײַוול, וואָס פאַר א פארברעכן באַגייען זיי, וואָס ער וועט זיי מאַסערן?

עך, ווען עס טרעפט א נעס און זלאַטקע פאָרט אַריבער קיין באַפּאָליע און באַזעצט זיך דאָ נאָענט לעבן אים!

עס וואָלט דאָך אָבער געקאָנט געשען אַן אַנדער נעס: זײַן טאַטע זאָל מיט דער מאַמען און מיט די קינדער אַריבערפאָרן קיין ווינִיצע. אָט דעמלט וואָלט מען זיך אָפטלעך געקענט באַגעגענען מיט זלאַטקען. נאָר, זעט אויס, קיין שום נעס וועט ניט געשען, האָט זיך געטראַכט דאָווידקע מאַזור, ניט זײַן טאַטע וועט פארלאָזן באַפּאָליע, ניט איר טאַטע וועט פארלאָזן ווינִיצע!..

און אזוי טראַכטנדיק און טרוימענדיק, איז דורכגעלאָפן די צײַט, און מע האָט זיך צעשיידט. מע האָט פארלאָזט דעם לאַגער, דעם ווונדערלעך־שיינעם וואַלד מיט די לעוואָניקע פארנאַכטן און צוויטשערײַ פון פייגלען, די לויטערע נעכט אַרום דעם גרויסן שײַטער, דעם אומפארגעסלעכן קוואַל, ווו דאָווידקע האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט דעם געטלעכן צאַפּל פון דער ערשטער, אומפארגעסלעכער ליבע.

ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים א דערהויבענער און איינצײַטיק א צעבראָכענער. ער האָט אַפילע פארגעסן פארשרײַבן זלאַטקעס אַדרעס, קעדיי איר אָנשרײַבן א בריוול. און ווער ווייסט, ווען ער וועט זי נאָכאַמאָל באַגעגענען און צי וועט ער זי ביכלאַל נאָך ווען־ניט־איז זען. אינעם רוישיקן לאַגער האָט ער ניט איין מאָל באַמערקט, ווי יינגלעך האָבן זיך אַף זלאַטקען פארקוקט, ווי זיי האָבן זיך געצויגן צו איר. זײַנען דען ווייניק יינגלעך פאַראַן בא איר אין דער גרויסער שטאָט? און דאָווידקע איז געווען דערצאָרנט אַף די יינגלעך, וועלכע קענען בא אים צונעמען זלאַטקען, זאָל זי אים כאָטש ניט פארגעסן...

דאָוויד האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן שטעטל ווי א פארטשאַדעטער, אָנגעווירן דעם אַפּעטיט צום עסן. ער האָט זיך אַלץ אָפטער פארקליבן אַפן בוידעם אין היי און שאָענלאַנג געלייענט זײַנע ביכלעך.

ער האָט אָבער ניט בלויז געלייענט. ער האָט א סאַך געטראַכט, ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? וויאַזוי קומט ער צו זלאַטקען קיין ווינִיצע? אַרויסקוקן, זי זאָל זיך אַראָפּכאַפּן קיין באַפּאָליע און מע זאָל זיך דאָ טרעפן, איז אויסגעשלאָסן. ניט זלאַטקע מיט איר שטאַרקן מיידלשן האָנער וועט אַף אַזעלכן אײַנגיין.

אין מויעך בא אים האָבן זיך געראַיעט פארשיידענע פּלענער. ווינִיצע האָט אים געצויגן צו זיך, ווי מיט צוואַנגען. כאָטש אַהין איז פון באַפּאָליע ניט גאָר ווײַט, נאָר ווי דערקלײַבט מען זיך אַהין?

עטלעכע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די געסלעך פון באַפּאָליע אָן א קאָפּ. ער וואָלט צופוס אַוועקגעגאַן קיין ווינִיצע, נאָר ווו וועט ער געפינען א ווינקעלע די נאַכט איבערצושלאָפן? וועמען קען ער דאָרט און ווער קען אים?

ניט אומזיסט אָבער זאָגן מענטשן, אַז מע זוכט, געפינט מען!

דאַוויד האָט זיך דערמאָנט, אַז אין ווינעציע וווינט זײַנע א ווײַטע מומע, און אויב ער האָט ניט קיין טאָעס, הייסט זי מומע סאָניע. כאָטש ער האָט זי געזען איין מאָל אין לעבן, ווען זי איז אנומלטן אַראָפּגעקומען צוגאַסט און קימאַט ניט פאַרגעדענקט. ווי זי זעט אויס, האָט אַליין דער נאָמען אירער אים באַלד דערפרייט.

יאָ, געבענטשט איז יענער באָכער, וואָס האָט א מומע אין ווינעציע!

איצט וועט ער האָבן דעם בעסטן טערעץ, פאַרוואָס עס ציט אים אַזוי שטאַרק קיין ווינעציע. דאָס איז געווען ערעוו א גרויסן יאָמטעוו, ווען באַפאַליע, און דעריקער די כעוורע פון דער שול, גרייטן זיך פרײַלעך און לעבעדיק דורכפירן דעם יאָמטעוו. דאַווידקע איז אַרײַנגעקומען צו דער מאַמען און געזאָגט, זי זאָל אים געבן עטלעכע רובל אויף הויצאָעס. ער וויל זיך דורכפאָרן קיין ווינעציע...

— וואָס? — האָט זי אויף אים דערשראָקן א קוק געטאָן. — וואָס האָסטו צו טאָן אין ווינעציע? ווער האָט זיך דאָרט נאָך דיר פאַרבענקט? וואָס עפּעס אײַנמיצקעדערינען? און פאַרוואָס גאָר קיין ווינעציע און ניט קיין אַדעס, קיין קאַמענעץ, קיִעוו?

צום ערשטן האָט דאַווידקע זיך פאַרויטלט, אָפּגעקערט דאָס פּאָנעם פון בושע, ווײַל לײַגן האָט ער קיינמאָל ניט ליב געהאַט. נאָר קומענדיק א ביסל צו־זיך, האָט ער געענטפערט ניט גאָר פעסט:

— איך האָב כיישעק זיך דורכפאָרן צו דער מומע סאָניען...

— וואָס ווילסטו טאָן בא דער מומע סאָניען?

— זי איז, האָב איך געהערט זאָגן, אַן אַלמאָנע. עס גייט צו ווינטער, עפּשער דאַרף מען איר אָנהאַקן האָלץ, פאַריכטן דעם דאַך...

— אַזאַ גרויסער באַלמעלאָכע ביסטו? עפּעס האָב איך ניט באַמערקט, זאָלסט שטאַרק ליב האָבן פאַריכטן דעכער און האַקן האָלץ...

ער האָט זיך א ביסל פאַרלוירן און באַלד צוגעגעבן:

— א האַכמאָנעס אויף דער מומע סאָניע... דער מאַן אירער, זאָגט מען, איז פאַרצווייטאָרן גע־שטאָרבן, און זי איז געבליבן עלנט, ווי א שטיין.

אין דער מאַמעס אויגן האָבן זיך אפילע צעגלאַנצט טרערן. איר איז גראָדע געפעלן געוואָרן, וואָס איר בענאַק טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע גוטע געדאַנקען. דאָס האַרץ איז בא איר ווייכער געוואָרן און זי האָט אָפּגערעדט מיטן מאַן, אַז מע גיט דאַווידקען די עטלעכע קערבלעך אויפן וועג.

און ניט לאַנג געקלערט, האָט דאָס באָכערל זיך געזעצט אין וועג אַרײַן.

זינט די וועלט שטייט און זינט מענטשן לאָזן זיך אין ווײַטע רײַזעס, ווייסט מען, אַז איינעם אַליין איז ניט באַקוועם זיך לאָזן אין וועג. אַפילע געפערלעך.

מאַלע וואָס עס קאָן טרעפן! מע קאָן זיך אַראָפּשלאָגן פונעם גלײַכן וועג און פאַרבלאָנדזשען, זיך באַגעגענען מיט גאַזלאָנים אָדער מיט א ווילדער כײַע. מע קאָן אומקומען, און קיינער פון די קרויווים זאָל ניט וויסן, ווו דײַן געביין איז אהינגעקומען.

טאַקע דערפאַר האָט אונדזער רײַזנדער, דאַווידקע מאַזור, באַטראַכט, אַז ער וואָלט אויך גע־דאַרפט האָבן א באַגלייטער.

אָבער ווו נעמט מען אים? ער פאָרט דאָך ניט צו דער מומע סאָניע, ער דאַרף די מומעס איצט אויף קאַפּאָרעס. דאָס איז בלויז געווען אַן אויסרייד, די מאַמע זאָל אים געבן דאָס ביסל מינץ אויפן וועג. אים ציט, ווי מיט א מאַגנעט, צו זלאָטקען. עס גייט אים טאַקע אין לעבן, אַז די מומע סאָניע זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן און דערנאָך איבערגעבן דער מאַמען, צוליב וואָס דאַווידקע האָט אַזוי גע־ספּעשעט קיין ווינעציע...

דאָס דאַרף זײַן בעסאָד־סוידעס, קיינער טאָר זיך ניט אָנשטויסן, צוליב וואָס ער האָט זיך געלאָזט אין אַזאַ וועג. ער וועט זיך דערקלײַבן אהין, קיין ווינעציע, וועט ער צו דער מומע אַפילע ניט אַרײַנ־שמעקן. דאָס איז א מומע, וואָס קאָן צונויפירן א וואַנט מיט א וואַנט. וועט ער זיך סטאַרען באַגיין אָן איר, אָן דער מומע סאָניע. זי וועט נאָר זײַן בא אים, ווי א שילד...

דאָס איז קלאָר. נאָר ווו נעמט מען א באַגלייטער?

דאַווידקע האָט זיך מיטאַמאָל א קלאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע אין שטערן: „נאַרישער באָכער, וואָס דאַרפסטו זיך לאַנג ברעכן דעם קאָפּ מיט וועמען זיך לאָזן אין וועג. נו, און יאַשקע דער רוי־טער, יאַשקע סאַלגאַניק?"

טאַקע. הער נאָר א מײַסע, גאָר פאַרגעסן, אַז ער קאָן נעמען מיט זיך אין וועג יאַשקען, זאָלמען דעם באַנדערס ייִנגל.

מיט יאַשקע דעם רויטן איז דאַווידקע פון לאַנג געקניפּט און געבונדן. כוץ דעם, וואָס מע לעבט

א שטוב לעבן א שטוב און זייערע גערטנער און סעדלעך גייען זיך צונויף באם יאר, איז מען קימאט פון איין עלטער און מע לערנט זיך אין איין קלאס.

עמעס, יענער איז מיט גאנצע צוויי יאר עלטער. אין איין קלאס גייט מען דערפאר, ווייל יאשקע איז מיט א פאר יאר צוריק אראפגעפאלן פון אן עפלבוים אין סאד, זיך צעבראכן א פוס און לאנג געלעגן אין שפיטאל. די דאקטוירים האבן געוואלט ראטעווען אים דעם פוס, נאר מע האט זיך מיטן יינגל לאנג געמוטשעט און עס האט גארנישט ניט געהאלפן, דער פוס איז בא אים געבליבן אפן גאנצן לעבן קירצער, און דער באכער האט גאנץ סאליד אונטערגעהונקען. שטענדיק געגאנגען מיט א שטעקל.

אזוי יאשקען איז אויסגעקומען זייער לאנג האבן צו טאן מיט די דאקטוירים, שפיטאלן, פארן קיין וויניצע זיך היילן, האט ער דורכגעלאזט די שול און איז דערפאר אין קלאס עלטער פון אלעמען. אף גאנצע צוויי יאר.

כאטש ער האט זיך אין דער לער געפרווט אונטערציען, איז ער אבער אין מאטעמאטיק און אין נאך א פאר פינקטלעכע געביטן שטומפיקלעך אף דער איוורע, און מוז אנקומען צו די כעוורע, מע זאל אים אונטערזאגן און העלפן לייזן די אופגאבעס.

דערפאר טאקע האט אים דאווידקע אוועקגעזעצט לעבן זיך און העלפט אים אונטער די גאנצע צייט. ער האט אף אים ראכמאנעס. כאטש דער בוים, פון וועלכן יאשקע איז אראפגעפאלן און דערביי אפגעבראכן א גרויסע צוויינ, קימאט א האלבן עפלבוים, געהער די מאזורס. דאס איז געווען זייער סאמע באליבטער בוים, האט אלע יאר געגעבן אן א שיר וויניקע עפל מיט רויטע בעקלעך, וואס האבן מאמעש דערקוויקט די נעשאמע. און ווען, כאלילע, יאשקע דער רויטער פאלט ניט אראפ און צעברעכט ניט א פוס, וואלט ער גוט אריינגעכאפט אין קאלנער פון דאווידקען, נאר וואס האט מען געקאנט מאכן — א געפאלענעם שלאגט מען ניט...

נאך מער, דאווידקע האט אליין געבראכט צום געליטענעם דעם פעלדשער.

פון אלע דריי קינדער, וואס זאלמען דער באנדער האט אפגעשפארט, איז דער עלטסטער, יאשקע, געווען דער סאמע אומגליקלעכסטער. עפעס איז אים ניט געגאנגען אין לעבן. מע רעדט שוין ניט דערפון, וואס ער איז אראפגעפאלן פונעם בוים און זיך קאליע געמאכט א פוס, געבליבן א הינקעדיקער אפן גאנצן לעבן. ער איז געווען קליינוווקסיק, א דארלעכער, מיט א לענגלעך בלאס פאנעם און א רויטער קוטשמע האר.

דער טאטע איז א טונקעלער, די מאמע — א טונקעלע, די קינדער — טונקעלע, נאר איין יאשקע איז געבוירן געווארן א רויטער. באפאליער לייצים האבן זיך לאנג געבראכן דעם קאפ און ניט געקענט פארשטיין, וויאזוי ס'איז געשען אזא נעס. מענטשן האבן געזאגט, אז בעשאס די באנדערקע איז געלעגן אין קימפעט, האט דער רועך איר פארביטן דאס קינד...

איבער זיין רויטער קוטשמע האר איז יאשקע געווען אויסגעשטאנען פון די כעוורע שטיפערס, — אלעמאל האבן זיי אים צוגעטראכט אן אנדער צונעמעניש, נאר צוגעטשעפעט האט זיך צו אים „יאשקע קאנאריק", ווייל נאר א קאנאריק פארמאגט אזא רויט קעפעלע, ווי יאשקע...

כאטש דאווידקע האט לאנג ניט געקענט מויכל זיין דעם באכער דאס, וואס ער האט קאליע געמאכט אזא טייערן עפלבוים, האט ער אבער שטענדיק זיך געשטעלט אף יאשקעס זייט, אים פארטיידיקט, ניט געלאזט באליידיקן, געהאלפן אים מאכן די לימודים, אונטערגעטראגן א שטיקל ברויט, א פאר קנישעס מיט פאסאליעס, וואס די מאמע האט מיטגעגעבן אין שול. יאשקע איז אין וווקס געווען ניט קיין גרויסער, פארקערט, א קליינינקער, נאר וואס זשע, א קישקע האט ער, זעט אויס, פארמאגט א גרויסע, איז קימאט שטענדיק געווען א ביסל הונגעריק. אן אפעטיט — ווי בא א וואלף. איין זאך נאך דארף דא געזאגט ווערן, קעדיי מע זאל ביזן סאף פארשטיין, וואס פאר א באכער דער יאשקע איז געווען: א יינגל אן א גאל.

מענטשן זאגן, אז א רויטער איז א מעסוקענער קאסניק, באהיט גאט אים ארויספירן פון די קיילים. ער ווערט בייז, ווי א לעמפערט, און מיט אים איז געפערלעך האבן צו טאן.

יאשקע קאנאריק, פארקערט, איז א גוטהארציקער, בייזערט זיך קיינמאל ניט, האט ליב העלפן א מענטשן אין א נויט. דערצו נאך, איז ער א געטרייער און איבערגעגעבענער כאווער און קאן האלטן א סאד. אף אים קאן מען זיך פארלאזן, ווי אף א גראניטענעם פעלדז.

פאר אט די אלע זאכן האט אים שטארק ליב דאווידקע מאזור און איז גרייט גיין פאר אים אין פייער און אין וואסער.

ער געדענקט ניט קיין פאל, יענער זאל ניט אויספילן זיין, דאווידקעס, פארלאנג, זיין באקאשע. איז טאקע גאנץ פארשטענדלעך, פארוואס דאווידקע האט באשטימט, אז אין אזא נעסיע, וואס ער נעמט פאר, וועט ער קיין בעסערן באגלייטער, ווי יאשקע קאנאריק, יאשקע דער רויטער, זאלמען דעם באנדערס ניט געפינען!

און אינמיטן דער נאַכט, ווען יאַשקע איז געשמאַק געשלאָפֿן און געזען דעם דריטן חלום, האָט אים דאָווידקע אויפֿגעטאָרעט, צוגערופֿן צום פֿענצטער און אים אײַנגערוימט אַ סוד, אַז גאַנצפֿרי מיט דער ראַשטשינע, ווען די ערשטע הענער וועלן אָנהייבן קרייען, זאָל ער זיך אָפּגיך אָנטאָן, ווײַל מע דאַרף זיך לאָזן אין אַ ווײַטן וועג.

יאַשקע האָט לאַנג געקוקט אויפֿן אויפֿגערודערטן גוטן־ברודער מיט פֿאַרשלאָפֿענע און דערשראָקענע אויגן. געקוקט, געקראַצט די טשופּרינע און זי צעפּאַטלט נאָך שטאַרקער. געוואָלט אויספֿרעגן, וואָס און ווען, נאָר זיך באַלד דערמאָנט, אַז דאָווידקע האָט ניט ליב, מע זאָל אים פֿאַרגעבן איבעריקע קאַשעס. זיך שטאַרק אויסגעגענעצט, אויסגעהערט, וואָס ער דאַרף מיט זיך פֿאַרכאַפּן, וואָס אָנטאָן, און דעריקער — קיינער טאָר ניט וויסן, אַז ער לאָזט זיך מיט דאָווידקען אין וועג. ער דאַרף זיך גוט אויסשלאָפֿן און נאָר ניט פֿאַרשפּעטיקן, געדענקען, אַז דאָווידקע וואַרט אויף דער בריק...

יאַשקע האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּלוצעמדיקע יאַזדע און וואָס איז אַזאַ אײַלעניש. נאָר דאָווידקע ווייסט, זעט אויס, וואָס ער וויל.

בײַ דער בריק האָט דאָס פּאָרל זיך באַגעגנט, ווען דער הימל איז נאָך געווען גאָר בלוי און די לעוואָנע האָט נאָך פֿון אויבן אַראָפּגעקוקט. דער גאַנצער אַרום און, דאַכט זיך, גאָט אַליין איז נאָך געשלאָפֿן. לויט דער נאַטור אַן אײַזערנער שווײַגער, אײַנגאַנצן ניט ענלעך אויף זײַן טאַטן, זאַלמען דעם באָנדער, וואָס דאַרף ניט קריכן אין קעשענע נאָך אַ וואָרט, האָט יאַשקע בלויז געוואָרפֿן אַ פֿאַרוווּנדערטן בליק אויף דאָווידקען און דערזען, אַז ער איז שטאַרק אַראָפּ פֿון פּאָנעם, עפּעס זייער צעטראָגן און פֿאַרדײַגעט, גלײַך ווי דער עול פֿון דער גאַנצער וועלט וואָלט געלעגן אויף אים.

יאַשקע האָט גראָדע געוואָרט, יענער זאָל אים אויסזאָגן דעם סוד, וווּהין קלײַבט מען זיך און פֿאַרוואָס איז אַזאַ אײַלעניש, נאָר יענער האָט געשוויגן, ווי אײַנגענומען וואַסער אין מויל.

מיילע, האָט זיך געטראַכט יאַשקע קאָנאַריק, אויב ער שווײַגט, ווייסט ער מינאַסטאַם, פֿאַרוואָס ער שווײַגט. דאָס איז זײַן זאַך. וואָס אַרט עס מיך?

און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זײַן שטעקל, האָט ער זיך געלאָזט גיין נאָך דאָווידקען. שפּאַנענדיק, האָט יענער געהאַט אַן אויסזען, ווי אַ באַרימטער וואַנדערער, און ער, יאַשקע, הינטער אים, ווי זײַן געטרײַער אַדיוטאַנט.

אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָט מען דערהערט אַ געקלאַנג פֿון אַ פֿור, מע האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער זײַט פֿון טראַקט, געוואַרט, די פֿור זאָל זיך דערנעענטערן, און דאָווידקע האָט אַ פֿרעג געטאָן דעם אַלטיטשקן פֿויער, וואָס האָט אָנגעטריבן די פֿערדלעך, צי פֿאָרט ער ניט צו דער סטאַנציע און צי וועט ער זיי ניט קענען אונטערפֿירן?..

דער פֿויער האָט געזאָגט, אַז צו דער סטאַנציע פֿאָרט ער ניט, נאָר ביזן לוקאַשיוקער וואַלד, אויב זיי ווילן, קענען זיי זיך זעצן און אונטערפֿאָרן. אויך ניט שלעכט! דאַנקען גאָט דערפֿאַר!..

ניט לאַנג געטראַכט, האָט זיך דאָס פּאָרל רײַזנדער אַרופֿגעכאַפּט אויף דער פֿור און זיך דערפֿילט, ווי אין אַ שטיקל גאַניידן.

יאַשקע האָט געקוקט מיט קינאה אויף זײַן כאַווער. אָט, ניט געשעמט זיך אַ פֿרעג טאָן — פֿאָרן זיי שוין! און ער, יאַשקע, וואָלט זיך געשעמט און געגאַנגען צופֿוס.

אָפּגעפֿאָרן אַ ביסל וועג, האָט דאָווידקע צעעפֿנט זײַן וואַליזקע, אַרויסגענומען פֿון דאָרטן עטלעכע קנישעס מיט ראַבע פּאַסאָליעס, וואָס די מאַמע האָט מיטגעגעבן דעם בענאָק אויפֿן וועג, מכבד געווען יאַשקען, דעם אַלטיטשקן פֿויער, און אַלע האָבן זיך אויף אַ פּאָר מינוט פֿאַרטיפֿט אין דער אכילה.

— וווּהין גייען די פּאַניטשעס? — האָט זיך געווענדט צום פּאָרל דער אָנטרײַבער, אַראָפּשאַרנדיק פֿון דער ברייטער העלער באָרד די ברעקלעך פֿונעם קניש, — פֿאַרוואָס שלאָפֿן ניט די פּאַניטשעס?

— מיר אײַלן צו דעם צוג... — האָט, וואַרגנדיק זיך מיטן ביסן, געזאָגט דאָווידקע, — מיר פֿאָרן קיין וויניצע...

— אַ־אָ, אַזוי ווײַט? וואָס האָבן פּאַניטשעס צו טאָן אין וויניצע?

— איך דאַרף צופֿאָרן צו דער מומע סאָניע...

דער אָנטרײַבער האָט מאַמזעריש אונטערגעוווּנקען צום שטאָלטנעם באָכער:

— און וויפֿל איז אַלט דײַן מומע סאָניע? כאָטש אַ שיינע?..

דאָווידקע האָט זיך פֿאַרויטלט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ערנוואָרט, צו דער מומע סאָניע...

— יאָ, ווען איך בין אין דײַנע יאָרן, וואָלט איך אויך געפֿאָרן צו אַ מומע, איצט קוקן שוין אויף מיר ניט די מומעס, אַפֿילו באַבעשיס זאָגן שוין אויך, אַז איך בין פֿאַר זיי צו אַלט און קערן זיך אָפּ פֿון מיר...

דערווײַל האָט יאַשקע קאָנאַריק זיך ספּראַוועט מיטן דריטן קניש, באַלעקט די דיקע לעפּצן און געוואָרפן פאַרווונדערטע בליקן אַף זײַן כאַווער, ניט פאַרשטאַנענ, פאַרוואָס האָט יענער זיך אַזוי פאַרויטלט. ער האָט זיך אויך ניט פאַרגעשטעלט, צוליב וואָס מע פאַרט עס קיין ווינניצע און וואָס איז דאָס פאַר א מומע סאָניע? דאַכט זיך, זינט מע איז באַפרײַנדעט און מע איז נאָענטע שכיינים, האָט ער קיינמאָל ניט געהערט, יאַשקע, אַז דאַווידקע האָט אין ווינניצע א מומע, וואָס הייסט סאָניע...

נאָר וואָס אַרט עס אים? זאָל זײַן אַזוי. נאָך דעם, ווי ער האָט גוט איבערגעביסן מיט די געשמאַקע קנישעס, האָט ער אַלעמאָל געכאַפּט א קוק צו דער וואַליזקע, געטראַכט, אַז אויב דאַווידקע וועט אים דעם גאַנצן וועג האָדעווען מיט אַזעלכע קנישעס, איז ער גרייט מיט אים גיין און פאָרן אַפילע אין עק וועלט!

עס איז נאָך געווען גאָר פרי. אונטער די אויפגײענדיקע זון־שטראַלן האָבן טראַפּנס טוי, ווי דימענטן, מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן זיך איבערגעגאָסן אַף די גראָזן און קוסטעס. די פערדלעך, קליינע, נאָר געזעצטע, גוט אָנגעהאָדעוועטע, זײַנען געגאַן זשוואַװ, מע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, האָט מען דערגרייכט דעם וואַלד, וווּ דער אָנטרײַבער האָט געדאַרפט פאַרקערעווען, זיך אָפּגעזעגנט און אָפּגעדאַנקט — ווער פאַר דער יאַזדע און ווער פאַר די געשמאַקע קנישעס מיט פּאַסאַליעס, און זיך אָפּן קרייצוועג גאַנץ שיין צעשיידט.

דאַווידקע מיט יאַשקען האָבן א פּאָר מינוט געקוקט ווי די פור ווערט פאַרשווונדן אין דער ביימער־געדיכטעניש, און זיך ווידער געלאָזט גיין צופוס.

אַזוי פּאַמעלעך איז מען געגאַנגען ווײַטער, אײַנהערנדיק זיך אין געזאַנג פון די זשאַוואָראָנקעס, אינעם קאָווען פון די גראָז־שפּרינגערלעך, געהערט דאָס קאָל פון די קוקאַווע, וואָס זײַנען גאָרניט מיד געוואָרן ציילן עמעצן די יאָרן.

אָפּגעגאַנגען נאָך עטלעכע ווערסט, האָט מען ווידער אָנגעטראָפן אַף א פור. דאָס פערדל האָט אָנגעטריבן א פרוי, א גוטע נעשאָמע. זי האָט דערלויבט די כעווריע זיך צוזעצן און אונטערפאָרן. אַזוי צוביסלעך, ווו פאָרנדיק און ווו שפּאַנענדיק צופוס, האָט מען זיך דערקליבן צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, און ווײַט נאָך האַלבן טאָג, זיך אַרײַנגעזעצט אין א פּולגעפּאַקטן מיט מענטשן וואַגאָן און זיך געלאָזט קיין ווינניצע.

ביז דאָס פאָרל איז דערפאָרן, האָבן זיי אויסגעליידיקט די וואַליזקע מיט דער אַכילע און דערפילט, אַז מע וואָלט נאָך עפּעס געקענט אויפעסן, אָבער וואָס וועסטו מאַכן? מע וועט קומען אַף אָן אָרט, וועט מען זיך יאַקאָס געבן אַן אייצע.

די זון האָט זיך עפּעס גיך אויסגעלאָשן, פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין דער שוואַרצער געדיכטעניש פון א ווײַטן וואַלד.

דאָס פאָרל איז אַרויס פונעם צוג, און אַף זייער מאַזל האָט אָנגעהויבן גיסן א רעגן, ניט קיין רעגן — א מאַבל. צוזאַמען מיטן גאַנצן אוילעם פּאַסאַזשירן איז מען אַרײַן אין דער סטאַנציע, דערטאַפּט ערגעץ א שטיקל באַנק, זיך צוגעזעצט, און מע איז אַזוי אײַנגעשלאָפן, אַז ווען עס וועקט זיי ניט אויף א דיקע אופראַמערן, וואָס האָט אויסגעקערט דעם דיל, וואָלטן זיי נאָך געשלאָפן ווער ווייסט וויפל.

(פאָרזעצונג קומט)

כאַים ביידער

טשערנאָביל

(פּאָעמע)

און ווו איך גיי — דו!
און ווו איך שטיי — דו!
ראַק דו, נאָר דו, ווידער דו, אָבער דו...
ווו איך קער מיך, ווו איך ווענד מיך —
דו, דו, דו!..

(פון א פאָלקסליד)

דער שווארצער אפּרעל

אוי, א שווארצע כמאַרע האָט דעם הימל פאַרצויגן,
און די וואָלקנס, זיי האָבן זיך צעשפּרייט...

(פון א פאָלקסליד)

א יאָר איז פאַרגאַנגען, צי צוויי, אָדער דריי —
דעם כעזשבן מע האָט שוין פאַרלאָרן:
עס האָבן, אַפּאַנעם, פון לאַנג סיי־ווי־סיי
זיך איבערגעפּלאָנטערט די יאָרן.

פון זינט אָן כאַדאָשים און וואָכן און טעג
געגומען די צייַט האָט מען טיילן,
א ריכטצייכן פלעג זיך באַווייַזן אין וועג,
אפסנייַ זאָל מען אָנהייבן ציילן.

ס׳האָט יעדער יאָרטויזנט זייַן פּאָנעם געהאַט,
און יעדער יאָרהונדערט — זייַן סימען.
אויב בלעטערן זיי, ווי א בלאַט נאָך א בלאַט,
מע קאָן זיי סייַ טאַדלען, סייַ רימען.

זייַן סעדרע, זייַן סיבע, זייַן אָרט און זייַן שטעל —
מיט ווייִ, צי מיט פרייד, צי מיט ווונדער...
נאָר יענער טשערנאָבילער שווארצער אפּרעל
אין כעזשבן אַרייַן איז באַזונדער.

מײַן נאָכקומער, שטעל אָפּ א רעגע זיך אָפּ,
הער אויס בלויז — געוויס וועסט פארשטיין מיך,
כ'בין גרייט, זאָלסט מיך שטראָפן, מיר געבן א גאָב —
די שולד מײַנע גרויס איז, געוויינלעך.

פארשטיי מיך:
דאָס לעבן איך קאָן כ'האָב געשטעלט,
געוואָלט כ'האָב דעם אטאָם צעבינדן,
באצווינגען זײַן קראַפט
און באשײַנען די וועלט —
די נאכט זאָל אָפּ אייביק פארשווינדן.

איך האָב דאָך בעפּירעש וואָס בעסער געוואָלט,
נאָר אָט —
ניט באמערקט אָט דעם שטרויכל...
איז ווייניק די פרײַז, וואָס מיט איר כ'האָב באצאָלט?
אויב קאָנסט, אויב כ'בין ווערט —
זײַ מיר מויכל!

פארשפּעטיקט...

זײַנען מיר געלאָפן א טאָג מיט א נאכט,
זײַנען מיר געוואָרן די ליפּעלעך פארשמאכט...
טוען מיר א קוק פונדערווײַטן —
זעען מיר א שטיבעלע גאָר אָן לײַטן...

(פון א פאָלקסליד)

כ'האָב פארשפּעטיקט.
יאָ, איך האָב פארשפּעטיקט —
אָפּ אן אייביקײַט צי אָפּ איין אויגנבליק.
נאָכאמאָל דאָס לעבן האָט באשטעטיקט,
אז עס קערט זיך גאָרניט אום צוריק.

ס'האָט די צײַט איר דויער און איר שטייגער,
פון קאדמוינים אָן מע ווייסט עס גוט:
ס'ברענט די שטוב,
נאָר ס'טיקעט אויס דער זייגער
— העפּטיק א מינוט נאָך א מינוט.

דאכט זיך, אז איך האָב געוווּסט:
מע טאָר ניט
אָפּלייגן אָפּ שפּעטער קיין שום זאך,
טויזנט קילאָמעטער איז דאָך גאָרניט —
פאר מײַן טקופע איז עס ניט קיין סאך!

קיין טשערנאָביל
מיט דער האנט דערלאַנגען,
מיטן שנעלצוג — גאָר ניט אזוי ווײַט:
אויב אפילע כ'וואָלט צופוס געגאנגען,
וואָלט איך אויך געקומען צו דער צײַט.

ווי פֿל מאָל איך פֿלעג אַליין זיך זאָגן:
אין דײַן עלטער איז א טאָג — א יאָר!..
איצטער אייביק וועט דאָס האַרץ דיר נאָגן,
און אף קיינעם קלאָגן זיך פֿאַרשפּאַר.

פֿאָדער ניט, אַז זײַן צו דיר זאָל גנעדיק
אין זײַן שנעלן לויף דער לעבנסוועג.
כ׳האָב פֿאַרשפּעטיקט.
יאָ, איך האָב פֿאַרשפּעטיקט:
ס׳איז אַן מיר דער צוג פֿון לאַנג אַוועק...

צוג, מײַן צוג, וווהין האָט דיך פֿאַרטראָגן?
וועלכע ראַכוועס דיך פֿאַרשלונגען האָט?
לויף איך איצט —
און קאָן אים ניט דעריאָגן:
שטרויכלשטיינער אף מײַן יעדן טראָט...

קווייטן

באַ א טײַכל וואַקסט א ביימעלע,
וואַקסן אף אים בלומען,
פרעג איך דיך, ליבסטער,
ווען וועסטו קומען,
וועסט שוין אַמאָל קומען?

(פֿון א פֿאָלקסליד)

איצט אָבער טרײַב מיך ניט אונטער,
כאַפּן דעם אָטעם איך מעג,
זע, ווי עס פֿלאַקערן צונטער
פֿרישע גוואַזדיקעס באַם וועג.

רויטע גוואַזדיקעס און רויזן
האָבן פֿאַרוואַלגערט די שטאָט —
פּונקט ווי זײַן פּראַכט דאָ אַנטבלויזן
וואָלט א פֿאַרקישעפּטער סאָד.

געדרטענער, קלומבעס און בייטן
רייצן מיט דופּטיקן צוויט —
ווער האָט פֿאַרזעצט אָט די קווייטן?
ווער האָט פֿון קעלט זיי געהיט?

ווּעמען אַצינד זאָל איך פֿרעגן,
קלאַפּן אין וועלכן געצעלט?
קיינער ניט גייט מיר אַנטקעגן —
אָפּגעקערט האָט זיך די וועלט.

רויזן, טיולפּאַנען, פּיאָנען
קוקן פֿון בייטן אַרויס —
ווי פֿל באַצירן זיי קאָנען
סימכעס אין יעטווידן הויז?

אױפֿן דער כּאַסנע־זאַל איז,
פֿאַרלעך שױן שטײען אין רײ,
קומט זשע, כּאַסאַנים, צו קאַלעס,
גײט זשע מיט בלומען צו זײ!

נײן, קײנער רײַסט ניט די קװײטן,
סימכעס מע שפּילט ניט אַצינד —
איבער די קלומבעס און בײטן
שפּילט מיטן שטױב זיך דער װינט.

עפּשער האָט עמעצער שפּאַסן
גאָר דאָ מיט כױזעק פֿאַרקלערט?
...שטיל איז טשערנאָבילער גאַסן.
טױט איז טשערנאָבילער ערד.

װערטאַליאָטן

איך גײ אַרױס אױפֿן גאַנעקל
דאָס שטעטעלע באַקוקן...

(פֿון אַ פֿאָלקסליד)

שטײ איך אױפֿן גאַנעקל,
דאָס שטעטעלע באַקוקן,
קומט צו מיר אַ פֿײגעלע
און טוט זיך צו מיר בוקן.

װאָס זשע װילסטו, פֿײגעלע,
מיר אַצינדער זאָגן?
װעלכע גוטע בסורעלעך
ברענגסטו מיר צו טראָגן?

אָבער ניט קײן צװיטשערײ
הערט זיך אין געװימל,
עפּעס האָט פֿאַרכמורעט זיך
איבער מיר דער הימל.

אױ, ס׳איז ניט קײן פֿײגעלע
אין פֿרימאָרגן פֿריִען —
איבער אונדזער שטעטעלע
װערטאַליאָטן פֿליִען.

ס׳פֿאָכען ניט קײן פֿליגעלעך,
ניט קײן פּוך און פֿעדער —
זילבערדיקע „מיגעלעך"
פֿאָכען מיט די רעדער.

— װוּ זשע איז דאָס פֿײגעלע? —
װיל איך בא זײ פֿרעגן, —
זוכן װוּ איך דאַרף עס איצט,
איבער װעלכע װעגן?

עפשער האָט דאָ עמעצער
פליִען שוין פאַרבאָטן?
דאַרפֿן דאַרף איך פֿייגעלעך,
ניט קיין וועַרטאַליאָטן!

הייב איך אָן צו יאָמערן:
ווי צו מײַנע יאָרן!..
אָבער קיינער ענטפערט ניט —
ס'רעוון בלויז מאָטאָרן.

שטיי איך אױף מײַן גאַנעקל,
קוק זיך אויס די אויגן:
פייגעלע, מײַן פייגעלע,
ביסט וווּהין פאַרפלויגן?..

עפל

פאַר מײַן לעבן איז מיר אויסגעקומען פאַרזוכן פיירעס פון פאַרשיידענע געגנטן, נאָר ביז איצט איז צווישן אלע טאַמען דער געשמאַקסטער טאַם פון די טשערנאָבילער עפל...

אירמע דרוקער

אינצווייען שפּאַצירט בא דעם יאַם־ברעג מיר האָבן,
און ס'האָט זיך מיר גוט פאַרגעדענקט,
ווי אירמע א זיפץ געטאָן האָט:
— נאָך טשערנאָביל
איך האָב זיך אזוי שוין פאַרבענקט!

די אויגן בא אירמען — פאַרצויגן מיט נעפּל,
ער זעט ניט דעם ברעג און דעם יאַם:
„— אויב האָסט ניט פאַרזוכט קיין טשערנאָבילער עפל,
דו ווייסט ניט פון עפל קיין טאַם!"

אַרקאַדי'ע פינקלט מיט איר פּאַנאַראַמע,
ווי גאַרנישט עס וואָלט ניט געשען.
„— א האַלבער יאָרהונדערט אוועק שוין מיסטאַמע,
ווי כ'בין אין מײַן שטאָט ניט געווען..."

א האַלבער יאָרהונדערט...
כ'האָב אירמען פאַרשטאַנען
און ווײַל געקאַנט — אים געשטאַרקט.
„— געלאָזט זיך איך וואָלט צום וואָקזאַל גלײַך פונדאַנען,
ווען ניט אָט דער פינפטער אינפאַרקט!.."

וואָס גייט איצטער אָן אים די פּראַכט פון אַרקאַדי'ע? —
געטאָן כ'האָב מיט ווײַטיק א קלער:
געווען וואָלט די בעסטע רעפוּע אוואַדע
טשערנאָבילער עפל אַהער!

אוועק זיינען יאָרן...
צו וועמען די טייַנע
איצט ווענדן, דערהערן מע זאָל?
ער האָט ניט דערוואַרט זיך, די האָפענונג זייַנע
מעקויעם זאָל ווערן אַמאָל.

און עפשער איז בעסער, —
אַ טראַכט געטאָן האָב איך, —
וואָס אירמע איז שוין ניט געווען...
די אויגן פאַרמאַך איך,
דעם אויער פאַרשטאָפּ איך —
ניט קלערן, ניט הערן, ניט זען!

ניט יענעם אָפּרוף־טאָג אין שוואַמיקן נעפּל,
ווען צווייט האָט די סעדער באַדעקט,
ניט האַרבסט,
ווען צו רייַפע טשערנאָבילער עפּל
האָט קיינער די האַנט ניט געשטרעקט.

נאָר אירמען איך זע,
ווי — מיט זון־שייַן באַגאָסן —
אין אומעט ער קוקט אויפן יאַם...
ס'איז טאָפּלט אַ שאָד מיר, וואָס כ'האָב ניט גענאָסן
פון עפּל פון יענע דעם טאַם!...

פ י ש ע ר

אין 1193 ווערט שוין טשערנאָביל פאַרצייכנט אין
דער איפּאַטיעווער כראָניק ווי אַ יישעוו בײַ די
ברעגן פונעם טייך פּריפּיאַט.

(פון אַן אַלטן פּינקעס)

ווען ס'זײַנען געקומען אין צוועלפטן יאָרהונדערט
די טוישווים די ערשטע צום טייַך,
עס האָט זי די ראַכוועס מיט שיינקייט באַוווּנדערט,
זיך אָפּגעשטעלט האָבן זיי גלייַך.

דער טייַך האָט די וואַסערן זייַנע געטריבן
דורך שטיינער, דורך זאַמד און דורך לייַם,
און ס'האָבן די ערשטע אין פּינקעס פאַרשריבן:
„אָט דאָ וועט זי זייַן, אונדזער היים!"

צוערשט האָט פאַרכידעשט גערוישט בײַ די ברעגן
מיט סאָסנעס און דעמבן דער וואַלד,
נאָר גלייַך זיך צעזונגען עס האָבן דאָ זעגן
און העק האָבן פרייליך געקנאַלט.

פון דעמלט אוועק איז בײַם פּריפּיאַט אַ לעבן,
כאָטש גוט זיך געמוטשעט מע האָט...
פאַרוואָס מ'האָט דעם יישעוו אַ נאָמען געגעבן
אַזאַ —
איז פאַרבליבן אַ סאָד.

איצט קלינגט ער, דער נאָמען, מיט אומרו, מיט כידעש,
און פעלקער אים ווייסן א סאַך:
טשערנאָביל — אַף סלאַוויש,
טשערנאָביל — אַף יידיש,
טשערנאָביל — אַף יעטווידער שפּראַך.

די צייט האָט פאַרגעסן —
צי פרי׳ער, צי שפּעטער —
די נעמען זי האָט ניט פאַרהיט
פון פישער פון ערשטע; דעם שוסטער, דעם טעפּער,
דעם שניידער, דעם סטאָליער, דעם שמיד.

טשערנאָביל פון לוקסוס ניט קיינמאָל געוווּסט האָט —
א גורל אזא מין באשערט.
נאָר פיש האָבן פריילעך אין טייך זיך געפּליוסקעט —
דעם יישעוו דעם גאַנצן געגערט.

טשערנאָבילער פּישער אין היגע מעקוימעס
א שעם האָבן שטענדיק געהאַט,
דער רייעך פון פיש האָט געשמעקט פון די קוימענס,
מייכאָלים געגרייט מ׳האָט צו זאַט.

איז ווו זשע אים זוכן,
דעם רייעך דעם זיסן,
וואָס שמעקן דאָ פלעג פון די פיש?
ווי פרי׳ער, אין פריפּיאַט די וואַסערן פליסן, —
נאָר אויוונס ניטאָ, און קיין טיש...

ניט זומער,
ניט אָסיען,
ניט ווינטער,
ניט פרילינג —
א וויסטער און פוסטער אַרום:
קיין ווענטקע, קיין העקל,
קיין נעץ און קיין ספּינינג...
היי, פישער!.. ס׳איז שטיל און ס׳איז שטום.

טשערנאָביל,
מע פלעג דיך סיי שילטן, סיי בענטשן —
וואָס אָפּגעטאָן האָסטו מיט אונדז?
און גלייבן ווי זאָל איך אין גוורע פון מענטשן,
וואָס אויסהיילן זאָלן דיין ווונד?

איך גלייבן
וויפל שטורעמס געבושעוועט האָבן,
פלעגסט אופשטיין מיט מאָל צוריק...
דעם אכטן יאָרהונדערט פאַרענדיקט טשערנאָביל —
דער נייַנטער דאַרף מער האָבן גליק!

פון א מישפּאָכע־כראָניק

אוי, אַף יענער זײַט טײַך, אַף יענער זײַט ברעג,
אוי, זײַנען די צווײַגן געבויגן,
דאָרטן, דאָרטן שטייט מײַן זיס לעבן
מיט פאַרוויינטע אויגן...

(פון א פאָלקסליד)

מ׳האָט ליאָניען באַגלייט, ווי אַמאָל אַפן פראָנט
באַגלייטן מע פלעג די סאָלדאַטן,
ס׳האָט קיינער געוואָרט, אַז באַם פריפּיאַט געקאַנט
זיך טרעפן ער וואָלט מיטן טאַטן.

די גאַנצע מישפּאָכע געשטוינט האָט דערפון,
וואָס טאַקע אַזוי האָט געטראָפן,
דער טאַטע — פון ראָוונע, פון מאָסקווע — דער זון:
דעם גוירל מע האָט ניט פאַרשלאָפן...

ס׳האָט אָפּגעזוכט ליאָניע זײַן אַלטן רוקזאַק
פון ערשטע סטודענטישע יאָרן,
א פּאָר בוטערבראָדן, קאָנווערטן א פּאַק —
און אָט איז ער גרייט שוין צו פאָרן.

א קוק געטאָן שטיל אַפן זיידנס פּאָרטרעט,
וואָס הענגט אין א ווינקל באַשיידן,
סעמיאָנען געטאָן מיט דער דלאָניע א גלעט
(דעם נאָמען ער טראָגט נאָכן זיידן).

דערנאָך אַף דער ייִנגערער טאָכטער א בליק —
אָט ערשט איר געבורט מ׳האָט פאַרשריבן.
נאַטאַשע געשלאָפן איז רויִק אין וויג,
געטשמאָקעט געשמאַק מיט די ליפּן.

פאַריכט דעם רוקזאַק, מיט די אַקסלען — א צוק,
באַפרײַט זיך פון סאָניעטשקעס אָרעם,
און ס׳האָט אים אַוועקגעפירט האַסטיק דער צוג
דורך רוסישער ראַכוועס — אַף דאָרעם.

אין מאָסקווע געבויט האָט דער יונגער פּראָראַב
געוויינלעכע בריקן און וועגן, —
נאָר דאָרט איז א פראָנט, כאָטש אַן אַנדער מאַסשטאַב,
און שלאַכטפעלדער שטומע — אַנטקעגן.

פאָרסירן דעם פּריפּיאַט מע האָט ניט געדאַרפט,
טשערנאָביל אין אָנגריף ניט נעמען,
און ניט קיין פאַשיסטן — די צייַן האָט געשאַרפט
א סוינע, וואָס מ׳האָט ניט געזען אים.

געפלאַקערט עס האָט א געראַנגל אַרום,
כאָטש ס׳האָבן געשוויגן האַרמאַטן,
אַף יאַשען — דעם טאַטן, אַף ליאָניען — דעם זון
אין אָנגריף געגאַנגען איז דער אַטאָם.

פלימעניקעס מײַנע... װער זאָגן דאָ קאָן,
װער שװאַכער עס איז, װער — געװאַגטער?
ס'האָט יאשע געלײגט בא דעם פּריפּיאַט בעטאָן,
און ליאָניע — בעטאָן באם רעאַקטאָר.

װי פּונקט אין אָקאָפּעס — ס'קאָן טרעפן א קויל,
נאָר קלערסט דען דאָס לעבן פאַרהיטן?
פאַרשטופּן װאָס גיכער דעם מאָנסטער דאָס מויל,
פאַרהאַקן זײַן אָטעם צעגליטן!

דעם זיידן סעמיאָן ניט געװען איז באשערט
זײַן אײניקל זען —
נאָך א יונגן,
אין יאָר אײן־און־פערציקסטן האָט אים די ערד
פון אָט די מעקוימעס פאַרשלונגען.

און אָט האָט אײן גורל דרײַ דורעס געבראַכט
אהער מיט געװיסן מיט רײנעם:
דער זײדע, דער טאַטע, דער אײניק — א שלאַכט
איצט פירן זײ זאָלן אינײנעם...

װען אײַנגעפירט װאָלט מען, װי דאַן, באם רײַכסטאַג —
פאַרשטעמפּלען פון זיגער דעם נאָמען,
פאַרקריצן טשערנאָבילער װאָלט סאַרקאָפאַג
די כסימעס פון יאשען און ליאָניען.

דערבײַ ניט קײן כעט װאָלט געװען, װען מע קאָן
א דריטע נאָך צוגעבן —
כ'לעבן:
פון יענעם סאָלדאַט מיטן נאָמען — סעמיאָן,
װאָס ליגט בא דעם פּריפּיאַט,
דערנעבן... —

באלאדע װעגן א פאַרגעסענעם ניגון

...א ניגון קאָן אופּשטײן טכיִעס־האַמײסים. פלוצעם דערמאָנט מען זיך אַן אַלטן ניגון, ער שװימט פלוצעם אַרויס און רײַסט זיך פון מויל אַראָפּ... נישט װילנדיק לײגט מען אים אַרײַן א נײַ געפיל, א נײַע נעשאָמע, און קימאַט א נײַער ניגון לעבט...

י.־ל. פּערעץ. „א גילגל פון א ניגון"

צי עמעס דאָס איז,
צי עס איז א לעגענדע,
געװען איז עס יאָ, צי ס'איז גאַרניט געװען,
אָן אָנהײב געהאַט האָט זי, אָבער קײן ענדע —
א מײַסע, װאָס איז מיט א ניגון געשען.

געלעבט אין טשערנאָביל עס האָט א מישפּאָכע
פון גאַלע צאַדיקים — א דאָר נאָך א דאָר.

ניט נייען, ניט שטעפּן —
ס'איז זייער מלאָכע
געווען צו פאַרפּאַסן ניגונים —
און גאָר.

א ניגן — אף שאַבעס,
א ניגן — אף מאָנטיק,
א ניגן — פאַר טרויער,
א ניגן — פאַר גליק,
און אַלע צוזאַמען — א גאַנצער מאַיאָנטעק,
און יעדער באַזונדער — א גרויסער אַנטיק.

דער שענסטער פון אַלע געווען איז דער ניגן,
וואָס נאָכעמטשע צאַדיק געזונגען עס האָט:
ווען נאָכעמטשע זינגט —
ווערן אַלע אַנשוויגן,
ווען נאָכעמטשע שווײַגט —
איז אַן אומעט אין שטאָט.

א מענטש, כאָטש א צאַדיק — ער לעבט דאָך ניט אייביק:
רעב נאָכעמטשע אויך איז אַוועק פון דער וועלט,
אַוועק —
און געוואָרן די שטאָט איז ווי ליידיק,
דערפילט האָבן אַלע, אַז עפּעס זיי פעלט.

ניט עסן, ניט טרינקען, ניט גיין און ניט ליגן,
פאַרשטאַרט זײַנען מײַלער — קיין קלאַנג און קיין וואָרט:
ס'האָט אַלעמען אויסגעפעלט נאָכעמטשעס ניגן,
נאָר שרײַ, אַז ער ליגט אפן הייליקן אָרט!

אָן נאָכעמטשעס ניגן —
קיין בריס און קיין מילע,
קיין כופּע, קיין קנאַסמאָל —
אין האַרצן איז פּוסט.
פאַרשרײַבן? — ווער האָט עס געקלערט דען אַפילע:
קיין נאָטן אין שטעטל מע האָט ניט געוווּסט.

מ'האָט, עמעס, גערעדט,
און אַפילע, א סוואָרע,
פון נאָכעמטשעס מויל מ'האָט געהערט דאָס דערבײַ:
ווען טרעפן אַמאָל וועט די שרעקלעכסטע צאָרע —
וועט דעמלט א קלינג טאָן דער ניגן אפסנײַ.

פאַרוואָס אין א צאָרע,
און ניט אף א יאָמטעוו? —
געשטרײַט און געכקירעט, די מויכעס געשאַרפט:
די יאָצרעס האָט נאָכעמטשע עפּשער פאַרפלאָנטערט?
נאָר ער האָט געוווּסט דאָך, וואָס זאָגן מע דאַרף!

אַזוי צי אַזוי,
נאָר געבליבן איז ליגן
דער סאָד א פאַרגראָבענער טיף אין דער ערד...
ס'האָט קיינער פון יענעם פאַרגעסענעם ניגן
קיין איינצלנעם קלאַנג מער שוין קיינמאָל געהערט.

ביז איינמאָל... —
דערציילט מען, —
אין האַרבסט־טאָג אין יענעם
פון יאָר איך־און־פערציקסטן האָט עס פּאַסירט,
ווען ס'האָט זיך פּאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַ גענעם
און מ'האָט צו דער שכיטע די ייִדן געפירט.

אָט האָבן שוין אָנגעצילט זיך אויטאָמאַטן,
באַם אָפענעם ריוו...
ווי עס האָט זיך דערהערט
פון ערגעץ אַ ניגון...
פון שרעק די סאָלדאַטן
זיך האָבן אַ וואַרף געטאָן גלייך אויף דער ערד.

פאַרשטיינט מ'איז געבליבן:
ווער זינגען איצט קאָן עס?
אָט הילכט ער פון נאָענט, אָט קלינגט ער פון ווייט.
אַ וויג געטאָן האָט זיך די מענגע קאַרבאָנעס:
— ס'איז נאַכעמטשעס ניגון!
געקומען זיין צייט!

אַ ווײַלע, ניט מער, האָבן אַלע געשוויגן,
באַ יעדן אין האַלדז — אַ פאַרבלוטיקטער קנויל...
נאָר ס'האָבן די הענקער געכאַפּט זיך:
— אַ ניגון?!
ווער וואַגט עס?
ווער זינגט עס?
פאַרשטאָפּן דאָס מויל!

די ראָצבים אַלץ ביזער און ניכפּעדיק ווערן:
— צעשיסן! — עס קנאַלט אַ באַפעל מיטאַמאָל.
אַ זאַלפּ — אין די מענטשן,
זיי זאָלן ניט הערן!
אַ זאַלפּ אין דעם ניגון,
אַז שווייגן ער זאָל!..

און שוין —
ס'איז דער ניגון שוין ווידער פאַרשוווּנדן.
אויף אייביק?
ווער ווייסט עס?
די צייט גייט פאַרויס...
אַוועק זײַנען יאָרן.
פאַרהיילט האָט די וווּנדן
די ערד,
כאָטש די בלוט־פלעקן שפּאַרן אַרויס.

נאָר אָט,
מע דערציילט:
אין אַ פרעמד־נאַכט אין יענער,
ווען אויפגעכאַפּט האָט זיך טשערנאָביל אין שרעק,
פון ערגעץ אַ טראַג געטאָן האָבן זיך טענער
פון עפּעס אַ ליד אויפן פּריפּיאַטער ברעג.

זיך אופגעכאפּט האָט דער פאַרגעסענער ניגן!
אָט קלינגט ער פון נאָענט,
אָט שאַלט ער פון ווײַט:
ווײַזט אויס, ניט געקאָנט מער אין שווײַגעניש ליגן,
געקומען, אַפּאָנעם, איז ווידער זײַן צײַט.

א גאַנצענע נאַכט,
ביז געקומען האָט טאָג,
אָט שטילער, אָט העכער — א קלאַנג נאָך א קלאַנג:
אַף גאַסן טשערנאָבילער האָט זיך געטראָגן
מיט יאָמער, מיט טרויער, מיט פלאָג זײַן געזאַנג.

און ס'טוט מיך א טראָג צו טשערנאָבילער גאַסן,
כ'דעריאָג אים:
— דו שפּאַסט ניט? ס'איז נאָכעמטשעס ליד?
א קנאַל געטאָן האָט ער:
— ווער קאָן עס דאָ שפּאַסן,
ביסט בלינד? צי ביסט טויב?
ווי פאַרשטייסטו דאָס ניט?

א קישעף...
צי עפּשער עס איז גאָר א כאָלעם,
וואָס קיינמאָל אין לעבן איך האָב ניט געוווּסט?
וואָס טוט ער, דער ניגן?
און ווער איצטער זאָל אים
דערהערן אין שטאָט, וואָס איז טויט, וואָס איז פּוסט?

נאָר פּונקט ווי א שנײַד געטאָן האָט מיר אין אויער:
— וואָס כידעשסטו זיך?
איך בין נאָכאַמאָל דאָ!
וואָס מיינסטו, שוין אָפּגעהאַקט האָט זיך דער דויער
פון לעבן,
און מער אַף דער וועלט כ'בין ניטאָ?

אוואַדע געקלערט האָסט, אַז כ'בין שוין געשטאָרבן...
ניין,
ס'האָט דיך דײַן פּאַכעד מיסטאָמע פאַרפירט,
אײַ דאָס, וואָס דער טײַוול דײַן ערד האָט פאַרדאָרבן,
איז האָט דאָך ניט איין מאָל אַזוינס שוין פּאַסירט!

מע וועט דאָ נאָך זייען,
עס וועט דאָ נאָך בליִען,
פונדאַנען וועט ווידער זיך טראָגן די שײַן,
און פייגל אַהער וועלן ווידער זיך ציִען,
א וווּנדערלעך לעבן וועט נאָכאַמאָל זײַן!

...אַלץ העכער די קראַפט פון געזאַנג האָט געשטיגן,
און ס'האָט זיך צעעפנט די הייך און די ברייט.
אַן אופגעריכט־נײַער,
א פרעכטיקער ניגן
האָט איבער טשערנאָביל די פליגל צעשפּרייט...

טשערנאָבילער אינדערוואַכנס

„שוואַכמוטיקע מענטשן האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן...״

(פון א טעלעוויזיע־אינטערוויו מיט שטיינבערגן, דעם נײַעם הויפּט־אינזשעניער פון דער טשערנאָבילער אטאָם־עלעקטראָסטאַנציע)

די ווײַסטע נאַכט, ווי ער קאָן ניט שלאָפן —
ס'איז ניט אזוי פראָסט...
ניין, ס'האָט ניט, כאָלילע, גאָרנישט געטראָפן —
אכוץ אָט דעם פראָסט.

ס'האָט פּלוצעם א צי געטאָן אים אין דרויסן —
צום נאָענטן ראַנד:
ווי ס'וואָלט זיך צעהילכט מיט אליארם א גרויסן
פון ערגעץ א גלאָק.

דורך שטילקייט אים דוכט זיך אין שאָען שפּעטע —
עס קלאַפּט אָן א שיר:
„דו הערסט? פאַרגעדענק, אז די גאַנצע פּלאַנעטע
קוקט איצט אויף דיר!״

א שפּאַן פון דער שוועל — און מיט אומרו וועט ער
זיך טאָן באַלד א לאָז,
ער דאַרף איצט ניט האָבן קיין דאָזימעטער —
דאָס הארץ איז די מאָס.

א בליק אויפן דאַך פונעם קאָרפּוס: מיסטאָמע
אזוי, ווי געווען,
נאָר אָט בא דער רער אין דער גאַנצער גאַמע —
צוויי הונדערט רענטגען!

עס לעשן די שטערן שוין אויס דאָס פײַער,
די נאַכט גייט אוועק,
און איבער טשערנאָביל א טאָג א נײַער
לאָזט זיך אין וועג.

די זון הייבט זיך אויף, און א פרישער פרימאָרגן
עס אײַלט שוין אהער,
אזויפיל וועט האָבן הײַנט נײַע זאָרגן
דער הויפּט־אינזשעניער!

פון זינט ער איז דאָ, וויפל טעג שוין אוועק איז
אין נאָענטער ווײַט?
און ניט מיט קיין שאָען — מיט אויגנבליק־דעגעס
ער מעסט איצט די צײַט.

פאַרטײַעט עס האָט דער רעאַקטאָר זײַן אָטעם,
ס'הערט צו זיך די וועלט:
פאַרטרויען מע קאָן אים? ס'איז גוט, וואָס מע האָט אים
אהערצו געשטעלט?

אין שאָען אין פרי׳ע, אין שאָען אין שפּעטע —
וואָס ס׳זאָל ניט געשען,
און גלייבן מע מעג אים: זי־רויק, פלאָנעטע —
ער וועט ניט פאַרזען!

סלאַוווטיטש

„סלאַוווטיטש״ — אזוי האָט מען אָנגערופן די שטאָט, וואָס מע בויט פאַר די טשערנאָבילער ענערגעטי־קער...

(פון א צייטונגס־רעפּאָרטאַזש)

— בויער, וואָס בויט איר? ווער האָט אייך געבראַכט אַהער, אויף די פריפּיאַטער ברעגן?
— מיר בויען א שטאָט, וואָס איר ביין, וואָס איר פראַכט וועט גיין צו דער זון־שיין אַנטקעגן.

— און ווי וועט זי הייסן, אויב ס׳איז ניט קיין סאָד,
די שטאָט, עפשער קאָנט איר מיר זאָגן?
— דעם דניעפּער — סלאַוווטיטש גערופן מע האָט,
די שטאָט איצט זיין נאָמען וועט טראָגן.

— און וואָס מיטן נאָמען — טשערנאָביל — וועט זיין?
אַהינטאָן וווּהין איז איצט קאָן מען?
— דו ווייסט ניט? דו ווילסט, אז מיט שוידער און פּיין
דערמאָנען עס זאָל דיר דער נאָמען?

דער קראָן האָט פון אָרט זיך א ריס געטאָן פלינק,
פאַרהויבן אין הימל זיין שנאָבל,
נאָר מיר אין די אויערן ליאַרעמט און קלינגט:
— טשערנאָביל... טשערנאָביל... טשערנאָביל!..

צערודערט באַם ראַנד פונעם בוי־פּלאַץ איך שטיי,
און ס׳טוט מיך א טראָג איבער ווייטן.
די אויגן פאַרשיט מיר דער אַש פון פּאָמפּיי,
יאָרהונדערטער נעמען זיך ביי'טן.

ניט מאַרמאָר, ניט גיפּס —
מיט אַספאַלט און בעטאָן
די ברייט און די לענג ווערט פאַרצויגן...
איז וואָס מיט טשערנאָביל איך דאַרף איצטער טאָן?
אָט ליגט ער דאָך פאַרט פאַר די אויגן!

געווען — און ניטאָ...
און אַן עק?
און א סאַף?
אזוי גלאַט א נאָמען דאַרף שטאַרבן?
צי גרייט שוין זיין פענדזל א נייער בריולאָוו?
און קלעקן אים וועלן דען פאַרבן?

קום, פּליטי פון רוים,
און די פּען דײַנע נעם —
האָסט עפּעס אױף לאַנג זיך פאַרזוימט:
פאַרשרײַב אין דײַן פּינקעס —
א כּילעל-האָשעם
געווען וואָלט אַזוינס צו פאַרגעסן!

איך בענק נאָך טשערנאָביל!
סלאַוווטיטש?
נו, גוט —
כ׳פאַרשטאָפּ ניט באַם הײבקראַן דעם שנאָבל...
די צײַט איז א רויפע,
זי ווייסט, וואָס זי טוט...
נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט טשערנאָביל?

צי זײַן וועט אַזוי, ווי אצינד קיין פּאָמפּיי
עקסקורסיעס פירן אויף ווונדער —
מיט גידן,
מיט פּאַטאָס,
א ריי נאָך א ריי...
פאַרשטאַנד מײַנער,
פיר מיך ניט אונטער!..

טשערנאָביל וואָרנט!

איך האָב א האַרץ, וואָס קרענקט פאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדן שמאַרץ
און ווערט פאַרברענט פון יעדנס געוויינען...
איך האָב געהערט: עס איז אײַך שווער,
האָב איך געמיינט: איר פילט און ווייסט
און וואַרגט זיך שטיל מיט אײַער טרער
און זוכט א הילף און בעט א טרייסט...

כ.-נ. ביאַליק. „דאָס לעצטע וואָרט"

קום, מענטש!
און שטעל זיך אָפּ!
און קוק,
וואָס אויפגעטאָן די האָסט ביז הײַנט באַוויזן.
האָסט אָנגעשטאָפּט מיט אוראַן-שטאָף געוונג
די ערד, ווי זיך — מיט כאָכמע און מיט וויסן.

האָסט פלינקע הענט,
און שפּיציק איז דײַן קאָפּ,
דײַן מאַכט האָט שוין באַזיגט די העכסטע הייכן,
דײַן ווײַטער קאַרעוו — דער פּיטעקאַנטראָפּ
האָט ניט געוווּסט, צו וואָס דו ווועסט דערגרייכן.

די ערד,
דעם יאַם,
דעם וואַלד האָסטו באַזיגט,
האָסט איבערגעריקט בערג,

האָסט שטעט געשאפן, —
און אָט פאר דיר אזא מין ראכוועס ליגט,
ווי יעדער שפאַן דייַן ציל איז און דייַן האפן.

ווען די פּלאַנעטע איז געווען דיר קארג,
דו האָסט צו ווייַטסטע שטערן זיך דערקליבן,
כאָטש ניט קיין ריז דו ביסט,
ביסט אומגעהייער שטארק, —
און וואָס זשע נאָך דיר אופּטאָן איז געבליבן?

א רייַכע ערד,
א שיינע וועלט —
באשענקט
זי האָט מיט אלץ דיך, וואָס געדארפסט האָסט האָבן.
איז ניט גענוג?
נאָך וואָס דאָס הארץ דייַנס בענקט?
איז עפשער וויינִיק דיר בלויז איין טשערנאָביל?

נו, גוט —
דעם אטאָם האָסטו אויך באַזיגט:
אים אייַנגעשפאנט, פונקט ווי א פערד אין וואָגן,
געמיינט געוויס — די וועלט האָסטו באגליקט,
נאָר זע, ווּהין עס האָט דיך אזש פארטראָגן!

און כאָטש געשארפט,
געשולט האָסט דייַן געדאנק,
פארטעמפּט האָט וואָס דייַן הארץ
און דייַן זיקאָרן?
זיך איבערגעמישט האָבן שוין פון לאנג
אין דיר סייַ גוטס און שלעכטס,
סייַ פרייד און צאָרן.

עס יוירט די ערד,
פון איר א קויעך שפארט,
ניין, ניט קיין שפּראָצלינגען זיך רייַסן פון די זוימען:
פארטייַעט ליגט א מאָנסטער,
און ער ווארט,
פארגעסן זאָלסט —
און וועסט אים שוין ניט צוימען.

און ערגעץ איבער איר עס הילכט און קראכט
אָט יענע קראפט, וואָס האָסט אליין באשאפן,
דו רייַבסט די הענט:
א ווּנדער האָסט געמאכט!
ניט שוין זשע צוליב דעם,
אז שטוינען זאָלסט און גאפן?

קום, מענטש!
און קוק,
און קלאָר דאָס בילד זייַן וועט
פון רעכטס, פון לינקס, פון הינטן און פון פאָרנט...
באטראכט זיך, מענטש —
ביזוואנען ס'איז ניט שפעט:
טשערנאָביל פארגעדענק!
טשערנאָביל ווארנט!

■ ■ ■

פֿאַרצייכענונגען

בוזי מילער

אָנהייב וועלט

1

דאָס איז פֿאָרגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק. א גרופּע כאַבאַראָווסקער און ביראָבידזשאַנער שרײַבער איז געפֿאָרן איבער די גרענעץ־זאַסטאַווס, זיך באַגעגנט מיט די שלאַכטלײַט, וואָס האָבן דאָ געדינט, אַרויסגעטראָטן מיט פֿאָרלעזונגען פֿון זייערע ווערק. אַזעלכע באַגעגענישן זײַנען שוין געוואָרן א סיסטעם, און זיי זײַנען פֿאַראינטערעסירט סײַ די שרײַבער מיט זייער שטענדיקער אינטערעס צו אַלע זײַטן פֿונעם לעבן, סײַ די פֿאָליט־אָפּטיילן פֿון דעם גרענעץ־מיליטער. מיט אונדז איז מיטגעפֿאָרן א מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט, דער עלטערער לייטענאַנט קאָריאַקין יעווגעני פּיאָדאָראָוויטש. זײַן אויפֿגאַבע איז געווען — אינפֿאָרמירן וועגן אונדזערע באַגעגענישן די צײַטונג, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט. פֿאַריינס איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס עלטסטער פֿון אונדזער „ליטעראַרישן דעסאַנט", ווי ער האָט אים אָנגערופֿן. דער עלטערער לייטענאַנט האָט שוין פֿאַרמאָגט אין אָט די זאַכן א געוויסע דערפֿאַרונג, ביז דעם האָט ער דורכגעפֿירט צוויי אַזעלכע אַרויספֿאָרן, און וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען אויך אָנגעזעענע מאָסקווער שרײַבער. נאָך א גאַנץ יונגער, סימפּאַטישער מענטש, א היפּש באַהאַווּנטער אין פֿאַרשיידענע לעבנס־געביטן, איז דער עלטערער לייטענאַנט געווען מאַמעש פֿאַרליבט אין ליטעראַטור, ביפֿראַט אין פּאָעזיע, און ניט צופֿעליק האָט מען אים אָנגעטרויט אָנצופֿירן מיט אַזעלכע „דעסאַנטן".

צוליב אונדזער רײַזע איז אויסגעטיילט געוואָרן א ספּעציעלער „וואַגאָן־קלוב", א היפּשע פֿון אויסן און גראַמע אינוווייניק מאַשין — טאַקע א מין קלוב אויף רעדער. בא א נויט האָט אין אים זיך געקאָנט באַזעצן א היפּשער עולם. געווען די נייטיקע אויסשטאַטונג אויף דעמאָנסטרירן פֿילמען, א ראַדיאָלע, א מאַגניטאָפֿאָן, מוזיקאַלע מאַכשירים. פֿאַרוואַלטער מיטן באַוועגלעכן קלוב איז געווען א לוסטיק־פֿריילעכער לייטענאַנט, מיט וועלכן מיר זײַנען גלײַך געוואָרן היימיש און האָבן אים אַלע גערופֿן פּאָשעט — וויקטאָר.

פֿינף שרײַבער, פּראָזאַיקער און פּאָעטן, דער עלטערער לייטענאַנט קאָריאַקין, וויקטאָר און א שאָפֿער — אין אַזאַ באַשטאַנד האָבן מיר אין א הייסן זומער־טאָג זיך געלאָזט אין וועג.

אינוווייניק אין וואַגאָן האָבן מיר זיך פֿאַנאַנדערגעזעצט גאַנץ פֿרײַ, ווו וועמען עס איז געפֿעלן. גאָר אינגיכן האָבן מיר אַבער דערפֿילט די אומבאַקוועמלעכקײַט פֿון אונדזער טראַנספּאָרט. מאַכמעס זײַן גרייס, וועלכע איז געבליבן קימאַט ניט פֿאַרפֿולט (וואָס זעען זיך אָן אין אים עטלעכע מענטשן?), האָט עס געוואָרפֿן מיט אונדז, ווי אין א קאַדאָכעס, אויף יעדן שטיינדל און גריבל אינעם אַספֿאַלט. און, ווי אַפּצולאַכעס, איז דער גאַנצער וועג דאָרט באַשטאַנען פֿון אַזעלכע שטיינדלעך און גריבלעך. מיר האָבן געהאַלטן אין איין אונטערטאַנצן און אונטערשפּרינגען אויף אונדזערע ערטער, און אָפּטמאָל האָט מען גענדאַרפֿט היפּש זיך אָנשטרענגען, קעדיי אײַנזיצן אויפֿן אָרט.

אונדזער ערשטער אָפּשטעל איז געווען אין ב. צעקלאַפּטע און צעטרייסלטע, האָבן מיר זיך דערקליבן אַהין אַרום אַזייגער זעקס פֿאַרנאַכט. אונדז האָט באַגעגנט דער שעף פֿון דער זאַסטאַווע, א קרעפּטיק געזעצטער ברונעט מיט ענערגישע געזיכט־שטריכן און מיט א שטרענגן דורכדרינגלעכן בליק. מאַיאָר קוזנעצאָוו — אַזוי האָט ער פֿאַר אונדז זיך פֿאָרגעשטעלט. דערזען אונדז אַראָפּ־

פֿונעם וואַגאָן־קלוב, האָט דעם מאַיאָרס ענערגיש געזיכט אַף אַ ווײַלע זיך שטאַרק אָנגעכמורעט, עס איז גלײַך פֿאַרשוווּנדן זײַן ווײַסצייניקער שמייכל, וועלכן ער האָט אָנגעגרייט אַף צו באַגעגענען אונדז. געדויערט האָט עס אָבער אַ רגע, ניט מער. ווידער אַ צופֿרידן־שײַנענדיקער, האָט ער אונדז העפֿלעך אײַנגעלאַדן אין גאָרקיך, לעבן וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. נאָך ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער גאָרקיך, האָבן מיר דערפֿילט אין די נאָזלעכער אַן אָנגענעמע קיצלעניש, עס האָט געשמעקט ביז גאָר באַטאַמט מיט געפּרעגלטס.

טאַקע דאָ, אין דרויסן, האָבן מיר אָפּגעטרייסלט פֿון זיך דעם שטויב, זיך אײַנגעוואַשן און אַרײַן אינווייניק. אין דער גאַנצער לענג פֿון דעם היפּשן צימער איז געשטאַנען אַ טיש, און — וויי־וויי, — וואָס אַף אים האָט זיך געטאָן! סטאָסן אָנגעשניטן ווײַס ברויט, געפּענטע פּושקעס קאָנסערוון, פּאָמידאָרן, פֿרישע, גרויסע, פֿײַערדיק רויטע אין גרויסע שיסלען. דאָס אַלץ איז אָבער געווען גאָר ניט מיט נישט אין פֿאַרגלײַך מיט דעם, וואָס מיר האָבן דערזען אינמיטן טיש. אין אַ גרויסן בעקן, אין אַ באַקוועמער פּאָזע, די פֿיסלעך אַרונטערגענומען אונטער זיך, האָט אַף זיי זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קעפּל אַ היפּש כאַזערל. אַ גאַנצס, אַ לעבעדיקס — אָט הייבט זיך עס אויף און מאַכט אַ וואַיי־וויראַך... נאָר אַזאַ שפּיצל אָפּטאָן האָט עס ניט געקענט, ווײַל עס איז ביז גאָלדיקער ברוינקײַט געוואָרן פֿאַרבראָטן לויט אַלע קלאָלים פֿון דער קולינאַרער קונסט. פֿון אים האָבן זיך עס געשפּרייט די געשמאַקע רייכעס, וועלכע מיר האָבן דערפֿילט נאָך אין דרויסן.

מיר האָבן פֿאַרגעסן אין אונדזער מידקײַט, אין דער פּילשאַיקער טרייסלעניש אין דער מאַשין און האָבן מיט גרויס אַפּעטיט זיך אַ נעם געטאָן צום קיבעד.

געווען איז דערבײַ אַ טשיקאַווע געשיכטע, וואָס דערוווּסט וועגן איר האָבן מיר זיך עטוואָס שפּעטער.

ווען דער אינסטרוקטאָר פֿונעם פּאָליט־אָפּטייל האָט אָנגעקלונגען דעם מאַיאָר קוזנעצאָוו, אַז צו אים אַף דער זאַסטאַווע פֿאָרן שרײַבער, איז דאָס ערשטע, וואָס יענער האָט געפֿרעגט:

— וויפֿל?

— פֿינף, — האָט געענטפֿערט דער אינסטרוקטאָר.

— ווער נעמלעך? — האָט זיך אינטערעסירט דער מאַיאָר.

— פּושקין איז צווישן זיי ניטאָ. מאַיאַקאָווסקי אויך ניט...

דער אינסטרוקטאָר פֿונעם פּאָליט־אָפּטייל איז געווען אַ וויצלינג און האָט ליב געהאַט אַמאָל אָפּטאָן אַן אומשולדיק שפּיצל אויך. דער מאַיאָר קוזנעצאָוו האָט עס גוט געוווּסט, ווײַל מיט אָט דעם אינסטרוקטאָר האָבן זיי אַמאָל זיך געלערנט אין איין מיליטער־שול. זייער טעלעפֿאָן־געשפּרעך איז דעריבער געפֿירט געוואָרן אָן שום מיליטערישער סובאָרדינאַציע.

— פּרויען זײַנען צווישן זיי אויך פֿאַראַן? — האָט זיך אָנגעפֿרעגט דער מאַיאָר.

— דיך אינטערעסירן פּרויען? — האָט אַ לאַך געטאָן דער אינסטרוקטאָר. — זאָג מיר נאָר, און דײַן אייגענע פֿרוי האָסטו שוין אַראָפּגעבראַכט אַפֿן נײַעם אָרט?

— נאָך ניט.

— פֿאַרוואָס?

— ווייסט דאָך, איך בין נאָך דאָ ניט לאַנג, ניט באַוויזן.

— אויב אַזוי פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס דיך אינטערעסירן פּרויען, — האָט זיך צעלאַכט אין טרײַבל דער אינסטרוקטאָר.

— איך מיין עס ערנסט, — האָט אים איבערגעשלאָגן דער מאַיאָר, — ווײַל אויב עס זײַנען פֿאַראַן פּרויען, דאַרף מען דאָך גרייטן פֿאַר זיי אַ באַזונדער צימער.

— איז אָט, — האָט געענטפֿערט דער אינסטרוקטאָר, — קיין שום באַזונדער צימער איז ניט נייטיק.

— ווי זשע?

— אַלע וועלן זיי שלאָפֿן אין איין צימער.

— אינאיינעם מיט די מאַנצבלען?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז עס פֿאָרן מאַנצבלען?

— וועלכן קיין מאַנצבלען ניט זײַן?

— צו דיר פֿאָרן פֿינף פּרויען.

— פּרויען?

— פֿינף יונגע פּאַטעסעס.

— צו וואָס אַזויפֿיל? — האָט זיך דערשראָקן דער מאַיאָר.

— זע, נעם זיי אויף ווי געהעריק, פֿאַרשעם ניט אונדזערע גרענעצלער.

אַ געפּלעפּטער, האָט דער מאַיאָר קוזנעצאָוו געקוקט אַפֿן שטום געוואָרענעם טעלעפֿאָן־טרײַבל און איז גרויס פֿאַרלוירנקײַט געקלערט: ער האָט נאָך אַף זײַן לעבן קיין איין לעבעדיקע פּאַטעסע ניט געזען, און דאָ נאָ דיר — מיטאַמאָל פֿינף... וואָס וועט ער מיט זיי טאָן? אײדער וואָס, האָט ער אַף יעדן פֿאַל באַפֿוילן פֿאַרפּרעגלען אַ כאַזערל...

מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן, ווי גרויס זײַנען געווען דעם מאַיאָרס כידעש און אַנטוישונג, ווען ער האָט דערזען אַראָפּשטײַגן פֿונעם וואַגאָן־קלוב פֿינף מאַנספֿאַרשוינען... אָבער — איין ברירע — מיט אַ שווער האַרץ, נאָר אויסערלעך — אַליין די גאַסטפֿרײַנטלעכקײַט, — האָט דער מאַיאָר קוזנעצאָוו געשניטן גרויסע שטיקער פֿונעם בידנעם כאַזערל, וואָס ווען ניט דאָס שפּיצל פֿונעם אינסטרוקטאָר, וואָלט עס איצט פֿראַנק און פֿרײַ אַרומגעלאָפֿן איבערן הויף...

נאָך א קורצן אָפּרו האָבן מיר אין היגן קלוב זיך באַגעגנט מיט די גרענעצלער, וועלכע זײַנען געווען פרײַ פון נאַריאַדן. מיר האָבן פאַרגעלייענט פאַר זיי ווער לידער, ווער א פראַגמענט פון א דערציילונג און ווער עס האָט פּאַשעט דערציילט וועגן זיך און זײַן שאַפונג. די סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן אויפמערקזאַם, מיט קענטיקן אינטערעס אונדז געהערט און ניט געזשאַלעוועט די דלאָניעס, דאַנקענדיק פאַר דער באַגעגעניש.

2

אפן אַנדערן טאָג האָבן מיר פאַרגעזעצט די רײַזע. דער וועג איז געווען עטוואָס בעסער, אָבער אויך דאָ האָט מיט אונדז נישקאָשע געוואָרפן. דער עלטערער לייטענאַנט האָט זיך געפילט שולדיק פאַר מיר.

— איר וועט עס מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, — האָט ער געזאָגט בײַס אָן אָפּשטעל.

— וואָס? — האָב איך אים ניט פאַרשטאַנען.

— דאָס, וואָס איך האָב אײַך אַרײַנגעצויגן אין אַזאַ אומבאַקוועמער רײַזע, — האָט ער געענטפערט. — אונדז, דעם ײַנגערן אוילעם, איז עס צו דערלײַדן, אָבער אין אײַער עלטער...

— לאַכט זיך אויס! — האָב איך אים באַרויקט. — פאַרקערט, איך בין אײַך דאַנקבאַר, וואָס איר האָט מיך אַרײַנגעצויגן אין אײַער ײַנגערער בראַנזשע... שוין לאַנג ווי איך קלײַב זיך מאַכן אַזאַ רײַזע, און אַלץ ניט געקאָנט זיך אויסקלײַבן... און וואָס עס טרייסלט אונטער צוביסלעך, מיילע... געווען אין לעבן גרעסערע אופטרייסלונגען...

אין וועג האָבן מיר א פאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט, געבאָדן זיך. אינעם זומערדיקן הייסן טאָג איז די וואַסער אינעם שנעל שטראָמענדיקן טײַך געווען כיעסדיק קיל.

בא צוויי אַזייגער באַטאָג זײַנען מיר געקומען קיין א. דאָ האָט אונדז באַגעגנט א כיינעוודיקער יונגער זאַמפּאָליט. מע איז אונדז מעכאַבעד געווען מיט א סאָלדאַטישן מיטיק (אָן א כאַזערל), און נאָך א קורצן אָפּרו זײַנען מיר צוזאַמען מיטן זאַמפּאָליט אוועק צום אַמור.

דאָ האָט יעדן איינעם פון אונדז אַרומגעכאַפּט א רירנדיק געפיל — דו שטייסט אפן סאַמע ראַנד פונעם היימלאַנד... דאָרט, אפן אַנדערן ברעג טײַך, וועלכער איז דאָ גאָרניט אַזוי ברייט, איז שוין אַן אַנדער לאַנד. כינע... ביידע ריזיקע לענדער טיילט דאָ אָפּ איינס פונעם אַנדערן בלויז אָט די שמאָלע וואַסער־מעכיצע...

איבער אָנצאָליקע שטײַלע טרעפלעך האָבן מיר זיך אויפגעהויבן אפן הויכן וואַך־טורעם. מײַנע ײַנגערע קאָלעגן האָבן געשפּאַנט איבער א טרעפל. מיר איז עס אָנגעקומען שווערער, נאָר ווי לאָזט מען דורך אַזאַ געלעגנהײַט? אָט בין איך שוין אויך פון אויבנאָן, כאַפּ איבער דעם אָטעם און שטעל צו צו די אויגן די לענגלעכע סטערעאָטרויב. פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך, אַזאַ נאָענטע, יענע זײַט... א כינעזער אויף א שיפל. צוויי כינעזערס אין ווײַסן פאַרען זיך אין גאָרטן... א וועלאָסיפּעדיסט איז דורכגעפאָרן.

טרעפל נאָך טרעפל לאָז איך זיך פּאַמעלעך אַראָפּ צוריק פונעם וואַך־טורעם. גרענעצן, גרענעצן, קלער איך, — ווער האָט זיי אויסגעטראַכט? נאָר די גאַנצע וועלט איז צעווירעט, צעפּאַסעוועט מיט גרענעצן, וווּ מע דאַרף און וווּ מע דאַרף ניט. אויף א גרויסן וועלט־טייל האָט נאָך יאָרהונדערטער שווערן קאַמף געזיגט די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. אַן אָרדענונג, וועלכע פירט צום אָפּשאַפן יעטווידע גרענעצן, ווײַל איר אידעאַל איז ניט סינע, נאָר פרײַנטשאַפט, ניט אָפּזונדערונג, נאָר פאַראייניקונג פון פעלקער. עס איז אָבער ניט אַזוי פּאַשעט, ווי עס וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן. אויך דאָ זײַנען פאַראַן ווידערשפּרוכן מיט אומגעריכטע ווענדונגען אין דער געשיכטע. צוויי לענדער, איבער ביידע פלאַטערט איינע און די זעלבע רויטע פאָן מיט איינעם און דעם זעלבן פינפעקיקן שטערן. צו וואָס צווישן זיי א גרענעץ? געווען א צײַט, ווען די גרענעץ איז טאַקע געווען דאָ גאַנץ באַדינגלעך. האָט מען געדאַרפט ראַטעווען א מעובערעסע פרוי פון א כינעזיש דאָרף אַנטקעגן, האָט מען זי אַריבערגעשיפט איבערן אַמור און אין היגן סאָוועטישן שפּיטאָל איז געטאָן געוואָרן דאָס נייטיקע פאַר דער פרוי און איר קינד. דערנאָך אָבער האָט אַלץ זיך געענדערט. אויף יענער זײַט האָט מיט א שוואַרצן וואָלקן פאַרדעקט דעם הימל א גרויזאַמער נאָמען — מאַאָ צזעדון. עס האָט זיך אָנגעהויבן א צײַט פון פינצטערער אַכזאָריעס בענעגייע דעם אייגענעם פאָלק מיט געפערלעכע דראָונגען פאַר די אַרומיקע פעלקער. עס איז דערגאַנגען צו די פּראָוואָקאַציאָנעלע שלאַכטן אפן אינדזל דאַמאַנסקי. אונדזער שטאַרקער ענטפער־קלאַפּ האָט געצווונגען די מאַאָיסטישע פּראָוואָקאַטאָרס זיך באַטראַכטן. עס איז אויסגעקומען גוט פאַרפעסטיקן אונדזער גרענעץ, פאַרשטאַרקן די וואַך און די וואַכזאַמקײַט. לענגויס דער גרענעץ האָבן זיך אויפגעהויבן אָט די הויכע וואַך־טורעמס. פאַרזיכטיק, טרעפל נאָך טרעפל, האָב איך איצט זיך אַראָפּגעלאָזט פון איינעם פון זיי.

נאָך מיטיק האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די סאָלדאַטן און אָפּיצערן פון דער היגער זאַסטאַווע. פונקט ווי אויף דער פאַבריקער, ווו מיר זײַנען שוין געווען, זיצן אונדזערע צוהערער, אַזעלכע אַלציינע, דאַכט זיך, אין זייער גרינער מיליטערישער אוניפאָרם, און אַזעלכע פאַרשיידענע לויטן אָנבליק. אָט וואַרפט זיך אין די אויגן א לענגלעכער פּאָנעם פון א שוואַרצכיינעוודיקן גרוזינער, אָט די ברייטע

באקביינער פון א קאזאק. די זוניקע היץ פון זײַן הייסן געבורט־קאנט שטראלט אין די אויגן פון אן אוזבעק. מערסטנטייל קוקן אף דיר אָבער זיכער רויקע, אויסערלעך קאלטבלוטיקע בלוי־ און גרויאיגיקע פּנעמער — רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן. און אַלע — אזעלכע יונגע, נאָך קינדער קימאט. נאָר יעדער איינער פון זיי איז שוין א געשולטער סאָלדאט, וועלכער ווייסט, וואָס פאר אן אחרײַעס עס ליגט אף אים.

אונדזער אייגנארטיקע אאודיטאָריע הערט אונדז אופמערקזאם אויס, און איך טראכט בעשאסמײַסע: איז עס טאקע אזוי אינטערעסאנט פאר זיי דאָס, וואָס מיר לייענען דאָ פאָר, אָדער ס'איז ניט מער ווי אן אויסדרוק פון שטרענגער מיליטערישער דיסציפּלין — זייער געהאָרכזאם געפינען זיך דאָ? נאָר ניין, אין די בליקן לויכט אן אופריכטיקער אינטערעס. פיל פון זיי, מעגלעך, זעען צום ערשטן מאָל פאר זיך „לעבעדיקע” שרײַבער. און ווי העפטיק מע אפּלאָדירט נאָך יעדער ארויסטרעטונג! צו זען, מע האָט בעעמעס הנאָה. און אונדז, אף דער בינע, פארשאפט פרייד צו וויסן, אז מיר האָבן געבראכט מיט זיך עפּעס וויכטיקס, אלנפאלס — א געוויסע פאנאנדערלאָדונג אין לעבן פון אָט די יונגע מענטשן, א שטרענג אונטערגעאָרדנטס צו די הארבע קלאָלים פון דער מיליטערישער דינסט, ביפראט דאָ, אף דער גרענעץ, ווו יעדע רעגע קאָן מען זיך ריכטן אף אלץ און מע דארף צו אלץ זײַן גרייט.

יעדער מינוט פון מעסלעס איז מעגלעך אן אליארם. און דערהערט מען אים, איז גלײַך — צום געווער און אף די מאשינען. געציילטע רעגעס, און מע יאָגט שוין אין פולן וואָפן צום אָרט, פונוואנען דער אליארם איז געקומען. עס טרעפט, אז דער אליארם איז א פאלשער, — די קאָמאנדירן האָבן אן איבעריק מאָל באשלאָסן אויספּרוּוון די שלאכטגרייטקײַט פון די גרענעץ־וועכטער. עס טרעפט, אז דער אליארם איז אן אומזיסטער — א בורונדוק איז דורכגעלאָפן און האָט אָנגערירט די סיגנאליזיר־סיסטעם. עס טרעפט אָבער אויך, אז דער אליארם איז ניט קיין פאלשער און ניט קיין אומזיסטער. א סוינע אָדער א גרופּע סאָנים פּרוּוון דורכשמוגלען די גרענעץ, — דאן באווײַזט דײַן פלינקײַט, וועלכע מע האָט דיך געלערנט, און, דארף מען, — שאנעווע ניט דאָס לעבן...

3

פארנאכט זײַנען מיר ארויסגעפאָרן ווײַטער אף דער זאסטאווע, וואָס אין ייִשעוו יע. דאָ האָט אונדז מיט גרויס צופרידנקײַט אופגענומען דער קאָמענדאנט פונעם היגן גרענעץ־באצירק דער פּאָדפּאָלקאָווניק באָריס יעפימאָוויטש מארטינטשוק.

שוין ניט קיין יונגער, גלײַך צו זען א געניטער קאָמאנדיר, וואָס איז געוווינט, אז זײַנע פאראָרדענונגען זאָלן אויסגעפילט ווערן פּינקטלעך און געהאָרכזאם. אים האָבן אינטערעסירט אונדזערע ווײַטערדיקע פּלענער. דער עלטערער לייטענאנט קאָריאקין האָט ראפּאָרטירט:

— הײַנט ארויסטרעטן אין יע., מאָרגן — אף דער שכיינישער זאסטאווע אין ס.

— אָטסטאווויט! — האָט באפוילן דער פּאָדפּאָלקאָווניק און האָט פארגעלייגט זײַן פּלאן: דאָ, אין יע., האָט ער ניט קיין מעגלעכקײַט צו באזאָרגן אונדז מיט א פּאסיקן נאכטלעכער, אזא איז פאראן אין ס. וועט ער אליין אונדז אָפּפירן אהין. מאָרגן באגעגענען מיר זיך מיט די דאָרטיקע גרענעצלער, דערנאָך — צוריק אהער, קיין יע.

מיך, ווי דעם עלטסטן לויט די יאָרן אין אונדזער גרופּע, האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק גענומען צו זיך אין „גאזיק”. נאָכן אווטאָ־קלוב איז עס געווען א גאניידן. שוין אָוונט־צו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט באם אמור. עס האָבן זיך געפונען באלאָנים זיך אויסבאָדן. איך האָב דערפון זיך אָפּגעהאלטן, פאר די לעצטע פּאָר טעג איז די וואסער שטארק צוגעקומען און עס האָט געפערלעך געדרייט.

אין גאָרקיך פון דער זאסטאווע האָט מען אונדז מעכאבעד געווען מיט א גוטער וועטשערע. צום ב־ער כאזערל איז עס ניט געקומען, אָבער ניט שלעכט, דער קעכער איז געווען, ווי צו זען, א מײַסטער אין זײַן פאך.

אפן אנדערן טאָג זײַנען מיר אופגעשטאנען פרי. א לײַכטער פרישטיק — ברויט מיט פּוטער און א גרויסע טשאשקע טיי, און — צום טײַך. דאָ האָט שוין געוואַרט אף אונדז א ניט־גרויסער מיליטערישער קאטער. מיט אים האָט מען געזאָלט אָפּפירן אף א ווײַטלעכן פּאָסטן צוויי דאָזאָרנע מיט א הונט. דער הונט איז געווען גרויס, ווי א קאלב, מיט וועלפישע באקציינער. מע האָט אים גערופן „אוראן”. דער גאנץ וווּקסיקער יעפרייטאָר, וואָס האָט אים געהאלטן באם רימען, האָט אויסגעזען קעגן אים ווי א נעבעכל.

קרישטאָלענע וואסער־בערגלעך פינקלען אָן אופהער פון ביידע זײַטן קאטער און פארשווינדן מיט צעבושעוועטע שטראָמען אף הינטן. מיר שנײַדן האסטיק דעם אמור. פון רעכטס גליווערן אינדערווײַטנס הויכע, מיט געדיכטן וואלד באדעקטע סאָפּקעס. לינקס שפּרייטן זיך גרינע טאָלן, נידערנישן — די כינעזישע זײַט. אָט זעט מען אָן א דערפל מיט נידעריקע שטיבלעך, א לאנגע שטאל אונטער א גרינעם דאך. הארט בא יענעם ברעג שטייט א היפּשע בארזשע, אן אָנגעלאָדענע מיט קויקן. עטוואָס ווײַטער — נאָך איין בארזשע, שפּעטער, ווען מיר וועלן זיך אומקערן צוריק, וועלן מיר זיי זען נעענטער. אף דער ערשטער בארזשע פלאטערט א פאָן. דער לײַכטער קילער ווינט האלט

אין איין פאַנאַנדערוויקלען איר געפאַלדעוועטן רויטן לײַוונט, אָט באַווײַזט זיך אַף איר און אָט באַהאַלט זיך א פינפעקיקער שטערן. א כינעזער אין א בלאָווער ראָבע קוקט אין אונדזער זײַט. און דאָס אַלץ איז...

לעצטנס פרייען סימאָנים פון א דערנעענטערונג צווישן אונדזער פאָלק און דעם כינעזישן, צווישןביידע רעגירונגען. עס קומט פאָר אן אויסטויש מיט דעלעגאציעס, דאָס איז גוט. אין יענער צײַט אָבער, וועגן וועלכער איך דערצייל, האָבן מיר אינעם מאאָ צזעדונישן צעטל זיך גערעכנט אלס „סוינע נומער 1".

דער קאַטער יאָגט פײַל אויסן בויגן. קרישטאָל־גלאַנציקע וואַסער־בערגלעך פאַלן האַסטיק פון ביידע זײַטן. מיט אן אומענדלעכער קייט ציִען זיך אינדערווײַטנס פון רעכטס, אָט העכער, אָט נידעריקער, אָט גאָר הויך, מעכטיקע סאָפּקעס מיט א דורכויסיקן ביימער־געפלעכט, און בלויז וווּ־ניט־ווּ שטעלט א סאָפּקע ארויס פאַר דער וועלט אירע שטיינערנע אנטבלויזטע אינגעווייד... בעריישיסדיק־אורשפּרינגלעך איז די ווילדע שיינקײַט פון אָט די ערטער — א בלויע און גרינע אומענדלעכקײַט...

אָט איז זי — די גרענעץ. אָט איז ער — דער אַנהייב פונעם לאַנד, דער סאַמע אַנהייב...

טאָג און נאַכט שטייט מען דאָ אַף דער וואַך, יעדע מינוט, יעדע רעגע צו אַלץ גרייט — אי אָט דער שוין ניט יונגער פּאָדפּאָלקאָווניק, אי אָט דאָס נאָך גאָר יונגע אוראַלער באָכערל — דער יעפרייטאָר מיטן אווטאָמאַט און מיטן הונט אַפן רימען.

צופוסנס פון א ניט גאָר הויכער סאָפּקע האָט דער קאַטער זיך אָפּגעשטעלט, די דאָזאָרנע מיטן הונט האָט מען דאָ ארויסגעזעצט, און זיי זײַנען שנעל פאַרשוווּנדן, ווי אײַנגעשלונגען געוואָרן צווישן די גרינע קוסטעס.

אין די אויערן פײַפט דער ווינט. ארום — א גרינע און בלויע ראַכוועס. ברייט און מעכטיק שלײַכט זײַנע וואַסערן דער אַמור.

— אַנהייב טאָג. און אַנהייב לאַנד... — מיט אָט דעם געפיל מײַנעם טייל איך זיך מיטן עלטערן לייטענאַנט קאָריאַקין. ער שטייט באַנאַנד מיט מיר, ניט אָפּנעמענדיק דעם בליק פון די שנעל זיך אָפּטראָגנדיקע כוואַליעס.

— יאָ, אַנהייב לאַנד, — האָט ער איבערגעכאַזערט מײַנע ווערטער. — און ווייסט איר, פאַר וואָס אונדז רירט אזוי דאָס דאָזיקע געפיל? — א לענגערע ווײַלע איז ער געשטאַנען שווײַגנדיק און האָט צוגעגעבן: — ווײַל ס'איז ניט נאָר אַנהייב לאַנד.

ווידער, נאָך א קורצן שווײַגן, האָט ער שטיל געזאָגט:

— ס'איז אַנהייב וועלט...

עלישעווע קאַנצעדיק

אניקשט, מײַן שטעטל אניקשט

געווען איז אין ליטע א ייִדיש שטעטל אניקשט. א שטעטל ווי אַלע שטעטלעך — וועט איר זאָגן. ניין, וועלן זיך אײַנשטעלן די אַלטע אניקשטער, די לעצטע טוישווים, וואָס זײַנען שוין אייגנטלעך הײַנט קיין אניקשטער ניט: זיי לעבן אין ווילנע אָדער אין קאָוונע און פאָרן נאָר אין אניקשט צו די גריבער, אַף קייווער־אָוועס. אניקשט, וועלן זיי זאָגן, איז געווען א באַזונדער מין שטעטל, א רעוואָליוציאָנערער קאַנט, וואָס האָט זיך פרי א הייב געטאָן צום קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקײַט, און וועלן אײַך אויסמאָלן א בילד: א קוראָרט־שטעטל מיט א פּאַנסיאָנאַט, וווּהין ס'פאָרן זיך צונויף רײַכערע לײַט פון פּאָניעוועזש און אוטיאַן; א שטעטל פון שוסטערס, וועלכע נייען איבערהויפּט קינדער־שיכלעך (מע געדענקט נאָך ביז הײַנט דעם אַלגעמיינעם זיגרײַכן שטרײַק פון די שוסטערס אין 1926), א שטעטל פון וואָליקמאַכערס און טריקאָטאַזש־מײַסטערס, פון שנײַדערס און שטריקערקעס; א שטעטל פון פליטנטרײַבער, וואָס פלעגן אין סעזאָן יאָגן טראַטוועס אַפן טײַך שווענטאָי. א שטעטל מיט א גוטער סאָציאַלער באַזע פאַר פּראָגרעסיווע שטראָמען!

צי איז דאָס שטעטל געווען פרום? סײַ יאָ, סײַ ניט. ניט מיט אַזויפיל גלויביקע, ווי אין אַנדערע שטעטלעך. גרויס איז געווען די האַשפּאָע פון די לינקע. שוין אין די צוואַנציקער יאָרן זײַנען אַנטשטאַנען די ערשטע קעמערלעך פון קאָמיוג און קאָמפּאַרטיי. מע האָט זיך פאַרבונדן מיטן דאָרף, ווו ס׳זײַנען געווען טעטיק ליטווישע כאַוויירים. ווײַטער האָט מען געפירט דעם קאַמף באַנאַנד...

— אין אַניקשט זײַנען געווען גאַנצע פאַמיליעס, וואָס פלעגן העלפן דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, — דערציילט איינער פון די עלטסטע אַניקשטער קאָמוניסטן (אַגעוו, נאָך ביז הײַנט אַ טעטיקער אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין זײַן בראַנזשע פון שוך־פּראָדוקציע) יאַנקל שאַפּיראָ. — ס׳זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין אָנטייל־גענומען אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר. צום בײַשפּיל, יאַנקל און מאַלקע שוואַך... איז שוין קלאָר, אַז די קינדער זייערע — ליובען, כאַנען, ביילען, לייבען, כאַימען האָבן זיי דערצויגן אין זעלבן גײַסט.

— באַ אונדז אין אַניקשט, — דערציילט ער ווײַטער, — פלעגט טרעפן, אַז עלטערן פלעגן אַליין אַנשטאָט זייערע קינדער — קאָמיוגיסטן פירן קיין אוטיאַן אומלעגאַלע ליטעראַטור. געוואָלט אויסהיטן די זין מיט די טעכטער און אויסגעפילט די אופגאַבע מיט דער גרעסטער זאָרגפעליקײַט. בײַס אונטערזוכונגען פלעגן מאַמעס אומבאַמערקט אַוועקנעמען און אויסבאַהאַלטן קאָמוניסטישע ליטעראַטור.

זײַנען טאַקע אין דער צײַט פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע די מישפּאָכעס פון רעוואָליוציאָנערן — די שוואַכס, יאַפע, קראַוועצס, בולאַווקאָ און אַנדערע אומגעבראַכט געוואָרן די ערשטע...

הײַנט איז אַניקשט ניט צו דערקענען — נײַע גאַסן, נײַע ראַיאָנען, אַ שיינע קוראָרט־שטאָט. דאָס אַלטע שטעטל איז בײַס דער מילכאָמע קימאַט פולשטענדיק כאָרעוו געוואָרן, עס זײַנען געבליבן נאָר הינטערגעסלעך.

וועגן זייער שטעטל ריידן אַניקשטער מיט שטאָלץ, אַמאָל אויך מיט אַ ביסל הומאָר און זעלבסטקריטיק. ריידנדיק וועגן זיך ווי וועגן באַלגײַוועס, דערציילן אַניקשטער: „באַ אונדז אין שטעטל פלעגט מען עסן גרויפּן און קאַלופּען די ציין, מענטשן זאָלן מיינען, אַז מע האָט געגעסן פלייש". הוליע, קאַפּצן...

מע דערמאָנט זיך אין אַניקשט מיט ווייטיק און נאָסטאַלגיע.

הײַנט וועל איך דערציילן צוויי לעבנס־געשיכטעס טאַקע פון אָט דעם שטעטל.

די מענטשן, וועגן וועלכע ס׳וועט גיין אַ רייד, האָבן צוזאַמען מיט דער איבערגעגעבנקײַט דער קאָמוניסטישער אידיי אָפּגעהיט אין האַרצן אויך די ליבשאַפט צו זייער שפּראַך, צו מאַמעלאָשן. אַגעוו, זײַנען דאָסראָוו פון זיי געטרײַע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". ליבהאָבער פון דעם זשורנאַל.

ציפּעס יובילוי

הײַנט, ווי יעדן טאָג, פון זינט ציפּען איז ווידער געוואָרן ערגער, קומט אין שפּיטאָל די ערשטע, נאָך פאַר פרישטיק, מאַשע. זי קומט, קעדיי אַרײַנצוגעבן דער קראַנקער אויפן ניכטערן האַרצן אַ גלאָז הייסע מילך מיט באָרזשאָם, העלפן איר זיך אָנטאָן, איבערוואַרפן מיט אַ גוט וואָרט. באַטאָג וועט קומען ביילע מיט אַ גלאָז מערנזאַפט, נאָך מיטיק — כאַנע מיט אַ סלאָיקל אָנגעריבענע עפּל, און מאַשע, וועלכע וווינט ניט ווײַט, וועט זיך ווידער אַרײַנכאַפּן.

ווען ציפּע שפּירט זיך ערגער, פאַרבייגט מען אַנדערע איניאָנים און מע לויפט אין שפּיטאָל. ביילע, אַ זשורנאַליסטקע, וועלכע האָט אַ שאָק מיט יאָרן אָפּגעאַרבעט אין צײַטונגען, געווען פאַרבונדן מיט ערדאַרבעט, איז אויך אויף פּענסיע געבליבן טעטיק: זי פאָרט אַרום איבער די דערפער, שרײַבט, העלפט די קאָלווירטן באַם איבערבוי, טרעפט זיך מיט מענטשן, וועלכע קענען זי און טרויען איר, קעמפט ווי אַלעמאָל פאַר גערעכטיקײַט, ניט שוינענדיק קיין פּערזאָנען. „וואָרעם בלויז אַז איך אַרבעט, פיל איך דעם טאַם פונעם לעבן", — זאָגט זי. אָבער איצט פאַרבייגט אויך ביילע אירע זשורנאַליסטישע איניאָנים. ציפּען וועט ווערן בעסער, און דאַן וועט זיך ביילע ווידער אַרײַנטאָן אין דער אַרבעט.

ס׳איז שוין אַזוי געווען — אַזעלכע אָפּטע באַזוכן באַ דער קראַנקער — זומער, בײַס ציפּע האָט צעבראָכן אַ האַנט און מע האָט זי אַוועקגעלייגט אין דער כירורגיע־אָפּטיילונג. אירע נאָענטע האָט מען געגעבן אַ דערלויבעניש צו קומען יעדן טאָג, צו יעדער צײַט. זי איז שוין פון פריער געווען שוואַך אין געזונט, כ׳פלעג זי טרעפן אויף דאַטשע, ווען זי פלעגט פּאַוואָליע שפּאַצירן אָדער רוען אויף אַ באַקוועמען אָרט אין וועלדל, וואָס כאַנע פלעגט איר צוגרייטן.

ציפֿע יאָפֿע (פֿון רעכטס) און העניע וואָסטאָק
אפֿן פֿראָנט. יאַנואַר, 1943

— ציפֿע, וואָס מאַכט איר? — האָב איך זי איינמאָל א פֿרעג געטאָן.

— ס'וועט זײַן גוט, — האָט זי געענטפֿערט.

קליינוווּקסיק, דאַר, מיט לויטערע בלויע אויגן, פֿול מיט קינדערשער נאַיוויקײַט און שטיפֿערײַ ווי ס'וואָלט זיך אין זיי אָפּגעשטעלט די קינדהײַט — די פֿאַרלוירענע, פֿאַרקויפּטע, הונגעריקע קינדער־יאָרן. ס'איז קיין כידעש ניט, קלער איך, אַז אין טפּיסע, וווּהין מע האָט זי אַרײַנגעזעצט אין דער יוגנט אויף צוועלף יאָר, ווען די פּאָליציאַנטן האָבן זי צוזאַמען מיט כאַנען און נאָך צווייען געכאַפּט בא דער האַנט באַם אַרויסהענגען א רויטע פֿאָן, — ס'איז קיין כידעש ניט, אַז אין טפּיסע האָט מען זי שטענדיק גערופֿן „ציפֿעלע".

קוקט זי אויף מיר מיט אירע בלויע אויגן און זאָגט:

— ס'וועט זײַן גוט.

אָדער:

— אַז איך ווייס ניט, וואָס די דאָקטוירים זוכן בא מיר, ס'איז מיר קיין זאַך ניט. איך בין אַליין פֿאַר זיך, און די קראַנקהײַטן מײַנע, די אַנאַליזן — אַליין פֿאַר זיך. עט, א ביסל שלאָף...

פֿאַרשאַרפֿט האָט זיך די לונגען־קראַנקהײַט, ווען ציפֿע איז אַרויס אין א בייזן געוויטער פֿון שטוב. ס'האָט געשנייט און געדרייט, ביילע מיט כאַנען האָבן זי געוואָרנט — „גיי ניט", איז דאָך אָבער ציפֿע, די ווילדע און מילדע ציפֿע, א האַרטער נוס: גייען, זי מוז גייען. קיין לעקציע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע לאָזט זי ניט דורך. דאַן איז זי שטאַרקער קראַנק געוואָרן, און ס'איז אַוועק א סעדרע. געווען איז עס ווינטער, א צײַט איז זי אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל, און זומער — נאָ דיר, ווידער א מײַסע מיט דער האַנט.

דער כירורג אָזשיונאַס פֿלעגט אָנקוקן מיט א שמייכל די פֿרויען, וועלכע האָבן קאָסיידער באַזוכט ציפֿען, און לויבן די קראַנקע: „ס'איז זי גוט צו היילן, זי איז אַן אָפּטימיסט". און ווען די האַנט איז זיך גאַנץ שנעל צונויפֿגעוואַקסן, האָט ער געזאָגט: „זעט איר! איך האָב געמיינט, אַז ס'וועט גיין ערגער". סאַניטאַרקעס פֿלעגן זיך וווּנדערן אויף דער געטרײַער אויפֿזיכט פֿון די נאָענטע, און איינע האָט אַמאָל א פֿרעג געטאָן בא ביילען: „ווער איז זי דיר — א מאַמע?"

ווער איז זי זיי? קיין מאַמע, פֿאַרשטייט זיך, ניט, ס'איז ניט אַזוי גרויס דער אונטערשייד אין עלטער. די טאַטע־מאַמעס ליגן צעשאָסענע אין די גריבער... און דאָך איז ציפֿע ווי א מאַמע, עפּשער אַפֿילע מער. שווערע צײַטן פֿון קאַמף, טפּיסעס, פֿון דער שרעקלעכער מילכאָמע, וואָס האָט צעשיידט און פֿאַריאָסעמט מענטשן, צעבראָכן לעבנס — די דאָזיקע שווערע צײַטן האָבן די לעבנגעבליבענע דערנעענטערט און צונויפֿגעקניפּט. כאַווירים האָבן איינער דעם אַנדערן פֿאַרביטן ברידער און שוועסטער, און אַזוי האָט מען געלעבט ווײַטער.

זײַנען טאַקע די צוויי שוועסטער שעוואַך — כאַנע און ביילע מיט ציפֿען (אויך אַן אַניקשטער, וועלכע האָט זיי געקענט פֿון קליינווײַז אויף און שפּעטער צוזאַמען געקעמפֿט, געזעסן אין טפּיסע) געוואָרן איין מישפּאָכע, זיך באַזעצט אין איין דירע, און ביילעס זון, מאַקסים ווילדזשיונאַס (הײַנט א פֿיזיקער, א קאַנדידאַט פֿון וויסנשאַפֿטן אין לענינגראַד), איז געוואַקסן בא דרײַ מאַמעס. ביז הײַנט זאָרגן זיך אַלע דרײַ וועגן מאַקסימען און זײַנע טעכטער, כאַנע מיט ציפֿען באַשטריקן זיי פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און צוזאַמען מיט ביילען קוקן אויס די אויגן, וואַרטנדיק אויף דער זעלטענער פֿרײַער מינוט, ווען מאַקסים וועט זיך אַראָפּכאַפּן קיין ווילנע.

אין שטוב איז בא זיי א שטרענגע אָרדענונג: וואָס מע זאָל ניט טאָן, דאַרף מען טאָן גוט. עסן קומט מען פּונקט צו דער צײַט. ס'איז א שטוב, וווּהין נאָענטע מענטשן קומען צו גיין אין די שווערסטע מינוטן פֿון לעבן. „ווען ס'איז מיר געווען אַזוי שלעכט, אַז ערגער קאָן ניט זײַן, האָט מיך אָט א־די היים אַרויסגעראַטעוועט פֿון ייִעש" — דערציילט מאשע אָרלעאַנסקע. „אויף דעם שטייט די וועלט" — גיט זי צו.

די הויפּט־באַלעבאָסטע אין שטוב איז אַלע־מאָל ציפֿע. אין טפּיסע פֿלעגט מען זי אויך שטענדיק אויסקלײַבן פֿאַר א באַלעבאָסטע פֿון דער קאַמער, וואָרעם מע האָט געוווּסט, אַז קיינער וועט ניט קענען אַזוי שפּאָרזאַם און גערעכטיק פֿאַרטיילן יעדערן זײַן ביילעק פֿון די פּעקלעך, וואָס מע פֿלעגט קריגן פֿון דער פֿרײַ. און כאָטש ציפֿע איז

געווען גאָר ווינציק געבילדעט, פּלעגט מען זי אויסקלײַבן אין טפּיסע־קאָמיטעט: דאַפּקע זי האָט געהאַט דעם צוגאַנג צו יעדן, געוווּסט, מיט וואָס פאַר אַ וואָרט אים אויפצומונטערן, ווען ער פּלעגט פאַרלירן דעם מוט, געוווּסט, וויאַזוי צו מילדערן די באַציִונגען צווישן מענטשן מיט ווידערשפּרעכיקע כאַראַקטערן, ווען זיי זײַנען געצוווּנגען געווען יאָרנלאַנג צוזאַמען זיצן אין ענגשאַפט.

פון איר פּלעגט מען קיינמאָל קיין בייז וואָרט ניט הערן, קיין טרער ניט זען.

וואָס אין עמעס, האָט זי דערציילט, בייס אַ באַגעגעניש פון וועטעראַנען אין ווילנער רעוואָליוציע־מוזיי, אַ געוועזענער פּאָליט־טוער פון אַ פּאָלק אין דער ליטווישער דיוויזיע, הײַנט שוין פאַרשטאָרבענער, יאָנאַס יאַדאַגאַלוויס דערציילט, אַז ער האָט געזען ציפּען ווייגען. געווען איז עס שוין בייס דער מילכאָמע, ווען ציפּע, אַ זעלנער פון דער דיוויזיע, איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער ערשטער שלאַכט בא אַלעקסייעווקע. „זי פאַרט, — האָט דערציילט יאַדאַגאַלוויס, — אָפּן שליטן מיט אַנדערע פאַרוווּנדעטע, די האַנט איז פאַרבאַנדאַזשירט, און פון די אויגן קײַקלען זיך גרויסע טרערן. „וואָס ווייִנסטו, — האָב איך זי געפרעגט, — ס'טוט דיר אַזוי שטאַרק ווײ?" און זי: „ס'טוט מיר ניט ווײ. אָבער איך פאָר פונעם פראָנט אין הינטערלאַנד, און די כאַווירים זײַנען געבליבן דאָרטן, אויף דער פּערעדאַוואָיאַ".

דעם 25 אָקטיאַבער 1986 איז ציפּע אַלט געוואָרן 80 יאָר. צום באַדויערן, האָט זי איר יובילײ געטראָפן אין שפּיטאָל.

גרייטנדיק זיך צו שרײַבן וועגן איר, נעם איך אין האַנט דעם ערשטן באַנד פון דער קליינער ליטווישער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע, געפין אויף דער 690־טער זײַט פון דעם ערשטן באַנד איר נאָמען, לייען:

„יאָפּײַטע ציפּאַ. געבוירן דעם 10.25 1906 אין אַניקשטשײַ. אַנטיילנעמערן פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אַ שנײַדערן. אין 1925 אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג, פון 1928 מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי. 1931—1933 — מיטגליד פון אַניקשטער אונטערערדישן ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי. 1934 — פאַרמישפּעט פאַר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט אויף 12 יאָר טפּיסע. געזעסן אין טורמעס אין זאַראַסײַ, פּאַניעוועזשיס, קאָונאַס (IX פאָרט) אַ. אַנד. 1940—1941 — סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט פון אַניקשער וואָלאַסט. 1942—1944 — געקעמפט איז די רייען פון דער 16־טער ליטווישער דיוויזיע פון דער רויטער אַרמײ. 1944—1945 — אויף פּאַרטיי־אַרבעט אין אוטענע. 1945—1946 — לערנט אין דער רעפּובּליקאַנישער פּאַרטיי־שול. 1949—1957 — אַרכיוואַריוס פונעם אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע באַם צק פון דער לקפּ. אַ פּענסיאָנער...".

ציפּע יאָפּע הײַנט

קורצע ענציקלאָפּעדישע ידיעות. וואָס שטעקט הינטער זיי?

— אַן אומגעהויער שווער לעבן, — דערציילן ציפּעס כאַווירים.

זי שטאַמט פון אַ גרויסער, זייער אָרעמער פאַמיליע, — דערציילט אירער אַ פּאַרטיי־כאַווער, דער קאָמוניסט פון 1927 יאָר, יאַנקל שאַפּירא. — די מוטער אירע איז פרי געשטאָרבן, דער פאָטער — געווען אַ שאַמעס אין אַ קלײַזל, דערפון געהאַט אויפֿיל כאַוונע, אַז אַ טאָג איז מען געווען אָן ברויט און אַ טאָג אָן זאַלץ. געלעבט האָט מען אין אַ כאַטקע אָן דילן, אַ שטיבל, וואָס דער הימל האָט זיך געזען.

ציפּען, נאָך אַליין אַ צוועלפיאָריק קינד, האָט מען וועקגעגעבן פאַר אַ דינסט — האָדעווען אַ קינד בא דער באַלעבאָסטע. דערנאָך איז זי אַוועק זיך לערנען שנײַדערײַ. די ערשטע דרײַ יאָר האָט מען איר קיין געלט ניט געצאָלט. דאָס טײַ־געלט — אַ פּאָר קאָפּיקעס, וואָס מע פלעגט איר געבן, בעשאַס זי פּלעגט אָפּטראָגן אַ בעגעד, פלעגט קוים קלעקן אויף צו פאַריכטן אַ שוך...

ציפּע אַליין רעדט קאַרג וועגן זיך. זי דערמאָנט זיך נאָר, אַז אויף מיטיק פלעגט זי גיין אַהיים, אָבער אומקערן זיך צו דער אַרבעט פלעגט זי הונגעריקערהייט — אין שטוב איז ניט געווען וואָס צו עסן.

— זי איז אַ מענטש, וואָס קלערט קיינמאָל ניט וועגן זיך, נאָר וועגן אַנדערע, — דערציילט ביילע. — ווען זי האָט שוין געקומען פאַרדינען, האָט זי אויסגעהאַלטן די גאַנצע מישפּאָכע. דער שוועסטערס מאַן, אַ וואָליקמאַכער, האָט מער גע־

קרענקט ווי געארבעט, און אין שטוב זיינען געווען פינף קינדערלעך...

ביילע דערמאנט זיך א פאל, וואס האט שוין פאסירט נאך דער מילכאמע, אין ווילנע. צוזאמען מיט זיי האט דאן געלעבט נאך א פרוי מיט איר זון. ציפע, כאנע און ביילע האבן אים געהאדעוועט צוזאמען מיט מאקסימען, געהאלטן פאר זייערן א דערצויגלינג. ס'איז געגאנגען צו ווינטער, און די קינדער האבן ניט געהאט קיין ווארעם שוכווארג. ציפען האט זיך געמאכט א געלעגנהייט צופארן קיין אניקשט. געווען איז זי קראנק, ארומגעגאנגען מיט היץ, און דאך אוועקגעפארן. און ווי גליקלעך איז זי געווען, ווען זי האט זיך אומגעקערט פון שטעטל, כאטש גאר א קראנקע, נאר מיט צוויי פאר וואליקלעך פאר די יינגלעך און מיט גענדז פאר דער מישפאכע.

— היינט וואס מע האט געדארפט פאר דער אלגעמיינער זאך, פאר דער פארטיי, — דערציילן די כאוויירים, — דאס איז שטענדיק געווען אין דער ערשטער ריי, דאס איז היילעק. אין די אומלעגאלע צייטן האט מען די שטוב, ווו ציפע האט געלעבט מיט דער שוועסטער און מיט איר געזינד, פארוואנדלט אין א טרעף־פונקט, אין א קאנספיראטיווער דירע. אהער פלעגן קומען טוער פון דער אנפירערשאפט פון דער פארטיי, פונעם צענטראל־קאמיטעט. די שוועסטער מיטן מאן, אפילע די קינדער האבן זיך שוין אויך אין דעם ארייננעצויגן. קליינווארג האט געוווסט, אז מע דארף שווייגן. דער עלטערער, איצקע, פלעגט באגעגענען דעם געקומענעם, אוועקפירן אים אין אן אפגערעדט ארט.

...אכציק יאר לעבן, קארגע זעכציק דערפון אין דער פארטיי...

אף ציפעס יובליי קומען זיך אין שפיטאל צונויף מענטשן, ס'פארמאכט זיך ניט די טיר פון איר פאלאטע. אט קומען זי באגריסן פארשטייער פונעם אינסטיטוט פון פארטיי־געשיכטע... אט קומען כאוויירים מיט א פופציק־זעכציקיאריקן סטאזש אין דער פארטיי. און ס'קומט דער טייערסטער גאסט, מאקסים, וועלכער האט זיך טאקע אראפגעכאפט אף א פאר טעג פון לענינגראד, אפגעריסן זיך פון זיין ארבעט, אין וועלכער ער איז ארייננעטאן מיט לייב און לעבן. געקומען, ווייל דאס איז דאך ציפעס יובליי, און ציפען האט ער אזוי ליב...

טעלעגראמעס, בריוו, באגריסונגען... „טייערע ציפע! — שרייבט צו איר, צווישן אנדערן, א פארדינסטפולער קולטור־טוער פון דער רעפובליק, א געוועזענער וויסנשאפטלעכער ארבעטער פונעם אינסטיטוט פון פארטיי־געשיכטע יודיטע קאמאדייטע. — ביסט פרי געווארן א באוווסטזיניקער, איבערגעגעבענער קעמפער פאר דער זאך פונעם ארבעטער־קלאס. אין די שווערסטע טפיסע־באדינגונגען פון דער פאשיסטישער דיקטאטור פלעגסטו אויסשטראלן הארציקייט בענעגייע די כאוויירים... די ליטווישע קאמפארטיי מעג זיין שטאלץ, וואס אין אירע רייען, אין אונטערערד, זיינען געווען אזעלכע טוערנס, ווי דו...".

איך האב באזוכט ציפען אין שפיטאל עטלעכע טעג פארן יובליי, געקומען מיט א פאר בלימלעך און מיט מיין נאטיץ־ביכל. „טאמער וועט זיך מיר ניט איינגעבן נאכאמאל ארייננגייך, באגריס איך אייך הארציק שוין איצט, — האב איך געזאגט. — כאטש ס'איז, דוכט מיר, ניט אנגענומען צו באגריסן פאר דער צייט..."

— האט ניט קיין ערגערניש, — האט זי געענטפערט. — איר מיינט, איך וויים גענוי, ווען איך בין געבוירן געווארן? קיין מעטריקעס איז דאך ניט געווען. מ'האט מיך ארייננגעשריבן אין די ביכער פון קעהילע. „געבוירן געווארן הארבסט, בייס די יידישע יאמטויווים, דאס הייסט אין אקטיאבער כוידעש" — איז געווען פארשריבן. וויבאלד בייסן יאמטעוו, זאל זיין בייסן יאמטעוו, האב איך זיך באטראכט. זאל זיין דעם 25־טן, אין טאג פון דער אקטיאבער־רעוואליוציע, כאטש לויטן אלטן סטיל, ווייל עס דארף דאך זיין דער כוידעש...

אזוי האט זיך ציפע יאפע אויסגעקליבן איר געבוירן־טאג. ס'האט זיך געמאכט, ווי זי וואלט פון סאמע אנהייב ארוף אף א לעבנסוועג, מיט וועלכן זי גייט געטריי ביז היינט־צו־טאג.

דריי פידעלעך

געווען איז עס אין איינעם א ווינטערדיקן טאג 1985, ווען אף דער גארער וועלט, און אויך בא אונדז אין לאנד, האט מען אפגעמערקט דעם 125־טן יארטאג פון שאלעם־אלייכעמס געבורט. אין ווילנע, אין דעם פולגעפאקטן זאל פון דער געזעלשאפט „זנאניע", איז נארוואס געהאלטן געווארן א רעפעראט, געווידמעט דעם גרויסן קלאסיקער, און איצט האט מען געגעבן א קאנצערט. אף דער בינע איז ארויף א בלאנדע כיינעוודיקע פרוי אין דער באגלייטונג פון א יונגן באכער אין ברילן מיט א פידל אין דער האנט. „איצט וועט זינגען ליובע טרויב, און אקאמפאנירן וועט איר גע־

זון, אַמאָס טרויב״, — האָט געמאָלדן דער קאָנפֿעראַנסיע.

און אין דער שטילקייַט פֿונעם זאַל האָבן זיך גענומען וועבן אײדעלע און בונטע, אומעטיקע און שטיפֿערישע קלאַנגען פֿון באַקאַנטע ייִדישע פֿאָלקסלידער. דער זינגערנס שטים איז געווען ריין און צאַרט, און דאָס פֿידעלע האָט געקלונגען נאָך צאַרטער און שטילער, ווי עס וואָלט וועלן בוילעטער אַרויסהייבן די שיינקייַט פֿונעם קאָל. דער קאָנצערט פֿון די דאָזיקע צוויי — דער מוטער מיטן זון — האָט דאַן אַלעמען גענומען באַם האַרצן, ניט איינער פֿון די צושויער האָט ביגנייווע אַראָפּגעווישט א טרער, אָבער איין פֿאַר אויגן האָבן געשײַנט יאָמטעוודיק, מיט היספּײַלעס און שטאָלץ, ניט קאָנענדיק זיך אָפּרײַסן פֿון דער בינע. דאָס איז געווען יאַכע טרויב — ליובעס שוויגער און אַמאָסעס באַבע.

יאַכעס קינדער־יאָרן... אין אירע זיכרוינעס האָבן זיי דורכגעשפּינט מיט לייד פֿון דער ביטערער אָרעמקייַט, פֿרייד פֿון מוזיק, טענץ, פֿון שפּילן טעאַטער אַף דער שול־בינע און מיט היספּײַלעס פֿאַר דער שיינקייַט פֿון דער נאַטור: יאַכע שטאַמט פֿון אַניקשט, און אַניקשט איז א פּערל, וואָס פּאָעטן און שרײַבער האָבן אים באַזונגען אין זייערע ווערק. אין שטוב בא דער מוטער — דער שוואַכער, קרענקלעכער אַלמאַנע, דער זאָקנשטריקערן דושל איז געווען אזוי שמאָל, אז צוויי פֿון די דרײַ קינדער — יאַכען און איר עלטערער שוועסטער פֿייגע־העניען איז אויסגעקומען אוועקצוגעבן אין א קינדערהיים. אייגנטלעך איז עס געווען ניט דושלס שטוב — די ערשטע וועלט־מילכאָמע האָט כאָרעוו געמאַכט סײַ די שטוב און סײַ דאָס לעבן. די מישפּאָכע איז געלאָפֿן פֿונעם דײַטש אַף מיזדער, דעם טאַטן האָט מען גענומען אין אַרמיי און ס'איז פֿון אים קיין זייכער ניט געבליבן; די מאַמע האָט אים לאַנג אַרומגעזוכט און זיך אַפֿילע געגנוי ניט דערוווּסט, ווו און ווען ער איז אומגעקומען. ס'איז געווען א סוואָרע, אז ער איז גאָר אַף דער מילכאָמע געשטאָרבן פֿון הונגער: געווען אזוי פֿרום, אז ער האָט קיין טרייפֿס אין מויל ניט גענומען...

און אָט איז מען שוין אָן דעם טאַטן צוריק אין אַניקשט. מע קערט זיך אום אַהיים, אָבער קיין היים איז ניטאָ, אוועק מיטן רויך. א ליידיקע שטוב האָט זיך אײַנגעפֿונען בא א קאָרעוו, א שטוב אַף הינערשע פֿיסלעך, האָט מען זיך אַהין אַרײַנגעקליבן מיט נאָך א פֿעטער, זיך אָפּגעצאַמט און אזוי געלעבט.

ווען יאַכעלע, א זעקס־זיבניאָריק קינד איז אָנגעקומען אין שול, אין דער ערשטער מעכינע, האָט א לערער באַלד אײַנגעפֿונען אין איר אַרטיסטישע פֿעיִקייַטן, געווען איז זי קליינוווּקסיק, א מאָנעך־קינד מיט העל־בלאָנדע לײַנענע לאָקנס. צום ערשטן מאָל, געדענקט זי, ווען מע האָט זי אַרויסגעלאָזט אַף דער שול־בינע אין די שוואַרצע באַוולנע זעקעלעך, וואָס די מאַמע האָט איר אויסגעשטריקט מיט שפּיזלעך, און אינעם יאָמטעוודיקן קליידעלע, וואָס דושל האָט פֿאַר איר געלי̇ען בא מענטשן, האָט זי, די קליינע, זיך דערשראָקן פֿאַרן אוילעם, זיך צעוויינט און אַנטלאָפֿן פֿון דער בינע. אָבער דער לערער האָט זי צוריק געבראַכט, און זי האָט וויינענדיק געזאָגט איר שיר.

אזוי האָט פּאַסירט נאָר דאָס ערשטע מאָל, ווײַטער איז אוועק בעסער. איינס נאָכן אַנדערן גייען פֿאַרבײַ פֿאַר אירע אויגן די שול־פֿאָרשטעלונגען, די דעקאָראַציעס, וואָס א לערער, יויעל קורליאַנטשיק, פֿלעגט אַליין מאָלן, די טענץ, וואָס ער פֿלעגט מיט זיי שטעלן, און די לידער, וואָס ער פֿלעגט זיי לערנען זינגען. יאַכע געדענקט אַף אויסווייניק אַלע אירע ראָלן, וואָס זי פֿלעגט שפּילן, געדענקט די אויפֿירונגען „שאַלעכמאָנעס״, „כאַנעקעגעלט״, „בום און דריידל״. ניט איין מאָל פֿלעגט מען שוין שפּילן אין שטעטל, בא געפּאַקטע זאַלן, און דאָס אויסגעלייזטע געלט פֿלעגט גיין אַף אויפֿצוהאַלטן די שול. ס'פֿלעגט אָבער פֿעלן. פֿיר קלאַסן האָט יאַכעלע געענדיקט, דער פֿינפֿטער איז זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן, ס'איז ניט געווען וויאַזוי אים אויסצוהאַלטן...

א יאָר 11־12 איז זי אַלט געווען, ווען, אומקערנדיק זיך פֿונעם קינדערהיים צו דער מאַמען, האָט זי צוזאַמען מיט איר גענומען שטריקן זאָקן. דער ברודער, מוישע, האָט זיך צו עלף יאָר אָנגעהויבן לערנען זייגערמאַכערײַ, די עלטערע שוועסטער — פֿאָטאָגראַפֿיע. אזוי האָט מען צוביסלעכווײַז געלעבט...

פֿרום איז יאַכעס מאַמע געווען, ווי דער פֿאָטער, ביז גאָר — פֿלעגט זי דער קליינער עסן ניט געבן, ביז יענע פֿלעגט ניט זאָגן די טפֿילע. און יאַכען איז עס שווער געפֿאַלן — לאָשנקוידעש...

„לערן עס ווי א שיר״, — פֿלעגט די מאַמע ראַטן.

האָט זיך די אַלמאָנע דושל געקאָנט פֿאָרשטעלן, אז אין א קורצער צײַט אַרום, גאָר גיך, וועט יאַכע זיך „אָנשטעקן״ מיט פּראָגרעסיווע אידייען און וועט, כאַווערנדיק זיך מיט ביילע שעוואַך, זיצנדיק שאָענלאַנג בא זיי, אין דער מישפּאָכע פֿון רעוואָליוציאָנערן, — ווערן אַן אַקטיווע קאָמיוגיסטקע, מיט דער צײַט אַרײַנפֿאַלן אין טפֿיסע און, אַרויסגייענדיק אַף דער פֿרײַ, ווידער קעמפֿן?

...איך זיץ אַפֿן קאָנצערט, הער, ווי עס זינגט ליובע טרויב, קוק אַף איר שוויגער יאַכע טרויב און קלער: איז עס א צופֿאַל, אז דער (הײַנט שוין פֿאַרשטאָרבענער) סטאָליער, דער פּרימאַ־פֿאַכמאַן אַבע טרויב האָט זיך אויסגעקליבן פֿאַר א ווײַב א בלאָנד, זינגעוודיק מיידל יאַכע האַנטווערקער, א פֿאַרליבטס אין טעאַטער־קונסט און בינע, און דער עלטערער זון זײַנער דאָוויד טרויב (אַן ערשטקלאַסיקער שלאָסער, ער אַרבעט אין א פֿאַבריק מיט

אַן אייגענעם שטעמפּל, מיט אייגענער גאַראַנטיע) האָט אויך גענומען אַ בלאַנדע, אַ זינגעוודיקע, אַ פֿאַרליבטע אין טעאַטער־קונסט — ליובע בלאַך. איז עס נאָך דעם אַלעם אַ כידעש, אַז אין דער מישפּאָכע, אינעם ייִנגערן דאָר, האָבן זיך אײַנגעפֿונען דרײַ פֿידלער?

מײַ 1986. אין מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע גיט אַ קאָנצערט דער באַרימטער ליטווישער קאַמער־אָרקעסטער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּראָפֿעסאָר סאַוליוס סאָנדעצקיס. די ערשטע פֿידל שפּילט יאָכעס ייִנגערער זון — באָריע טרויב. ווו איז ער שוין ניט אויסגעוועזן צוזאַמען מיטן אָרקעסטער! אַרומגערײַזט אין דער גאָרער וועלט און, פֿאַרשטייט זיך, אין אַלע ווינקעלעך פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. הײַנט שפּילט ער אין מאָסקווע, און ער האָט אויפֿן קאָנצערט אַ כאָשעווען גאַסט: דעם באַוווּסטן קינסטלער פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן, פּראָפֿעסאָר פֿון ניו־יאָרקער אינסטיטוט פֿאַר קונסט, פּובליציסט און פּראָגרעסיוון ליטווישן געזעלשאַפֿטלעכן טוער רודאָלף באַראַניקאַס.

שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווײַלט באַראַניקאַס אין ליטע און אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, און די צײַטונגען שרײַבן וועגן אים. „די פּרינציפּיעלע פּאָזיציע פֿון אַ שעפֿער" — שרײַבט די ליטווישע פּאַרטיי־צײַטונג „טיעסאַ" אונטער דער רובריק „קינסטלער אין קאַמף פֿאַרן שאָלעם". און זי דערציילט וועגן דעם לעבנסוועג פֿונעם קינסטלער — אַן אָפּשטאַמיקן פֿון אַניקשט, וועלכער איז ווײַט פֿאַר דער מילכאָמע אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, דערנאָך געקעמפֿט קעגן היטלער־דײַטשלאַנד אויפֿן מײַרעוו־פֿראָנט, שפּעטער אין הונגער און נויט שטודירט קונסט און מיט דער צײַט געוואָרן באַרימט. ניט לאַנג צוריק, דערציילט די צײַטונג, האָבן פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער קינסטלער באַשלאָסן אַ

מישע, אַמאָס און באָריס טראַובאַס אויף אַ רעפּעטיציע

מאַטאָנע צו געבן קובע אַ קאָלעקציע בילדער. איבערגעבן דירעקט איז ניט געווען מעגלעך, האָט מען אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג אין מעקסיקע און דאָרט איבערגעגעבן די בילדער די פֿאָרשטייער פֿונעם אינדזל פֿון פֿרײַהײַט. אין דער צערעמאָניע האָט אָנטיילגענומען רודאָלף באַראַניקאַס.

איצט, זײַענדיק אין ליטע, האָט ער אַ מאַטאָנע געגעבן דעם ווילנער מוזיי פֿון קונסט דרײַ פֿון זײַנע בילדער אויף קעגנמילכאָמע־טעמעס.

אין ליטע נעמט מען אוף דעם קינסטלער מיט גרויס קאָוועד, אפן העכסטן ניוואָ, אָבער דעם גרעסטן פאַרגעניגן האָט ער, ווען ער איז צוגאַסט אין אַ פּאָשעטער ייִדישער שטוב... אין שטוב בא יאָכע טרויב. דאָס שטעטל אַניקשט, די קינדעריאָרן — אַלץ שטייט אוף אין זיקאָרן, לעבט אוף אָפּסנײַ מיט יענע אַמאָליקע פאַרבן, רייכעס און קלאַנגען, ער ווערט ווידער דאָס ייִנגל רוווקע באַראַניק, און דאָס האַרץ פרייט זיך און נאָגט...

צוריקוועגס אַהיים, ווײַלנדיק אַ פּאָר טעג אין מאָסקווע, קומט רודאָלף באַראַניקאַס אפן קאָנצערט, וווּ יאָכעס ייִנגערער זון, באָריע, שפּילט די ערשטע פידל, און אינגיכן, אין יול כוידעש, באַקומען פון אים באָריע און יאָכע בריוו...

„טײַערער באָריס! — שרײַבט אים דער קינסטלער. — כ׳וויל דיך באַדאַנקען פאַר דער אײַנלאַדונג אפן קאָנצערט פונעם ליטווישן קאַמער־אָרקעסטער אין דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס דער אָוונט באַטײַט פאַר מיר. ערשטנס, פאַרשטייט זיך, די מוזיק גופע, איר שיינקייט, וואָס האָט מיך פאַרקישעפט. נאָר ס׳האָט מיך באַהערשט נאָך אַ געפיל: ווען איך בין געזעסן אין לאָזשע צוזאַמען מיט דײַן ליבער מישפּאָכע, האָב איך ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פון מישען. מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ האָט געלויכטן זײַן צאַרט פּנעמל! מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ און באַפרידיקונג האָט ער בײַס דעם אַנטראַקט שפּאַצירט אין די קולואַרן און זאַלן! איך האָב געקלערט וועגן דושל, דײַן מאַמעס מוטער, דער אַלמאַנע, וואָס איז אָפּגעקומען אין נויט אין אַ שטיבל אף איינער פון די אַניקשטער געסלעך. האָט זי דען געקאָנט זיך פאָרשטעלן איר אייניקל אַלס ערשטע פידל פון אַ באַרימטן אָרקעסטער און דעם אייניקלס זונעלע, ווי ער זיצט אין אַ לאָזשע, וווּ ס׳פלעגן אַמאָל זיצן נאָר צאַרישע אַריסטאָקראַטן...

מישע האָט מיר געזאָגט, אַז אין אַלגעמיין געפעלט אים קלאַסישע מוזיק. ער האָט מיר אויך דערקלערט, אַז ער קאָן זיך ניט כאַפּן, וועלכע ווערק ס׳געהערן צו וועמען פון די קאָמפּאָזיטאָרן, ווײַל דער יעסאָד איז בא זיי אַן ענלעכער. אָבער ער האַלט, אַז דאָס דאַרף זײַן מוזיק פונעם 19־טן יאָרהונדערט. אָט וואָס פאַר אַ ליב זונעלע דו האָסט! אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק אַלעמען, אַ דאַנק דעם סאָוועטנפאַרבאַנד!

רודאָלף".

און אָט איז דער צווייטער בריוו:

„טײַערע יאָכע!

אַלעמאָל, ווען איך באַזוך ווילנע, ברענגט מיר די באַגעגעניש מיט דיר און דײַנע נאָענטע די טײַערסטע זיכרוינעס פון דער פאַרגאַנגענהײַט. אַזוי איז אויך געווען דאָס מאָל, כאָטש עפּעס האָט געפעלט: דאָס, וואָס אַבע איז שוין ניטאָ, האָט אײַנגעהילט אונדזער באַגעגעניש אין טיפן טרויער. און דאָך, ניט געקוקט אף דעם, האָב איך זיך געוווּנדערט, וואָס די נעשאָמע דײַנע איז געבליבן יונג, ווי געווען, ווי דאַן, אין אונדזער היימשטעטל".

דעם בריוו האָט ער אונטערגעשריבן — „רוווקע".

ס׳איז קעדײַ צו דערמאָנען, אַז יאָכעס און רוווּנס מישפּאָכעס האָבן געלעבט ניט ווײַט איינע פון די אַנדערע, געווען באַפרײַנדעט. רוווּנס עלטערן פלעגן העלפן דושלען, און דער פאָטער זײַנער האָט ניט איין מאָל זיך אײַנגעשטעלט פאַר דער אַלמאַנע און זי פאַרטיידיקט, ווען אַ גוויר האָט זי געוואָלט אָוולען. אָבער ניט נאָר דאָס... ס׳איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן אַ באַגעגעניש פון אַ פּאָר לעצטע מאָהיקאַנער פון אַ כאָרעוו געמאַכט ייִדיש שטעטל... „האָזן־בערג" — הייסט דאָס אָרט הינטערן שטעטל, וווּ עס ליגן טויזנטער צעשאָסענע ייִדן פון אַניקשט און אומגעגנט" — דערציילט יאָכע. אין איר דערציילונג וועגן אַניקשט פלעכטן זיך דורך די היספּײַלעס פאַר דער פּראַכטפולער נאַטור מיטן שוידער פונעם דורכגעלעבטן. וויפל וווּנדערשיינע געגנטן האָבן די דײַטשישע פאַשיסטן פאַרשוועכט מיט זייער מאָרד און רעציכעס, — קומט מיר אַ געדאַנק אין קאָפּ. ווער ווייסט, עפּשער טאַקע צוליבן איבערגעלעבטן ווייטיק האָט דער קינסטלער באַראַניק אין זײַנע בילדער, וואָס שילדערן אַניקשט, אײַנגעהיט די סטערטעס היי און שטיבלעך אין בייזע שאָטנס. כאָטש ער אַליין זאָגט, אַז דאָס אָרעמע שטעטל האָט זיך פון דער קינדהײַט אײַנגעקריצט אין זײַן זיקאָרן מיט טונקעלע פלעקן...

ווי מיר זעען פונעם ערשטן בריוו, איז דעם קינסטלער פון אַמעריקע זייער געפעלן געוואָרן מישע, באָריעס זון, וועלכער האָט אַזוי ערנסט, ווי אַ דערוואַקסענער, גערעדט וועגן מוזיק. דאָס ייִנגל איז טאַקע ערנסט און באַלעזן, אַ מומכע אין געשיכטע, געאָגראַפיע, שפּראַכן. דער קליינער לערנט שוין אין זעקסטן קלאַס פידל, אין אַ מוזיק־שול אין ווילנע. בײַס דעם לעצטן קאָנצערט האָט אים די באָבע דערזען באַם ערשטן פּולט אינעם שול־אָרקעסטער. מישע איז שוין אויך די ערשטע פידל!

אָבער אין יאָכעס מישפּאָכע איז ער דאָ, אין ווילנע, דאָס דריטע פידעלע. דאָס צווייטע איז אַמאָס, יאָכעס עלטער אייניקל, דער זון פון דאָוויד און ליובע טרויב, דער יונגער באָכער, וועלכער האָט אַזוי שיין אַקאָמפּאַנירט דער מאַמען, בײַס זי האָט געזונגען פאַרן אוילעם אפן שאָלעם־אַליכעם־אָוונט.

לעצטנס איז דער אָנפירער און דיריגענט פונעם ליטווישן קאַמער־אָרקעסטער סאָנדעצקיס, וועלכער איז זײַנערצײַט געווען באָריעס פּראָפעסאָר אין דער ווילנער קאָנסערוואַטאָריע, געווען אַ גאַסט אין דער מישפּאָכע — מע האָט געפײַערט באָריעס 40־טן געבורטסטאָג. דער פּראָפעסאָר האָט געלויבט באָריען, געלויבט אַמאָסן, געזאָגט, אַז זיי

זיינען זעלטענע פידלער און אז אמאָס קאָן נאָך דערצו עפשער ווערן אויך א גוטער קאָמפּאָזיטאָר (דאָס ייִנגל האָט גראָד געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע, ער שאפט אויך מוזיק און גרייט זיך ווייטער צו שטודירן קאָמפּאָזיציע). קוקנדיק אף יאָכען, האָט דער באוווּסטער ליטווישער מוזיקער צוגעגעבן: „אין זייער דערפּאָלג האָט איר א באַדייטנדיקן כיילעק. בא גרויסע לייט דערגרייכן קינדער זעלטן אזעלכע הייכן, וואָרעם ווער פון די עלטערן גיט זיך דאָס אָפּ אזויפיל מיט זיי, ווי איר? מ׳איז פארנומען מיט זיך, מיט דער ארבעט (דער פּראָפעסאָר האָט נאָך געדענקט, ווי יאָכע פלעגט בעטן, מע זאָל איר לאָזן בייזיין אף לעקציעס און קאָנצערטן).

ס׳איז רעכט, אז סאָנדעצקיס האָט פארשטאַנען, וואָס פאר א טיפער טרוים פון דער מישפּאָכע ווערט פארווירקלעכט אין דעם גוירל פון די דריי פידלער — באָריען, אמאָסן און מישען: דער טרוים פון יאָכען, וועמענס ארטיסטישע פעיִקייטן און פארלאנגען האָט פארשלונגען די נויט; פון איר שוועסטער פייגע־העניע, וועלכע איז פאר דער מילכאָמע יאָ געוואָרן אן אקטריסע פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער, אָבער בייס דער אָקופּאציע איז זי אומגעבראכט געוואָרן אין א דייטשישן קאָנצענטראציע־לאגער; דער טרוים פון יאָכעס שנור, ליובען, וועלכע איז אלפּי נעס ניצל געוואָרן פון טויט, אנטלויפנדיק פון קאָוונער געטאָ, נאָך דער מילכאָמע שוין אָנגעקומען אין ווילנער קאָנסערוואטאָריע, געווען אָבער נאקעט און באָרוועס, געדארפט ארבעטן, ניט געקאָנט שטודירן (געשפּילט האָט זי ייִדיש טעאטער אין דער קאָוונער זעלבסטטעטיקייט). און עפשער אויך דער טרוים פון ליובעס מאַן, דאָווידן, וועלכער האָט אויך אזוי ליב מוזיק...

א שיינער זומער־טאָג. די ביימער אין די סעדער בייגן זיך אונטערן יאָך פון עפּל, אזא גערעטעניש געדענקט ניט ליטע, מיר קומען צו א כאָווער אין זיין סאָד — צו איינעם פון די פילצאָליקע ייִדישע גערטנער, וועלכע זיינען מיטן גאנצן ברען, מיט דער גאנצער נעשאָמע אריינגעטאָן אין דער ערדארבעט אף די זעקס סאָטקעס פונעם קאָאָפּעראטיוו־גאָרטן. אונדזער כאווער, א געוועזענער קאָמסאָמאָליעץ נאָך פון די אומלעגאלע צייטן, היינט א פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע, עליע לעוויט און זיין פרוי פּאָליע ווייזן אונדז זייער „גוט", יעדער בוים און בלומען־בייט, די שיינע דאטשע, וואָס מע האָט דאָ אויסגעבויט, די הילפס־געביידעס דערביי.

אלץ האָט מען דאָ געמאכט בעהאדראָגע, צוביסלעכווייז, מיט די אייגענע הענט.

— מיט די גאָלדענע הענט פון מיין מעכוטן, אָלעווהאשאָלעם, אבבע טרויב, — זאָגט עליע, — געווען א זעלטענער מייסטער...

— און דאָ, אין דער מאנסארדע, האָט אויך ער באקלעפּט די ווענט מיט ברעטלעך? — פרעג איך.

— ניין, דאָס האָט געמאכט זיין זון, באָריע, מיין איידעם, — זאָגט עליע.

— דער פידלער? — ווונדער איך זיך.

— איך האָב זיך אויך געוווּנדערט, — ענטפערט ער. — א פידלער זאָל אזוי קענען און וועלן טאָן יעדער מעלאָכע.

אזוי איז מיר נאָכאמאָל אויסגעקומען צו הערן וועגן דער מישפּאָכע טרויב — א מישפּאָכע פון גוטע ארבעטער און גוטע מוזיקער.

עלווירע פאגעל

דאָס מיידל פון ושמערינקע

דער צוועלפטער סענטיאבער איז יאָר־יערלעך בא נינע נאומאָוונען א שווערער טאָג: א פריידיקער, אן אָנגעזעטיקטער מיט קאָלערלייי יובלדיקע איבערלעבונגען, דערמאָנונגען, באגעגענישן, אָבער צו שקיע־צו בלייבט זי איינגאנצן אן אָנמעכטיקע, אלעמאָל אן אויסגעשעפּטע. ניין, זי קלאָגט זיך ניט, כאָלילע, צוליב דעם אָפּשאפן דעם געבורטסטאָג איז ניט שייעך.

א מאָדנע זאך, זינט נינע נאומאָוונע איז אף פּענסיע, האָט די זון זי ליב געקראָגן, א סימען האָט איר — זי יאָוועט זיך צו איר איינעם געבורטסטאָג אומבאדינגט. פאראיאָרן, בייס נינע נאו־

מאָונעס האַלבנאַכטיקן שפּאַציר פֿאַרן שלאָף, איז,
דוכט זיך, דער וואָלקנדיקער הימל געלעגן אויף דער
ערד, א רעגנדל האָט געטריפּט, און נינע נאומאָוו־
נע האָט זיך שוין ניט געריכט, אז מאָרגן וועט זײַן
א גוטער וועטער.

אָבער קאַיאָר, נינע נאומאָוונע באַווײַזט נאָך
ניט עפֿענען די אויגן, קוקט שוין די זון אַרײַן אין
פֿענצטער פֿון איר אַלקער אויף דער מיזרעכדיקער
זײַט, שמײַעט זיך דורך צוערשט שיקלדיק, פֿאַר־
שײַט — נאַט אײַך, אָט בין איך, אוואַדע ניט גע־
וואַרט אויף מיר, און עטוואָס שפּעטער וואַלגערט זי
זיך אַרײַן אין נינע נאומאָוונעס שלאָפֿצימער מיטן
גאַנצן האַק־און־פּאַק, א פּולפּענעמדיקע, צעשטראַל־
טע, יאָמטעוודיקע. צו דער רעגע הייבט אָן קלינ־
גען דער טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, וואָס שטייט אויף נינע
נאומאָוונעס נאַכט־טישל לעבן צוקאָפּנס. ווילנדיק,
ניט־ווילנדיק מוז מען אויפֿהייבן דאָס טרײַבל צום
אויער — אויפֿנעמען די ערשטע באַגריסונג.

צום סאָף טאָג ווערט דער טעלעפֿאָן הייזע־
ריק, דער טעלעגראַמען־טרעגער קוקט שוין בײַז־
לעך. נאָר די באַלעבאָסטע טרייסט אים — מיסטאָם
וועט ער זיך שוין מער ניט דאַרפֿן מאַטריען זײַן:
אַלע טעלעגראַמעס, אויף וועלכע זי האָט געוואַרט,
זײַנען שוין אָנגעקומען. זי איז זיך אָבער טויע גע־
ווען. אינגיכן איז ער ווידעראַמאָל געשטאַנען אויף
דער שוועל פֿון איר פּירהויז און דערלאַנגט איר
מיט דער צעקאַליעטשעטער האַנט נאָך איין בלאַנק.
קוידעמקאָל טוט זיך א וואָרף אין די אויגן
נינע נאומאָוונען דאָס רויטע פֿעלד אויף דער דע־
פּעשע און דאָס וואָרט: „רעגירונגס־טעלעגראַמע".
צונויפֿפּאָרן אויך אָט די דעפּעשע מיט איר גע־
בורטסטאָג קלעקט ניט אין דער ערשטער רעגע
קיין מוט בא נינע נאומאָוונען, אָבער באַלד ווערט
אויסגעקלאָרט, אז טאַקע יאָ, די דעפּעשע האָט א
דירעקטע שײַכעס צו איר פּערזענלעכן יאָמטעוו —
דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קאָמיוג טעלעגראַפֿירט
איר: „כאָשעווע נינע נאומאָוונע! מיר באַגריסן אײַך
מיט אײַער אַכציקסטן געבורטסטאָג, מיר ווינטשן
אײַך געזונט, גליק, דערפֿאָלגן אין אַלע אײַערע
איניאַנים. צעקאָמיוג".

אָט ווען די אַכציקיאָריקע לעווינע האָט זיך
אויף א ווײַלע אפּסנײַ דערפֿילט אַלס קאָמסאָמאָלקע,
האַגאַם מיטן קאָמיוג האָט זי זיך, דעם עמעס גע־
זאָגט, ניט געשיידט קיינמאָל, אָנהייבנדיק פֿון
יענער מינוט, אין וועלכער זי האָט זיך דערוווּסט,
אז אזאַ מין יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט.
דאָס איז פֿאָרגעקומען אין אָנפֿאַנג פֿון די צוואַנ־
ציקער יאָרן, אין מאָסקווע.

א זעכצניאָריק מיידל, ציט זיך נינע איבער
אַהער אין 1921 פֿון זשמערינקע, ווו זי האָט פֿאַר־
ענדיקט זעקס קלאַסן פֿון דער אַרבעטס־שול. אין
היימשטעטל זײַנען פֿאַרבליבן טאַטע־מאַמע און נאָך
פֿיר אײפּעלעך, אַלע ייִנגערע פֿון נינען. פֿאַרוואָס
קיין מאָסקווע? ווײַל דאָ, אין מעדיצינישן אינסטי־
טוט, לערנט זיך איר עלטערע שוועסטער. און אין
מאָסקווע איז עפּשער גרינגער, איידער ערגעץ־ווו
אַנדערש, אָפּזוכן אַן אַרבעט פֿאַר זיך.

אויף דער בירזשע לייגט מען פֿאָר נינען, זי
זאָל אין דער ביבליאָטעק פֿון דער פֿאַבריק „וואָל־
געוואַנט" העלפֿן צונויפֿקלעפּן אַלטע ביכער. דאָס
איז ניט געווען קיין אַרבעט אין פּולן זין פֿון וואָרט,
ווײַל קיין לוין פֿאַר דער טירכע האָט מען נינען
ניט געצאָלט. דאָס איז געווען, ווי מע זאָגט איצ־
טער, אויף געזעלשאַפֿטלעכע יעסוידעס. געגעבן האָט
מען נינען בלויז געלט אויף טראַמוויי־בילעטן אַהין
און צוריק. נאָר אָט דאָס געלט האָט זי ניט אויס־
געגעבן — זי איז געווען געזונט און מונטער און
פֿלעג לויפֿן אין ביבליאָטעק צופֿוס. אויף לעבנס־
הויצאָעס האָט זי פֿאַרדינט מיט פֿאַנאַנדערטראָגן
צײַטונגען די אַבאָנענטן. זי האָט געטרוימט צו
ווערן א וועבערן, געוואָלט זיך לערנען, געשטרעבט
אין דער פֿולער מאָס אָנטיילנעמען אינעם נײַעם
לעבן, וואָס איז דעראָבערט, ווי זי האָט געטראַכט,
קוידעמקאָל פֿאַר אַזעלכע, ווי זי. אז עס עקזיס־
טירט א קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע, האָט איר מיט־
געטיילט א כאַווערטע. און נינע איז אַרײַנגעטראָטן
אין קאָמיוג. דער סעקרעטאַר פֿון דער פֿאַבריקי־
שער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע האָט זי אָפּגעפֿירט אין
ראַיקאָם, און דאָרטן האָט מען איר געגעבן א
קאָמיוגישע פּוטיאָווקע אויף א בנײַ־בויונג. אַזוי איז
זי געוואָרן איינע פֿון די, וואָס האָט געשטעלט אויף
די פֿיס דעם מאָסקווער עלעקטראָמאַשינבוי־זאַוואָד.
נינע איז געווען גליקלעך, מיטן גאַנצן יוגנטן ענ־
טוזיאַזם האָט זי געשלעפּט אויף זיך ציגל און וואַפּ־
נע, ביכדיי עס זאָל וואָס גיכער אויסגעבויט ווערן
„איר" זאַוואָד. ער איז טאַקע געוואָרן איר זאַ־
וואָד — דער איינ־און־איינציקער אויפֿן גאַנץ לעבן.

די געשיכטע פֿון אָט דעם זאַוואָד איז אַן
אוניקאַלע. דער איראַנער אוועטיס סולטאַן־זאַדע,
אַן אָנגעזעענער פּובליציסט און פּראָפֿעסיאָנעלער
רעוואָליוציאָנער, א פּאַרטיי־מיטגליד פֿונעם 1912,
און אויך א מיטגליד פֿונעם צענטראַלן קאָמיטעט
פֿון דער איראַנער קאָמפּאַרטיי, האָט אַקטיוו אָנטייל־
גענומען אין די געשעענישן פֿונעם גרויסן אָקטיאַ־
בער אין רוסלאַנד, דערנאָך אין טראַנסקאַווקאַז און
מיטל־אַזיע. נאָך דער רעוואָליוציע קערט ער זיך
אום אַהיים, טרוימט אויפֿצוהייבן צום קאַמף זײַן
פֿאָלק. פֿונעם 1923 איז ער ווידער אין סאָוועטנ־
פֿאַרבאַנד. א באַגײַסטערטער מיצאַד דער לעניני־
שער אידיי פֿון עלעקטריפֿיקאַציע, אין איבערצײַג־
טער אין דעם, אז פֿאַרווירקלעכן דעם פּלאַן גאָעל־
ראָ קאָן מען בלויז מיט א זאַכלעכן קאַמף, נעמט
ער זיך אונטער אויסבויען אין מאָסקווע און אָר־
גאַניזירן די אַרבעט פֿונעם ערשטן סאָוועטישן
עלעקטראָמאָטאָר־זאַוואָד. סולטאַן־זאַדע האָט גע־
גלייבט אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿונעם אַרבעטס־
מענטש.

אין אָקטיאַבער 1926 איז דער נײַער זאַוואָד אַף דער טקאַצקע־גאַס, נומער 15 פּאַרעגיסטרירט געוואָרן אַלס זעלבשטענדיקע אונטערנעמונג און אים איז צוגעייגנט געוואָרן דער נאָמען לעפּסע, איצט „מאַיאַק". שוין אין 1928 האָט ער פֿולקום באַפֿרידיקט די באַדערפֿענישן אין מאָטאָרן פֿון דער מאָסקווער עלעקטראָ־פּראָדוצירונג, און אַ פּאָר יאָר אַרום האָט מען די מאָטאָרן, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט דער לעפּסע־זאַוואָד, אָנגעהויבן עקספּאָרטירן קיין ענגלאַנד. אַדהײַעם ווערט אין פּאַרטיי־קאָמיטעט פֿונעם זאַוואָד „מאַיאַק", געוועזענעם לעפּסע, פֿאַרהיט אַ בוך, וואָס אַנטהאַלט פֿינף דרוקבויגנס, אַף זײַן הילע איז אויסגעקריצט: „די געשיכטע פֿונעם זאַוואָד". דער בוך דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי דער זאַוואָד איז געבויט געוואָרן, וויאַזוי עס האָט זיך אָרגאַניזירט דער קאָלעקטיוו זײַנער, אינעם בוך גייט אַ רייד וועגן זײַנע פֿאַרוואַלטערס און אַרבעטער, וועגן די זיגן און שוועריקייטן, וועגן די אַרבעטס־טראַדיציעס, באַלוינונגען און וועגן די באַלוינטע.

די רעשימע פֿון די באַלוינונגען איז אַ לאַנגע. אַפֿן ערשטן אָרט — „די רויטע פֿאָן פֿון די אַרבעטער פֿון דעטראָיט". גלײַך נאָך דעם איז אָנגעוויזן: „לענין־אָרדען נומער 18 — דער בריגאַדע אַנוויקלערנס, 1931". און אַף איינעם פֿון די ערשטע זײַטלעך אינעם בוך לייענען מיר: „אַ באַזונדערס מערקווירדיקע געשעעניש אין דער געשיכטע פֿונעם זאַוואָד „מאַיאַק" איז געוואָרן דער אַרבעטס־העלדנטאַט, וועלכן עס זײַנען באַגאַנגען 26 אַרבעטערנס, פֿאַרייניקט אין דער ערשטער קאָמיוגישער שלאָגלערישער בריגאַדע". ס'קאָן זײַן, אַז די גרינדונג פֿון אָט דער בריגאַדע האָט פֿאָרויסבאַשטימט דעם גײַסט און די טראַדיציעס פֿונעם זאַוואָד. בײַ די אורקוואַלן פֿון דער בריגאַדע זײַנען געשטאַנען אירע איניציאַטאָרן — עטלעכע יונגע מיידלעך, וועלכע זײַנען נאָרוואָס אַרופֿגעטראָטן אַף זייער אַרבעטס־שטעג. די מיידלעך זײַנען געווען ניט מעסוקן איוורעדיקע, נאָך שוואַך אויסגעשולטע אינעם קעסל פֿון אָנווײַזונגען און לאָזונגען, אָבער פֿול מיט ווילן און כיישעק אײַנצושליסן זיך אין דעם נײַעם לעבן. און צווישן זיי — נינע לעווינע.

נינעס לײַדנשאַפֿט צו פֿאַרשרײַבן אַלץ, וואָס עס אינטערעסירט זי, דערלויבט איצט אויפֿשטעלן די איינצלהײַטן פֿון דער גרינדונג פֿון דער בריגאַדע. אינעם רעוואָליוציע־מוזיי, אַף אַ ספּעציעלן סטענד, וואָס איז געווידמעט דער ערשטער קאָמוניסטישער שלאָגלערישער בריגאַדע פֿון מאָסקווע, קאָן מען זען אַ צעפּליקט העפֿטל מיט האַלב־אָפּגעריבענע בלײַער־פֿאַרנאָטירונגען — דאָס איז דער טאָגבוך פֿון דער בריגאַדע, וועלכן עס האָט געפֿירט לעווינע. דער דובליקאַט ווערט אָפּגעהיט בײַ נינע נאַומאָוונען.

צום 27־טן יאָר זײַנען אויפֿן זאַוואָד געווען בלויז זיבן קאָמסאָמאָלצעס, אָבער זייער צאָל איז בעהאַדראַגעדיק געוואַקסן. האָגאַם זיי האָבן יאָ געהערט דאָס וואָרט „אינדוסטריאַליזאַציע", כאָטש זיי וואָלטן אײַנגעלייגט די וועלט, ביכדיי מיטהעלפֿן דעם לאַנד, נאָר קיינער פֿון זיי האָט ניט געוווּסט, וואָס קאָנקרעט טוט מען צוליב דעם. מע האָט גערעדט וועגן די פֿאַרטראָגן אַף דער 16־טער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ, מע האָט דערלערנט לענינס אַרטיקל וועגן דער סאָציאַליסטישער פֿאַרמעסטונג. אָבער אָט לייענט מען אין אַ צײַטונג, אַז אין לענינגראַד איז אויפֿן זאַוואָד „עלעקטראָסילאַ" געגרינדעט אַ בריגאַדע. זיבעצן מאָסקווער קאָמסאָמאָלקעס באַשטימען אויך זיך פֿאַרייניקן אין אַ גרופּע. דער ראַיקאָם שטיצט די דאָזיקע אידעע.

די ערשטע אין מאָסקווע בריגאַדע איז געבוירן געוואָרן דעם 1 אַפּרעל 1929. דער ערשטער בריגאַדיר אירער איז געוואָרן טאַניע סאָקאָלאָוואַ, די פֿאַרטרעטערן, און דערנאָך אויך בריגאַדיר — נינע לעווינע.

אין אָנפֿאַנג האָט קיינער קיין אַנונג ניט געהאַט, וויאַזוי צו אָרגאַניזירן די מי אין דער בריגאַדע, מיט וואָס וועט זיך איצט אונטערשיידן די טירכע פֿון יעדערן אין פֿאַרגלײַך מיט דעם, וואָס עס איז געווען בײַ אַלעמען פֿריִער, דאָך איינס איז געווען קלאָר — אַרבעטן דאַרף מען בעסער, אייִדער אַנדערע. וועגן דעם זײַנען קיין ספּייקעס בײַ די מיידלעך ניט געווען. איבער זייערע זיבעצן ווערקשטעלן האָט זיך באַוויזן אַ פּלאַקאַט: „דאָ אַרבעט די ערשטע קאָמיוגישע בריגאַדע". דאָס איז געווען אַ נײַע זאַך, און, ווי יעדע נײַס, האָט זי ניט געקאָנט נישט אַרויסרופֿן בײַ אייניקע אומצוטרוי. די מערהײַט, עמעס, האָט זיך צוגעקוקט — וואָס וועט זיך דערפֿון באַקומען. עס זײַנען אָבער געווען אויך אַקטיווע אומפּרײַנט.

אַזוי, לעמאָשל, ווען אין צוויי וואָכן אַרום נאָך דער גרינדונג פֿון דער בריגאַדע זײַנען די מיידלעך געקומען אַפֿן אומבײַט, האָבן זיי דערזען אין די ווערקשטעל־שופֿלאָדן דעפֿעקטיווע, פֿאַרפּלאָנטערטע דראָטן, און אַף אַ פֿאַרזאַמלונג אין צעך איז אויסגעקומען דערווײַזן, אַז דער בראַק איז ניט זייערער, אַז עמעצער האָט ספּעציעל אונטערגעוואָרפֿן אָט די מאָטקעס.

נינע און אירע כאַווערטעס האָבן זיך געשטאַרעט אַרבעטן אַזוי, אַז קיינער זאָל צו זיי ניט האָבן קיין טײַנעס, מע זאָל זיך צו זיי ניט קאָנען צוטשעפּען. די מיידלעך פֿלעגן קומען אין צעך פֿאַרפֿריִער, קעדיי באַצײַטנס צוגרייטן די אינסטרומענטן, צו דער אַרבעט פֿלעג מען צוטרעטן לויטן קלונג. שוין אין ערשטן כוידעש איז אויסגעוואַקסן דער פֿאַרדינסט — און דאָס האָט געדינט אַלס בעסטער באַווײַז פֿון די מײַלעס פֿון קאָלעקטיווער מי.

1

2

3

1. די בריגאַדע נאָכן באַקומען דעם לענין־אָרדען. 1931

2. נינע נאַומאַוונע מיטן אורייניקל

3. נינע נאַומאַוונע לעווינע — שעף פונעם רויטפאַ־ניקן צעך. 1945

אלץ, וואָס עס איז איצט געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך פאַר אַ הײַנטצײַטיקן אַרבעטער, איז אויסגעקומען צו דערפינדן אָט די זיבעצן אָנוויקלערנס פונדאַסניי. זיי האָבן זיך, לעמאָשל, דערטראַכט אויסהענגען אַ ברעט (איצט רופט מען עס פאַרמעסטונגס־עקראַן, אים פורעמען אויס די זאַוואָד־קינסטלער) און אויף דער דאָזיקער ברעט אָנשרײַבן זייערע פאַמיליעס מיט קרײַד, דערנאָך אַנטקעגן די פאַמיליעס: אַזאַ און אַזאַ אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט; פאַרשפּעטיקונגען — ניטאָ; פּראָגולן — ניטאָ; בראַק — ניטאָ. דער ברעט האָט געוועקט די פאַרמעסטונג, דער קאַמפּגעוועט — די פּראָדוקטיווקײַט. אַלץ אײַנעם האָט געבוירן אַ פעסטע פרײַנטשאַפט און זאָרג איינע וועגן דער אַנדערער.

טשיקאַווע: אָט די מיידלעך, וועלכע האָבן געגרינדעט אין מאָסקווע די ערשטע קאָמוניסטישע בריגאַדע, זײַנען געווען דערפינדער פון נײַע אַרבעטספאָרמען, וואָס האָבן זיך פאַרפונדעוועט אין לעבן אַ סך שפּעטער. זיי זײַנען געפאַלן אויפן סייכל צעטיילן די אַרבעט אויף אָפּעראַציעס און זיך ספּעציאַליזירן יעדערע אויף אירער. זיי האָבן געפּרוווט אויסגלײַכן די פאַרדינסטן — דאָס, לויט זייער מיינונג, איז אָבליגאַטאָריש פאַר אַ קאָמונע. לעסאָף, זײַנען בײַ זיי אײַנגעפירט געוואָרן זשעטאָנען פאַר יעדערער פון די אַרבעטערנס. די זשעטאָנען פלעג מען אַרײַנלייגן אין די גרייטע מאָטאָרן — אַן אייגנאַרטיקע פאַרזענלעכע קליימע. אויף אַזאַ אויפן איז פאַרטראַכט געוואָרן דערפירן דעם בראַק צום מינימום.

זייער אַרבעט פלעגן לויפן אָנצוקוקן אַלע אַנדערע אָנוויקלערנס פונעם צעך, און ניט נאָר זיי — אַרבעטער פון אַנדערע צעכן פלעגן קומען באַאָבאַכטן אָט דעם וווּנדער. און די בריגאַדע האָט טאַקע ווי אַ ווירקלעכער וווּנדער פאַר אַלעמענס אויגן איבערגעשטאַלטיקט די באַציִונג צו דער מיביכלאַל און צום זאַוואָד בכלל. אין אַ יאָר אַרום זײַנען אין דער בריגאַדע אָנגעקומען נאָך פינף מיידלעך. געלערנט האָט מען זיי אין די אָפּדערנאַכטן, נאָך דעם אַרבעטסטאָג און, פאַרשטייט זיך, אומזיסט. דאָס איז אויך געווען אַ צייכן פון דער צײַט. עס זײַנען געשאַפן געוואָרן אויפן זאַוואָד נאָך אַזעלכע עטלעכע בריגאַדעס. די אונטערנעמונג האָט אויפגעלעבט, עס האָט זיך געפעסטיקט די דיסציפּלין. דער הויפּט־אינזשעניר האָט געגעבן די האָסקאָמע צו פירן אַ קרײַזל פון טעכנישער לער.

נינע לעווינס בריגאַדע האָט פאָרגעזעצט אומעטום זײַן די ערשטע. צום 1929 יאָר איז זי אַ ביסל אונטערגעוואַקסן — 26 מיידלעך האָבן שוין איצט געאַרבעט אין איר. טאַניען און נינען פלעג מען אָפט קאָמאַנדירן אויף אַנדערע זאַוואָדן פונעם לאַנד זיך טוישן מיט דערפאַרונג.

געקומען איז אַ טאָג — דאָס איז געשען אין 1930, — ווען אַלע 26 מיידלעך זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און ווען נינעס בריגאַדע האָט אַרויסגעשטעלט אַן אַנטקעגן־פּלאַן פונעם ערשטן פינפיאָר — אויספילן אים פאַר דריטהאַלבן יאָר און דעם צוזאָג אויסגעפילט, האָט מען צוגעשטעלט דעם קאָלעקטיוו פון דער בריגאַדע צו אַ מעלוכישער באַלוינונג. און אָט איז פאָרגעקומען די סאַמע וויכטיקסטע אין נינעס לעבן געשעעניש: די גאַנצע בריגאַדע האָט באַקומען אין קרעמל דעם לענין־אָרדען. אָט דער אָרדען, אונטערן נומער אַכצן, וועלכן עס האָט איבערגעגעבן די מיידלעך מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, איז איצט אַרויסגעשטעלט אויף איינעם אַ סטענד פונעם רעוואָלוציע־מוזיי. דער דובליקאַט פונעם אָרדען ווערט אָפּגעהיט אויף דעם זאַוואָד „מאַיאַק". ווען קאַלינין האָט אַרײַנגעלייגט אין נינעס אויסגעשטרעקטע הענט דעם אָרדען, האָט זי, אַלס בריגאַדיר, אין נאָמען פון אַלע אירע כאַווערטעס צוגעזאָגט זיך סטאַרען אַרבעטן נאָך בעסער און פּראָדוצירן אַזויפיל מאָטאָרן, וויפל ס'איז נייטיק דעם לאַנד. דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון שווערער אינדוסטריע סערגאָ אָרדזשאָניקידזע, וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן, איז גלײַך אַרײַנגעפאַלן אין די רייד:

— מיר דאַרפן אַ מיליאָן, דאַרפן מיר!

— אַ מיליאָן?!

און נינע האָט זיך אַ קערעווע געטאָן מיט די פרעגנדיקע, פאַרשײַטע, אויגן צו די כאַווערטעס.

— אַ מיליאָן?! — האָט זי איבערגעכאַזערט ווי צעמישט.

נאָר די מיידלעך האָבן געענטפערט פריילעך, איינמוטיק, אַזוי ווי עס קאָן זיך בלויז יוגנט פאַרגינען, יוגנט, וואָס האָט נאָך ניט געפילט אויף די ליפּן דעם ביטערן בײַטאַם פון זאָרגלאָזיקײַט:

— אַ מיליאָן — איז אַ מיליאָן...

דערנאָך איז לעקאָוועד זיי אין קרעמל געווען אַ מיטיק. דערבײַ איז אַזאַ מין אומגעצוווּנגענער אַטמאָספער, אַז די מיידלעך האָבן זיך גלײַך דערפילט דאָ ווי אינדערהיים, ווי אויפן זאַוואָד, פרײַ און נאַטירלעך, און זיך שוין גאָר ניט געשעמט, וואָס זיי ווייסן ניט, וויאַזוי איז מען זיך נויהעג מיט די פילצאָליקע לעפל און גאָפּלען, צעלייגטע לעם יעדערנס געדעק. עמעס, אַלעמאָל פלעג אויסלייזן סערגאָ אָרדזשאָניקידזע — אונטערזאָגן, מיט וועלכן אינסטרומענט, ווען און וויאַזוי צו אָרודעווען. ער האָט סופלירט מײַסטערהאַפט, ווי אַן עכטער גרוזינישער קאַוואַלער.

שפּירנדיק נאָך דעם, ווי זײַנע געסט פאַרברענגען באַם טיש, האָט קאַלינין געפרעגט:

— וויאַזוי און ווו רוט איר זיך אָפּ, כאַוויירימלעך?

— אין צעך, נאָכן אומבײַט, — האָט זיך נינע צעלאַכט. — ווו דען זשע?

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אויפֿן זאַוואָד געבראַכט 26 סאַנאַטאָריע-פּוטיאָווקעס קיין נאָווי אַפֿאָן באַם שוואַרצן ים און אומזיסטע בילעטן אויפֿן צוג אַהין און צוריק.

— אָט דאָס הייסט לעבן!

— אַ קישעף!

די מיידלשע אויגן האָבן געפֿינקלט גליקלעך.

אַז אָט דעם קישעף האָבן זיי געשאַפֿן מיט די אייגענע הענט, האָבן די מיידלעך פֿאַרגעסן.

אין אַפֿאָן האָט מען זיי באַגעגנט מיט אַן אָוואַציע — דעם סאַנאַטאָריע-דירעקטאָר האָט מען באַצײַטנס מיטגעטיילט פֿון מאָסקווע, וואָס פֿאַר אַן ערן-געסט עס פֿאָרן צו אים.

אַך, ווי שיין זיי זײַנען געווען אַלע, פֿריילעכע, יונגע, מילדע — יעדערע אויף איר שטייגער. און אַלץ איז דאָ פֿאַר זיי געווען נײַ — אַלץ צום ערשטן מאָל.

ווי טאָמיד אין אַזעלכע פֿאַלן, איז זייער אורלויב דורכגעפֿלויגן, ווי איין מאַזלדיקער און פֿײַערלעכער טאָג. און ווידער — מיט היץ און באַגײַסטערונג — אַרײַנגעטאָן זיך אין דער מי און אין דער לער. און נאָכאַמאָל נײַע דערגרייכונגען, נײַע רעקאָרדן און... אַ נײַע פּרעמיע. דאָס מאָל איז נינע אײַנײנעם מיט נאָך הונדערט דרײַסיק בעסטע מאָסקווער שלאָגלער געווען צווישן די, וואָס זײַנען אַרומגעפֿאָרן אַרום אייראָפּע מיט אַן עקסקורסיע אויף דער מאָטאָר-שיף „אוקראַיִנא“. פֿאַרגעדענקט האָט זי דעם דורכוויסיקן נעפּל-שלייער אין לאָנדאָן, דעם אָנגעשריי פֿונעם צעך-מײַסטער אין דער מאַנופֿאַקטור-פֿאַבריק, ווען די ענגלישע אַרבעטער האָבן געפּרוּווט זיך דורכשמועסן מיט די סאָוועטישע טוריסטן, דעם ריטואַל, וואָס ווערט יאָרנלאַנג אָפּגעהיט בעשאַס דעם בײַטן זיך פֿונעם קאַראַול לעם דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ. אין דײַטשלאַנד, וווּ צום צוויי-און-דרײַסיקסטן האָבן זיך שוין די פֿאַשיסטן אָנגענומען מיט קויכעס, פֿלעגן די פּאָליצײַען שטרענג נאָכשפּירן, אַז די פֿאַרבײַגייער זאָלן זיך ניט פֿאַרהאַלטן לעם די שלאָגלער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. פֿונדעסטוועגן האָבן די אַרבעטער, וועלכע זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט צורעכט מאַכן דעם ברוק, אויפֿגעהויבן די קולעקעס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַגריסונג: „ראָט פֿראָנט!“.
אין איטאַליע האָט באַגעגנט די פּאַסאַזשירן פֿון דער מאָטאָר-שיף „אוקראַיִנא“ אַ האַמויִן, און אַן איטאַליענער האָט דערבײַ אויפֿגעהויבן איבער זיך אַן אָנגעטאָנען אין אַ רויט מאַנטעלע קינד, געוויגט עס אין דער הייך, גלײַך זי וואָלט געפּאַכעט מיט אַ רויטער פֿאָן. און די פּאָרט-אַרבעטער, צוגעדריקט די הענט צו דער ברוסט, האָבן סקאַנדירט דאָס איין-און-איינציק וואָרט, וואָס איז געווען פֿאַרשטענדלעך סײַ זיי, סײַ די טוישווים פֿון דער מאָטאָר-שיף „אוקראַיִנא“: „לענין!!“. די איינייקייט פֿון די פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער איז געווען אַ באַשײַמפּערלעכע און האָט איבערפֿולט דאָס האַרץ מיט גליקלעכער ווירדע פֿון אַן אַרבעטסמאַן. אויף אייביק האָבן זיך פֿאַרגעדענקט די אומגעווײנלעכע פֿאַרבן פֿונעם ים לעבן דעם איטאַליענישן ברעג, די גוואַלדאָווע וואַלפֿיש און די האַסטיקע שאָטנס פֿון אַקולעס, דער בעסוילעם פֿון שיפֿן אין ביסקײַער אײַנגוס, דער ווולקאַן עטנא, דער קאָלאָסאַלער און פֿילפֿאַרביקער מאַרק אין טערקײַ, אויף וועלכן עס שמײַען אַרום זשוואַווע און הונגעריקע קליינינטשקע שנאָרערלעך.

אַרויסגייענדיק פֿונעם וואַגאָן, אין מאָסקווע, איז נינע גרייט געווען צופֿאַלן מיט די ליפּן צו די שטיינער פֿונעם קאָמסאָמאָלסקאַיאַ-פּלאַץ און צעקושן זיי: נאָך דעם צוויבערדיקן קרײַז האָט זי מער שאַרפֿער, איידער פֿריִער, דערפֿילט, ווי גליקלעך עס איז צו זײַן אַ בירגער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

די יאָרן גייען זיך. טאָג-אײַן, טאָג-אויס איז נינע מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט. די אָנפֿירונג פֿונעם זאַוואָד איבערצײַגט זיך אַלץ מער און מער, אַז זי איז אַ מעסירעסנעפֿעשדיקע אַרבעטערין, אַז זי איז בלוטיק פֿאַרינטערעסירט מיט די איניאָנים פֿון דער אונטערנעמונג, און — און דאָס איז סאַמע וויכטיקסטע — זי פֿאַרמאָגט אַן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט, וועלכער דערלויבט איר אַליין פֿאַרכאַפּט ווערן און צוציִען די כאַווײרים אויף שלאָגלערישע מײַסים. און די אָנפֿירונג פֿונעם זאַוואָד נאָמינירט זי אַלס צעך-מײַסטער. דערנאָך, און גאָר אינגיכן, שיקט מען זי זיך לערנען אין דער אינדוסטריִעלער אַקאַדעמיע.

נינע לייגט אײַן וועלטן: ניין און ניין, זיך צעשיידן מיטן צעך, מיט אירע מיידלעך אויף גאַנצע פֿינף יאָר! אומעגלעך! זי פֿאַרשטייט, אַז מע דאַרף, לעשעם דער זאַך, ס'איז אָבער פֿאַרדריסלעך, וואָס דאָס לעבן, מיט וועלכן זי איז געקניפּט און געבונדן, וועט פֿאַרגעזעצט ווערן אָן איר.

די לער אין דער אַקאַדעמיע איז געווען אַ ביז גאָר אָנגעשטרענגטע, נאָר נינע פֿלעגט קימאַט יעדן טאָג אָפּשפּאָרן אַ ווײַלע, קעדיי זיך אַרײַנשטעלן אין צעך, אָן אָטעם טאָן מיט זײַן לופֿט.

צו יענער צײַט איז זי שוין געוואָרן אַ מאַמע, צוזאַמען מיטן מאַן, אויך אַן אַרבעטער פֿון איר זאַוואָד, האָט זי געכאָוועט די טאָכטערקע קירע.

נינע האָט זיך געלערנט אײַנײנעם מיט די באַרימטע העלדן פֿונעם ערשטן פּינפּיאָר. זי דערמאָנט זיך, ווי אַלעקסיי סטאַכאַנאָוו פֿלעג מיט אַ גוטן שמייכל זיך אָנפֿרעגן בא איר:

— וואָס הערט זיך עפּעס פֿײַנס בא דײַנע מיידן! אָן דיר האָבן זיי זיך ניט צעבאַלעוועט?

זי, נינע, איז אַלע פֿינף יאָר געווען מיט זיי: ס'איז דען אַ נאָפּקעמינע, וויפֿל צײַט זיי געשענקט — אַ שאָ צי אַ רעגע? אַבי צולאָזן צום האַרצן אַלע זייערע איניאָנים און דײַגעס.

צוויי וואָכן פֿאַר דער מילכאָמע פֿאַרטיידיקט נינע דעם דיפּלאָם פֿון אַן אינזשעניער און קומט

ווידער אָן אפן זאוואָד — איצט שוין אלס צעךשעף. אַך, ווי זי האָט געציטערט, אַז זי וועט זיך ניט ספּראַווען מיט אָט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט! אַף וויפל פּאַשעטער איז געווען מיט די אייגענע הענט צונויפנעמען א מאָטאָר! נאָר עס האָבן געהאָלפן די פּאַרטרויִלעכע אויגן פון די כאַווערטעס, די אַלגעמיינע וואַרעמע באַציִונג אַפן זאַוואָד. צומאָל פלעג זי אַליין אָנהייבן קייַכן, א קער טוענדיק זיך אַפן רוף „נינקאַ!" און דערזעענדיק, אַז די מיידלעך פאַרשטאָפּן מיט דער האַנט דעם אויסגעשריי „אוי!" אין מויל — ניט אָנגענעם, פונדעסטוועגן א נאַטשאַלניצע!

אַך, ווי אָט די פרייַנטשאַפט האָט געהאָלפן נינע נאַומאָוונען, ווען עס איז אויסגעקומען אין דעקאַבער 1941 עוואַקויִרן דעם זאַוואָד אין טיפן הינטערלאַנד! אָנדערהאַלבן כאַדאָשים זייַנען דרייַ הונדערט מענטשן — אַרבעטערנס פונעם צעך מיט די עלטערן און קינדער — געפאָרן קיין טאָמסק, געפירט מיט זיך די צעך־אויסשטאַטונג. די סיבירער שטאָט האָט זיי באַגעגנט מיט א פראָסט, וועגן וועלכן זיי האָבן אַפילע קיין אָנונג ניט געהאַט. און מע האָט געמוזט זיך צוגעוווינען אין די אינדערפריִען צו זען פריך־טוי אַף די סטעליעס און אָנשטאָט וואַשן זיך מיט וואַסער — אַרומווישן די הענט און דאָס פּאָנעם מיט שטיקלעך אייַז. אַף צעשטעלן דעם זאַוואָד האָט מען די מאָסקווער אויסגעטיילט דעם ביניען פונעם געוועזענעם טעכניקום — צוגרייטן אים אַף אויפנעמען די אויסשטאַטונג און טראַנספּאָרטירן זי האָבן געדאַרפט דייַגענען אַליין די עוואַקויִרטע. די מיידלעך האָבן געטראָגן פון די וואַגאָנען ביז גאָר שווערע קאַסטנס, צונויפגעלייגט זיי אַף בלעך, צו וועלכן די אייַזנבאַנער האָבן צוגעפעסטיקט מעטאַל־טראָסן, דערנאָך, אייַנגעשפּאַנט אין אָט די אַליין־געמאַכטע שליטנס, פלעגן זיי שלעפּן זייער פאַרמעגן דורך דער גאַנצער שטאָט, ספּאָטיקען זיך, אויסגליטשן, גיין און פאַלן, און אויפהייבן זיך אַפסניי. נינע פלעג דערבייַ קוים־קוים א מאַך טאָן מיט די ליפּן, קעדיי אונטערמונטערן די מיידלעך. זי האָט אויך געשלעפּט די אייַזערנע שליטנס, זי פלעג אויך פאַלן און אויפהייבן זיך. און ווען עס האָבן זיך צעהודיעט די וואַרקשטעלן, האָט זיך געדוכט, אַז די ווענט פונעם אַלטן טעכניקום וועלן ניט אויסהאַלטן און פון דער טרייסלערייַ אייַנפאַלן.

נינע נאַומאָוונע האָט זיך געפלייַסט אָרגאַניזירן די אַרבעט פונעם צעך אַזוי, ווי זי האָט עס געטאָן אין איר יוגנטלעכער בריגאַדע, מעסלעסנווייַז פלעג זי צומאָל ניט פאַרלאָזן דעם צעך. דער זעקסיאָריקער קיראָטשקען פלעג זי איבערשיקן מיט דער אויפראַמערן א שיטער ייַכל, אין וועלכן עס זייַנען אַרומגעשווומען, דעריאָגנדיק איינער דאָס אַנדערע, קרויט־בלעטלעך. אַזאַ מין איז געווען דער מייַכל, וואָס עס האָט געקאָכט פאַר די עוואַקויִרטע קינדער די גאַרקיך. לעווינעס צעך האָט דער ערשטער אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּראָדוקציע. און אַף ווייַטער קיין איין מאָל קיינעם ניט אָפּגעטראָטן די רויטע איבערגייענדיקע פאָן.

געאַרבעט אין צעך האָבן פּראַקטיש בלויז פרויען. די פינגער פלעגן צוגעפרוירן ווערן צו די דעטאַלן. דער אַרבעטסטאָג האָט געדויערט 12 שאָ, נאָר קיינער פלעג ניט פאַרלאָזן דאָס אַרבעטסאָרט, ביז די נאָרמע איז ניט אויסגעפילט געוואָרן. דער אַפּסנייַ געשאַפענער אין טאָמסק זאַוואָד האָט געאַרבעט אַף מיליטערישע נויטווענדיקייַטן — ער האָט פּראָדוצירט אונטערייַס־מאַשינען און קליינע באַוועגלעכע עלעקטראָסטאַנציעס.

מיט לייַב און לעבן איז געטרייַ געווען דער אַרבעט נינע נאַומאָוונע. לויט א באַפעל פון דעם עלעקטראָטעכנישן מיניסטעריום ווערט איר פאַרן זיג אַפן אַרבעטס־פראָנט דערקלערט א דאַנקבאַרקייַט, אין 1944 באַלוינט מען זי מיט א מעדאַל „פאַר אַרבעטס־אויסצייכענונג". אין נינע נאַומאָוונעס אַרבעטס־ביכל זייַנען אַרייַנגעגנייט צוויי אייַנלאַג־זייַטן: עס האָט קיין אָרט ניט געקלעקט אַף אַרייַנצושרייַבן אַלע אָנגאַבן וועגן אירע באַלוינונגען — ביז דער סאַמע פּענסיע יעדעס יאָר צו צוויי־דרייַ אַזעלכע שורעס. דאַנקבאַרקייַטן, גראַמאָטעס, פּרעמיעס. די פּרעמיעס פון די ערשטע צוויי נאָכמילכאָמע־יאָרן רופן אַרויס א ביטערן שמייכל: א מאַנטל, אַן אָפּשניט געוואַנט, אַן אָרדער אַף א פרויען־קאָסטיום...

אין 1944 קערט זיך נינע נאַומאָוונע אום קיין מאָסקווע אויפצושטעלן דעם זאַוואָד. אַלס שעף פון איר צעך אַרבעט זי ביזן אַוועקגיין אַף פּענסיע. זי איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן איר אַרבעטס־אָרט: א שווערע אָפּעראַציע האָט זי אַף גאַנצע דרייַ יאָר אַרויסגעשטויסן פון דער קאָליִע. ווי נאָר אָבער זי איז א ביסל געקומען צו־זיך, האָט נינע נאַומאָוונע ווידער זיך אַרייַנגעטאָן אין פאַרשיידנאַרטיקער טעטיקייַט — איצט שוין אַף געזעלשאַפטלעכע יעסודעס. אַדהייַעם איז זי אַן אָנטיילנעמערן פון די זאַוואָדישע שאַבעסניקעס, איר קאָל איז א וואָגיקס אינעם סאָוועט פון די וועטעראַנען, מע אַכטעט זי און מע האָט זי ליב אַף דעם זאַוואָד.

אין 1982 איז דער טאָמסקער זאַוואָד אַלט געוואָרן פערציק יאָר. די טאָמסקער כאַוויירים האָבן ניט פאַרגעסן זייער ערשטן שעף — מיט דער הילף פונעם עלעקטראָטעכנישן מיניסטעריום האָבן זיי אָפּגעזוכט נינע נאַומאָוונען. זי און איר פּאַרטרעטערן בייַסן ערשטן מילכאָמע־יאָר אַנאַ וואַסיליעוונאַ שיטאָווואַ זייַנען פאַרבעטן געוואָרן קיין טאָמסק אַף די פייַערונגען לעקאָוועד דעם יויוול. מיט קאָמפּאַרט, אַף א שוואַרצער אויסגעפּאָלירטער „וואָלגע" האָט מען די ערן־וועטעראַנען אַראָפּגעבראַכט צום טראַפּ פונעם לופט־לייַנער. פליִענדיק אינעם אַעראָפּלאַן, האָבן די אַלטע כאַווערטעס באַהאַנדלט, ווי אַזוי וועלן זיי אין טאָמסק זיך דערקלייַבן צום האָ־

טעל, צי וועלן זיי דערקענען די שטאָט, די גאַסן, אַפילע דעם זאַוואָד — פאַר פערציק יאָר האָט זיך דאָך דאָרט געוויס אַלץ געענדערט, אַלץ איז געוואָרן גאָר אַנדערש... אָבער ווי נאָר זיי האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אויפן טאַמסקער פּליפּעלד, זייַנען פון אַלע זייַטן אויף זיי אָנגעגריפן אויסרופן און אויסגעשרייען:

— נינקאַ!

— אַנושקאַ, טייַערינקע!

— וויי־וויי, מע דערקענט שוין אונדז ניט!

— אַלטע באָביצעס געוואָרן!

— קוק זיך אייַן אין מיר, נינע נאַומאָוונע, טייַבעלע מייַנס!

אַ האַמויִן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, שמייכלענדיקע פּנעמער, מע נעמט אַרום איינע די אַנדערע, מע קושט זיך, מע כליפּעט שטילינקערהייט — דאָס זייַנען טרערן פון פרייד און פון שווערע, גאַנץ גוט פאַרשטענדלעכע דערינערונגען. נינע און איר כאַווערטע האָבן אַפילע ניט באַמערקט, ווי מע האָט זיי אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט און אָפּגעפירט אין האָטעל. און דאָרטן — נאָך איין סורפּריז: אינעם צווייצימערדיקן נומער — אַ געדעקטער טיש, אינמיטן — אַ זידנדיקער סאַמאָוואַר, וואָס איז גרייט אָנפּאָיען מיט טיי אַלעמען — סייַ די, וועלכע זייַנען געקומען צו פליִען, סייַ די, ווער עס באַגעגנט די געסט. אַ גאַנצן אָפּדערנאַכט — זיכרוינעס, שמועסן, אַ וועלט מיט פראַגעס.

אַ וואָך מיט גליק האָט דורכגעשוויבלט אויגנבליקלעך. פון קאַיאָר ביז שקיִע — געסט, און אומבאַדינגט מיט מאַטאָנעס, מערסטנסטייל אָרטיקע מערקווירדיקייַטן — צעדערניסלעך, אייַנגעמאַכטס פון אָבלעפּיכע... נינע נאַומאָוונע און אַנאַ וואַסיליעוונאַ זייַנען יעדן טאָג געווען אויפן זאַוואָד — זיי האָבן זיך מיט אים ניט געקאָנט אָנקוויקן, און ער איז טאַקע געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, זיך צעוואַקסן אויף גאַנצע צוויי קוואַרטאַלן, ער האָט עקספּאָרטירט זייַן פּראָדוקציע אין אַכט און צוואַנציק לענדער פון דער וועלט. צוויי מאָל איז דער זאַוואָד שוין אָפּגעמערקט געוואָרן מיט מעלוכישע באַלוינונגען — צוויי אָרדענס פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן האָבן באַצירט זייַן פלאַג.

דעם יויוול פונעם זאַוואָד האָט מען געפּראַוועט אינעם נייַעם דראַמאַטישן טעאַטער. אָפּיציִעלע רעדעס און אַרויסטרעטונגען. נינע נאַומאָוונען האָט מען ביז וואָס־ווען געהאַלטן הינטער די קוליסן. זי האָט געפילט, אַז עפּעס גרייט מען פאַר איר אַ סורפּריז, אַלנפאַלס דעם אויפֿן זאָל ווערט זי סאָפּקאָלסאָף מוזן עפּעס זאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז געווען איז זי אויפגערעגט. פּלוצעם דערזעט נינע נאַומאָוונע, ווי פונעם זאַל איז אַרויף אויף דער בינע אַ פרוי מיט זייער באַקאַנטע געזיכטשטריכן. ס׳איז געמאָלדן געוואָרן: טאַטיאַנאַ קופּטשיקאָווע. אָ! ניט שוין איז עס יענץ פּערצניאָריק שעמעוודיק מיידל, וועלכע זי האָט אין יענע האַרבע מילכאָמע־יאָרן אָנגענומען אויף אַרבעט? דאָס מיידל איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, און נינע נאַומאָוונע האָט זיך געסטאַרעט ווי ווייַט מעגלעך, מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ מיטגעפיל פאַרלייַכטערן טאַניעס ניט־קינדערשן גוירל. הינטער די קוליסן הערט נינע נאַומאָוונע, ווי דער אָנפירער מיטן אָוונט פרעגט בא קופּטשיקאָווען:

— וואָס פאַר אַ פּרעמיע אויפן זאַוואָד האָט איר פאַרגעדענקט בעסער פון אַלע?

קופּטשיקאָווע האָט גלייַך געענטפערט:

— ווייַסע באַוולנע זאָקן. אָט די פּרעמיע האָט מיר געגעבן מייַן ערשטע לערערן, דער צעך־שעף נינע נאַומאָוונע לעווינע.

— צי וואָלט איר געוואָלט זיך זען מיט נינע נאַומאָוונען? — פרעגט דער אָנפירער מיטן אָוונט.

— נאָך אַ מין ווערן! אַוואַדע וואָלט איך וועלן זי זען. נינע נאַומאָוונע איז דאָך מייַן צווייטע מאַמע!

דאָ האָט מען שוין ניט געדאַרפט וואַרטן, דער רעזשיסער זאָל געבן צו וויסן נינע נאַומאָוונען, אַז איצט איז איר צייַט זיך באַווייַזן אויף דער בינע. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון הינטער די קוליסן. איין רעגע בלויז, ניט מער, האָט טאַניע דערשטוינט געקוקט אויף דער אַרויסגעשוווּמענער אומגעריכט פונדערזייַטנס ניט־הויכער, אָבער שטאַלטנער באַיאָרטער פרוי מיט שיינע געקרייַזלטע גראָווע האָר, און דאָס הילכיקע „אוי, ווייַנקע!” האָט זי אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ מין היימישן ניגן, אַזוי אומיטלבאַר און אויפריכטיק, אַזוי פריידיק, אַז דער אוילעם אין זאַל האָט זיך אַ הייב געטאָן אַנטקעגן די צוויי אַרומגעאַרעמטע פרויען מיט אַ געוויטער פון אָפּלאַדיסמענטן...

נאָכן קאָנצערט האָט דער הויפּט־רעזשיסער פונעם דראַמאַטישן טעאַטער, וועלכער האָט פּלאַנירט דעם אָוונט, געקושט נינע נאַומאָוונעס האַנט:

— טייַבעלע מייַנס! איר האָט באַצירט אונדזער יאָמטעוו! לאַנג לעבן זאָלט איר!

ערשט איצט האָט נינע נאַומאָוונע זיך דערוווּסט, אַז טאַניען האָט מען אין אָט די טעג ספּעציִעל קאָמאַנדירט אויף אַן אַנדער זאַוואָד, כדי איר אונטערטראָגן אַזאַ סורפּריז...

די אַכציקיאָריקע נינע נאַומאָוונע ווילט זיך ניט אָנרופן — באַיאָרטע פרוי: די אויגן אירע לויכטן יונג, שלאַנק און שטאַלטנע איז איר פיגור, לויטער דער זיקאָרן, אויסגעצייכנט דאָס לאָשן. איר לעבן איז אַדהייַעם אָנגעזעטיקט ביזן ראַנד — זי איז אַ לערערן בא די יונגע אַרבעטער, מע האַלט זי פאַר אַ טייַערן און נייטיקן מענטש אויפן זאַוואָד, אינעם סאָוועט פון די וועטעראַנען, אינעם ראַיקאָם פון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע און אינעם פּאַרט־קאָמיטעט פון דעם מאָסקווער פּערוואָמייַסקער ראַיאָן. לעקציעס, אַרויסטרעטונגען, באַגעגע־

נישן מיט דער יוגנט, די ארבעט איבער דער געשיכטע פונעם זאוואָד — דײַגעס איבערגענוג. זי קלאָגט זיך אָבער ניט אָף דער איבערגעלאָדנקײַט: וואָס מער ארבעט, אַלץ מער יונג! לעצטנס האָט מען איר מיטגעטיילט פונעם מאָסקווער שטאָטישן קאָמיוג־קאָמיטעט, אז עס איז אָנגעמערקט אַרויסצולאָזן א סעריע ביכלעך, געווידמעט דער געשיכטע פונעם קאָמסאָמאָל. דער שטאָטקאָם בעט נינע נאומאָוונען, זי זאָל זיך באַטייליקן אינעם צונויפשטעלן די בראָשור „מיידלעך פונעם זאוואָד אָף לעפּסעס נאָמען”. אזא מין קאָווע אָף דער עלטער ארויסגעריסן פון א שילעריש העפטל — לידער.

לידער?!

— דאָס האָט מיר אָנגעשריבן איינע אונדזערע אַן אַרבעטערן, — ענטפערט אָף מײַן פאַרכידעשטן בליק מיט א שמייכל נינע נאומאָוונע. נאַיווע שורעלעך, אָבער סאַרא אופריכטיקײַט איז פאַרבאָרגן אין זיי!

אַן אַוונט אין דירע אָף דער פאַלעטאַיעוו־גאַס. נינע נאומאָוונע פּאַרעט זיך אין קיך — גרייט וועטשערע. ביכלאַל גרויסט זי זיך זייער מיט דעם, וואָס א וויכטיקער טייל פון דער שטוב־

די באַגעגעניש מיט טאַניע קופּטשיקאָווא אין טאָמסק

איז דער בעסטער ווינט אין די קויבער־ווײַסע זעגלען פון נינע נאומאָוונעס אַריכאָס־יאָמים.

איך רײַכן אַרכיוו האָט זי שוין אַרויסגעשלעפּט פון אַלע אָפּענע און געהיימע באַהעלטענישן — ער איז שוין אָפּן שרײַבטיש, אָפּן סאָמע אויבנאָן. איך בלעטער אים, באַטראַכט זײַנע אויצרעס — ער פאַרמאָגט אין זיך אַזעלכע מענטשלעכע דאָקומענטן, וואָס וואָלטן געקאָנט דינען אַלס מאַטעריאַל ניט פאַר איין בראָשור. און צווישן אַנדערע — א שלאָל קאָלערלייִיקע גראַמאָטעס און דאַנקבאַרקייטן, מיט וועלכע זי איז באַלוינט געוואָרן פאַר דער מעסירעסנעפּעשדיקער מי. פּלוצעם שטויס איך זיך אָן אָף א בייגעלע פּאַפּיר, וואָס איז ווירטשאַפט איז אָנגעוואָלגערט אָף איר, און זי איז נאָך בעקויעך עס אויסצוהאַלטן.

איך שמועס מיט נינע נאומאָוונען וועגן דער יוגנט — וועגן דער הײַנטצײַטיקער און וועגן דער יוגנט פון די דרײַסיקער יאָרן, מיר דיסקוטירן וועגן דער ראָליע פון מי אינעם לעבן און וועגן דעם, וואָס עס מאַכט דאָס לעבן גליקלעך.

— ווען איך קום צו גיין אין ראַיקאָם פונעם קאָמיוג, — שמייכלט נינע נאומאָוונע, — פיל איך ניט, אַז בא מיר איז דער בלוטדרוק א געהעכערטער. מײַן טראָט ווערט פעסטער, די פּלייצע גלײַכט זיך אויס. איך האַלט, אַז מײַן גורל איז א גליקלעכער, כ׳וואָלט גאָרניט נישט געביטן אין אים...

● ● ●

ווען ס'קומט די מילכאָמע אָפן זינען...

באַם קייווער פון א קאָמאַנדיר

ער איז באַרימט געווען און שטאַרק געשעצט,
אין לידער לעבנסלוסטיקע באַזונגען.
דאָרט וואַקסט א דעמב. אין אכצנטן פאַרזעצט,
בעריאָזעס וואַקסן דאָרט, אויך ניט קיין יונגע.

דאָרט, אָפן מירמלשטיין, מיט ריינעם גאָלד
איז שוין זייַן נאָמען אויסגעקריצט געוואָרן:
דער גרויסער רעוואָליוציע מיט שטאָלץ
האָט אָפּגעגעבן זייַנע בעסטע יאָרן.

יאָ, צייַטנווייַז איז אים געווען שווער —
אין שלאַכט געגאַנגען קעגן ווילדע סאָנים.
אין סמאָלני האָט ער לענינען געהערט,
אין מאָסקווע אָפן רויטן פּלאַץ געזען אים.

לעבן אים א רויטער שטערן ליכטיק שייַנט,
און אַרום אים הילכן פרייַע טענער.
דער דעמב דער אַלטער איז זייַן שאָכן הייַנט —
ער איז געוואָרן העכער, ברייטער, שענער.

און אינדערפרי, אינמיטן טאָג, פאַרנאַכט
עס קומען מענטשן איינציקווייַז, צוזאַמען.
סע שטייען פּיאָנערן אָף דער וואַך
שטאַרק אויסגעפּוצטע, ווי אָף אַן עקזאַמען.

א בלום

איך האָב לעם פּלויט באַמערקט א בלום אַן אײדעלע,
אַן אויסגעפּוצטע אין די גרינע קליידער —
פאַרגעסן, ווי אַן אָפּגענאַרט קליין מיידעלע,
באַהאַלטן פון א פרעמדנס אויג קעסיידער.

פון פּאַרנט טיילט זיך אויס א וואַלד א שיטערער
און פעלדער, מיט גערעטענישן רייַכע.
דאָרט וואַקסט א בוים מיט ראַבינעס ניט ביטערע,
וואָס צו דעם בלימל האָט עס ניט קיין שייַכעס.

איך בין באַ אָט דער מיינונג ניט אַליין

איך בין א ביסל ברויגעז אָף דער וועלט —
זי האָט געקאָנט אין צען מאָל שענער ווערן,
ס'זאָל אַלץ, וואָס איז פאַראַן באַ איר, געהערן
די איינוווינער מיליאַרדן אָף דער וועלט.
איך בין באַ אָט דער מיינונג ניט אַליין —
מע דאַרף פאַרווערן אָף דער ערד מילכאָמעס,
און דאָס, אָן קיין שום ספֿאָפעק, אופּטאָן קאָן מען,
איך בין באַ אָט דער מיינונג ניט אַליין.
ווען צו מייַן מיינונג הערן צו זיך אַלע:
די באָמבעס ליקווידירן גיך, ביז איינער,
ס'וואָלט אָטעמען געוואָרן גרינגער, ריינער,
ווען צו מייַן מיינונג הערן צו זיך אַלע.
איך בין אַמאָל געווען אָף א מילכאָמע,
איך האָב פאַרלאָרן אַלע מייַנע קרויווים.
זי איז באַ מיר ביז איצט אין אַלע אייוורים —
איך בין אַמאָל געווען אָף א מילכאָמע.
דערפאַר איז זי מיר פריקרע, עקלהאַפטיק
און כאַלעמט זיך אַזוי, ווי ערשט געווען איז.
ווייַזט אויס, ביז לעצטן אָטעם וועל איך זען זי,
דערפאַר איז זי מיר פאָשעט עקלהאַפטיק.

פאַרוואָס וועטעראַנען וויינען

דער הימל איז מײַ איז א ריינער —
א וואָלקנדל שווער צו געפינען.
פאַרוואָס וועטעראַנען וויינען,
ווען ס׳קומט די מילכאָמע אין זינען?

פיר יאָר האָט דער קריג זיך געצויגן,
פיר יאָר האָט די ערד געסאַרפּעט.
אָט שטייען פאַר מײַנע אויגן
כאַווײרים, וואָס זײַנען דערהאַרגעט.

און ס׳דוכט זיך מיר: אַלע ווי איינער
אין ליכטיקן הימל שטײַגן...
פאַרוואָס וועטעראַנען וויינען?
פאַרוואָס וועטעראַנען שווײַגן?

ד ע ר מ אַ נ ו נ ג

דאָס שטאַלעכל, דרײַ קלאַפּטער אין דער ערד,
האָט זיך פאַרהיט נאָך פון די אַלטע צײַטן.
אַמאָל איז דאָ א באַלעגאָלעס פערד
געשטאַנען פאַר א נײַעם וועג א ווײַטן.
באַגינען פלעג דאָס פערדל טרינקען גיין,
דערנאָך מיט שווערער אַרבעט זיך פאַרנעמען.
ביז איצט געפינט מען דאָרטן שטרוי און היי,
א בײַטש, א שטעקל און א פוסטן עמער.

שנײַ און זון

ס׳איז גוט מיט א פעלץ זיך באַזאָרגן,
ווען שנײַ אויפן פעלד איז ניט ווייניק.
איך יאָמטעוו פון אָט דעם פרימאָרגן
די זון האָט זיך ווידער באַטייליקט.
און מיר האָבן לאַנגזאַם געטראָטן,
געזאַמלט, ווי קוויטעלעך בונטע,
דעם זילבער, וואָס זי האָט געשאָטן
אויף אונדזערע פלייצעס געזונטע.

ק י נ ד ה ײַ ט

די קינדהײַט מײַנע כאָלעמט זיך מיר אָפט —
א לעגענדאַרע, ווײַטע, ניט קיין זאַטע.
איך זע זי בוילעט, ניין — ניט נאָר אין שלאָף,
ניט נאָר א באָרוועסע, אין לעכער און אין לאַטעס.
און יעדעס מאָל, ווען שנעל צו מיר זי קומט
און גלײַך פאַרשווינדט און לאָזט מיך שוין ניט רוען, —
פאַר מײַנע אויגן שטייט דער טרײַער הונט,
די קו די ברוינע און דער אַלטער ברונעם.

זאַלמען יאַקוב

אין יענע טעג

געשיכטלעכע נאָטיצן

שוין איינמאָל „מאַזל”

אַז דאַוגאַווּפּילסער ייִדן האָבן געהאַט „מאַזל”, ווייסט איר שוין. מע האָט זיי ניט באַוויזן צו פֿאַרניכטן ביז די אָקופּאַנטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט. זיי פֿאַרמאָגן אַזאַ מין אויסנאַם־געטאָ, וואָס די וועלט האָט ניט געזען, און זיי מעגן זיך גרויסן, וואָס עס האָט זיי אָפּגעגליקט מיט נאָך איין פּריווילעגיע.

פֿאַראַן געטאָס אָדער טויט־לאַגערן, ווו מע ווייסט לעפּי׳ערעך, וויפֿל מענטשן זײַנען דאָרט געווען און וויפֿל זײַנען לעבן געבליבן, און מאַכנדיק אַן איינפֿאַכן כעזשבן, ווערט אַפֿילע אַ שילער פֿונעם ערשטן קלאַס אונטערפֿירן דעם בלוטיקן סאַכאַקל. דאָס איז אָבער אַלץ לעפּי׳ערעכדיק. פֿאַראַן טויט־לאַגערן און געטאָס, וועמענס בלוטיקער באַלאַנס ווערט ביכלאַל איגנאָרירט — די מערדער, מוירע האָבנדיק פֿאַר נעקאָמע, פֿלעגן פֿאַרניכטן די דאָקומענטן וועגן זייערע „אופּטוען”.

בענעגייע דאַוגאַווּפּילס דאַרף מען דעם קאָפּ ניט ברעכן און מע דאַרף ניט כעזשבענען, וויפֿל ייִדן זײַנען דאָרט געווען און, אָך און וויי, וויפֿל ס׳זײַנען פֿאַרבליבן. דער כעזשבן ליגט אויבנוף, אים האָבן אַליין די מערדער רעגיסטרירט און אונטערגעכאַסמעט. ווען אַזעלכע דאָקומענטן ווערן אַרײַנגעשטעלט אין באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די ברוינע קאַניבאַלן — האָבן זיי אַ באַזונדערע ווערט מיט זייער וואָרהאַפֿטיקײַט און אומבאַשטרײַטבאַרקײַט.

אַלזאָ, וויפֿל ייִדן האָט מען פֿאַרניכטעט אין דאַוגאַווּפּילס?

ס׳האָט זיך פֿאַרהיט אַ מערקווירדיקער באַריכט פֿון דער זיכערהײַט־פּאָליציי און עס דע מיט אַ גריף: „געהיימער דאָקומענט פֿון מעלוכישער וויכטיקײַט”. דער דאָקומענט רופֿט זיך אָן אַזוי: „פּולע רעשימע פֿון עקזעקוציעס, דורכגעפֿירטע מיצאַד דער דריטער אָפּעראַטיוו־קאָמאַנדע ביזן ערשטן דעקאַבער 1941 יאָר”. אונטערגעשריבן האָט דעם דאָקומענט דער אָנפֿירער פֿון דער קאָמאַנדע, שטאַנדאַרטנפֿירער יעגער.

מיט בוכהאַלטערישער פּינקטלעכקײַט ווערט פּיקסירט דער בלוטיקער באַלאַנס, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן דורכגעפֿירט. עס ווערט גענוי אויפֿגעוויזן, ווען און ווו און וויפֿל קאָמוניסטן, געפֿאַנגענע רויטאַרמייער, ייִדן, ציגײַנער זײַנען פֿאַרניכטעט געוואָרן. אין די דאָזיקע וויי־שורעס, פֿון וועלכע ס׳קאָן פֿאַרגליווערט ווערן דאָס בלוט אין די אָדערן, ווערט שוואַרץ אויף ווײַס אויפֿגעוויזן, אַז פֿונעם 13 יול ביזן 21 אווגוסט 1941 האָבן די ברוינע בעסטיעס פֿון אָט דער אָפּעראַטיוו־קאָמאַנדע פֿאַרניכטעט אין דאַוגאַווּפּילס 9.012 ייִדן און 573 קאָמוניסטן.

עפּשער ווילט איר וויסן, וויפֿל ס׳זײַנען נאָך דעם פֿאַרבליבן ייִדן אין דאַוגאַווּפּילס? אַדראַבעוועאַדראַבע.

אין צענטראַלן מעלוכישן היסטאָרישן אַרכיוו פֿון סאָוועטן־לעטלאַנד ווערט אָפּגעהיט אַ באַריכט וועגן דער טעטיקײַט פֿון דער צווייטער אָפּעראַטיווער קאָמאַנדע פֿון דער אָפּעראַטיווער גרופּע „אַ” פֿונעם

אָנהייב זע אינעם נומ. 5 פֿאַרן 1986.

טרויעריק־בארימטן עס דע און דער זיכערהייט־פּאָליצײַ (פּאָנד 1926, איניען 3, 262—264). דער באריכט איז צונויפגעשטעלט אין אָנהייב 1942.

„דער ציל, וועלכער איז פון סאמע אָנהייב געשטאנען פאר דער צווייטער אַפּעראטיוו־קאָמאנ־דע, — ווערט געזאָגט אינעם באריכט, — איז באשטאנען אין ראדיקאַל לייזן די ייִדן־פראגע דורך פולשטענדיקער פארניכטונג פון אַלע ייִדן. צוליב דעם דאָזיקן ציל זײַנען אינעם טעטיקייט־ראיאָן (פון דער קאָמאנדע. — ז. י.) מיט דער הילף פון זאָנדערקאָמאנדעס און אָפּגעקליבענע קויכעס פון דער לעטישער הילפס־פּאָליצײַ דורכגעפירט געוואָרן ברייטע רייניקונגס־אקציעס".

ווײַטער ווערט אָנגעגעבן, אז צום אָנהייב פון נאָיאבער 1941 זײַנען נאָר אין דאוגאווּפּילס גע־וועזן בא זיבן טויזנט ייִדן.

אין אָנהייב נאָיאבער 1941 יאָר

דער כוידעש נאָיאבער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אַליארם: עס גרייט זיך אין געטאָ א קינדער־אַקציע. פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן אַלץ מער קלאַנגען, ווי־אַזוי די גרויל־אַקציע וועט דורכגעפירט ווערן. עלטערן זײַנען קיין נעכט ניט געשלאָפן, געקוקט אויף זייערע אייפעלעך און ביטער געוויינט.

אינגיכן האָט זיך געלאָזט הערן דאָס וואָרט פונעם קאָמיטעט, טאקע בעסאָד, אָן איבעריקן טאַ־ראראַם: קעדיי אָפּצושרײַען די גזירע, איז נייטיק א גרויסער קאפּיטאַל אויף צו „פּאַרוקן די העלדזער" בא די, וואָס דורשטן קינדערש בלוט.

און מענטשן האָבן געטראָגן אין קאָמיטעט גאָלד־ און זילבער־זאכן, קאראקול־פעלצן און ברי־ליאַנטן, אַלץ, וואָס מע האָט געהאַט. דעם צונויפגעזאמלטן אוצער האָט מען אָפּגעגעבן די מערדער. קיין קינדער־אַקציע איז טאַקע ניט פאָרגעקומען.

צי האָט זיך ביכלאַל פּלאַנירט א קינדער־אַקציע? קיינער האָט עס געגוי ניט געוווסט. בייזע צינגער האָבן געשמועסט, אז די קלאַנגען זײַנען געקומען פון די קאָמיטעטשיקעס אַליין — זיי האָבן געוואָלט מעהאַנע זײַן די באַלעבאַטים מיט א פעטער מאַטאַנע...

נאָיאבער האָט זיך אָנגעהויבן אין געטאָ מיט א נײַער סאָרטיראָווקע, אָבער ניט „אויף רעכטס" און „אויף לינקס". א סאָרטיראָווקע אויף ארבעטס־הענט, וועלכע מע האָט גענומען טיילן אויף ווייניקער און מער פּראָדוקטיוו. די ארבעטס־רעזערוון זײַנען צעטיילט געוואָרן אין צוויי קאטעגאָריעס: אייב־פאכע קאטאָרזשניקעס, געוויינלעכע שווארצארבעטער, און שטארק נויטווענדיקע ארבעטער, אָן וועלכע דער „דריטער רײַך" קאָן זיך ניט באגיין. די דאָזיקע ספּעציאַליסטן, וואָס זײַנען געווען פארנומען אויף וויכטיקע אָביעקטן, האָט מען ארויסגעגעבן א ספּעציעלע רויטע ארבעטס־שײַן. אַלע פרײַרדיקע לעבנס־שײַנען ווערן מעוואַטל, זײַנען בלאָטע און פארלירן זייער גילטיקייט.

די באזיצער פון רויטע שײַנען איז פעסט גאראנטירט געוואָרן אבסאָליוטע אומבארירלעכ־קייט. קיינער האָט אויף זיי קיין שליטע ניט, ניט זאָנבע, ניט די פּאָליצײַ. טאקע קיינער ניט. נאָך מער. די דאָזיקע ספּעציאַליסטן זײַנען אזוי נויטווענדיק געווען, אז מ'האָט זיי געגעבן מוירעדיקע פּריווילע־גיעס. ס'איז גאראנטירט געוואָרן דאָס לעבן און די געפארלאָזיקייט ניט נאָר פאר די ארבעטער זעלבסט, נאָר אויך פאר זייערע נאָענטע: א פרוי, א מאַן, קינדער. אָבער מער קיינער ניט. פארקערט, „רויט־שײַניקע" קינדער האָבן ניט געקאָנט צושרײַבן צו זיך זייערע עלטערן, ברידער, שוועסטער.

קיין זאך אין דער וועלט האָט דאַן ניט געהאַט אזא קאָלאָסאַלע ווערט, ווי א רויטע לעבנס־שײַן. א פוד רייִנער גינגאָלד איז ווערט געווען א שפּײַ לעגאָבע אים.

די באזיצער פון די אַלמעכטיקע רויטע לעבנס־דאָקומענטן זײַנען דעריקער געווען מענער. נאָר אזוי ווי די געטאָ האָט געהאַט א סאך אַלמאָנעס און יעסוימים, האָבן פיל מענער, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פאמיליעס, אָנגעגעבן אַלס ווײַבער און קינדער באקאנטע און פרעמדע, אבי אָפּראטעווען נעשאָמעס. די פּאָליצײַ און די דײַטשן האָבן זיך אויך שטארק ניט געגריבלט אין פעסטשטעלן דעם פאמיליען־באשטאנד, און זיי האָבן ניט געפאָדערט קיין איידעס־באווײַזונגען אָדער פעסער, וועלכע זאָלן באשטעטיקן די קרויווישאפט. מע האָט געגלייבט אויפן וואָרט. וואָר ווייסט? קאָן זײַן אז אַלס אויסדרוק פונעם צונעמען פודן טײַערע מאטאָנעס בייס דער קינדער־אַקציע, האָבן די מאכטהאָבער ארויסגע־וויזן אויף א גראַשן ווויליקייט.

די געטאָ האָט זיך צעטיילט אויף צוויי קאטעגאָריעס: גליקלעכע (לעבאַלהאָפּכעס, פאָרלויפיק) און אומגליקלעכע, וועלכע זײַנען פארורטיילט צום טויט. ס'איז דאַך שוין קלאָר געווען די היטלעריס־טישע „טעאָריע" — אומנוצלעכע ייִדן זײַנען פאראזיטן און דארפן קיין אומזיסט ברויט ניט געברויכן.

דעם 7 נאָיאבער, ווען די, וואָס זײַנען געווען פארנומען מיט ארבעט אין שטאָט, האָבן זיך צו־ריקגעקערט אין געטאָ, האָבן זיי דאָרט געטראָפן א שטארקע צערודערונג. ס'האָט זיך געטאָן כוישעך.

ווי דער שטייגער, האָט מען אַלעמען אַרויסגעטריבן פֿון די קאַזאַרמעס. די ייִדישע אָרדענונגס־האַלטער, די פּאָליציײַען מיט די רויטע אָרעם־בענדער און די קאָמיטעטשיקעס האָבן געגנישטערט אין אַלע ווינקעלעך און אונטער די נאַרעס, כּדי קיינער זאָל זיך ניט אַרויסדרייען פֿון דער סאָרטיראָווקע.

פֿונעם האַמויז האָט מען אַרויסגענומען בלויז די באַזיצער פֿון רויטע שײַנען. מע האָט זיי אַרײַנגעטריבן אין אַ באַזונדערער קאַזאַרמע, קיינעם צו זיי ניט צוגעלאָזט. אַהין האָט מען אויך אַרײַנגעפֿירט די אַרבעטער פֿון דער שנײַדערײַ און שוסטערײַ, דעם פּערסאָנאַל פֿונעם קראַנקן־הויז. עפּעס וועמען פֿון זײַטיקע האָט זיך אויך אײַנגעגעבן אַרײַנצושמוגלען זיך אַהין. וועגן פּעסיע זיסלין דערציילט מען, אַז עס האָט זיך איר אַפֿילו אײַנגעגעבן אַרײַנצוברענגען איר מוטער. בײַסן קאָנטראָל אין דער קאַזאַרמע האָט זי די מוטער אײַנגעדרייט אין שמאַטעס, זיך אויף איר אַוועקגעזעצט, פּונקט ווי זי וואָלט זיצן אויף אַ פּעקל זאַכן, און מע האָט די זקנה ניט געפֿונען.

דעם 8 נאָיאַבער אינדערפֿרי זײַנען אָנגעפֿאָרן דײַטשן און פּאָליציײַען. די געטאָ איז באַוואַכט געוואָרן פֿון אַלע זײַטן.

ס'איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל, אַז אין אַ באַזונדערער קאָלאָנע זאָלן זיך אויסשטעלן די רויט־שײַניקע, כּדי אָפּגעפֿירט ווערן אויסער דער געטאָ אין אַ געפֿאַרלאָזט אָרט. די, וועלכע האָבן געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן די געטאָ, האָבן זיך אײַליק געמאַכט פּעקלעך. די, וואָס האָבן געמוזט בלײַבן אין געטאָ (דעריקער אַרבעטלאָזע, שוואַכע, קראַנקע, קינדער) האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען זייער סאָף. אַ באַפֿעל: אַרבעטער פֿון די ווערק־שטיבער, פֿונעם קראַנקן־הויז מוזן בלײַבן אויף זייערע ערטער.

אַ לאַנגע קאָלאָנע פֿון טויזנטער מענטשן, פֿאַרזיכערטע פֿון יעטווידער געפֿאַר, האָט פֿאַרלאָזט דעם געטאָ־טויער. זיי האָבן מיט ראַכמאָנעס און באַדויערונג געטראַכט וועגן די, וואָס זײַנען געבליבן אין געטאָ און מעקאַנע געווען דער קאָלאָנע, וועלכע וועט באַלד אַרײַנגעפֿירט ווערן אין דער פֿעסטונג, ווו ס'אַרבעטן שוין אַ סך ייִדן, באַזיצער פֿון די רויטע שײַנען.

לאַנגזאַם גייט די קאָלאָנע איבער די אײַזנבאַן־בריק, אָט זײַנען זיי שוין לעבן דער פֿעסטונג, נאָר מע פֿירט זיי ניט צום טויער, צום צענטראַל־אַרײַנגאַנג. זיי פֿאַרקערעווען אויף לינקס. וועט מען זיי, וואַרשײַנלעך, אַרײַנפֿירן אין דער פֿעסטונג דורכן צווייטן טויער. נאָר אָט זעט מען, ווי זיי גייען פֿאַרבײַ דער גרויסער שטיינערנער פֿעסטונג־וואַנט, עס ענדיקט זיך די טעריטאָריע פֿון דער פֿעסטונג, און מע טרײַבט זיי גאָר מיטן שאָסיי פּאָריס, צום פּאַגוליאַנקער וואַלד. דאָרט האָבן די „אויסדערוויילטע" דערזען צוגעגרייטע אָפֿענע גריבער.

אָט אַזוי האָט מען אויך דאָס מאָל פֿאַרנאַרט די קאָרבאָנעס צום טויט מיט ציניש שווינדלערײַ.

אין אָוונט, ווען פֿון דער אַרבעט האָבן זיך צוריקגעקערט די „רויטשײַניקע" און זיי האָבן זיך דערוווּסט פֿונעם גרויסן אומגליק, האָבן די ווענט געציטערט פֿון דער שוידערלעכער יעלאָלע און יאָמערײַ. אַזוינס לאָזט זיך ניט דערציילן. ווי־אַזוי מע זאָל עס ניט באַשרײַבן, וועט עס אַפֿילו ניט זײַן קיין טראָפּן פֿונעם יאַם.

דעם 9 נאָיאַבער, פֿון סאַמע אינדערפֿרי, איז די געטאָ ווידער פֿאַרשוואַרצט געוואָרן פֿון פּאָליציאַנטן, געסטאַפּאָ־לײַט. דאָס מאָל האָט מען סאָרטירט אויך די גליקלעכע באַזיצער פֿון די רויטע שײַנען. אַ סך אַרבעטס־ערטער, וועלכע זײַנען ערשט נעכטן דערקלערט געוואָרן פֿאַר ערשטראַנגיק־נויטווענדיקע, זײַנען הײַנט געוואָרן ניט־וויכטיקע.

אין אָט דעם טאָג האָט שוין קיינער ניט געצווייפֿלט, אַז מע טרײַבט אויף טויט. באַהאַלטן זיך אויסער די קאַזאַרמעס איז ניט געווען ווו. אויף די בערגלעך אַרום דער ציטאַדעל איז געשטאַנען אַ שטאַרקע וואַך און איבער דער געטאָ איז נידעריק, נידעריק געפֿלויגן אַן עראָפּלאַן. מענטשן זײַנען ווי פֿאַרסאַמטע אַרומגעלאָפֿן איבער די קאַזאַרמעס, זוכנדיק אַ באַהעלטעניש. מע איז ניט נאָר געקראָכן אונטער די נאַרעס — זיכערער איז געווען אַ קוימען, און אייניקע האָבן געמיינט, אַז אַ באַוואָרנטע רעטונג איז אַרײַנקריכן אין דער גרוב פֿונעם קלאָזעט. אַזעלכע אומגליקלעכע זײַנען שאַנלאַנג געשטאַנען ביזן האַלדז אין טינעף, שיִער ניט דערשטיקט געוואָרן, און נאָך דער סאָרטיראָווקע האָט מען זיי פֿון דאָרט מיט שטריק אַרויסגעצויגן.

דורך דעם געטאָ־טויער האָט מען צוערשט דורכגעפֿירט די באַשטימטע אויף אַרבעט, שטרענג קאָנטראָלירט זיי, ס'זאָל זיך פֿון געטאָ ניט אַרויסכאַפּן קיין איבעריקער מענטש.

אָט קוקט אַרײַן דער פּאָליציײַ אין אַן אַרבעטס־שײַן, לייענט איבער די פֿאַמיליע און, באַקוקנדיק דעם אָסיר, שרײַט ער אַזש אויס פֿאַר פֿרייד. פֿרידמאַן! יאָ, דאָס איז דער זעלביקער. ס'איז צו באַוווּנדערן, ווי־אַזוי מע האָט זיך מיט אים ביז אַהער ניט געטראָפֿן אין געטאָ.

— דאָס איז פֿרידמאַן! — האָט דער פּאָליציײַ פֿריידיק אויסגערופֿן צו זײַנע קאָלעגן, — דער דעפּוטאַט פֿונעם סאָוועטסקן אויבער־סאָוועט... פֿרידמאַן!

עטלעכע פּאָליציײַען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף פֿרידמאַנען, אים פֿעסט אײַנגעקלאַמערט אין זייערע לאַפּעס און גענעריקט אים ווי יעטווידן האָט זיך נאָר געגלוסט. נאָכדעם האָבן זיי אים אָנגע־

כאַפּט פאַר די געדיכטע קודלעס און געקלאַפּט זײַן קאָפּ אָן דער שטיינערנער וואַנט, שרײַענדיק: „פאַר דער ראָדינע! פאַר סטאַלינען!”

פרידמאַן, אַ פעסטער פון דער נאַטור, אַף וויפל ער האָט נאָר קויעך געהאַט, האָט, פאַרקריצנדיק די ציין, געשוויגן, און דאָס האָט נאָך מער צעריצט די מערדער. זיי האָבן אים גענומען נאָך שטאַרקער שלאָגן, אַזוי אַז ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן, געשריגן.

נאָר די פּאָליצײַען האָבן, נעבעך, אַ ביטערן טאָעס געהאַט. אומזיסט איז געווען זייער פרייד. דאָס איז געווען ניט דער דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון סאָוועטן־לעטלאַנד פײַוועש פרידמאַן, נאָר מײַן געוועזענער מיטשילער, דער סטאָליער שײַלקע פרידמאַן.

ווען די אַרבעטער האָבן פאַרלאָזט די געטאָ־ווענט, האָט מען זיך גענומען צו די איבעריקע. מע האָט אַרויסגעפירט אַ גרויסע מאַסע מענטשן און זיי דערשאָסן הינטער דער שטאָט.

די נאָיאַבער־אַקציעס זײַנען געווען די סאַמע שרעקלעכסטע און גרויזאַמסטע, וועלכע די היטלער־גאַזלאָנים האָבן דורכגעפירט אין דער דאַוגאַוופּילסער געטאָ. דער האַריגע־אַקט איז רעכטצײַטיק געווען פּלאַנירט. ווי ס׳ווערט אויפגעוויזן, האָבן די דאָזיקע מאָרד־אַקציעס דורכגעפירט די היגע פּאָליצײַען, זייער זיכערהײַט־מאַכנע אונטער דער אָנפירונג פונעם באַנדיט סאַווערס. אים צו הילף זײַנען צוגעשיקט געוואָרן ספּעציעלע מאָרד־קויכעס פון ריגע, בעראָש מיטן „הער קאַלנין”.[1]

עס קומט די טראַדיציאָנעלע פראַגע: וויפל ייִדן זײַנען אומגעקומען אין אָט די טעג?

צווישן די מאַטעריאַלן פונעם צווישנפעלקערלעכן נירנבערגער פּראָצעס איז אונטערן נומער 1276 — ססא, 180 פאַרעגיסטרירט דער „באַריכט פון דער אָפּעראַטיווער גרופּע פון דער זיכערהײַט־פּאָליצײַ פאַרן פּעריאָד פונעם 16 אָקטיאַבער 1941 ביזן 31 יאַנוואַר 1942 יאָר”. אַף דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט זיך פאַרופן דער געהילף פונעם הויפּט־באַשולדיקער פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אַפן נירנבערגער פּראָצעס ל. סמירנאָוו. אין זײַן באַריכט ווערט אויפגעוויזן, אַז דעם 9 נאָיאַבער זײַנען אין דאַוגאַוופּילס אומגעבראַכט געוואָרן 11.034 ייִדן.[2]

אין געטאָ זײַנען שוין דעמלט אַזויפיל ייִדן ניט געווען. אין דער צאָל זײַנען, וואַרשײַנלעך, אַרײַנגערעכנט געוואָרן ייִדן, געבראַכטע אין דאַוגאַוופּילס פון אַנדערע מעקוימעס. ניט דערגייענדיק צום „נײַעם לאַגער”, זײַנען זיי אומגעבראַכט געוואָרן אין פּאָגוליאַנקע.

אַפן פּראָצעס אין ריגע, ווען מע האָט דעם אָבערגרופּענפירער פון עסעס, פּאָליצײַ־גענעראַל עקעלן געפרעגט וועגן דער פאַרניכטונג פון ייִדן, וועלכע זײַנען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון אַנדערע לענדער, האָט עקעל דערקלערט:

— די דאָזיקע ייִדן האָט מען געשיקט אַף פאַרניכטונג אין לעטלאַנד דערפאַר, ווײַל דאָ זײַנען געווען גינסטיקע באַדינגונגען.

מער פון צוויי הונדערט טויזנט ייִדן, געבראַכטע פון אַנדערע אָקופּירטע לענדער, זײַנען אין „אָסטלאַנד” פאַרניכטעט געוואָרן.[3]

וויפל ייִדן זײַנען געבליבן אין געטאָ נאָך די נאָיאַבער־אַקציעס? אין אַרכיוו האָט זיך אָפּגעהיט אַ דאָקומענט אונטערן נאָמען: „רעשימע פון די אײַנוווינער אין דאַוגאַוופּילסער געטאָ”, צונויפגעשטעלט דעם 5 דעקאַבער 1941. אים האָט אונטערגעכאַסמעט דער געטאָ־קאָמענדאַנט זאַובע. לויט דער רעשימע איז קענטיק, אַז אין געטאָ זײַנען צו אָט דעם טאָג געווען 962 ייִדן (537 פרויען, 425 מאַנצבלען), צווישן זיי 212 קינדער, געבוירענע אין 1926 יאָר און שפּעטער, פון זיי 16 געבוירענע אין 1941. 57 ייִדן זײַנען געווען אין עלטער פון 60 יאָר און העכער. די עלטסטע איז געווען סאָרע קאַפּילאָווסקע, געבוירן געוואָרן אין 1962.[4]

דעם 11 נאָיאַבער 1941, אין צוויי טעג אַרום נאָך דער גרויזאַמער בלוטבאָד, האָט דער אָבער־שטורמפירער פון עסעס גיונטער טאַבערט, דער שעף פון דער דאַוגאַוופּילסער זיכערהײַט־פּאָליצײַ און עסדע, זיך געווענדט צום געביטס־קאָמיסאַר פונעם דאַוגאַוופּילסער קרײַז מיט אַ באַקאָשע: „איך בעט באַוואָרענען, אַז אין דער נאָענטסטער צײַט זאָל מען זיך קאָנען אָפּזאָגן פון אויסניצן אַף אַרבעט אויך די געבליבענע ייִדן”.[5]

[1] Мы обвиняем (документы и материалы). Рига, 1967, стр. 77—78.
[2] Нюренбергский процесс, том IV. Москва, 1959, стр. 7, 27, 704.
[3] Борьба за Советскую Прибалтику в Великой Отечественной войне 1941—1945. В трех книгах. Первые годы. Книга первая. Рига, 1966, стр. 246.
[4] Даугавпилский Госархив. Фонд № 37, опись № 1, ед. хран. 26, стр. 1—31.
[5] Мы обвиняем, стр. 184.

בא די אָפענע גריבער

ווי נאָר די היטלער־כאַיאַלעס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דאַוגאַוּפּילס, אַזוי האָבן גלײַך אַרויס־ געפּויזעט, ווי מײַז פון זייערע פינצטערע לעכער, פּריִעדיקע היגע פאַשיסטישע עלעמענטן, געוועזענע פּאָליציאַנטן, מענטשן פון דער אונטערוועלט, אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. זיי האָבן זיך פרײַוויליק און באַוווסטזיניק געשטעלט אין רעשוס פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע־מאַכט און אונטער איר אָנ־ פירונג, לויט אירע באַפעלן געשאָכטן קאָמוניסטן, אַקטיוויסטן, ייִדן. זיי פלעגן ראַבעווען פרעמד גוטס, זיך אָנזויפן מיט שנאַפּס און לעבן א פריילעכן טאָג. כאָטש אין צאָל איז דאָס געווען א קליינע גרופּע מערדער, אָבער זיי האָבן צוגעלייגט פיל מי אױף צו אָרגאַניזירן און העלפן דורכפירן גענאָציד־ און טעראָר־אַקטן.

יעדער ייִדישער מישפּאָכע אין דאַוגאַוּפּילס איז באַוווסט דער באַלאַנס פון פאַרניכטונג. צווישן די אומשולדיקע קאָרבאָנעס זײַנען פאַראַן אויך מיטגלידער פון מײַן מישפּאָכע. איך דערמאָן זיך, אַז קורץ נאָך דער מילכאָמע, ווען איך מיט מײַן ברודער וואָרעמל האָבן זיך אומגעקערט פון פראָנט און די איבעריקע — פון דער עוואַקואַציע, פונעם זוניקן אוזבעקיסטאַן, האָט דער פאָטער, רעדנדיק וועגן דעם כורבן, גענומען אויסרעכענען אונדזער אָנוווער, דעם כעזשבן, וואָס מיר דאַרפן צושטעלן די נאַצים. זיבעציק מיטגלידער פון אונדזער מישפּאָכע, סײַ פון דעם טאַטנס צאַד, סײַ פון דער מאַ־ מעס צאַד, האָט דער טאַטע אָנגעציילט צווישן די אומשולדיקע קאָרבאָנעס.

דאָס מענטשלעכע בלוט איז אָבער ניט העפּקער. אַדאַנק דער מעסירעסנעפּעשדיקײַט פון די סאָוועטישע טשעקיסטן איז געלונגען אויפצוזוכן פיל פון די פאַשיסטישע באַהעלפערס, וועלכע האָבן פאַראַטן זייער פאָלק, דאָס לאַנד, זיך פרײַוויליק געשטעלט אין רעשוס פון דער געסטאַפּאָ און זיכער־ הײַט־פּאָליציי. עמעס, ניט ווייניק „העלדן” פון דער מאָרד־קאַריערע האָט זיך אײַנגעגעבן צו מאַכן פּלייטע אָפן מײַרעוו, און דאָרט געפינען א רויקן מאָקעם־מיקלעט אונטער דער שוץ פון זייער „דע־ מאָקראַטיע”.

פון די מישפּאָטים איבער די מערדער האָט א באַזונדערס שטאַרקן רוישעם געמאַכט דער פּראָ־ צעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דעקאַבער 1967. נײַן טעג איז דער גרויסער זאַל פונעם קולטור־ הויז פון דעם לאָקאָמאָטיוו־רעמאָנט־זאַוואָד געווען איבערפולט. פאַרן איבער־געריכט פון סאָוועטן־ לעטלאַנד זײַנען געשטאַנען פינף באַזונדערס אַקטיווע אָנטיילנעמער פון די מאָרד־אַקציעס. ניקאָלײַ סאַוויצקין, קאַרל נייבערגן, עריק לאַסענבערגן האָט דער איבער־געריכט פאַרמישפּעט צו טויט־שטראָף, ווינצענט פּלאַצינשן און אַרנאָלד מינגאַן — צו פופצן יאָר טפיסע פון שטרענגן רעזשים.

דער פּראָצעס האָט אופגעדעקט גרויליקע דעטאַלן פון דער מענטשן־פּאַרטיליקונג, וועלכע זײַנען פריִער געווען פאַרשלייערט אין געהיימניספולקייט, פאַרבאָרגן און אומבאַוווסט. מיר, די לעבעדיקע, האָבן זיך דערוווּסט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן בא די אָפענע גריבער אין די לעצטע מינוטן פון אונדזערע קדושים. פאַרן געריכט איז דורכגעגאַנגען א קאַלאַריטפולע גאַלעריי איידעס — געוועזענע פּאָליציײַען און זייערע שעפן, וואָס זײַנען שוין אָפּגעקומען די האַרבע שטראָף פאַר זייערע מײַסים, ווי אויך מענטשן, וועלכע מ׳האָט געצוווּנגען גראָבן די קוואָרים, און ניט־ווילנדיק זײַנען זיי בײַגעווען באַם דערמאָרדן געטאָ־אַסירים.

כ׳בין בײַגעווען אין געריכט־זאַל, געזען די מערדער, געהערט זייער קאַלטבלוטיק דערציילן וועגן צעשיסונגען, גרוילטאַטן. א שוידער פלעגט דורכגיין איבערן לײַב. דאָס בלוט האָט געגליווערט אין די אָדערן. אין זאַל האָבן מענטשן אופגעציטערט פון דעם שוידער, מיט וועלכן מע האָט אומגעבראַכט די אַסירים פון דער געטאָ. מענטשן ווישן די טרערן פון די אויגן. פון איינעם א ווינקל דערטראָגן זיך שווערע קרעכצן און דער דעזשורנער דאָקטער גיט דעם דערשטוינטן טראָפּנס צו באַרויִקן זײַן האַרץ.

אַלזאָ, פּרעפעקט פון דער שטאָט, וועלכער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די אַרטיקע פּאָ־ ליצײַ־קויכעס, איז געווען ראָבערט בלוזמאַניס. אין אָקטיאַבער 1942 איז פּרעפעקט געוואָרן אָסוואַלד סטאַל, פון דעם וואָלקער ראַיאָן, פאַר דער מילכאָמע — א פּעדאַגאָג פון דער דאַוגאַוּפּילסער קאָ־ מערץ־שול. ווי נאָר די היטלעריסטן האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט, האָט ער זיך געשטעלט אין דינסט פון דער פּאָליציי.

געהילפן פונעם פּרעפעקט באַם אָרגאַניזירן מאָרד־אַקטן זײַנען געווען זשאַניס־רודאָלף סטראַזדינש, געוועזענער שעף פונעם צווייטן פּאָליציי־באַצירק (באַהאַלט זיך אויס ערגעץ אין אויסטראַליע), און אַרוויד־זשאַניס סאַקאַרניס; יאַניס־ראָבערט ערגעליס, געוועזענער שעף פונעם פערטן פּאָליציי־באַצירק און זײַן געהילף זיעמעליס, ווי אויך אַנדערע אַקטיווע דורכפירער פון די באַפעלן פון דער היגער געסטאַפּאָ און פון דער אָקופּאַציאָנעלער זיכערהײַט־פּאָליציי, בעראָש מיט זייער שעף, דעם אָבער־ שטורמפירער פון עסעס גיונטער טאַבערט, דעם אומיטלבאַרן אָרגאַניזאַטאָר פון דער געטאָ־פאַרניכ־ טונג.

צוטרעטנדיק צו דער טאָטאַלער „ליזונג“ פֿון דער ייִדן־פֿראַגע אין דער שטאָט, האָט מען צוערשט געדאַרפֿט געפֿינען אַ פּאַסיק אָרט, וואָס האָט געדאַרפֿט אַנטשפּרעכן געוויסע פֿאָדערונגען. נעמענדיק אין אַכט, אַז קיין געניגנדיקער טראַנספּאָרט איז אויף דעם צוועק ניט געווען אויסגעטיילט, האָט אַזאַ אָרט געדאַרפֿט זײַן ניט ווײַט פֿון דער געטאָ, אַזוי אַז פֿאַר אַ צוויי־דרײַ שאָ צופֿוס גיין זאָל מען קאָנען ברענגען די אויסגעהונגערטע, אויסגעשעפּטע מענטשן צו די גריבער, דערבײַ, פֿאַרשטייט זיך, אויסמײַדן דאָס אויג פֿון די אײַנוווינער פֿון שטאָט. דער מאָרד־פּלאַץ האָט געדאַרפֿט זײַן אַ פֿעלד, אַרומגערינגלט מיט וואַלד, וואָס ווײַטער פֿון זײַטיקע אויגן, קעדיי קיינער זאָל ניט וויסן, וואָס עס ווערט דאָרט געטאָן און ווער עס זײַנען די דורכפֿירער פֿון דער אַקציע. די מוירע פֿאַר נעקאָמע, אין פֿאַל, אויב מע וועט ווען־עס־איז דאַרפֿן ענטפֿערן פֿאַר די מערדערײַען, האָט זיי, אַפּאָנעם, ניט פֿאַרלאָזט אַפֿילע אין די טעג פֿון די פֿאָרויסמאַרשן פֿונעם רײַכסווער אין אָנהייב פֿון דער מילכאָמע.

דאָס פּאַסיקע אָרט פֿאַר דער שכיטע האָט אויסגעקליבן דער שעף פֿונעם צווייטן פּאָליצײַ־באַצירק סטראַזדינש. געהאָלפֿן האָט אים דער עלטערער פּאָליציאַנט ניקאָלײַ סאַוויצקי.

איבערגייענדיק די אײַזנבאַן־בריק, איז מען אַרויסגעקומען אַקוראַט אויפֿן שאָסיי דאַוגאַווּפּילס—ריגע, און די 6—7 קילאָמעטער ביז דעם פּאָגוליאַנקער וואַלד האָט זיך דער וועג געצויגן לענגויס דעם דאַוגאַווע־ברעג, צווישן פֿעלדער. דאָס איז אַן אָפֿענער לאַנדשאַפֿט, אַלץ איז אויבנאויף. אויב ס'זאָל אַפֿילע ווער פֿאַרטראַכטן צו אַנטלויפֿן, האָט ער ניט וווהין. די קויל וועט אים גיך דעריאָגן. באַם אָנהייב פֿונעם פּאָגוליאַנקער וואַלד, לעבן בודרעוויצעס דאַטשע, האָט מען מיט אַ שטעגל פֿאַרקערעוועט אויף רעכטס, און ניט ווײַט פֿונעם דערפֿל וויזבולי איז אויסגעקליבן געוואָרן דאָס אָרט פֿאַר דער האַריגע. דער פּלאַץ האָט געהאַט נאָך אַ „מײַלע“: די אײַזנבאַן־סטאַנציע מעזשציעמס איז ניט ווײַט פֿונדאַנען, און פֿאַר צוגעשיקטע טראַנספּאָרטן איז עס ווי געווונטשן (כּוֹח דעם אָרט, זײַנען הונדערטער ייִדן אומגעבראַכט געוואָרן בײַס אַן אַקציע אויף די זאַמד־פֿעלדער הינטער דער שטאָט, לעבן פֿלאַקס־זאַוואָד און ניט ווײַט פֿון מעזשציעמס, אין אַלטשטאָטער וואַלד). איידער מע האָט געטריבן די ייִדן צו דער שכיטע האָט מען פֿאַר זיי געדאַרפֿט צוגרייטן גריבער. מיט דער דאָזיקער „אַרבעט“ האָט אָנגעפֿירט דער עלטערער פּאָליציאַנט ניקאָלײַ סאַוויצקי. ער פֿלעג צונויפֿכאַפּן סתּם מאַנצבלען, וועלכע זײַנען אים אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער האַנט, און פֿאַרטרײַבן זיי אונטער אַ וואָך קיין פּאָגוליאַנקע. צומאָל פֿלעגט זיך דאָס קוואָרים־גראָבן ציִען אַ גאַנצע נאַכט. דערבײַ פֿלעגט מען די קוואָרים־גרעבער דראָען מיט דער האַרבסטער שטראָף, זיי און זייערע פֿאַמיליעס, אויב זיי וועלן עמעצן דערציילן, וואָס זיי האָבן דאָ געזען.

דער איידעס פּיאָטער ווילדאַן האָט אויפֿן געריכט דערציילט: „מיר, ווי אַ קוואָרים־גרעבער, איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין מיטן פּאָגוליאַנקע. ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אַ קייווער, די לענג 100 מעטער, די ברייט 3 מעטער און די טיף 2,5 מעטער פֿאַר 800—1000 מענטשן“.

— אַכטונג! דער געריכט גייט!

כ'האָב זיך נעענטער צוגערוקט צום באַריער פֿון דער באַשולדיקונג־באַנק. עס רעדט ניקאָלײַ סאַוויצקי, דער אַקטיווער דורכפֿירער פֿון פֿינף געטאָ־אַקציעס.

סאַוויצקי: „צום פֿרימאָרגן איז שוין די גרוב געווען פֿאַרטיק. עס האָט זיך דערטראָגן אַ טומל, מענטשלעכע קוילעס. דאָס האָט מען צוגעפֿירט די קאָלאָנע. ס'איז געקומען סטראַזדינש. אַזויווי ער האָט אונדז פֿריִער צוגעזאָגט אָפּצוגעבן די מאַלבושים פֿון די דערשאָסענע, פֿרעג איך אים, וואָס מע דאַרף טאָן? ער האָט מיר דערקלערט, איך זאָל זיך שטעלן אויפֿן רעכטן פֿלאַנג פֿון דער גרוב און דאַן וועט ער אויסטיילן פֿון דער אַלגעמיינער קאָלאָנע ניט קיין אויסגעטאָנענע גרופּע און זי שיקן צו מיר. אַ מעטער 15 פֿון דער גרוב האָב איך זיי אָפּגעשטעלט. געצוווּנגען זיך אויסטאָן און נאָכדעם זיי צוגעפֿירט צו דער גרוב צום דערשיסן...“

זײַנע רייד באַשטעטיקט דער איידעס סקליזמאַנט, וועלכער האָט געגראָבן די גריבער. „באַגינען האָט זיך פֿון דער שאָסיי־זײַט באַוויזן אַ גרויסער האַמוין מענטשן. ס'האָבן זיך דערהערט געשרייען, קוילעס. פּאָליצײַ האָט אונטערגעטריבן די מענטשן, געבײַקערט זיי מיט די קאָלבעס. נאָכדעם האָט מען זיי אָפּגעשטעלט, געצוווּנגען זיך אויסטאָן און אין איינע וועש, גרופּעסווײַז זיי געטריבן צו דער גרוב. מע האָט זיי געשטעלט אויף די קני מיטן פּנים צו דער גרוב און מיט די ביקסן זיי געשאָסן אין קאַרק אַרײַן... יענע פֿון די דערשאָסענע, וועלכע האָבן זיך נאָך באַוועגט, האָבן די פּאָליציאַנטן דערקלאַפּט אין דער גרוב מיט פּיסטאָלעטן...“

ווען מע האָט אָפּגעפּאַטערט איין גרופּע, פֿלעגט מען ווידער אויסטיילן 10—12 מענטשן. איייניקע גרופּעס פֿלעגן גיין צו דער גרוב אַרומגענומען, געקלאַמערט אין די אָרעמס. גרעסערע קינדער זײַנען באַ די גריבער געשטאַנען לעבן די מוטערס. אויב אַ מוטער האָט איר פּיצל קינד געוואָלט פֿאַרשטעלן מיט איר קערפּער פֿון דעם מערדערס קויל, האָט סאַוויצקי זיי געצוווּנגען, ווען זיי זײַנען שוין געשטאַנען אויף די קני, אויפֿהייבן די אייפּעלעך אינדערהייך, קעדיי עס זאָל זײַן באַקוועמער אין זיי צו טרעפֿן.

די פֿאַרשטאַרקטע וואַך, וועלכע האָט אַרומגערינגלט דאָס עקזעקוציע־פֿעלד, האָט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט ערגעץ־ווּ צו אַנטלויפֿן.

ווען מע האָט צו דער גרוב צוגעפֿירט איינעם אַ יונגן באָכער מיט צוויי מיידלעך, האָט זיך דער באָכער אַ ריס געטאָן פֿון אָרט און געלאָזט זיך לויפֿן אין וואַלד אַרײַן. סאַוויצקי האָט אים אָנגעיאָגט, צוויי מאָל אויסגעשאָסן און צוריקקערנדיק זיך, געמאָלדן מיט שטאָלץ: „שוין פֿאַרטיק. ס'האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן אַרויסצודרייען זיך". צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּאָליציאַנטן האָט סאַוויצקי דעם טויטן באָכער צוגעשלעפּט פֿאַר די פֿיס און ראַפּאָרטירט דעם דײַטשישן אָפֿיצער, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

וואָרט אַ ווײַלע, מערדער, — האָב איך אים געוואָלט פֿרעגן, — זאָג מיר, ווי־אַזוי האָט אויסגעזען דער באָכער? צי איז עס ניט געווען איינער פֿון מײַן פֿעטער יעשיע יאַקובס זין? יודקע אָדער זיאַמקע? זאָג מיר...

סאַוויצקי האָט אַ סאַך וואָס צו דערציילן.

— איינעם אַ מאַנצבל, — דערציילט ער די ריכטער, — האָב איך באַפֿוילן: שנעלער טו זיך אויס! — ווען ער האָט אויסגעטאָן זײַן רעקל, האָט ער מיר אַרײַנגעשפּיגן אין פּאָנעם. דאַן בין איך צוגעלאָפֿן צום דײַטשישן אָפֿיצער און געבעטן אַ דערלויבעניש זעלבסט אים צו דערשיסן. אויף די קני האָט ער זיך ניט געשטעלט, האָב איך אים אַרײַנגעשאָסן ניט אין קאָפּ, נאָר אונטער דער לינקער לאָפּעטקע (ווען דער אַלטער איז שוין געלעגן אין גרוב, האָט ער אין אים אויסגעשאָסן נאָכאַמאָל, כּדי עס זאָל זײַן „אויף זיכער" — ווי סאַוויצקי זאָגט).

יעדערער אין געריכט־זאַל האָט אַוודאי אַ טראַכט געטאָן: ווער האָט עס געקאָנט זײַן? איך האָב אויך זיך געבראָכן דעם מויעך: עפּשער געווען אונדזער קאָרעוו, דער פֿאַרבער בענציע יאַקוב, אָדער מײַן מאַמעס ברודער, דער האַרציקער פֿעטער מוליע מעלאַמעד?

הערט, וואָס עס האָט דערציילט נאָך איין מערדער פֿונעם פּאָגוליאַנקער וואַלד:

— בײַם די צעשיסונגען פֿלעגט דאָס מענטשלעכע בלוט און זייער מאַרך פֿאַרשפּריצן דעם גאַנצן אַרום... ווען כ'האָב אויסגעשאָסן אין דעם ערשטן, האָב איך בלוט באַמערקט לעבן זײַן אויער, נאָר ער איז ניט אומגעפֿאַלן. דעריבער האָט מען אין אים ווידער געשאָסן. אַזוי איז אויך געווען מיטן צווייטן. דערנאָך האָב איך געשאָסן אין דריטן, נאָר ער איז געבליבן שטיין אויף די קני, האָב איך אין אים ווידער געשאָסן. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין גרוב, און דער קאָמאַנדיר איז צוגעלאָפֿן און אים דערקלאַפּט...

דער איידעס אי. קאַלאַסאָווסקי האָט דערציילט:

— דערנעבן מיט אונדזער הויז זײַנען געווען דרײַ הויכע בעריאָזעס. ווען מיר האָבן דערהערט די שיסערײַען, האָבן מיר צו איינעם אַ בוים צוגעשטעלט אַ לייטער און אַרויפֿגעקלעטערט אויף אים. ס'האָט זיך אײַנגעפֿונען אַ בינאָקל, און דורך אים האָט זיך גוט געזען, ווי די מערדער האָבן צעשאָסן מענטשן. דאָס איז געווען אַ מעטער זעקס הונדערט פֿון אונדז... נאָכדעם, ווי מע פֿלעגט צעשיסן איין גרופּע, האָט מען די אַנדערע געצוווּנגען פֿאַנאַנדערגלײַכן, אויסלייגן די מייסים אין גרוב און נאָכדעם פֿלעגט מען זיי אַליין דערשיסן. אויף דער גרוב איז געשטאַנען עפּעס ענלעכס אויף אַ נעפּל — אַפּאָנעם, פֿונעם בלוט און פֿון דעם מאַרך, וואָס פֿלעגט פֿאַנאַנדערגעשפּריצט ווערן נאָך יעדן זאַלפּ...

ווען די מערדער זײַנען מיד געוואָרן פֿון זייער טועכץ, פֿלעגט געמאַכט ווערן אַן איבעררײַס, כּדי מיט פֿרישע קויכעס, פּונסנײַ זיך נעמען פֿאַר דער אַרבעט. מע פֿלעגט זויפֿן און שיקערן. דער געוועזענער איבערזעצער פֿון דעם צווייטן פּאָליציי־באַצירק עריק לאַסענבערג, וועלכער האָט בײַ די אַקציעס אייגנהאַנטיק דערשאָסן צענדליקער מענטשן, האָט בײַם די איבעררײַסן געהאָלפֿן זײַנע שעפֿן אין איבערצוזעצן די באַפֿעלן פֿון די דײַטשישע אָפֿיצערן, וועלכע פֿלעגן דאָ זײַן אָנוועזנד, און פֿאָטאָגראַפֿירן די עקזעקוציע „צום אָנדענק" (אַפּאָנעם, אַז די פֿאָטאָגראַפֿיעס האָבן געדאַרפֿט פֿאַר זיי דינען, ווי אַ וועזנטלעכע דערווײַזונג פֿון זייער דינסט־איבערגעגעבנקייט, כּדי אויסצודינען העכערע ראַנגען און אַמטן).

ווען די גריבער פֿלעגן פֿול ווערן מיט הרוגים, אַזוי, אַז מער האָט מען שוין דאָרט ניט געקאָנט מעקאַבער זײַן, פֿלעגט מען זיי איבערשיטן מיט כלאָרקע, און איבער זייער איבערפֿולטקייט מיט מייסים, האָט מען זיי ניט געקאָנט פֿאַרשיטן. ס'פֿלעגט אויסקומען אויף זיי אָנשיטן בערג מיט זאַמד. איינמאָל, ווי ס'דערמאָנט זיך דער קוואָרעסמאַן פּיאָטער ווילדאַן, איז, ווי פֿון אונטער דער ערד, פֿון צווישן די הרוגים, אויסגעוואַקסן אַ ייִנגל, וועמען מע האָט ניט באַוויזן צו דערשיסן. דאָס ייִנגל, נאָך אַ קינד, איז געווען דערשיטערט, ניט באַנומען, וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און גענומען לויפֿן צו די פּאָליציאַנטן, שרײַענדיק: „דיאַדינקע! דיאַדינקע!". סאַוויצקי האָט ניט אויסגעהערט זײַנע רייד און אים דערשאָסן.

נאָך די עקזעקוציעס פֿלעגן די מערדער זיך נעמען טיילן מיט די אָנגעראַבעטע זאַכן, און מיט פֿאַרבונדענע פּעק, מיט טשעמאָדאַנעס פֿלעגן זיי זיך צוריקקערן אַהיים. אויף שטאַרק ווערטפֿולע זאַכן

פֿלעגט מען אין פּאָליציי־באַצירק צונויפֿשטעלן אַן אַקט אויף אָפּצוגעבן דאָס אין דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג.

אין פּאָגוליאַנקער וואַלד זײַנען, אַכוץ ייִדן, געווען צענדליקער טויזנטער סאָוועטישע קריגס־געפֿאַנגענע און אַנדערע בירגער.

ענדע 1943 יאָר, ווען פֿאַר אַלעמען איז שוין קלאָר געוואָרן דער אומפֿאַרמײַדלעכער אײַנברוך פֿונעם פֿאַרפֿלאַנירטן טויזנטיאָריקן דריטן רײַך, זײַנען אַפֿילע די באַנדיטן געקומען צום סייכל, אַז ס'איז ניט ווײַט די שעה, ווען מע וועט פֿאַר די רעציכעס דאַרפֿן ענטפֿערן. מע האָט גענומען טראַכטן,



דער מאַסן־קייווער פֿון די אומגעבראַכטע קינדער אויפֿן ייִדישן בעסוילעם

וויאַזוי צו פֿאַרשמירן די שפּורן פֿון די גרויליקע פֿאַרברעכנס. איז מען געקומען צום סייכל, אַז מע דאַרף אויפֿהייבן די מייסים, זיי פֿאַרברענען, סע זאָל פֿון זיי קיין געדעכעניש ניט בלײַבן. ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ באַנאַלער אײַנפֿאַל.

פֿון ריגע קיין דאַוגאַווּפּילס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמאַנדע מייסים־ברענער, בעראָש מיטן קאָמענדאַנט פֿון דעם טרויעריק־באַרימטן סאַלאַספּילסער טויט־לאַגער, דעם אָבערשטורמפֿירער קורט קראַוזע. דאָס זײַנען געווען דרײַסיק ייִדן, אײַנגעשמידטע אין קייטן. די אויפֿגאַבע פֿון דער קאָמאַנדע איז געהאַלטן אין שטרענגער געהיימניש און איז געווען פֿאַרקאָנספּירירט. אין די דאָקומענטן האָט זי זיך באַצייכנט אונטערן באַדינגלעכן נאָמען „קאָמאַנדע 1005“[1].

מע האָט אויך געצוווּנגען סאָוועטישע קריגס־געפֿאַנגענע אַרויסשלעפּן פֿון די קבֿרים די מייסים, באַגיסן זיי מיט ברענשטאָף און אונטערצינדן. ווי ס'האָבן דערציילט אײַנוווינער פֿון פּאָגוליאַנקע, איז אין משך פֿון עטלעכע וואָכן איבערן וואַלד געשטאַנען אַ שוואַרצער, געדיכטער רויך פֿון די פֿאַרברענטע קערפּערס. אָבער די שפּורן פֿון די רעציכעס איז אַלצייַנס ניט געלונגען צו פֿאַרווישן.

דעם 27 יולי 1960 איז אויפֿן אָרט פֿון די מאַסן־מאָרדן אין פּאָגוליאַנקע געעפֿנט געוואָרן אַ גראַנדיעזער פֿילפֿיגוריקער דענקמאָל (סקולפּטאָר כ. ספּרינציס, אַרכיטעקטאָר ז. אַבעליטע). הינטער דער סטאַנציע מעזשציעמס, אין אַלטשטאָטער וואַלד שטייט אויף אַ גרויסן מאַסן־קייווער אַן אָבעליסק. אויך הינטער דער טפֿיסע, אינעם געוועזענעם אײַזנבאַן־סעדל, איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַן אָבעליסק.

קורץ נאָך דער מילכאָמע האָט מען געפֿונען קבֿרים פֿון אומגעבראַכטע קינדער. מע האָט זיי אויסגעגראָבן, צוזאַמענגענומען און געבראַכט צו קבֿורע אויפֿן ייִדישן בעסוילעם. אויף די צוויי שוואַרצע מאַרמאָרנע פּליטעס איז אויף ייִדיש און אויף רוסיש אויסגעקריצט: „דאָ רוען די ביינער און דאָס אַש פֿון 2000 ייִדישע קינדער, וועלכע זײַנען דערמאָרדערט און פֿאַרברענט געוואָרן מיט אַכזאָריעס מיצאַד די היטלערישע מערדער אין די יאָרן 1941—1944“.

די וועגן צו די מאַסן־קבֿרים ווערן קיינמאָל ניט פֿאַרוואַקסן מיט גראָז. אויף די קבֿרים ליגן שטענדיק פֿרישע בלומען. דער אָנדענק פֿון די קדושים לעבט אינעם פֿאָלקס־זיכּרון.

אַזעלכע דענקמעלער און אָבעליסקן זײַנען צעשפּרייט איבער אַלע שטעטלעך, ווו ס'האָט אויף אונדזער ערד אָרודעווועט די היטלעריסטישע ברוינע פּעסט. זיי שטייען ניט בלויז ווי צייכנס פֿון מענטשלעכן זיכּאָרן, נאָר ווי באַשולדיקונגס־אַקטן, וועלכע פֿאָדערן שטרענג באַשטראָפֿן די, וואָס האָבן געבראַכט דעם גרויסן קאָרבן. זיי דערמאָנען און וואָרענען: זעט, וואָס עס טראָגט מיט זיך דער פֿאַשיזם, דער ראַסיזם. זיי שטייען, ווי אַ הייליקע צוואָע פֿון די קדושים: קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, קיינמאָל ניט מוחל זײַן! זיי שטייען, ווי אַ הייליקער אָנזאָג די קומענדיקע דוירעס: היט דעם שאָלעם! זײַט וואַכזאַם! זעט, אַז די שוידערלעכע קאַשמאַרן זאָלן זיך מער קיינמאָל ניט איבערכאַזערן! קיינמאָל ניט!

---

[1] Частное определение суда по уголовному делу Эйхелиса, Майковскиса и др. — «Советская Латвия», 31 октября 1965.

אַלטער און דאַרע בערקאָוויטש זײַנען, וואַרשײַנלעך, דאָס אײנציקע פּאָרפאָלק, וואָס איז געקומען אין געטאָ און, דורכמאַכנדיק אַלע זיבן גיהנומס, זיך אין ערגעץ ניט אויסבאַהאַלטן און זייער פאַמיליען־בונד איז געבליבן אומבאַרירט, ניט צעשטערט. דאָס וואָרט „וואַרשײַנלעך" האָב איך באַדינגלעך אַרײַנגעשטעלט דערפאַר, ווײַל עפּשער איז ערגעץ־ווו אין דער וועלט פאַראַן נאָך אַזאַ גליקלעכער אויסנאַם צווישן די פּאָר הונדערט ניצל געוואָרענע פון דער דאַוגאַווּפּילסער געטאָ.

די בערקאָוויטשעס האַלטן, אַז צום דאָזיקן גליק האָב איך אַ דירעקטע שײַכעס...

דעם 12 אָקטיאַבער 1940 האָבן זיי אין ביוראָ פון רעגיסטראַציע פון בירגערלעכע אַקטן, אין זאַגס, הייסט עס, פאַררעגיסטרירט זייער כאַסענע־אַקט. אַזוי ווי איך מיט דאַרען זײַנען קרויווים, בין איך געווען אײנער פון די צוויי אײדעס, וועלכע האָבן מיט זייער אונטערשריפט געדאַרפט באַשטעטיקן דעם דאָזיקן אַקט. האַלטן זיי טאַקע, אַז די צובאַשטעטיקונג איז געווען אַזאַ שטאַנדהאַפטיקע, אַז אַפילע היטלער האָט אויף איר קיין שליטה ניט געהאַט, ניט געקאָנט דעם בונד צערײַסן.

ס'איז עפּשער אַ נאַיִווע פראַגע. וואָס הייסט, ווער עס איז שולדיק? צי פאַרשטייען ניט קינד און קייט, ווער ס'איז שולדיק אין אויסמאָרדן זקיינים, זויג־קינדער, פרויען, וועלכע זײַנען ניט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן?

ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז אויפן מײַרעוו באַהאַלטן זיך אויס פון אַ גערעכטער שטראָף טויזנטער פאַרברעכער. דאָרט האָט מען אויסגעאַרבעט אַ טעאָריע, קעדיי רייניוואַשן די מערדער. עס אַרט ניט אירע אויטאָרן, וואָס די פעלקער אין דער וועלט האָבן זי ניט באַוויליקט. לויט דער קאָנוועניץ פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס דאַרפן אַזעלכע מערדער פאַררעכנט ווערן אַלס קריגס־פאַרברעכער און פאַרברעכער קעגן דער מענטשהײַט. „די גוטהאַרציקע ריכטער" אויפן מײַרעוו קוואַליפיצירן אָבער די מאַסן־מערדערײַען אַלס פּאָשעטע קרימינעלע פאַרברעכנס. מע מאַכט דעם געגאָציד צו קלײנגעלט. לויט זייער לאָגיק באַקומט זיך אַזוי, אַז דער באַפעלגעבער איז קיין מערדער ניט, ווײַל אײגנהאַנטיק האָט ער קײנעם ניט געמאָרדעט. אויך די, וואָס האָבן יאָ אײגנהאַנטיק געשאָסן, זײַנען ניט קיין מערדער, ווײַל זיי האָבן בלויז אויסגעפּילט אַ באַפעל...

גוואַלד! ווער איז, אויב אַזוי, שולדיק? ניט אַנדערש — די, וועמען מע האָט דערשאָסן...

די באַפעלן פון פאַרניכטונג קעגן די ייִדן פלעגן אין דאַוגאַווּפּילס אַרויסקומען פונעם שעף פון דער געסטאַפּאָ און פון דער אָקופּאַציאָנעלער זיכערהײַטס־פּאָליציי, דעם אָבערשטורמפיורער פון עסעס גיונטער טאַבערט. דאָס איז ער טאַקע מאָמענטאַל צוגעטראָטן צו דער ראַדיקאַלער לייזונג פון דער „ייִדן־פראַגע".

ער פלעגט, רײַטנדיק אויף זײַן ווײַס פערד, אין אַ פעלענער קורטקע, אַ באַוואָפנטער מיט אַ נאַהײַקע און מיט אַ רעוואָלווער, אַרײַנפאָרן אין געטאָ. צומאָל פלעגט אים באַגלייטן זײַן געהילף בעקו און זיי פלעגן דורכפירן די סאָרטיראָווקעס פון טויט: רעכטס... לינקס... רעכטס... לינקס...

אין דער ספּעציעלער באַזונדערער באַשטימונג וועגן גיונטער טאַבערטן, וועלכן ס'האָט אַרויסגעטראָגן דער אויבער־געריכט פון סאָוועטן־לעטלאַנד אין ריגע אין אָקטיאַבער 1965 בײַסן פּראָצעס איבער די אָרגאַניזאַטאָרן און דורכפירער פון מאַסן־מאָרדן אײכעלים, מײַקאָווסקיס, פונטוליס און אַנדערע, ווערט פעסטגעשטעלט, אַז „טאַבערט האָט אומבאַראַכמאָנעסדיק פאַרניכטעט די ייִדישע באַפעלקערונג אין די פיר אויעזדן, וועלכע זײַנען אים געווען אונטערגעאָרדנט".[1]

לאָמיר דאָ דערמאָנען אויך וועגן אַזעלכע „קלײניקײַטן":

אין דערפל באַרסוקי (לוזער אויעזד, רונדענער וואָלאָסט) האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער סאָוועטישער אַקטיוויסט יאַקאָוו פּראָשצענקאָוו. ווען די פּאָליצײַען האָבן אים געפּרוווט אַרעסטירן, האָט ער דערשאָסן אײנעם פון זיי. נאָכדעם איז אין „דאַוגאַוואַס וועסטנעסיס" (פאַרן 7 יאַנוואַר) און אין „רעזעקנעס זיניאַס" (פאַרן 10 יאַנוואַר 1942) פאַרעפנטלעכט געוואָרן טאַבערטס אַ באַפעל וועגן דעם, אַז עס זײַנען דערשאָסן געוואָרן 47 אײַנוווינער פון באַרסוקי. מע האָט זיי דערשאָסן דעם 6 יאַנוואַר אין גאַרבאַראָווסקער וואַלד הינטער לודזאַ (אַמאָל — ליוצין). דאָס זײַנען געווען מענער, פרויען, קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער.

אין דעקאַבער 1941, ווען די טורמע אין רעזעקנע איז געווען שטאַרק פאַרפּאַקעוועט מיט אַרעסטירטע, האָט גיונטער טאַבערט באַשלאָסן זי מאַכן „לויז". ער האָט אָפּגעקליבן 70 מענטשן און אָן קיין שום מישפּעט באַפוילן זיי צו „ליקווידירן". דער „סטיל" איז אונדז באַקאַנט: פּונקט אַזוי האָט מען געמאַכט אָן אָרט אין געטאָ.

---

[1] Ю. Дмитриев. Обернитесь, подсудимый Табберт! — «Красное знамя», 30 сентября 1969.

וווּהין גיונטער טאַבערט איז אַנטרונען געוואָרן נאָך דער מאַפּאָלע פון היטלערס דײַטשלאַנד, איז אין מעשעך פון אַ לאַנגער צײַט געווען אַ רעטעניש. נאָר איר ווייסט דאָך, אַז דאַוגאַווּפּילסער געטאָ האָט געהאַט „מאַזל" און ס׳האָט איר ווידער „אָפּגעגליקט": מע האָט געכאַפּט דעם הויפּט־הוירעג.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז טאַבערט האָט זיך אין ערגעץ ניט אויסבאַהאַלטן, קיין פּלאַסטישע אָפּעראַציעס אויפן פּנים האָט ער ניט געמאַכט און אַפילו זײַן פאַמיליע־נאָמען ניט געביטן. ער האָט געלעבט אַ ווײַל לעבן אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, אין דיסעלדאָרף, וווּ ער איז ביזן 1965 יאָר געווען דער קאָמיסאַר פון דער קרימינאַל־פּאָליציי. יאָ, יאָ, ניט אַנדערש.

אין מער פון צוואַנציק יאָר אַרום נאָכן זיג האָט מען דעם נעפעש אויסגעזוכט און גענומען אים אויפן צימבל. עמעס, אין טפיסע האָט מען אים דערווײַל ניט אַרײַנגעזעצט, ווײַל זײַן יונגע פרוי האָט פאַר אים אַרײַנגעטראָגן אָרעוו־געלט, אַ סומע פון קימאַט הונדערט טויזנט מאַרק, און מ׳האָט אים געלאָזט פרײַ ביזן געריכט־אורטייל. וווּ האָט ער גענומען אַזויפיל געלט?

קורץ נאָך דער מילכאָמע האָבן זײַנע געוועזענע געהילפן, וועלכע מ׳האָט דעמלט אַרעסטירט, דער שעף פון דער דאַוגאַווּפּילסער טורמע ג. ווערביצקי און דער עסעסאָווסקער איבערזעצער פון דער געסטאַפּאָ אי. פלאַדע, דערציילט, אַז ווען פון צווישן די זאַכן פון די דערשאָסענע מענטשן פלעגט טאַבערט פאַר זיך צונעמען דאָס סאַמע ווערטפולע יעדעס מאָל נאָכן צעשיסן ייִדן, פלעגט ער פאַרגרוזען די מאַשין און פאָרן „נאָך בערלין". „פון די שמועסן מיט דײַטשן איז געווען קלאָר, אַז טאַבערט און זײַן שאָפער צוך פלעגן אַרויספירן דאָס אייגנטום פון די צעשאָסענע ייִדן", — האָט זיך דערמאָנט פלאַדע.[1] די אײַנוווינערין פון קאָוונע ראַופּענע האָט דערציילט פאַר טאַבערטס ריכטער, אַז, אַרבעטנדיק אין דאַוגאַווּפּילס בײַ טאַבערטן אַלס וועשערין, האָט זי געזען, ווי ער פלעגט אָפּשיקן קיין דײַטשלאַנד טשעמאָדאַנען מיט פעלצן, רינגען, בראַסלעטן, זייגערס. אויף די בלוט־רעציכעס האָט ער זיך ניט שלעכט פאַרזאָרגט...

אַרום פינף יאָר האָט זיך געצויגן די פאַרגעריכטלעכע אויספאָרשונג. מ׳האָט אויסגעפונען און אַרויסגערופן פיל אײדעס פון פאַרשיידענע לענדער, צווישן זיי אויך אײדעס פון דאַוגאַווּפּילס — געוועזענע געטאָ־אַסירים. די סאָוועטישע קאָמפּעטענטע אָרגאַנען האָבן צוגעשטעלט וויכטיקע דאָקומענטן, וועלכע האָבן דעמאַסקירט דעם כײַישן אָנבליק פונעם געסטאַפּאָ־שעף טאַבערט.

אין 1969 האָט זיך אין דאָרטמונד אָנגעהויבן דער פּראָצעס אינעם געריכט־זאַל נומער הונדערט דרײַסיק, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער קײַזערשטראַסע.

כּאַדאָשימלאַנג האָט זיך געצויגן דער מישפּעט. בײַ הונדערט אײדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן. יעדער אײדעס האָט צוגעגעבן אַ שטריך צו גיונטער טאַבערטס פּערזענלעכקײַט, וועגן זײַנע מײַסים־טאַטאָים אין די אויעזדן פון זײַן גרענעצלאָזער מעמשאָלע.

דער פאָרזיצער פונעם געריכט מיולער און די „פּריסיאַזשנע" האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט דאָס אײדעס־זאָגן פון די געליטענע און באַדויערנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַפילו ניט געזשאַלעוועט קיין מיטפילנדיקן זיפץ.

אָבער טאַבערט... ער זיצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אָנגעטאָן אין אַ שיינעם אָנצוג, אין אַ נײַלאָנאָווע אויבערהעמדל מיט אַ מאָדערנעם האַלדזטוך. ער זיצט מיטן רוקן צום זאַל, הייבט ניט אויף דעם קאָפּ. ער שרײַבט, פאַרשרײַבט...

— באַרויִקט זיך, ענטפערט נאָר אויף מײַנע פראַגן, — האָט זיך דער ריכטער געווענדט צו דער פרוי א. פּערעס פון ריגע. — צי האָט דער געמישפּעטער אַליין געשאָסן אין אַרעסטירטע? צי האָט איר עס פּערזענלעך געזען? ווען און אין וועלכע אומשטאַנדן?

— יאָ, געשאָסן, — האָט זי געענטפערט. — יאָ, געהאַרגעט, זיך איזדיעקעוועט אויף אומגליקלעכע, אומבאַשיצטע מענטשן. פאַר מײַנע אויגן האָט ער פון דער קאָלאָנע פאַרורטיילטע אַרויסגעכאַפּט מײַן שוויגער און זי דערשאָסן, ווײַל די זקיינע האָט ווײַטער ניט געקאָנט גיין... קימאַט אַ יאָר האָב איך אים באַדינט אין דער קאָמענדאַטור. איך פלעג אַרומוואַשן דאָס בלוט פון זײַנע שמוציקע שטיוול, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון די צעשיסונגען...

דער 65־יאָריקער פאַרדינסטפולער וועטערינאַר פון לעטלאַנד א. בליאַכמאַן האָט דערציילט די ריכטער אין דאָרטמונד, וויִאַזוי מע האָט לויט טאַבערטס באַפעל אויפגעהאַנגען אַ יונגע פרוי דערפאַר, ווײַל זי, אַ קראַנקע און הונגעריקע, האָט געוואַגט צו בעטן באַם וואַכמאַן אַ שטיקל ברויט פאַר איר קינד. טאַבערט, שטאָלץ פון דער געדולע, ווי זײַנע טויט־באַפעלן ווערן רעאַליזירט אין לעבן, האָט פאָטאָגראַפירט די אויפגעהאַנגענע פרוי.

מע דערמאָנט דעם הער טאַבערטן, ווי ער האָט פון די הענט פון אַן אומגליקלעכער מוטער אַרויסגעכאַפּט אַ זיבנכאַדאָשימדיק קינד און עס דערשאָסן. רײַטנדיק אויף זײַן פערד, איז ער אַרופגעפאָרן

[1] К. Саусницис, Я. Силабриедис, Е. Ступпан, А. Веян. Не забывай Аудрини. Рига, 1968, стр. 32, 105.

אױף אַ זיבעציק־יאָריקער זקנה... מע דערמאָנט אים און מע דערמאָנט אים, װײַל ער, נעבעך, קלאָגט זיך אױף זײַן אָפּגעשװאַכטן זכּרון.

די געריכטס־פֿאַרהאַנדלונגען האָבן זיך ענדלעך פֿאַרענדיקט. שטאָף צו באַטראַכטן איז פֿאַר די ריכטער געװען איבערגענוג. טאַבערט האָט דאָך שױן אין זײַן אַקטיװ בײדע כּתבֿים: אי באַפֿױלן, אי אײגנהאַנטיק געשאָסן. מע האָט אומגעדולדיק געװאַרט, װאָס פֿאַר אַ שטראָף װעט גיונטער טאַבערטן אונטערגעטראָגן װערן.

איר װעט שטױנען.

אַלע ערלעכע מענטשן פֿון דער װעלט װעלן שטױנען, װען זײ װעלן געװױר װערן, אַז די ריכטער האָבן טאַבערטן פֿרײַ געשפּראָכן. טאַקע פֿרײַ געשפּראָכן אין פֿולן זין פֿון װאָרט. װאָס, איר קאָנט זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז דער שעף פֿון דער געסטאַפּאָ און פֿון דער זיכערהײטס־פּאָליצײ אין דער אָקופּירטער שטאָט דאַוגאַװפּילס איז גאָט די נשמה שולדיק? ער איז אַ טובֿ, אַ מלאך, ער האָט אַפֿילו אַ פֿליג אױף דער װאַנט ניט געטשעפּעט. ער האָט ניט פֿאַרדינט, מע זאָל אים צומישפּעטן כאָטש אײן טאָג טפֿיסה. אָט װי אַ קרישטאָל איז לױטער די נשמה און דאָס געװיסן פֿונעם אָבערשטורמפֿירער פֿון עס־עס טאַבערט.

אַלע דאָקומענטן און אײדעס־דערװײַזונגען זײַנען בלאָטע, זײ האָבן אַפֿילו ניט די װערט פֿון אַ שמעק טאַבעק...

ס'איז אָבער אינטערעסאַנט צו װיסן, װאָס איז עס געװען פֿאַר אַן איבערקראַפֿט, װעלכע האָט געקאָנט מעװאַטל מאַכן דעם גאַנצן באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל? װער איז דאָס געװען דער אַלמעכטיקער אײדעס, װעמענס אױטאָריטעט װעגט אַריבער אַלץ, װאָס עס איז געבראַכט געװאָרן פֿאַר די דאָרטמונדער ריכטער אין דער שפּיץ מיטן הער מיולער?

איר װעט זיך קײנמאָל ניט כאַפּן.

ס'װײַזט זיך אױס, אַז דאָס איז גאָר אַ געװײנלעכער באַסער־װעדאַם, אַ קראַנקנשװעסטער. זי לעבט אין מײַרעװ־דײַטשלאַנד. זי האָט מודיע געװען די ריכטער, אַז בײַס די מאַסן־שכיטעס אין געטאָ, דעם 7—9 נאָיאַבער 1941, איז ער, טאַבערט הײסט עס, נעבעך געװען קראַנק און איז געלעגן אין שפּיטאָל, װוּ זי האָט געאַרבעט. און ער, טאַבערט אַלײן, האָט צוגעשטעלט דעם געריכט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, װאָס נאָר אײן גאָט װײסט, װוּ מע האָט זי געמאַכט. ער שטײט מיט אַן איבערגעבונדענער האַנט...

האַקלאַל, דער געריכט־פֿאָרזיצער מיולער האָט נאָכן אַרױסטראָגן דעם באַפֿרײַונג־אורטײל געמאָלדן פֿאַר דער װעלט, אַז די באַשולדיקונג קעגן טאַבערטן האָט זיך באַזיצט אױף „ניט עמעסע דערװײַזונגען פֿון די ייִדישע אײדעס".

און מע פֿרעגט נאָך, װער עס איז שולדיק...

געבליבן לעבן

אין גראַנגל פֿאַר אַרױסרײַסן ייִדן פֿון די נעגל פֿון די היטלער־כײַעס האָבן באַװיזן מעסירעסנעפֿעש פֿיל ניט־ייִדן, װעלכע האָבן זיך אָפּגערופֿן, װען די גערודפֿטע האָבן זיך צו זײ געװענדט אין דער פֿינצטערער אײס צָרה. אַזױ זיך אױפֿירן האָט זײ דיקטירט דער מענטשלעכער כּיװון, די סאָלידאַרישקײַט מיטן גערודפֿטן, די סינע צום אָקופּאַנט. אָפֿט האָט מען די פֿאַרפֿאָלגטע אױסבאַהאַלטן אין ספּעציעל צוגעגרײטע קאַנורעס, ערד־שטיבלעך, און מע האָט אַכטונג געגעבן, אַז אױף זײ זאָל קײן בײז־אױג ניט פֿאַלן. די רעטער האָבן זיך געטײלט מיטן קאַרגן ביסן, מע האָט ריזיקירט מיטן אײגענעם לעבן, מיט דעם אָנגעלעבטן גוטס, מיט אַלץ, װאָס אַ מענטשן איז טײַער. און צי איז דען ביכלאַל פֿאַראַן אַ פּרײַז פֿאַר אַזעלכע נאָבעלע אױפֿטועס?

דער קאַמף פֿאַרן לעבן פֿון אַ ייִדן איז געװען פֿאַרשײדנאַרטיק. ס'זײַנען געװען, אַזױ צו זאָגן, שטילע, רויִקע פֿאַלן. מע איז געלעגן פֿאַרשטיקט אין די לעכער, איבערגעטראָגן איבערמענטשלעכע שװעריקײַטן, און מיט מאַזל דערלעבט צו דערזען די באַפֿרײַער — די רױטע אַרמײ, װעלכע האָט פֿאַר זײ געבראַכט ליכט און לעבן.

נאָר ס'זײַנען אױך געװען דראַמאַטישע פֿאַלן, װען דער רױב־פֿױגל האָט אָנגעכאַפּט זײַן קאָרבן און מיט שאַרפֿע נעגל זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם גאַרגל, דער טױט־אורטײל איז געהאַנגען אױף אַ האָר, סײַ פֿאַרן רעטער, סײַ פֿאַרן געראַטעװעטן. די גרױסע מענטשן־ליבע, דער טיפֿער גלױבן אינעם זיג איבערן סױנע האָט אָבער געשטאַרקט די מענטשן אין דעם װײַטערדיקן קאַמף פֿאַרן לעבן, כאָטש דער כּאַלעף איז שױן געלעגן אױפֿן האַלדז.

אױך אין דאַוגאַװפּילס און אין זײַן אומגעגנט זײַנען געװען אַזעלכע פֿאַלן, און װעגן אַ פּאָר פֿון זײ איז קעדײַ צו דערצײלן.

אַט לאַמיר נעמען די געשיכטע מיט שײַלקע פּערעלמאַן. ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, איז שײַלקע אַלט געווען אַכט יאָר. נאָך די ערשטע אַקציעס האָט ער קימאַט אַלעמען פאַרלאָרן, בלויז זײַן מוטער, די פּרעזיזירערן טירצע פּערעלמאַן האָט אַלפּי נעס אויסגעמיטן דעם וועג אויף פּאָגוליאַנקע.

— איר קאָנט זיך כאָטש פאָרשטעלן, וויאַזוי מײַן מאַמע האָט איבער מיר געציטערט? — פרעגט מיך שײַלע פּערעלמאַן, — איך בין געבליבן דער איינציקער אין אונדזער מישפּאָכע. ווען זי פלעגט אַוועקגיין אויף דער אַרבעט, בין איך געבליבן אין געטאָ אַליין אָדער זי האָט אָנגעבאָטן וועמען־ניט־איז פון די באַקאַנטע, מע זאָל אויף מיר אַכטונג געבן. די מאַמע פלעג קוים דערלעבן דעם פאַרנאַכט און, צוריק קומענדיק אַ טויט־מידע אין געטאָ, איז זי קיינמאָל ניט געווען זיכער, אַז זי וועט מיך שוין געפינען. זי האָט דאַן געאַרבעט אין שטאָט, אויף פּאַרקן־גאַס, 18, וווּ ס׳איז איצטער אַ קינדער־קראַנקנהויז. איך ווייס ניט, וויאַזוי זי האָט אָפּגעזוכט אונדזערע אַ גוטע באַקאַנטע, אײַן צײַט האָט זי דער מאַמען געהאָלפן אין שטוב, מאַניע ציבלעס. געקומען אין דאָוגאַוופּילס איז זי פון עפּעס אַ ראַיאָן. בײַ אונדז אין שטוב איז זי געווען, ווי אַן אייגענער מענטש. מוירע האָבנדיק מיך צו לאָזן אין געטאָ, פלעגט די מאַמע צומאָל מיך מיטנעמען מיט זיך אויף דער אַרבעט. וויאַזוי ס׳פלעגט זיך איר אײַנגעבן מיך דורכצופירן דורכן געטאָ־טויער, ווייס איך ניט.

— איינמאָל איז מאַניע געקומען צו דער מאַמען אויף דער אַרבעט. איך זע, ווי זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער איז אינדערנאָענט ניטאָ, זיך איבערגעשושקעט. דערנאָך האָט מען מיך אָפּגעפירט אין אַ שטיל ווינקל, אָפּגעשוירן מיר די האָר און אַראָפּגענומען די געלע שמאַטע. מאַניע האָט מיך גענומען פאַר אַ האַנט, אַרויסגעפירט אין דרויסן, און מיר זײַנען אַוועק אויף אונדזער פריערדיקער דירע, אויף ריגער גאַס, 48. מיט מיר האָט מאַניע שטרענג אײַנגעכאַזערט, אַז טאָמער וואָס־ווען, זאָל איך זאָגן, אַז זי איז מײַן מאַמע, און דעם טאַטן קען איך ניט. דאַן האָב איך ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס עס באַטײַט, נאָר הײַנט ווייס איך, אַז כ׳האָב געדאַרפט ווערן אַ מאַמזער.

— אַזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט אַ כוידעש צײַט, שטיל־רויִק. עמעס, ס׳האָט זיך געוואָלט לויפן, שפּרינגען, ווי אַ קינד, נאָר איך האָב געדאַרפט זיצן שטיל, אַפילע אין פענצטער ניט געטאָרט אַ קוק טאָן. אָבער דער סייכל איז בײַ מיר פאַרט געווען אַ קינדערשער. ס׳איז מיר אויסגעגאַנגען די נעשאָמע אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרט, הינטערן פענצטער, אין דער דרויסנדיקער וועלט. צום אומגליק, האָט דער קינדערשער נײַגער גענומען דעם אויבנאָן. ניט אומזיסט זאָגט מען דאָך, אַז אַ קינד בלײַבט אַ קינד, כאָטש פון צאָרעס האָבן מיר שוין געהאַט איבערגעלעבט. מאַניע פלעגט מיך היטן, ווי די אויגן אין קאָפּ. דאָך האָב איך געכאַפּט אַ מאָמענט, ווען זי איז געווען פאַרטאָן, בין צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. צום אומגליק, דאַרף פאַסירן, אַז גראָד אין דעם מאָמענט זאָל די גאַסן־קערערן, די דוואָרניטשיכע, אַ קוק טאָן אין אונדזער פענצטער און, דערקענענדיק מיך, האָט זי אַרויסגערופן פּאָליציי. קעדיי דורכקאָנטראָלירן די מעסירע, איז געקומען דאַפקע אַ באַקאַנטער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט געקענט מײַן פאָטער און אויך מיך. וויפל מאַניע האָט ניט אײַנגעטײַנעט מיט אים, האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן.

— אַלזאָ, — זעצט פאָר פּערעלמאַן זײַן דערציילונג, — מע האָט אונדז גענומען שלעפּן אין דער זיכערהײַטס־פּאָליציי. נאָר מאַניע האָט געטײַנעט אירס, איך האָב עס באַשטעטיקט. איינמאָל האָבן מיך די פּאָליציאַנטן אויסגעטאָן און זיך איבערצײַגט, אַז איך בין אַ געמאַלעטער. די מוטיקע מאַניע האָט זיך ניט פאַרלוירן. זי האָט געזאָגט, אַז איך בין בײַ איר אַ מאַמזער, ניט־געזעצלעך געבוירענער, און זי האָט געדינט אַלס דינסט בײַ פרומע ייִדן, וועלכע זײַנען באַשטאַנען, זי זאָל מאַלען דאָס קינד. אויב ניט, וועט מען זי פון דער אַרבעט אַנטזאָגן. די צײַטן זײַנען אין פאַרמילכאָמעדיקן לעטלאַנד געווען שווערע — נויט, אַרבעטלאָזיקײַט, און מוירע האָבנדיק צו פאַרלירן די שטעלע, איז זי מאַסקים געווען צו מאַלען דאָס קינד. קעדיי איבערצײַגן, אַז איך בין טאַקע איר זון, האָט זי רעכטצײַטיק זיך באַזאָרגט מיט אַ מעטריקע, וועלכע מע האָט איר אַרויסגעגעבן אין פּסקאָווער קאָסטיאָל.

— עלף מאָל האָט מען אונדז אַרויסגערופן אין דער זיכערהײַטס־פּאָליציי, — זעצט פאָר צו דערציילן שײַעל, — עלף מאָל! דאָס איז פּונקט ווי אַרײַנצוגיין יעדעס מאָל אין געהענעם. עלף מאָל, איר הערט? אַ ווערטעלע צו זאָגן!.. דאָס סאַמע שוידערלעכסטע איז פאָרגעקומען אין 21־טן קאַבינעט. ביז הײַנט, אַז איך דערמאָן זיך דעם באַזוך, פאַלט מיר אָן אַ קעלט איבערן לײַב. כ׳קלער — ווו האָט זיך בײַ מיר גענומען קויעך דאָס איבערצוטראָגן? אַלזאָ, איך גיי מיט מאַניען אַרײַן אין צימער. רעציכעסדיקע אויגן — פון אַלע זײַטן. מאַניען האָט מען אַרויסגעטריבן אין קאָרידאָר, מיך האָט מען אויסגעטאָן נאַקעט און גענומען מיך פּײַניקן, כ׳זאָל זאָגן, ווער מײַן עמעסע מאַמע איז. איך האָב פעסט געטײַנעט: מאַניע איז מײַן מאַמע, דעם טאַטן קען איך ניט. דאָס האַרץ איז מיר אײַנגעפאַלן, ווען איך זע, ווי דער פּאָליציאַנט נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער, שטעלט אים צו צו מײַן נאַקעט בײַכל און אַ ריזיקער שאָף־הונט, גרויס ווי אַ קאַלב, האָט זיך מיט אַ שרעקלעכער בילערײַ גענומען וואַרפן צו מיר. כ׳האָב זיך אײמעדיק דערשראָקן, גענומען שטאַרק וויינען און שרײַען.

— אזוי אַלעמאָל האָבן זיי מיך אַרויסגעטריבן אין קאָרידאָר, אַרויסגעוואָרפן מײַנע זאַכן. מאַניע, אַ טויט דערשראָקענע און באַמרוזיקטע, האָט מיך האַרציק אַרומגענומען, צוגעדריקט צו איר ברוסט, אײַנגעשטילט מײַן געוויין, אָנגעטאָן מיר די זאַכן און מיר זײַנען אַוועקגעגאַנגען...

ווען מע האָט זיי אַזוי אומופהערלעך געגומען אַרויסרופן אין דער זיכערהײַסט־פּאָליציי, איז קלאָר געוואָרן, אַז בלײַבן אין שטאָט איז לעבנסגעפֿערלעך. ווער קאָן גאַראַנטירן? ס׳קאָן דאָך גראָד געשען, אַז דעם קינדס נערוון וועלן מער ניט אויסהאַלטן און עס וועט אַרויספּלאַפּלען דעם עמעס. ביפֿראַט נאָך, אַז די דוואָרניטשיכע מיטן פּאָליציִאַנט ווייסן אַף זיכער, אַז ער איז טאַקע שייעלקע. דעריבער איז מאַניע נעלעם געוואָרן און האָט שייעלקען אָפּגעפֿירט צו אירע באַקאַנטע. ניט ווײַט פֿון דער שטאָט, אין מעדומער סעלסאָוועט. דאָרט, אין דער מישפּאָכע יונעלס, האָט ער געפֿונען אַ היים. באַזונדערס האָבן וועגן אים געזאָרגט מאַריִע יונעל און אירע צוויי זין לעאָניד און אַדאַם.

אײַנגיכן האָט די פּאָליציי זיך גענומען אָנפֿרעגן וועגן דעם נײַעם באַכערל, וועלכער האָט זיך באַוויזן בא די יונעלס אין כוטער. אויך איצט איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען, ווי צו באַקומען אַ פֿאַלשע געבורטס־שײַן.

— אָט זעט איר, — זאָגט צו מיר שייעל פּערעלמאַן, באַווײַזנדיק אַ געל־געוואָרן פֿון דער צײַט פּאַפּירל, — דאָס איז די פֿאַלשע מעטריקע, אַרויסגעגעבן אין אַרכיוו, אין ווילנע, דעם 26 אָקטיאַבער 1943 יאָר, נומער 10409. דאָס איז אַ קאָפּיִע, אַראָפּגענומען קלוימערשט פֿון דעם מעטריקע־בוך פֿון דער סמאָלינסקער קאַטוילישער צערקווע. אָט זײַנען די אונטערשריפֿטן מיטן שטעמפּל. כאָטש ס׳איז אַ פּיקטיוו פּאַפּירל, איז עס געווען גאָלד מיט בריליאַנטן. לויט דער מעטריקע הייס איך יאַניס ציבליס, געבוירן דעם 24 מאַרט 1930. מײַן מאַמע הייסט מאַריִע, קיין פֿאָטער ווערט דאָ ניט אָנגעוויזן. אַרויסגעבנדיק אַזאַ פֿאַלש פּאַפּירל, האָבן פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַמטלײַט אויך ניט ווייניק ריזיקירט. ווען די יונעלס האָבן צוגעשטעלט די מעטריקע, האָט זיך שוין קיינער צו זיי ניט געקאָנט צוטשעפּען, און די פּאָליציי האָט זיך אויפֿגעהערט מיט מיר אינטערעסירן. ווי אַ לײַבאייגן קינד, האָבן די יונעלס מיך געהאַלטן ביז ענדע 1945, ביז די מוטער מײַנע האָט זיך צוריקגעקערט פֿון דײַטשלאַנד, ווו זי איז געזעסן אין אַ היטלעריסטישן טויט־לאַגער.

איך האָב געפֿרעגט:

— און ווו איז אַהינגעקומען מאַניע?

— זי האָט ניט שאָלעם געמאַכט מיט די אָקופּאַנטן, זיך פֿאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנער, אַרײַנגעפֿאַלן אין געסטאַפּאָ און איז אומגעקומען אין ריגער טפּיסע...

פּאַול קרומין, דער עכטער מוזיקאַנט

אין סאָף פֿון די 20־ער יאָרן האָט מען אין שטאָט פֿיל גערעדט וועגן דער קליינינקער ציליע גראַדיס, דעם וווּנדערקינד. מע האָט דערציילט, אַז דער דירעקטאָר פֿון דער היגער פֿאָלקס־קאָנסערוואַטאָריע פּאַול יאַנאָוויטש קרומין האָט איר פֿאָרויסגעזאָגט אַ מוזיקאַלישע קאַריערע, און ער אַליין האָט גענומען זי לערנען שפּילן פֿידל.

פּאַול קרומין איז געווען אַ טאַלאַנטירטער פֿידלער, דיריזשאָר און פּעדאַגאָג. ער האָט געהאַלטן, אַז די באַצויבערנדיקע מוזיק־טענער זײַנען באַרופֿן ניט בלויז צו פֿאַרשאַפֿן פֿרייד און עסטעטישן גענוס, נאָר אויך דערציִען דעם צוהערער אין גײַסט פֿון גערעכטיקײַט, יושער, טיפֿן הומאַניזם און מענטשנליבע. אין דער שווער־אויסגעפּרוּווטער שאָ פֿונעם גרויסן ניסאָיען, האָט ער טאַקע דערוויזן, אַז ער איז אַן עכטער מענטש און מוזיקאַנט.

יוני 1941 יאָר... די צײַט פֿון אורלויבן און שול־קאַניקולן. די גאַסן און בולוואַרן פֿון דער שטאָט ווערן באַלעבטער, טומלדיקער, פֿריילעכער. פֿון ריגע קיין דאַוגאַוופּילס איז געקומען ציליע גראַדיס, קעדיי אירע קאַניקולן אין דער קאָנסערוואַטאָריע פֿאַרברענגען אין היימישן קרײַז. דער ערשטער וויזיט — צום באַליבטן לערער, צו פּאַול יאַנאָוויטשן. ס׳זײַנען דורכגעגאַן געציילטע כאָדאָשים נאָכן אויפֿשטעלן אין לעטלאַנד די סאָוועטנמאַכט, און אין היגן גאַרניזאָן, אינעם גרעסטן קאָנצערט־זאַל פֿון דער שטאָט, טרעט אַרויס דער היגער סימפֿאָנישער אָרקעסטער אונטער קרומינס אָנפֿירונג. די צײַטונג „לאַטגאַלסקאַיאַ פּראַוודאַ” שרײַבט, אַז „אַ באַזונדערער דערפֿאָלג איז אויסגעפֿאַלן אַף פּאַול קרומינען, וועלכער האָט מיט דער יונגער פֿידלערין צ. גראַדיס אויסגעפֿירט דעם פֿידל־דועט „דער טאַנץ אינעם שפּאַנישן סטיל” פֿון פּ. סאַראַסאַטע. ביידע מוזיקער באַהערשן פֿולקום די טעכניק פֿון ווירטואָזער אויספֿילונג...” דער אָרקעסטער טרעט אַרויס מיט קאָנצערטן אין שטאָט, אינעם קוראָרט פּאָגוליאַנקע, אין רעזעקנע. אַלס סאָליסטקע שפּילט ציליע גראַדיס. אין זאַל דונערן אַפּלאָדיסמענטן, און דאָס האַרץ בא פּאַול קרומינען קוועלט אָן פֿון נאַכעס.

נאָר ניט באַשערט איז געווען די קאָניקולן צו פאַרברענגען, ווי מע האָט פּלאַנירט. דעם 26 יוני 1941 האָט שוין די היטלער־פּעסט געבושעוועט אין דאַוגאַוופּילס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פּאָול קרומין דערהערט אין טיר אַ שטילן, ניט־דרייסטן קלאַפּ. אַ צערודערטע און געפאַלענע, איז געשטאַנען פאַר אים ציליע גראַדיס. ער האָט שוין געהערט, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. ציליע האָט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, ווי אַזוי מע האָט זי מיט נאָך פיל ייִדן פאַרשפּאַרט אין אַ בעסמעדרעש. אַלפּי נעס האָט זיך איר איינגעגעבן פון דאָרט אַנטרינען.

זיי האָבן לאַנג געשמועסט. אַרומגערעדט די לאַגע. שפּעטער, ווען אין געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אַקציעס און בלייבן דאָרט איז געוואָרן לעבנסגעפערלעך, האָט ציליע געפונען אַ זיכערן מאָקעם אויף דער ריגער (אַצינד לעניןגאַס, נומ. 30, אין דער דירע פון פּאָול קרומין. מיט זיך האָט זי גאַרניט געבראַכט. איר רייַפקייט־אַטעסטאַט נומער 425 פונעם 13 יוני 1939 יאָר, וועלכע באַשטעטיקט, אַז זי האָט אין ריגע פאַרענדיקט דראַודזינס לעטישע גימנאַזיע, האָט פּאָול יאַנאָוויטש געהיט ביז זיך די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

פּ א ו ל ק ר ו מ י ן

אײַנגיכן איז ציליע פאַרבליבן אַ יעסוימע. אין געטאָ איז בלויז פאַרבליבן איר שוועסטער. אַדיאַ און פּאָול קרומין האָבן זי אויך צוגענומען צו זיך. וועגן דעם ווערט מען געוווּיר אין דער פּאָליציי. דער געשפּענסט פון טויט האָט געשוועבט איבער קרומינס דירע. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס קרומין איז געווען אַ ביז גאָר אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין שטאָט, רופט מען אים אַרויס אויף לאַנגדויערנדיקע פאַרהערן. נאָר ניט די שטרענגע שמועסן, ניט די שאַרפע דראָונגען האָבן אים ניט געצווּנגען זאָגן דעם עמעס. ער לייקנט וועגן אַלץ שטיין און ביין.

אין די דאָזיקע אומרויִקע געפאַרפולע טעג האָט פּאָול יאַנאָוויטש ניט געוווּסט פון קיין רו. באַנאַכט פלעגט ער די שוועסטער גראַדיס בישטיקע אַריבערפירן צו באַקאַנטע אין שטעטל ווישקי, אָדער איבערן דאַוגאַווע, הינטער גריווע, אין נידערקון. ווען די פּאָליציי פלעגט אים אַ ביסל צורו לאָזן און אים האָט זיך געדוכט, אַז זי הייבט אָן פאַרגעסן, פלעגט ער די שוועסטער ווידער ברענגען צו זיך אַהיים.

אײַנמאָל האָט אים באַנאַכט אויפגעוועקט פון שלאָף אַ שטאַרקע טופּעריי אויף די טרעפּ. ווען ער האָט אויפגעעפנט די טיר, האָט ער פאַר זיך דערזען דעם שיק־יונג פון געסטאַפּאָ, דעם פירער פון דער היגער פּאָליציי סאַווערט אין דער באַגלייטונג פון אַ כאָפּטע פּאָליציייען מיט אווטאָמאַטן אין די הענט אין דער פולער קאַמפּס־גרייטקייט.

קרומין האָט זיך געסטאַרעט מיט די לעצטע קויכעס צו האַלטן זיך קאַלטבלוטיק. וויפל די פּאָליציייען האָבן ניט געשמעקט און גענישטערט אין אַלע פאַרוקטע לעכער, האָבן זיי די מיידלעך ניט געפונען, און דאָס האָט נאָך מער געערגערט די מערדער. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער באַהאַלט עמעצן אויס, אָבער אָנכאַפּן אים פאַר דער האַנט האָט זיי נאָך ניט אָפּגעגליקט. אויך דאָס מאָל, פאַרן באַנאַכטיקן אָנפאַל, האָט ער אַריבערגעפירט די מיידלעך צו באַקאַנטע, הינטער גריווע, אין קאַלקון, ווו מע האָט זיי אויסבאַהאַלטן מערערע טעג.

קרומין האָט געוווּנען זוכן אַ מער זיכערן אויסוועג. באַטראַכטנדיק אַלע וואַריִאַנטן און מעגלעכקייטן, האָט ער באַשלאָסן לעגאַליזירן די שוועסטער גראַדיס. ניט מער און ניט ווייניקער!

אַזאַ אידיי האָט אים אויפגעבליצט אין מויעך, ווען איינער פון זיינע געוויזענע שילער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער היגער פּאַספּאָרט־אָפּטיילונג. ווען ער האָט פאַרזיכטיק מעגאַלע געווען פאַר דעם יונגערמאַן זיין אידיי, האָט ער אים איינריידן ניט געדאַרפט. די צוויי ייִדישע מיידלעך האָבן באַקומען צייטווייליקע פּעסער. ניין, ניט קיין פאַלשע, ניט קיין נאָכגעמאַכטע, נאָר עמעסע אָפיציִעלע פּעסער מיט אַלע קליפּ און קלעפּעלעך. די סאַמע שטרענגסטע קאָנטראָלן וועלן זיך ניט קאָנען צוטשעפּען. די ווערט פון אַזאַ פּאַס איז ניט אָפּצושאַצן.

ציליע האָט באַקומען די פאַמיליע קרומין און איז געוואָרן פּאָול יאַנאָוויטשעס אַ פּלימעניצע. נאַדיע איז געוואָרן ליִעפּין. ווער איז נאָך גליקלעכער פון זיי?

כאַדאַשימלאַנג האָבן זיי געלעבט רויִק. דער־צו האָט זיי ניט ווייניק אַרויסגעהאָלפן זייער אויס־זען און דאָס פּאָלקומע באַהערשן די לעטישע שפּראַך. ווען ס'זײַנען אויסגעגאַנגען די טערמינען פון די צײַטווײַליקע פּעסער, זײַנען די שוועסטער גראַדיס אַוועק זיי אומבײַטן. דאָ איז דערלאַנגט גע־וואָרן אַ געוויסער לײַכטזין. זיכערער וואָלט געווען, מע זאָל די דאָקומענטן בײַטן בישטיקע. האָט טאַ־קע פּאַסירט אַן אומגליק. מ'האָט די מיידלעך גלײַך אַרעסטירט. אַ גליק נאָך, וואָס זיי האָבן זיך אין גאָרנישט ניט מודע געווען.

פּאָול קרומין איז בא זיך ניט געפאַלן. זײַן טיפע מענטשנליבע האָט ניט אויסגעבלייכט אפילו אין אַזעלכע ריזיקאַלישע מינוטן. ניט רעכענענדיק זיך מיט די דראָענדיקע פאַלגן, וועלכע קאָנען זײַן בלויז טראַגישע, איז ער אַוועק צו די טפיסע־באַ־לעבאַטים, צום אויספאַרשער און זיך אַקשאָנעסדיק אײַנגעשטעלט פאַר דער קריוודע פון זײַנע אומזיסט אַרײַנגעזעצטע קרויווים. געזוכט יושער און געבייִ־זערט זיך אויף דעם ניט־געהערטן העפקער. אַזוי ווי בא די טורמע־לײַט זײַנען קיין וועזנטלעכע דער־ווײַזונגען ניט געווען וועגן דעם ייִדישן אָפּשטאַם פון די פאַרהאַלטענע און רעכענענדיק זיך מיט קרומינס אויטאָריטעט, האָט מען די שוועסטער גראַדיס פרײַגעלאָזן.

ס'זײַנען דורכגעגאַנגען נאָך פינף רויִקע כאַדאַ־שים. מע האָט שוין געקאָנט מיינען, אַז די טײַ־ערע לאָנים האָבן פאַרגעסן אין די מיידלעך. נאָר ניין. עמעצער האָט ווידער „אָנגעקלאַפּט", וווּהין מע דאַרף. ווידער רופט מען קרומינען אין דער פּאָ־ליצײַ, אין דער געסטאַפּאָ, כאָטש די מיידלעך האָט מען ניט געכאַפּט.

אין אויגוסט 1942 האָבן די היגע פאַשיסטן פאַבריצירט אַ קרימינעלן פּראָצעס קעגן פּאָול קרומינען. האָגאָם קיין שום קאָנקרעטע דערווײַ־זונגען, אַז ער האָט „באַשמוצט זײַן ראַסן־ערע" זײַנען ניט געווען, האָט מען אים פאַרמישפּעט צו לאַנגטערמיניקער טפיסע.

אָבער אַ טאָג פאַר דעם, ווי מע האָט אים אַרײַנגעוואָרפן אין דער איפּעשדיקער טפיסע־קאַמער נומער 17, האָט ער מיט דער הילף פון אַ באַקאַנטן אײַזנבאַנער רעכטצײַטיק באַוויזן אָפּשיקן די שוועסטער גראַדיס צו זײַנע קרויווים אין ליטע.

דער באַוווּסטזײַן, אַז ער האָט ערלעך אויסגעפילט זײַן מענטשלעכן כויוו, האָט אים פאַרלײַכטערט אַריבערצוטראָגן דאָס איזדיעקוועןן זיך פון די געסטאַפּאָ־אופּזיער בייס דער פײַנלעכער געפענקעניש, הינטער די דיקע טפיסע־ווענט.

...וועגן דעם אַלעם האָט זיך פּאָול קרומין דערמאָנט, ווען ער איז געזעסן אויף דער לעקאָוועד אים אויסגעפּוצטער בינע אינעם גרעסטן קאָנצערט־זאַל פון דער שטאָט. אַ סאַך זײַנע פאַרערער און געוועזענע טאַלמידים האָבן הארציק געקושט און גראַטולירט דעם גרײַז־גראָוון מוזיקאַנט. צילע גראַ־דיס מיט איר שוועסטער זײַנען אין זאַל ניט געווען און קיין באַגריסונג־טעלעגראַמע איז ניט אָנגעקומען. זיי זײַנען אומגעקומען אין די ווײַטערדיקע מילכאָמע־קאַטאַקליזמען.

די געזעלשאַפטלעכקייט פון דער שטאָט האָט אויף דעם יויוול־אָוונט פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 70־טן געבורטסטאָג און די 50־יאָריקע פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט פונעם פאַרדינסטפולן קונסט־טוער פון דער לעטלענדישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק פּאָול יאַנאָוויטש קרומין.

פּאָול קרומין איז געשטאָרבן אין 1965 יאָר.

ערע זײַן ליכטיקן אָנדענק.

(סאָף קומט)

וויקטאָר מיטראָשענקאָוו

דער וועג אין הימל-רוים

וויקטאָר פּיאָדאָראָוויטש באָלכאָוויטינאָוו האָט אָפּגעלעבט, אויב רעכענען לויט די הײַנטיקע צײַטן, ניט קיין סאך — זיבעציק יאָר.

איבערגעלאָזט האָט ער נאָך זיך א גרויסע צאָל ביכער און צייכענונגען, צענדליקער אעראָפּלאַנען פון נײַסטע קאָנסטרוקציעס. באוויזן אָנשרײַבן זײַנע כאוויירים. אָבער וועגן זיך אַליין ניט אָנגעשריבן קיין איין וואָרט.

ער האָט ליב געהאט דאָס לעבן: געשריבן לידער, געשאפן מוזיק, איבערגעזעצט סאָנעטן, וועלכע ס'האָבן פּאַרפאסט פּאָעטן פונעם אוראלט.

אין א מענטשן האָט ער געשאצט באשטענדיקײַט, אין מאטעמאטיק — פּינקטלעכקײַט, אין קאָנסטרוקציעס — זיכערקײַט, און דער וויסנשאפט — נאָכאנאנדיקײַט.

ער האָט ניט געקאָנט לאנג זיצן אויף איין אָרט, ליב געהאט ארומצוואנדערן. אָבער דאָס גאנצע לעבן זײַנס האָט ער אָפּגעלעבט אין איין דירע.

אין מאָסקווע האָט ער געבענקט נאָך סאראטאָוו — דער שטאָט פון זײַן קינדהײַט. אין סאראטאָוו — געלעבט מיטן טרוים גיכער זיך אומקערן קיין מאָסקווע — דער שטאָט פון פּושקינען און טאָלסטאָיען.

געענדיקט די גימנאזיע, איז ער אָנגעקומען אפן מעדיציניש פּאקולטעט פונעם סאראטאָווער אוניווערסיטעט. אָבער אין א האלב יאָר ארום איז אים קלאָר געוואָרן, אז מעדיצין איז ניט זײַן באַרוף. ער גייט אריבער אפן פיזיק-מאטעמאטישן. שפּעטער דערמאָנט ער זיך: „ס'איז מיר געווען אינטערעסאנט, נאָר ניט זייער...”

אין הארבסט 1918 קומט ער קיין מאָסקווע מיט א געוואגטן טרוים — ווערן א סטודענט פון מ. וו. ט. או. (מאָסקווער העכסטע טעכנישע שול). ער באזוכט אקוראט לעקציעס, הערט מיט באגײַסטערונג זשוקאָווסקין, ווערט אָבער קראנק אויף טיף, און בעסאָד-סוידעס, מוירע האָבנדיק ארויסרופן אומצופרידנקײַט פון די עסקולאפּן, פּארלאָזט ער מאָסקווע, קערט זיך אום קיין סאראטאָוו. ווי נאָר ער שטעלט זיך אויף די פיס, גיט ער אײַן א מעלדונג, מע זאָל אים אָננעמען אין אינסטיטוט פון אינזשעניערן פונעם רויטן לופט-פלאָט. ער האָט מיטן גאנצן הארצן ליב געהאט אוויאציע, געפילט אין זיך אן אומגעצוימטן קויעך, געווען איבערצײַגט, אז ער קען דאָ צוניץ קומען. די אקשאָנעסדיקײַט זײַנע האָט אים ניט אונטערגעפירט. אין 1921 קומט ער אָן אין אינסטיטוט פונעם רויטן לופט-פלאָט (אין א יאָר ארום — אן אקאדעמיע, ווו ער הייבט אָן מיטארבעטן אין דער קאָנסטרוקטאָר-אָפּטיילונג.

אין 1923 גרינדעט זיך אין דער אקאדעמיע א מיליטער-וויסנשאפטלעכע געזעלשאפט, אין וועלכער עס ווערט אײַנגעשלאָסן די ערשטע אין פּסנר סעקציע פון צווישנפּלאנעטארע פּארבינדונגען. אויף אירע זיצונגען לאדן אײַן די אָנפירער פון דער סעקציע באוווּסטע סאָוועטישע געלערנטע — פ. צאנדערן, וו. וועטשינקינען, ב. רינינען. דעם 23 אויגוסט 1923 ווערט געשאפן די אלפּארבאנדישע געזעלשאפט פון צווישנפּלאנעטארע פּארבינדונגען. אין איר פּארוואלטונג גייען ארײַן צוהערער פון דער אקאדעמיע — מ. לייטענזאָן, וו. קאפּערסקי, מ. רעזונאָוו, מ. טיכאָנראוואָוו, אי. קליימענאָוו, וו. באָלכאָוויטינאָוו. זיי שטעלן אײַן א קאָרעספּאָנדענץ מיט ציאָלקאָווסקין, וועלכער שרײַבט זיי:

„טײַערע כאוויירים, איך ענטפער אויף אײַער בריוו פונעם 4 מײַ 1924. איך פיל אײַך פולקום מיט אין אײַער פּארלאנג צו אינסצענירן א פּאנטאזיע פון צווישנפּלאנעטארע רײַזעס. כ'וועל זײַן זייער

צופֿרידן, אויב איך וועט אויסנוצן מײַן בוך „אויסער דער ערד". אָבער דעם קינעמאַטאָגראַף איז דאָ שווער אָנצוקומען... א סאַך לײַכטער איז אילוסטרירן א בוך און באַווײַזן נעפּלדיקע בילדער.

עקספּערימענטן מיט רעאַקטיווע מאַכשירים זײַנען זייער נוצבאַר, און פֿון זיי דאַרף מען אָנהייבן. נאָר מע מוז וויסן די טעאָרעטישע יעסודעס און קלאָר פֿאָרויסזען, צו וואָס מיר שטרעבן און וואָס מיר קאָנען באַקומען.

...די שנעלקייט פֿון ראַקעטן אין דער סוויווע, וואָס איז פֿרײַ פֿון וואָגיקייט, וואַקסט אומופֿהערלעך, וויאַזוי עס זאָל ניט זײַן קליין די מאַסע פֿון די קערפּערס, וועלכע ווערן אָפּגעוואָרפֿן...

א גרוס אײַך, א גרוס די לערער.

אײַער ק. ציאָלקאָווסקי".

אין לאַנד גייט א ראַשיקע אַנטוויקלונג פֿונעם פּלאַנעריזם. אין 1923 פֿירט דורך דער צענטער פֿון אָנמאָטאָרישער אַוויאַציע בא דער געזעלשאַפֿט פֿון פֿרײַנט פֿונעם לופֿטפֿלאָט אין קרים, לעם פֿעאָדאָסיע, די ערשטע פּרוּוון פֿון פּלאַנערן.

דער נײַנטער צוזאַמענפֿאָר פֿונעם לענינישן קאָמסאָמאָל נעמט אָן א באַשלוס, אַז דער קאָמיוג נעמט שעפֿטום איבערן לופֿטפֿלאָט. טויזנטער יונגע מענטשן שליסן זיך אָן אין די רייען פֿון די אַעראָקלובאָווצעס. באַזונדערס צוגענגלעך און פּאָפּולער ווערט דער פּלאַנערישער ספּאָרט. צום אָנהייב פֿונעם יאָר 1935 האָבן זיך אין לאַנד שוין אָנגעציילט 230 פּלאַנערישע סטאַנציעס, 10 שולן, 1960 קרײַזלעך. אין זיי האָבן זיך געלערנט קימאַט 17 טויזנט פּלאַנעריסטן.

די צוהערער פֿון דער אַקאַדעמיע ווערט דערלויבט אין די לערן־וואַרשטאַטן בויען פּלאַנערן, אַוויעטקעס און זומער זיי אויספּרוּוון. פֿאַר יעדן צוהערער איז געווען אַן ערע צו נעמען אַן אָנטייל אין די פֿאַרמעסטונגען, וועלכע פֿלעגן דורכגיין אין קרים, אין קאָקטעבעל.

אין מײַ 1926 ענדיקט וויקטאָר פּיאָדאָראָוויטש באָלכאָוויטינאָוו די מיליטערישע לופֿט־אַקאַדעמיע און גיט אָפּ די שוועע פֿון היפּאָקראַטן צו זײַן איבערגעגעבן דער אַוויאַציע: „...איך בין אָנגעקומען אין די רייען פֿונעם רויטן לופֿטפֿלאָט, קעדיי מעסירעסנעפֿעשדיק אַרבעטן אויף צו שטאַרקן אים, מיטווירקן דעם וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, זוכן נײַע וועגן, אַנטדעקן אומבאַוווּסטס, שאַפֿן אָריגינעלס, אָבער אומבאַדינגט אַזעלכס, וואָס פֿליט גוט און איז געהאָרכזאַם דעם פּילאָט".

שפּעטער וועלן אָפֿן לעבנסוועג פֿונעם יונגן קאָמאַנדיר פֿון דער רויטער אַרמיי אויפֿקומען ניט ווייניק שוועריקייטן, ס'וועלן אַנטשטיין אומשטאַנדן, וואָס רופֿט אַרויס פֿאַרצווייפֿלונג, וואַקלונגען, ניט זיכערקייט. אָבער קיינמאָל האָט באָלכאָוויטינאָוו ניט פֿאַראַטן זײַן שוועע, דעם טרוים פֿון זײַן לעבן.

ער שאַפֿט אַן אַוויעטקע — עפּעס א קליינטשיקן פֿליענדיקן אַפּאַראַט, וועלכע ווײַזט גוטע פֿלי־רעזולטאַטן. נאָכן פֿאַרענדיקן די אַקאַדעמיע ווערט ער באַשטימט אַלס עלטערער מעכאַניקער אין דער סעוואַסטאָפּאָליער פּילאָטן־שול. עס דאַרפֿן דורכגיין עטלעכע כאָדאָשים, ער זאָל זיך איבערצײַגן, אַז ס'איז נויטווענדיק צו האָבן און ס'איז רעאַל צו פֿאַרווירקלעכן אַזא קימאַט פֿאַנטאַסטישן פֿאַרטראַכט: אַעראָפּלאַנען קאָן מען קאַטאַפּולטירן פֿונעם באָרט פֿון שיף. צוריקקערנדיק זיך אין דער אַדיונקטור, פֿאַרענדיקט ער אַן ערנסטע און גרויסע אַרבעט: „די קאַטאַפּולטע און די אַעראָפּלאַנען־שיפֿן". אַזא איז די טעמע פֿון זײַן דיסערטאַציע.

ער שרײַבט אַרטיקלען, לערנביכער וועגן הידראָאַוויאַציע, זײַן מויעך איז פֿאַרנומען מיט דער נײַער מאָדעל פֿון אַן אַעראָפּלאַן: א פֿילמאָטאָרישן, דורכויס מעטאַלענעם.

אַדאַנק דעם ווילן און דער אַקשאָנעסדיקייט פֿונעם יונגן אַדיונקט ווערט דער קאָנסטרוקטאָרישער אָפּטייל פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַרבעטס־אָרגאַן פֿון טעכנישן פּראָגרעס, אַלע פֿלי־אַפּאַראַטן, כאָטש זייער אומבאַדינגטן נאָמען, באַקומען אויך דעם נאָמען „אַקאַדעמישע".

וולאַדימיר פּעטראָוויטש וועטשינקין, וועלכער האָט אין יענע יאָרן אונטערגעשטיצט דעם יונגן געלערנטן, וועט וועגן אים מיט אַנציקונג זאָגן: „אין געביט פֿון הידראָאַוויאַציע איז באָלכאָוויטינאָוו איינער פֿון די ווייניקע ערנסטע ספּעציאַליסטן. די טעמע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן — קאַטאַפּולטירן אַעראָפּלאַנען — איז נאָך לאַכלוטן ניט אויסגעפֿאָרשט און איז זייער אַקטועל".

אין 1931 הייבט מען אָן אין דער אַקאַדעמיע גרייטן אינזשעניערן אינעם פֿאַך פֿון רעאַקטיווע מאָטאָרן. אַלס וויסנשאַפֿט־באַזע פֿאַר אונטעריכטן די דאָזיקע קעגנשטאַנדן דינען די ווערק פֿון ק. ע. ציאָלקאָווסקין, אי. וו. מעשטשעריאַקאָוון, נ. יע. זשוקאָווסקין, ב. ס. סטרעטשקינען, וו. פּ. וועטשינקינען. מיט א ציקל לעקציעס טרעט אַרויס אין דער אַקאַדעמיע פֿ. א. צאַנדער. צוויי מאָל קומט אַהין צו פֿאָרן ס. פּ. קאָראָליאָוו.

באָלכאָוויטינאָוו האָט גוט געקענט קאָראָליאָוון, זײַענדיק מיט אים אויף די פֿאַרמעסטונגען אין קרים. ער איז געווען אַנציקט פֿון קאָראָליאָווס אומויסשעפּלעכער ענערגיע, פֿון דעם, וואָס יענער איז קיינמאָל ניט געווען באַפֿרידיקט מיטן דעראָבערטן. צו קאָראָליאָוון באַציט ער זיך מיט היספּײַלעס, עס זײַנען אים נאָענט א סאַך זײַנע וויסנשאַפֿטלעכע קאָנצעפּציעס. ביידע געלערנטע טרעפֿן זיך זעלטן,

וועדן־ניט־וועדן שרײַבן זיי זיך איבער. נאָר אין טעאָרעטישע גערעכנטן שטייען זיי בײדע שטענדיק אױף איין זײַט פֿון דער באַריקאַדע.

אויך דאָס מאָל איז זייער באַגעגעניש געווען אַ קורצע.

— יאָ, ציאָלקאָווסקי פֿאַרכאַפּט מיך אַלץ מער און מער, — איז זיך מודה קאָראָליאָוו.

— געלייענט, געהערט, איך ווייס. עכטע פֿאַנטאַסטיק. — האָט אים גאַנץ מעסיק אונטערגעהאַלטן באַלכאָוויטינאָוו.

— ניין, וויטבאַל, — אַזוי פֿלעגט קאָראָליאָוו אָנרופֿן וויקטאָר באַלכאָוויטינאָוון, — קיין שום פֿאַנטאַסטיק, דורכויס ווירקלעכקײַט...

— ווירקלעכקײַט!

אַלע זײַנען אַראָפּ פֿונעם זינען: גיב זיי ראַקעטן!

באַלכאָוויטינאָוון איז ניט לײַכט געווען צו פֿאַרקערעווען אין אַ זײַט. פֿאַרטיידיקנדיק די דיסערטאַציע, הערט ער אויף, אומגעריכט פֿאַר אַלעמען, צו אַרבעטן אין געביט פֿון הידראָ־אַעראָפּלאַנען און פֿאַרנעמט זיך מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפֿן אַ פּילמאַטאָריקן באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַן. זײַן פֿאָרשלאָג האָט צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט בײַ דער אָנפֿירונג פֿון די מיליטערישע לופֿט־קויכעס, פֿונעם נאַרקאָמאַט פֿון דער אַוויאַציע־אינדוסטריע. ער אײַלט זיך אָבער ניט. זײַענדיק פֿרײַ פֿון וועלכער ניט איז פּוסטער גײַווע, באַציט ער זיך צו דעם געבורט פֿון זײַן ערשטן אַעראָפּלאַן אַזוי: בעסער איין אַעראָפּלאַן, וואָס קאָן פֿליִען, איידער צוויי, וואָס קאָנען נאָר שטיין אויף דער ערד. ער מעלדעט וועגן זײַן פֿאַרלאַנג צו באַקאַנען זיך מיט די אַרבעטן, וואָס פֿירן זיך אין אויסלאַנד. זײַנע קאָלעגן זײַנען פֿאַרצווייפֿלט: וויפֿל צײַט וועט מען מוזן פּאַטערן, ביז מ'וועט זיך דערוואַרטן, ס'זאָלן איבערגעזעצט ווערן די געדרוקטע אין אויסלאַנד אַרטיקלען און ביכער!..

דאָס לאַנד האָט געהאַלטן אין שאַפֿן זײַן לופֿטפֿלאָט. מיט דערפֿאָלג גייען די פּרוּוון פֿון אַ. נ. טופּאָליעווס אַעראָפּלאַנען טב־3, וועלכער ווערט אַרײַנגעלאָזט אין דער סעריע־ווײַזער פּראָדוצירונג, מע נעמט אים אָן אויף באַוואָפֿענונג אין די מיליטערישע לופֿט־קויכעס. לויטן באַשלוס פֿון דער רעגירונג שיקט מען אַוועק דרײַ אַעראָפּלאַנען טב־3 מיט דעמאָנסטראַציע־ציִלן אין טורנע: וואַרשע—פּראַג—ווין—פּאַריזש.

דאָס איז געווען שוין די צווייטע, נאָך מ. מ. גראָמאָווס פֿלוג, פּאָליטישע אַקציע. זי איז אָנגענומען געוואָרן מיטן ציל אונטערצושטרײַכן דעם פּריאָריטעט פֿון אונדזער אַוויאַציע, באַווײַזן די דערגרייכונגען פֿונעם סאָוועטנלאַנד.

אויפֿן אַעראָפּלאַן טב־א (ווײַטער באָמבאַרדירער אַקאַדעמישער) איז צום ערשטן מאָל אָנגעווענדט געוואָרן אַ שאַסי, וואָס נעמט זיך אויף אַ האַלבע אַוועק, אַ גלאַטער מעטאַלענער באַשלאָג און אַ פֿאַרמאַכטע קאַבינע. הײַנט קאָן עס אַרויסרופֿן אַ שמייכל בײַ די לייענער, נאָר אין יענער צײַט האָט דאָס אַלץ באַטײַט אַ גרויסן טראָט פֿאָרויס פֿון דער וויסנשאַפֿט און טעכניק. דעם 1 מײַ 1936 איז דער אַעראָפּלאַן דב־א דורכגעפֿלויגן איבערן רויטן פּלאַץ. אין נאָיאַבער 1936 האָבן די פֿליִער ביוקטיקאָוו און ליפּקין אײַנגעשטעלט אויף אָט דעם אַעראָפּלאַן צוויי וועלט־רעקאָרדן פֿון אויפֿהייבן מאַסעס — 10 און 13 טאָן.

דאָס יאָר 1936 איז פֿאַר באַלכאָוויטינאָוון זייער אַ מערקווירדיקס. מע אַנערקענט אים אַלס אַ פֿירנדיקן קאָנסטרוקטאָר, ער באַקומט אַן אָרדען, ווערט אַ פֿאָטער — ס'איז בײַ אים געבוירן געוואָרן אַ זון. מע אייגנט אים צו דעם מיליטערישן טיטל מיליטער־אינזשעניער פֿון ערשטן ראַנג. ער ווערט באַשטימט אַלס אָנפֿירער פֿון דער קאַפֿעדרע.

אין דער לאַבאָראַטאָריע הייבט ער אָן אַ נײַע אַרבעט: פֿאָרשט אויס די אַעראָדינאַמישע אייגנשאַפֿטן פֿון דער פֿאַרטראַכטער מאָדעל.

אַ נײַער אַעראָפּלאַן... וואָס פֿאַר אַ מין מאַשין דאַרף ער זײַן? פֿאַרשטייט זיך, בעסער פֿון דער, וואָס ער האָט שוין געשאַפֿן. נאָר ווו זײַנען די גרענעצן פֿון דעם מענטשנס מעגלעכקײַטן, פֿון דער וויסנשאַפֿט, טעכניק, פּראָדוצירונג? וואָס דאַרף מען טאָן, אַז אומדערגרייכבאַרס זאָל ווערן רעאַל און מע זאָל עס קאָנען אײַנגלידערן שוין הײַנט? אַ קאָנסטרוקטאָר, וועלכער שפּאַרט זיך ניט אָן אויף סעריע־פּראָדוצירונג, איז פֿאַרמישפּעט צו ווערן אַ נוצלאָזער פֿאַנטאַזיאָר. אין דער וויסנשאַפֿט, ווי אין דער מאָדע, איז בעסער זײַן דער ערשטער, איידער אַ נאָכפֿאָלגער. דעם אָנהייבער קאָן מען צוערשט ניט פֿאַרשטיין, אָבער שפּעטער, ווען מע הייבט אים אָן „צעקײַען", פֿאָלגט מען אים נאָך.

די אַוויאַציע אַנטוויקלט זיך האַסטיק, אָבער די פֿאָדערונגען צו איר וואַקסן נאָך שנעלער. באַלכאָוויטינאָוו וועט שוין זײַן אַן אַנערקענטער קאָנסטרוקטאָר, פֿאַרנעמען די שטעלע פֿון אַ הויפּט־קאָנסטרוקטאָר און אַרבעטן אין דער סיסטעם פֿון דער אַוויאַציע־אינדוסטריע, ווען ס'וועט אים פֿאַרכאַפּן אַ נײַע דרייסטע, אומדערוואַרטע, גלענצנדיקע אידיי.

דער דאָקטאָר פֿון טעכנישע וויסנשאַפֿטן, פּראָפֿעסאָר אי. סווערדלאָוו וועט שרײַבן: „הײַנט איז אונדז שווער צו באַנעמען די גאַנצע קאָמפּליצירטקײַט פֿון דער פּראָבלעם, וועלכע עס האָט זיך גענומען

גענעראל-מאיאָר פון אוויאַ-
ציע, דאָקטאָר פון טעכנישע
וויסנשאַפטן פּראָפעסאָר וויק-
טאָר פיאָדאָראָוויטש באָלכאַ-
וויטינאָוו

דער גענעראל באָלכאָוויטינאָוו (אין צענטער) צוגאַסט בא די אוויאַטאָרן

לייזן די ביוראָ. ס'זײַנען דאָך דעמלט ניט געווען קיין טעאָריע פֿון פֿליסיקע רעאַקטיווע מאָטאָרן, קיין אויסגעפּרוּווטע קאָנסטרוקציעס פֿון אַזעלכע טיפּן מאָטאָרן, קיין טעאָריע פֿון פֿליִען מיט שנעלקייטן, נאָענטע צו דער שנעלקייט פֿונעם קלאַנג. מע האָט באַדאַרפֿט האָבן אַן אויסערגעוויינלעכע דרייסטקייט, קעדיי צו נעמען זיך אַליין אַזאַ אויפֿגאַבע. וויקטאָר פּיאַדאַראָוויטש נעמט צונויף אין דער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ אַזעלכע, ווי ער, ענטוזיאַסטן פֿון דער נײַער זאַך.

אַ באַפֿליגלטע ראַקעטע...

דער געדאַנק וועגן איר האָט אויפֿגערודערט די מויכעס פֿון אַ סאַך אַוויאַקאָנסטרוקטאָרן. ס'איז געווען קלאָר, אַז דער פּראָפּעלער ווערט אַ שטערונג אויפֿן וועג צו פֿאַרגרעסערן די שנעלקייט פֿונעם פֿלי. הייסט עס, מע דאַרף האָבן אַן אַפּאַראַט אָן אַ פּראָפּעלער, מיט אַנדערע ווערטער, אַן אַפּאַראַט, וואָס ניצט אויס רעאַקטיווע שלעפּקראַפֿט.

עס איז געגאַנגען דאָס יאָר 1938.

באַלכאָוויטינאָוו קאָן זיך ניט פֿאַרגינען צופֿאַרן אין דער שטאָט פֿון זײַן קינדהייט — סאַראַטאָוו. ער ניצט ניט אויס די מעגלעכקייט אָפּצורוען אויפֿן שוואַרצן יאַם, שפּאַצירט שוין ניט מער איבער די מאָסקווער גאַסן, האָגאַם ערשט ניט לאַנג האָט ער זייער ליב געהאַט אַזעלכע שפּאַצירן. פֿאַרשטייט זיך, ער איז מיד. אָבער ער האָט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן, רעאַליזירן זײַנע פֿאַרטראַכטן.

נאָך אין אויגוסט 1933, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערפֿאָלגרײַכן לאָזן די ראַקעטע 09, האָט קאָראָליאָוו געמאָלדן: „די סאָוועטישע ראַקעטעס מוזן באַקעמפֿן דעם רוים". אין דער צײַטונג „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ" שרײַבט ער: „רעאַקטיווע מאָטאָרן דאַרפֿן, אָן צווייפֿל, אין דער צוקונפֿט דינען דער אַנטוויקלונג פֿון דער סופּער־אַוויאַציע. פֿאַר אַפּאַראַטן, באַוואָרגטע מיט אַזעלכע מאָטאָרן, עפֿנט זיך אַן אויסשליסלעך ברייטע פּערספּעקטיוו... עס ווערן געשאַפֿן מאָדעלן פֿון ראַקעטעס, וועלכע פֿליִען ניט זייער הויך און קאָנען דינען פֿאַר מעטעאָראָלאָגישע צילן, פֿאַר צעשפּליטערן האָגלען, פֿאַר מאַכן פֿאָטאָגראַפֿיעס אינדערלופֿטן און, לעסאָף, פֿאַר איבערוואַרפֿן ניט קיין שווערע מאַסעס מיט גרויסע שנעלקייטן". אַזוי האָט פֿאַרברייטערט די פֿונקציעס פֿון די ראַקעטעס ס. קאָראָליאָוו.

די צײַט איז ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט. ס'איז געשטאָרבן פֿרידריך צאַנדער, דער אומדערמידלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון די אידייען וועגן אָנווענדן ראַקעטעס. אַוועק איז פֿון דער וועלט ציאָלקאָווסקי.

באַלכאָוויטינאָוו שטעלט זיך אַליין די פֿראַגע: צי דען וועט דאָס גרויסע ווערק ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן? אָבער לעניִנס אָנזאָג... ער האָט געהערט אים רעדן אין קאָלאָנען־זאַל, געווײַנט בײַ זײַן אָרן, געפֿילט די שוואַכקייט פֿון די פֿיס, גייענדיק אין דער גרופּע באַגלייטער אויפֿן רויטן פּלאַץ. ניין, אַזעלכעס גייט ניט דורך אַזוי פּאַשעט. און פֿרונזעס רעדע, מיט וועלכער ער האָט זיך געווענדט צו די קינפֿטיקע אַוויאַטאָרן פֿונעם רויטן לופֿטפֿלאָט. און וואָראָשילאָווס רוף — מעכטיקער מאַכן דעם קויעך פֿון דער אַוויאַציע...

אין די ערשטע באַדאַשים פֿונעם 1940 איז קלאָר געוואָרן, אַז עס דערנעענטערט זיך די מילכאָמע. זי האָט שוין פֿאַרכאַפּט אייראָפּע, נאַרוואָס אָפּגעדונערט אין אַזיע, פֿראָנט־סרייפֿעס האָבן שימערירט איבער אַפֿריקע.

באַלכאָוויטינאָוו דערלערנט דאָקומענטן וועגן דער אַוויאַציע: אין דער קומענדיקער מילכאָמע קעגן אונדז גיבן אָפּ דײַטשלאַנד און איטאַליע די בכוירע דער אַוויאַציע. פּשאַ, יאַפּאַן פֿאַרברייטערן זייער עראָפּלאַן־אינדוסטריע.

אונדזער לאַנד נייטיקט זיך אויך אין נײַע עראָפּלאַנען.

אָבער אין וועלכע? אין רעאַקטיווע. אָנשפּאַרן דאַרף מען זיך אויף דעם, וואָס עס איז שוין דערגרייכט: אויף דעם ראַקעטן־פּלאַנער, וועלכן ס'האָט פֿאַרגעליגט קאָראָליאָוו. באַלכאָוויטינאָוו שמועסט וועגן דעם מיט זײַנע קאָלעגן אַלעקסיי איסײַעוו, אַרוויד פּאַלאָ, אַלעקסאַנדער בערעזניאַק...

אין אַ בלענדיק־שײַנעם זונטיק, אין יוני 1941, איז ער גאַנצפֿרי אַוועקגעפֿאָרן קיין קליאַזמע: זיך אָפּרוען, שווימען אונטערן פֿאַרוס, כאַפּן פֿיש. זײַנע געדאַנקען האָט איבערגעריסן איסײַעוו. אָנקומענדיק צום ברעג טײַך, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, וויקטאָר מיכײַלאָוויטש!

באַלכאָוויטינאָוו האָט גאָרנישט ניט געפֿרעגט, צונויפֿגענומען דאָס פֿישער־געצײַג, אַרויף אויף איסײַעווס מאָטאָציקל און געבעטן:

— פֿאָר צו שאַכורינען.

איסײַעוו האָט געוווּסט, צו וועמען עס האָט זיך אין אָט דעם מאָמענט אַוועקגעלאָזט באַלכאָוויטינאָוו — צום פֿאָלקס־קאָמיסער פֿון דער אַוויאַציע־אינדוסטריע. אין דרײַ שאָ אַרום האָבן די קאָנסטרוקטאָרן זיך צונויפֿגעקליבן אין באַלכאָוויטינאָווס אַרבעט־קאַבינעט. זײַן אינפֿאָרמאַציע איז געווען אַ קורצע:

— אונדזער פאַרשלאָג וועגן דעם נײַעם עראָפּלאַן איז אָנגענומען. די אַרבעט הייבט זיך אָן הײַנט. פאַרענדיקן דאַרפן מיר זי אין 40 טעג אַרום. הייסט עס: אַ כוידעש און צען טעג... די געשיכטע פון דער אַוויִאַציע ווייסט ניט קיין צווייטן פאַל, מע זאָל מיט אַזאַ גיכקײַט שאַפן עראָפּלאַנען.

דער עראָפּלאַן, וועגן וועלכן עס איז געגאַנגען אַ רייד, איז געווען אַ שפּרונג אין אַ ווײַטער־דיקער עפּאָכע, אין אויסערגעוויינלעכע געשעעניש אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. באָלכאָוויטינאָוו מיט זײַן פּראָיעקטאַנטן־קאָלעקטיוו האָט באַקעמפט די צײַט, אויפגעטאָן, אַזוי צו זאָגן, אומעגלעכס.

די אַרבעט האָט זיך געפירט בעסאָד־סוידעס. איצט מעג מען שוין וועגן דעם דערציילן...

הייסט עס: אַ כוידעש און צען טעג!

אַזעלכע אומפאַרמײַדלעכע אין דער צײַט פון פרידן אומשטאַנדן, ווי זיך באַקאַנען און דערגעענ־טערן זיך איינער מיטן אַנדערן, ווערן היימיש צווישן זיך, געפינען אַ געמיינזאַמען צוגאַנג, האָבן מילכאָמע־צײַט אַרײַנגעפּאַסט זיך אין אַ שטרענגן רעגיסטער. אַלץ האָט מען געמאַכט צום ערשטן מאָל. דאָס ערשטע מאָל האָט מען געשאַפן אַן עראָפּלאַן מיט אַ ראַקעטן־מאָטאָר, דאָס ערשטע מאָל געאַרבעט אין באַדינגונגען פון מילכאָמע.

אויף די אַקסלען פונעם הויפּט־קאָנסטרוקטאָר זײַנען געפאַלן סײַ געוויינלעכע און אַזאַ אומגעבונג זאָרגן, סײַ ניט קיין געוויינלעכע: מיט וואָס האָדעווען די מיטאַרבעטער פון דער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ, ווו געפינען אַ באָמבע־באַהעלטעניש, און וואָס אָנטאָן די מענטשן...

אין יול האָט די לאַגע זיך שאַרף געענדערט: מאָסקווע האָט מען אָנגעהויבן באָמבירן, קימאַט יעדן טאָג האָבן די פאַשיסטישע עראָפּלאַנען זיך געריסן צו דער הויפּט־שטאָט, די זאַוואָדן זײַנען איבערגעפירט געוואָרן אויפן רעזשים פון דער קריגס־צײַט, אויפן פראָנט זײַנען אַוועק קאָנסטרוקטאָרן, אינזשעניערן, פּליִער־אויספּרוּווער, ס'האָט אָנגעהויבן זיך פילן אַ מאַנגל אין מענטשן, פרויען האָבן פאַרביטן די מאַנצבלען, קינדער — די פרויען.

אינגיכן איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס: עוואַקויִרן די קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ און דעם זאַוואָד, וועלכער האָט צו איר געהערט, אויפן אוראַל, אינעם ייִשעוו קאָלצאָווא, הינטער סווערדלאָווסק. און אַפּסנײַ שוועריקײַטן: ווו אײַנאָרדענען די מענטשן, מיט וואָס זיי שפּײַזן, און וואָס אָנטאָן...

אין סאָף 1941 ווערט באַשטימט אַ מעלוכישע קאָמיסיע אויף אויספּרוּוון דעם עראָפּלאַן ב. אי.־1 — אַזוי האָט באָלכאָוויטינאָוו אָנגערופן זײַן „קינד": „בערעזניאַק — איסײַעוו־1". דער עראָפּלאַן „ב. אי.־1" איז געשטאַנען אין צעך, און יעדערער, ווער עס פלעגט אַהין אַרײַנקומען, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ באַצויבערטער: דער אויסזען פונעם ערשטן סאָוועטישן עראָפּלאַן מיט אַ רעאַקטיוון מאָטאָר, וואָס אַרבעט אויף פליסיקן ברענשטאָף, איז געווען ניט קיין געוויינלעכער: אָן אַ פּראָפּעלער (צו וועלכן מע איז געווען צוגעוווינט), אַ קלענטשיקער, אַ שיינער, ענלעך אויף אַ טאָרפּעדע.

אינגיכן איז אָפּגערופן געוואָרן פונעם פראָנט דער פּליִער־אויספּרוּוולער גריגאָרי באַכטשיוואַנדזשי. דאָס איז אַ מענטש מיט אַ וווּנדערלעכער, אָבער זייער טיפּישער פאַר זײַן צײַט ביִאָגראַפיע, וועלכע עס לוינט דאָ איבערדערציילן.

באַכטשיוואַנדזשי איז געבוירן געוואָרן אין 1909 אין דער סטאַניצע ברינקאָווסקאַיאַ (קראַסנאָדאַרער קאַנט). די קינדהײַט זײַנע איז אַדורך אין אומרויִקע יאָרן. פאַר דער רעוואָלוציע געלעבט אין דאַלעס. דערנאָך — שווערע יאָרן פונעם בירגערקריג. אָפּט געמוזט איבעררײַסן דאָס לערנען, באַהערשט די יעסוידעס פון דער וויסנשאַפט אין די שלאַכטן. גריגאָרי האָט זייער ליב געהאַט דעם פאָטער, יאַקאָוו איוואַנאָוויטש. אומעטום איז ער געווען מיט אים. אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע, ווען די סטאַניצע האָבן פאַרנומען די ווײַסגוואַרדייער, איז ער באַוווּסטזיניק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי אײַנײַנעם מיטן פאָטער, אײַנײַנעם מיט אים געקעמפט קעגן די סאָנים: אונטערגעטראָגן פּאַטראָנען, שפּײַז, וואַסער, געלייענט ביכער. געהאָלפן דעם פאָטער און זײַנע כאַווײרים אַנטלויפן פון דער געפאַנגענשאַפט. די אַלע יאָרן האָבן, דאַכט זיך, פאַרעלטערט גריגאָריען, געמאַכט אים ערנסטער פון זײַנע עלף יאָר. דער קריג האָט זיך געענדיקט, דער פאָטער איז געקומען אַהיים מיט אָן אָרדען פון דער רויטער פאָן, און גריגאָרי האָט זיך, ווי מע זאָגט, אומגעקערט אין דער קינדהײַט. ווי פריִער, האָט ער אַ סאַך געלייענט, געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט, געשוווּמען, געשפּילט אויף דער האַרמאָשקע און אויף דער מאַנדאָלינע, געזונגען מעלאָדישע אוקראַאינישע לידער, האַרציקע און טרויע־ריקע, געזונגען, ווען ס'איז געווען אַ געהעריקע שטימונג, און אויך, ווען עס פלעגן בעטן די סטאַ־ניטשניקעס. ער האָט ליב געהאַט טעכניק, געווען פאַרכאַפּט פון ספּאָרט, אַרויסגעוויזן אײַנפאַלעריש־קײַט און ווילן. געאַרבעט אַלס געהילף פון אַ מאַשיניסט אויף דער סטאַנציע אַרטאַרי, געווען אַ שלאָ־סער אויף דער בויונג פונעם מעטאַלורגישן זאַוואָד אויף וולאַדימיר איליטשס נאָמען. אין יאָר 1931 האָט דער נײַנטער צוזאַמענפאָר פונעם קאָמיוג גענומען שעפטום איבער די מיליטערישע לופט־קרעפטן פון דער רויטער אַרמיי. איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך צעשפּרייט דער רוף: „קאָמסאָמאָליעץ — אויפן עראָפּלאַן!" דער קאָמיוגיסט באַכטשיוואַנדזשי בעט, מע זאָל אים שיקן אין דער אַוויִאַציע. ער ענ־

דיקט די שול פון יינגערע קאָמאַנדירן, דערנאָך די שול פון טעכניקער פון אוויִאַגעווער. אין 1935 איז ער אַן אַרויסלאָזניק פון דער אָרענבורגער שול פון מיליטערישע פליִער. פאַר דער מילכאָמע ווערט גריגאָרי יאַקאָוולעוויטש באַלוינט מיטן לענין־אָרדען פאַר אַ סעריע אויספּרוּוון פון מיליטערישע עראָפּלאַנען. אָנהייבנדיק פונעם 22 יוני 1941 האָט ער אויף זיין כעזשבן מערער פון 70 שלאַכט־אַרויס־פליִען. אָנקומענדיק אויפן אוראַל, ווערט ער אַ מיטגליד פונעם שעפערישן קאָלעקטיוו פון דער קאָנ־סטרוקטאָר־ביוראָ.

דעם 15 מײַ 1942 האָבן זיך אָנגעהויבן די פלי־אויספּרוּוון. ניט די פּרעסע, ניט די פליִער־אויספּרוּוולער און ניט אַפילע די, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער צוגרייטונג, האָבן ניט געוווּסט דעם פּינקטלעכן גראַפיק פון די אויספּרוּוון.

און אָט איז געקומען דער טאָג פונעם אויספּרוּוו. אויפן עראָדראָם האָבן זיך פאַרזאַמלט די מיט־גלידער פון דער מעלוכישער קאָמיסיע. די נאַכט פאַרן אַרויספלי איז געווען אַן אומרויִקע, קיינער איז ניט געשלאָפן. ס׳איז געווען כמאַרנע, נידעריקע גרויע וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן איבערן עראָ־דראָם. צום גליק, האָט זיך נאָך האַלבער נאַכט דער הימל אויסגעלײַטערט און, פּונקט ווי מע זאָל זי באַשטעלן, האָט אַ בלישטשע געטאָן די זון. באַכטשיוואַנדזשי איז פריילעך. ער שמייכלט, געזעגנט זיך, פאָכענדיק מיט דער האַנט. מע הערט ניט די געוויינלעכע פאַרן לאָזן אַן עראָפּלאַן קאָמאַנדעס. איבערן אַספאַלט שפּרייט זיך אויס אַ שטאַרקער געהילך. פונעם ראַש ווערן פאַרלייגט די אויערן. אַלץ רופט אַרויס עפּעס אַן אומרויִקן געפיל: ווער ווייסט, צי די דאָזיקע הילצערנע קאָלאָמבינע וועט אויסהאַלטן די קראַפט פונעם מאָטאָר. נאָר אָט רײַסט זיך אויף דער עראָפּלאַן פונעם אָרט און הייבט אָן מיט אַ וואַקסנדיקער שנעלקייט לויפן איבערן עראָדראָם...

דער פאָרזיצער פון דער מעלוכע־קאָמיסיע, דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן וו. פּישנאָוו, דערמאָנט זיך:

„...פלינדיק, ווי דער עראָפּלאַן צעיאָגט זיך, האָט באַכטשיוואַנדזשי אָנגעהויבן פאַרגרעסערן דאָס אויפהייב־ווינקל. פון דער ערד האָט ער אויסגעזען אַ גאָר־גאָר קלייניקער. פון דער מאַשין האָט אַרויסגעשלאָגן אַ פײַערדיקער זײַל, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו שײַנען. די הייך איז געווען 1500 מעטער. נאָכדעם, ווי דער עראָפּלאַן האָט באַשריבן אַ האַלבע קרײַז־ליניע, איז דאָס פײַער פאַר־שוווּנדן, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט פאַר אַ געלרויטן רויך. דער אַקטיווער טייל פונעם פלי האָט זיך פאַרענדיקט. ס׳איז דורכגעגאַן קימאַט אַ מינוט נאָכן לאָזן דעם מאָטאָר. איצט האָט די מאַשין זיך שטיל געגליטשט, פאַמעלעך אַראָפּגענידערט און אָנגעהויבן לאַנדן. די לאַנדונג האָט אויסגעזען עפּעס אַ ביסל גראָב, און די מיניאַטיורע פּיסלעך פונעם שאַסי האָבן זיך אונטערגעגראָבן. ס׳האָט זיך גע־לאָזט פּיקן די אײַגנאַרטיקײַט פונעם פליגל — אַ קליין ווינקל פון דער אַטאַקע. דער עראָפּלאַן האָט זיך גיך אָפּגעשטעלט. מע האָט אים ווידער אַרומגערינגלט מיט אַ פעסטן רינג. דעם פליִער האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון דער מאַשין און אַוועקגעטראָגן אויף די הענט...״

אין אָוונט האָט דער קאָלעקטיוו פונעם זאַוואָד אָפּגעגעבן קאָוועד דעם ערשטן מענטשן, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ באַפליגלטער ראַקעטע.

דעם 27 מאַרט 1943 לאָזט זיך דער קאַפּיטאַן באַכטשיוואַנדזשי אַוועק אין זײַן לעצטן פלוג מיטן ציל אויסצופּרוּוון די שנעלקײַט פונעם עראָפּלאַן. בייסן פלי, נאָכן אומבאַדינגטן קער, האָט די מאַשין אָנגעהויבן שווימיק אַראָפּנידערן. די, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער ערד, זײַנען געוואָרן אומרויִק: „פאַרוואָס פאַרדרייט ער ניט, מאַכט ניט קיין וויראַזש?״ אָבער דער עראָפּלאַן האָט פאָר־געזעצט אומופהערלעך אַראָפּשטײַגן און אין עטלעכע סעקונדעס אַרום זיך אַרײַנגעשניטן אין אײַז פון דער אָזערע. גריגאָרי יאַקאָוולעוויטש באַכטשיוואַנדזשי איז אומגעקומען. ס׳איז שווער געווען צו גלייבן אין דעם. ערשט נעכטן האָט ער געשפּילט זײַן באַליבטן טשײַקאָווסקין, געווען פריילעך, אויפ־געלעבט, דערציילט דעם טעכנישן פּערסאָנאַל וועגן דער גרויסער באַדײַטונג פון אָט דער מאַשין פאַרן פראָנט. און אָט איז באַכטשיוואַנדזשי ניטאָ. געבראַכט האָט מען אים צו קווורע אויפן ראַנד פונעם פלי־פעלד, אַפילע אַ טויטן האָט מען ניט געוואָלט אים צעשיידן מיט דער אוויִאַציע. זײַן נאָמען האָט מען צוגעייגנט גאַסן אין דאָנעצק, סווערדלאָווסק, אין דער סטאַניצע ברינקאָווסקאַיאַ, אײנעם הינטערמאָסקווער יישעוו פון די פּילאָטן־אויספּרוּוולער. מיט זײַן נאָמען האָט מען אָנגערופן אַ קראַ־טער, וואָס געפינט זיך אויף דער אומזיכטבאַרער זײַט פון דער לעוואָנע.

ס׳איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ געדענק־מעדאַל מיט באַכטשיוואַנדזשיס אויסגעקריצט בילד. אין אַפּרעל 1973 האָט דער פּרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט פון פססר צוגעייגנט גריגאָרי יאַקאָוו־לעוויטש באַכטשיוואַנדזשין נאָכן טויט דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַראַבנד.

באַפליגלטע ראַקעטעס, וועלכע עס האָט קאָנסטרויִרט באָלכאָוויטינאָוו, האָבן זיך ניט באַוויזן אויף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָבער די דעראָבערטע קענטענישן, דער שנעלער וווּקס פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט און דער אינדוסטריע האָבן דערלויבט איבערגיין צו שאַפן אין אַ רײַ קאָנסטרוקטאָר־ביוראָען רעאַקטיווע עראָפּלאַנען פון די בעסטע מאָדיפיקאַציעס.

אין 1945 שאפן די קאָנסטרוקטאָרן מיקאָיאַן און גורעוויטש דעם אעראָפּלאַן „מיג־9”. אויף א דורכויס מעטאַלענעם אעראָפּלאַן מיט צוויי רעאַקטיווע מאָטאָרן איז דערגרייכט געוואָרן א שנעלקייט 920 קמ. אין א שעה.

שפּעטער, אין 1947־טן יאָר, שאַפט די קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ פון סעמיאָן אַלעקסייעוויטש לאַוואָטשקין די ערשטע אין דער וועלט מאַשין מיט א פליגל, וואָס זעט אויס ווי א פייל. דער דאָזיקער אעראָפּלאַן איז געוואָרן די באַזע, אויף וועלכע מע האָט געפאָרשט די שטאַנדהאַפטיקייט און רעגולירונג פון אן אעראָפּלאַן מיט א פייל־אויסזעענדיקן פליגל. די שנעלקייט פון דעם אעראָפּלאַן איז שוין געווען נאָענט צו דער שנעלקייט פון קלאַנג. די פאָלגנדיקע מאָדעל האָט דערגרייכט דעם קלאַנג־באַריער און דערלויבט אונדזערע קאָנסטרוקטאָרן, אויסמיידנדיק א סעריע עקספּערימענטן, גלייך איבערגיין צו בויען איבערקלאַנגיקע רעאַקטיווע אעראָפּלאַנען.

די סאָוועטישע קאָנסטרוקטאָרן שאַפן נייע וואַריאַנטן פון רעאַקטיווע פּאַסאַזשיר־אעראָפּלאַנען. באַזונדערס דערפאָלגרייך אַרבעטן אויף דעם געביט די קאָנסטרוקטאָרן־קאָלעקטיוון בעראָש מיט אַנדריי ניקאָלייעוויטש טופּאָליעוו, סערגיי וולאַדימיראָוויטש איליושינען, אָלעג קאָנסטאַנטינאָוויטש אַנטאָנאָוון, אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש יאַקאָוולעוון.

אונדזערע היינטצייטיקע ליינערס איבעראַשן מיט זייער גראַנדיעזקייט, שיינקייט, מעכטיקייט, קאָמפאָרט. זיי שטייגן איבער די רעאַקטיווע רייס־אעראָפּלאַנען פון פּשא, פראַנקרייך, ענגלאַנד.

וו. פּ. באַלכאָוויטינאָוו פירט אַרויס די סיסטעמאַטישע גלייכונג, וועלכע ווערט באַוווּסט אין דער וויסנשאַפט, ווי „גלייכונג פון דער עקזיסטענץ פון פלי־אַפּאַראַטן”. ער שאַפט זיין אייגענע וויסנשאַפטלעכע שול. דעם 15 מיי 1967 מערקט מען פייערלעך אָפּ אין דער אַקאַדעמיע אויף נ. יע. זשוקאָווסקיס נאָמען דעם 25־יאָריקן יובילעי פונעם ערשטן אין דער וועלט פלי פון א רעאַקטיוון אעראָפּלאַן. אין א באַפעל איבער דער אַקאַדעמיע איז בא דער געלעגנהייט אָפּגעמערקט געוואָרן: „וו. פּ. באַלכאָוויטינאָוו איז א געלערנטער מיט זייער ברייטע אָנשויונגען. סיי אין דער קאָנסטרוקטאָרישער, סיי אין דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט איז זיין הויפּט־כאַראַקטער־שטריך — א כוש פאַר דעם נייעם, א שטרעבונג אונטערצוהאַלטן אַלץ, וואָס קומט ערשט אויף און האָט א פּערספּעקטיוו. ער איז דער גרינדער פון וויסנשאַפטלעך פּראָיעקטירן פלי־אַפּאַראַטן”.

ניט וויסנדיק, אַז עס רוקט זיך אָן דער אומגליק האָט ער אין איינעם א טאָג אויסגעריכטעט די יאַכטע „פעניקס”, צונויפגעשטעלט א פּריוואַטיקע ספּאָרט־קאָמאַנדע לויטן שטאַט־רעגיסטער און זיך אַוועקגעלאָזט שווימען צו די צאָפנדיקע, עכט רוסישע געגנטן פון אונדזער היימלאַנד. די יאַכטע איז געשווומען דורך קיריליאָוו, וועליקי אוסטיוג, אַרכאַנגעלסק, סאָלאָוועצקער אינדזלען, בעלאָמאָרסק, קיזשי, פּעטראָזאַוואָדסק, וויטעגרע, בעלאָזיאָרסק, טשערעפּאָוועץ, צוגעשטאַנען צו יעדן אָרט און געפונען זיך דאָרט ביזואַנען דער עקיפּאַזש האָט ניט צונויפגעזאַמלט געשיכטלעכע און פאָלקלאָר־מאַטעריאַלן. ס'האָט זיך אים געוואָלט אָנשרייבן וועגן דער רייזע, פאַרקערפּערן זי אין פאָטאָגראַפיעס. אָבער אויספילן זיין פאַרטראַכט האָט ער ניט באַוויזן.

ייִדיש — י. לאַכמאַן

מיכאל אָסטראָווסקי

„קונסט פאַרייניקט די פעלקער און באַפרײַנדעט"

די מענטשלעכע געשיכטע האָט געבוירן ניט ווייניק גרויסע טוער פון דראמאטישער קונסט, נאָר זי איז געווען זייער קאַרג אַף געוינים.

ווען רוסלאנד האָט אין 19־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן אוואַנגאַרד פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין אייראָפּע און ס'איז אופגעקומען די נויטווענדיקייט אין דראַמאַטישער קונסט, וועלכע זאָל ווערן דער וואָרטזאָגער פון אָט דער באַוועגונג, האָט דאָס לעבן אַרויסגערוקט אַ גענ:יאַלע פערזענלעכקייט, וועלכע האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער פּראַקטיק און אין דער טעאָריע פון דראַמאַטישער קונסט. אָט די פערזענלעכקייט איז געווען אַלעקסאַנדער ניקאָלייעוויטש אָסטראָווסקי.

נאָך אין אָנהייב פון 1859, נאָך דעם, ווי אַפן ביכער־מאַרק האָט זיך באַוויזן א. נ. אָסטראָווסקיס ערשטע זאַמלונג ווערק, האָט דער דעמלטיקער באַוווּסטער קריטיקער א. וו. דובינין געשריבן: „פון וואָס פאַר אַ זײַט מיר זאָלן ניט קוקן אַף דער טעטיקייט פונעם הער אָסטראָווסקי, וועלן מיר זי דאַרפן אָנערקענען פאַר דער גלענצנדיקסטער, פאַר דער שענסטער אין דער הײַנטצײַטיקער פאַר אונדז רוסישער ליטעראַטור... אָסטראָווסקיס נאָמען איז באַקאַנט און טײַער טויזנטער פּאַשעטע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געלייענט רוסישע דיכטער און קיינמאָל ניט אופגעעפנט קיין איינציקן רוסישן זשורנאַל".

די אַרטיקלען פונעם רוסישן רעוואָליוציאָנערן דענקער נ. א. דאָבראָליובאָוו וועגן אָסטראָווסקיס דראַמאַטורגיע זײַנען געוואָרן אַ פּראָגראַם־אַרויסטרעטונג פון דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע קעגן דער זעלבסטהערשונג. דער דיכטער נ. א. נעקראַסאָוו — דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוורעמעניק", וועלכער האָט געפּרײדיקט רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע אידייען, האָט געשריבן צו אָסטראָווסקין: „איר זײַט אונדזער גיבער..."

נ. ג. טשערנישעווסקי האָט דערקלערט: „פון אַלע די, וואָס האָבן רוסיש געשריבן פּראָזע נאָך לערמאָנטאָוו און גאָגאָלן, זע איך בלויז איין שטאַרקן טאַלאַנט און נאָר בא איין־און־איינציקן דראַמאַטורג — אָסטראָווסקין..." ל. נ. טאָלסטאָי, וועלכער האָט געהאַלטן דראַמאַטורגיע פאַר דער וויכטיקסטער צווײַג פון קונסט, פלעג זאָגן, אַז אָסטראָווסקי איז אַ גענ:יאַלער, אַ בעעמעס רוסישער פאָלקס־שרײַבער און פלעגט אים שיקן זײַנע פּיעסעס, ווי ער האָט אַליין געשריבן, „אַף אַ פאָטערלעכן אורטייל". אי. ס. טורגעניעוו איז זיך מוידע געווען, אַז ער וועט זיך ניט שטעלן לעבן אָסטראָווסקין, נאָר בלויז הינטער אים. אי. א. גאָנטשאַראָוו האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז אָסטראָווסקי איז „אָן ספק דער גרעסטער טאַלאַנט אין דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור". און אָט ווי:אַזוי א. פּ. טשעכאָוו האָט אָפּגעשאַצט אָסטראָווסקיס פּיעסע „דער אָפּגרונט" (פּוטשינאַ): „די פּיעסע איז ווּנדערבאַר. דער לעצטער אַקט — איז עפּעס אַזוינס, וואָס איך וואָלט אפילו פאַר אַ מיליאָן ניט אָנגעשריבן. דער דאָזיקער אַקט איז אַ גאַנצע פּיעסע, און ווען איך וועל האָבן מײַן אייגענעם טעאַטער, וועל איך שטעלן בלויז אָט דעם איינציקן אַקט".

אָסטראָווסקיס שאַפונג איז געוואָרן אַ ווירקזאַם געווער פון קאַמף פאַר סאָצ:יאַלער גערעכטיקייט ניט בלויז פאַר אַ סאַך פּראָגרעסיווע קולטור־טוער פון די פעלקער פון רוסלאַנד. נאָך אין 1903 האָבן די „סאָפּ:יסקי וועדאָמאָסטי" געשריבן: „דער רוסישער דראַמאַטישער שרײַבער אָסטראָווסקי איז

שיר ניט געוואָרן אַן אייגענער מענטש אינעם בול־גאַרישן טעאַטער און צווישן דער בולגאַרישער אינטעליגענץ. קיין איינער פון די דראַמאַטורגן האָט ניט געהאַט באַ אונדז אַזאַ מין קאָוועד, ווי אָסטראָווסקי. אַ סאַך סיבעס זײַנען דערצו פאַראַן. נאָר בלויז איינע פון זיי איז אַ דעציידירנדיקע. דאָס איז דערפון, וואָס די סיוזשעטן און טיפּן, וועלכע אָסטראָווסקי באַווײַזט אין זײַנע פּיעסעס, זײַנען אַזוי נאָענט אונדזער ווירקלעכקײַט, אַז עס דוכט זיך, זיי זײַנען אַרויסגענומען פון איר".

וועגן אָסטראָווסקיס פאַרבינדונגען מיט דער קולטור פון פאַרשיידענע פעלקער איז אָנגעשריבן ניט ווייניק. אונדזער אַרטיקל איז דער ערשטער פּרוּוו קורץ צו כאַראַקטעריזירן אָסטראָווסקיס פאַרבינדונג מיט ייִדן און מיט דער ייִדישער קולטור.

אין דער צווייטער העלפט פונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט האָט מען אין רוסלאַנד פאַר אַ הערשנדיקן טיפּ מיטלבילדונג געהאַלטן די קלאַסישע בילדונג, אינעם יעסאָד פון וועלכער עס איז געלעגן דאָס לערנען לאַטײַן, גריכיש און אַנטישע ליטעראַטור. אָנהייבנדיק פון די 70־ער יאָרן, האָט מען העכער פון פערציק פּראָצענט פון דער לערן־צײַט אָפּגעגעבן גריכיש און לאַטײַן. פיזיק, מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפט האָבן פאַרנומען בלויז אַכצן פּראָצענט פון דער לערן־פּראָגראַם. די קלאַסישע גימנאַזיע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן „עמעסער" שול, ווײַל ווער עס האָט זי פאַרענדיקט, האָט געהאַט דאָס רעכט אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט און אין אַנדערע הויכשולן.

אין יול 1885 האָט דעם דראַמאַטורגס ברודער — אַנדריי ניקאָלײַעוויטש אָסטראָווסקי באַקומען אַ בריוו פונעם ליטעראַטאָר פ. אי. אַנדראַניקאָוו, וועלכער איז אַמאָל געווען רעדאַקטאָר פון דעם ניט־אָפיציעלן טייל „קאָסטראָמסקיע גובערנסקיע וועדאָמאָסטי":

„גנעדיקער הער אַנדריי ניקאָלײַעוויטש! אין מײַנע פּאַפּירן האָב איך געפונען אַ העפט פונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט, וועלכע זאָגט איידעס דערפון, ווי אַזוי פלעגן זיך פאַרנעמען מיט לאַטײַן די טאַלמידים פון דער קאָסטראָמער גײַסטלעכער סעמינאַריע און וואָס פאַר אַ קלאַסיקער זיי זײַנען געווען אין פאַרגלײַך מיט די שילער פון די הײַנטיקע קלאַסישע גימנאַזיעס".

צו זײַן בריוו האָט אַנדראָניקאָוו צוגעלייגט אַ העפט מיט לאַטײַנישע און רוסישע טעקסטן. דאָס זײַנען געווען איבערזעצונגען פון לאַטײַן, וועלכע ס'האָט געמאַכט אין 1791 דער שילער פון דער קאָסטראָמער גײַסטלעכער סעמינאַריע פּיאָדער אָסטראָווסקי — דעם דראַמאַטורגס זיידע. אַצינד ווערט אָט דער העפט אָפּגעהיט אינעם קסאַוויאַדן־אָפּטייל פון דער מעלוכע־ביבליאָטעק פון פּסער אָף לעגינס נאָמען.

ס'איז ווייניק ווען באַוווּסט, אַז אין די אַלטע צײַטן האָבן אין רוסלאַנד די טאַלמידים פון גײַסטלעכע סעמינאַריעס בעהאַסמאָדע דערלערנט ניט בלויז לאַטײַן און גריכיש, נאָר אויך העברעיִש. אַף העברעיִש, אַזויווי לאַטײַן און גריכיש, האָט מען אין די סעמינאַריעס געלייענט לעקציעס. קיין געדרוקטע לערנביכער זײַנען דעמלט ניט געווען: מע האָט צעטיילט נאָטיצן, וועלכע מע האָט געדאַרפט פריִער אַראָפּשרײַבן, און דערנאָך לערנען אַף אויסווייניק.

א. נ. אָסטראָווסקיס זיידע, דער פאָטער און דעם פאָטערס ברידער האָבן פון קינדווײַז אָן זיך דערצויגן אין דער קאָסטראָמער גײַסטלעכער סעמינאַריע. דאָ האָבן זיי זיך אויסגעלערנט רעדן, לייענען און שרײַבן העברעיִש.

נאָך מער גרינטלעך פלעגט מען דערלערנען העברעיִש אין די גײַסטלעכע אַקאַדעמיעס, וועלכע האָבן געגרייט די העכסטע קירכן־אַדמיניסטראַטאָרן, די שטאַטישע דוכאָווענסטווע (דעם שטאַטישן קלער), די לערער פון די לערן־אַנשטאַלטן. איינער פון די יינגסטע ברידער פון אָסטראָווסקיס פאָטער — גענאַדי פּיאָדאָראָוויטש איז, לערנענדיק זיך אין דער מאָסקווער גײַסטלעכער אַקאַדעמיע, אַזוי באַהאַוונט געוואָרן אין העברעיִש, אַז נאָכן ענדיקן דעם אַקאַדעמישן קורס האָט ער עטלעכע יאָר אונטעריכט אָט די שפּראַך אין דער סעמינאַריע פון אופאַ.

ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש, אָסטראָווסקיס פאָטער, האָט אויך זיך געלערנט אין דער מאָסקווער גײַסטלעכער אַקאַדעמיע. אָבער די קאַריערע פון אַ גײַסטלעכן האָט אים ניט צוגעצויגן. די עפּאָכע גופע פון דעם געזעלשאַפטלעכן אופשטײַג, וועלכער איז געקומען נאָכן פאַטערלענדישן קריג פון 1812 יאָר, דער זשעדנער אינטערעס צו אַלץ, וואָס עס פלעגט פאָרקומען מיכוץ די ווענט פון דער אַקאַדעמיע, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער טראָיִצע־סערגייעווער לאַווראַ, דעם רײַכסטן אַלט־רוסישן קלויסטער, — דאָס אַלץ האָט גערופן דעם יונגנמאַן זיך שטעלן אַפן וועג, וואָס איז ווײַט פון געהאַרכזאַמקײַט צו רעליגיִעזע דאָגמעס. נאָך לאַנג ביזן פאַרענדיקן די אַקאַדעמיע האָט ער באַשלאָסן איבערײַסן מיט דער קירך און אָנקומען אַף ציווילער דינסט.

האָבנדיק פאַרענדיקט די אַקאַדעמיע, האָט ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש זיך אײַנגעאָרדנט אין מאָסקווע און אָנגעקומען דינען אין דער פאַרזאַמלונג פון מאָסקווער דעפּאַרטאַמענטן פונעם רעגירנדיקן סענאַט. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער כאַסענע געהאַט. דעם 31־טן מאַרט (דעם 12־טן אַפּרעל לויטן נײַעם סטיל) 1823 איז באַ אים געבוירן געוואָרן אַ זון. אים האָט מען אַ נאָמען געגעבן אַלעקסאַנדער, וואָס אין גריכיש באַטײַט עס „פאַרטיידיקער פונעם לעבן" (לעבנסבאַשיצער).

ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטש אָסטראָווסקי — דער פֿאָטער

אַלעקסאַנדער איז קוים געוואָרן אַלט נײַן יאָר, ווען ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטש איז געוואָרן אַן אַלמען, בלײַבנדיק מיט זעקס קינדער. די ייִנגערע טעכטער זײַנען געשטאָרבן אײַנגיכן נאָך דער מוטער. ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטש האָט אַליין דערצויגן דרײַ זין און אַ טאָכטער.

ניקאָלײַ פּידאַראָוויטש איז געווען אַ ניט־געווײנלעכער מענטש. ער האָט געהאַט אַ שאַרפֿע רײַע, אַן אויסגעצייכנטע שמײַע. ער איז געווען אַ גוטער דערציילער, האָט געקענט אימיטירן, פֿאַרשטעלן יעדערן מיט אַלע זײַנע האַווײַעס. ער פֿלעגט ניט פּאַשעט דערציילן, נאָר שאַפֿן מערקווירדיקע, זאַפֿטיקע בילדער. ווו ער זאָל זיך ניט האָבן געפֿינען, אַפֿילע אין דער סאַמע בעקאַוועדיקער געזעלשאַפֿט, פֿלעגט מען אַף אים ווענדן די אויפֿמערקזאַמקײַט. ער איז געווען אַן אומדערמידלעכער האָרעפּאַשניק, זײַן ענערגיע, האָט זיך געדוכט, איז אומויסשעפּלעך.

אַן אַלמען איז ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטש געווען גאָר ניט לאַנג. אַ מענטש אַ פֿאַרמעגלעכער, מיט גוטע פֿאַרבינדונגען אין די מאָסקווער געשעפֿטס־קרײַזן, האָט ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטש אין פֿיר יאָר אַרום נאָכן טויט פֿון זײַן ווײַב כאַסענע געהאַט פֿאַר דער דרײַ־און־צוואַנציקיאָריקער גרעפֿן עמיליִע טעסין.

דער שיוועט טעסין האָט געשטאַמט פֿון דאָרעם־שווייץ. פֿיל פֿון זײַנע פֿאָרשטייער זײַנען איבער עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אַנדערע סיבעס געצוווּנגען געווען צו עמיגרירן פֿון דער שווייץ אין פֿאַרשיידענע לענדער. אַ צווײַג פֿונעם שיוועט טעסין האָט אין 17־טן יאָרהונדערט זיך אײַנגעפֿונדעוועט אין שוועדן. אָט די צווײַג האָט געגעבן שוועדן צוויי אָנגעזעענע אַרכיטעקטאָרן. דער ערשטער פֿון זיי — ניקאָדימוס טעסין דער עלטערער איז געווען דער בויער פֿונעם שלאָס דראָטנינגהאָלם לעבן שטאָקהאָלם, דער צווייטער — ניקאָדימוס טעסין דער ייִנגערער איז באַווּסט אין דער געשיכטע פֿון קונסט ווי דער בויער פֿונעם שטאָקהאָלמער קיניגלעכן פּאַלאַץ און פֿון היגטערשטאָטישע קאָמפּלעקסן פֿון פּאַלאַצן און פּאַרקן. אין דער געשיכטע פֿון שוועדן האָט אַ מערקבאָרן שפּור איבערגעלאָזט קאַרל גוסטאַוו טעסין — אַ גראַף, אַ פּאָליטישער טוער, מאַרשאַל פֿון סיים, דער הויפּט־מיניסטער, אַ שרײַבער און מעצענאַט. ווי עס שרײַבן זײַנע ביִאָגראַפֿן, האָט קאַרל גוסטאַוו טעסין אין 1751, איבער דער צו אָפֿן אַרויסגעוויזענער ליבע צו דער קיניגן לויִזע אולריקע, געמוזט פֿאַרלאָזן דעם הויף און אַראָפּנעמען פֿון זיך די בעקאָוועדיקע טיטלען און אַמטן. דעם זון זײַנעם, עמיליִע טעסינס זיידן, האָט מען באַשולדיקט אין דער פֿאַרבינדונג מיט די מאַסאָנען, און ער איז אַנטלאָפֿן קיין רוסלאַנד. אין מאָסקווע עקזיסטירט ביז הײַנט דאָס טעסין־געסל, וואָס געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿונעם שטאָטצענטער. דאָ, אין זייער גוט, האָבן אין אָנהייב פֿונעם פֿאָריקן יאָרהונדערט געלעבט די גראַפֿן טעסין. זיי זײַנען געווען ליוטעראַנער (אַ פּראָטעסטאַנטיש גלויבן, וואָס איז אַנטשטאַנען אַפֿן גרונט פֿון ליוטערס לערע, געריכטעט קעגן קאַטאָליציזם און דעם פּויפּסט). כאַסענע האָבנדיק פֿאַר ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטשן, האָט עמיליִע טעסין געמוזט אָננעמען די פּראַוואָסלאַוויע. ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטש האָט געקויפֿט בײַ זײַן שוואָגער אַ טייל פֿון טעסינס גוט און זיך באַזעצט דאָ מיט זײַן מישפּאָכע, וועלכע איז געוואָרן אַרײַנגעטראָגן אינעם ייִכעס־בוך פֿון די אַדעליקע פֿון מאָסקווער גובערניע. אײַנגיכן איז ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטש, אונטערן טערעץ פֿונעם „קאָליע געוואָרענעם געזונט", אַוועק אין דעמיסיע אינעם ראַנג פֿון אַ הויף־ראַטגעבער. די 30־ער — 40־ער יאָרן פֿונעם פֿאָריקן יאָרהונדערט זײַנען געווען אַ צײַט פֿון אינדוסטריִעלער איבערקערעניש אין רוסלאַנד. די דעמלטיקע מאָסקווע האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס האַרץ פֿון רוסישער אינדוסטריע און האַנדל. קיין מאָסקווע פֿלעגן זיך צונויפֿליסן פֿאַרשיידענע סכוירעס — אויסלענדישע און רוסישע, וועלכע פֿלעגן דערנאָך צעטיילט ווערן אין פֿאַרשיידענע ראַיאָנען פֿון דער רוסלענדישער אימפּעריע.

א. ס. פּושקין האָט אין שײַכעס מיטן וווּקס פֿון דער עקאָנאָמישער קראַפֿט פֿון דער מאָסקווער בורזשואַזיע געשריבן אין דער מיט פֿון די 30־ער יאָרן:

„...האָבנדיק פֿאַרלוירן איר אַריסטאָקראַטישן גלאַנץ, איז מאָסקווע אין פֿולן בלי אין אַנדערע הינזיכטן: די אינדוסטריע, וואָס ווערט שטאַרק אונטערגעהאַלטן דאָרטן, איז געוואָרן לעבעדיקער און זיך אַנטוויקלט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט. דאָס סאָכרימטום ווערט רייַכער און הייבט זיך אָן צו באַזעצן אין די פּאַלאַצן, וועלכע די אַדל־לייַט האָב פֿאַרלאָזט".

אין 1833 איז אין מאָסקווע געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמערץ־געריכט, וואָס פֿלעגט באַהאַנדלען טוויִעס איבער האַנדל־אומזאַצן און היסכייַוועסן, געשלאָסענע אויף דער בירזשע צווישן די סאָכרים, אינדוסטריִאַלן און באַנקירן, איניאָנים וועגן דער האַנדלס־אומצאָלפֿעיִקייַט, אָנקלאָגעס אויף די פֿאַרקויפֿער און אַנדערע פּערזאָנען, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט קאָמערץ.

די קאָמערץ־געריכטן האָט מען צום ערשטן מאָל געגרינדעט אין סאָף פֿונעם 18־טן יאָרהונדערט אין פֿראַנקרייַך. אין רוסלאַנד האָט דער ערשטער קאָמערץ־געריכט זיך געעפֿנט אין 1808 אין אָדעס, און ס'איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרוּוו צו שאַפֿן אַן אָרגאַניזירטע אַדוואָקאַטור — געשוווירענע סטראַפּטשעס.

אין 1842 איז ניקאָליַי פּיאָדאָראָוויטש אָסטראָווסקי געוואָרן אַ געשוווירענער סטראַפּטשע פֿונעם מאָסקווער קאָמערץ־געריכט. און דאָ טאַקע איז אים צו הילף געקומען ניט בלויז זייַן אָראַטאָרישע מייַסטערשאַפֿט, נאָר אויך דאָס קענען שפּראַכן, דערין אויך העברעיִש. קאָנטאַקטירנדיק שטענדיק מיט קאָמערסאַנטן, איז ניקאָליַי פּיאָדאָראָוויטש נאָענט געווען באַקאַנט מיט אַ סך יידן־סאָכרים, וועלכע האָבן געלעבט אין רוסלאַנד און מיכוץ לאָאָרעץ. די יידן־סאָכרים פֿונעם טכום־האַמוישעוו פֿלעגט מען פֿאַרבאָטן פֿאַרקויפֿן אין מאָסקווע סכוירעס אָדער עפֿענען זייערע אייגענע קלייטן. באַם אויוועור זייַן אויף אָט דעם פֿאַרבאָט פֿלעגט מען זיי אַרויסשיקן פֿון מאָסקווע און זייער סכוירע קאָנפֿיסקירן. בלויז די יידן־סאָכרים פֿון דער ערשטער און צווייטער גילדיע פֿלעגט די רעגירונג דערלויבן קומען קיין מאָסקווע מיט ווייַב און קינד, האָבנדיק באַ זיך נאָך צוויי יידישע הויזמעשאָרסים. מיט דער הילף פֿון די אָרטיקע סאָכרים אָדער פֿאַרקויפֿער פֿון צווישן די קריסטן פֿלעגן יידן־סאָכרים דאָ זיך פֿאַרנעמען מיט הורט־האַנדל, מאַכן פּאָדריאַדן, אייַנקויפֿן באַ מאָסקווער פֿאַבריקאַנטן אָדער סאָכרים סכוירעס אויף צו פֿאַרקויפֿן אין טכום־האַמוישעוו. צווישן אָט די יידן זייַנען געווען ניט ווייניק געמאַנטע אין איניאָנים פֿונעם מאָסקווער קאָמערץ־געריכט.

אין דער קאָמערץ זייַנען יידן־סאָכרים געווען ערנסטע קאָנקורענטן פֿון די מאָסקווער סאָכרים. נאָך אין 1826 האָט די מאָסקווער האַנדלס־דעפּוטאַציע זיך אָנגעקלאָגט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז יידן, טראָץ די פֿאַראַנענע געזעץ־פֿאַראָרדענונגען, האַנדלען אין מאָסקווע, און דאָס פֿאַרשאַפֿט העזעק די מאָסקווער סאָכרים. די דעפּוטאַציע האָט פֿאַרבאָטן די יידן אַפֿילע צייַטווייַליק צו זייַן אין מאָסקווע. די באַקאָשע האָט אַרויסגערופֿן אַ מעהומע צווישן די מאָסקווער פֿאַבריקאַנטן, וועלכע זייַנען געווען פֿאַרינטערעסירט, אַז די יידישע סאָכרים זאָלן באַ זיי אייַנקויפֿן אינדוסטריִעלע סכוירעס. די אָרטיקע מאַכטן זייַנען אייַנגעגאַנגען אויף אַ פּשאָרע. מע האָט אויסגעאַרבעט ספּעציִעלע קלאָלים פֿאַר די יידן בייַס זייער צייַטווייַליקן פֿאַרהאַלטן זיך אין מאָסקווע. אין צענטער פֿון דער שטאָט, הינטער די האַנדלס־שטעלעכלעך — אין זאַריאַדיע, דאָרט, וווּ עס געפֿינט זיך הייַנט דער גרעסטער מאָסקווער האָטעל „ראָסיִאַ", האָט מען אויפֿגעבויט, נאָך דער סרייפֿע פֿונעם 1812, אַ גאַנצן קוואַרטאַל. דאָ טאַקע האָט מען אָנגעהויבן צו באַזעצן יידן־קאָמערסאַנטן אויף צייַטווייַליק וווינען אין גליעבאָווס הויף (גליעבאָווסקאָיע פּאָדוואָריע). אָט דאָס אייַנפֿאָר־הויז האָט זיך געפֿונען אינעם פּסקאָווער געסל און האָט געהערט צו דעם קאַזיאָנעם אויגן־שפּיטאָל. מיט דער צייַט איז זאַריאַדיע מעגולגל געוואָרן אין אַ שטאָט־קוואַרטאַל, אין וועלכן ס'האָבן געלעבט מערסטנטייל יידן.

אָסטראָווסקיס גוט האָט זיך געפֿונען ניט ווייַט פֿון זאַריאַדיע. אָפּלעבנדיק דאָ מער פֿון 30 יאָר, האָט אַלעקסאַנדער ניקאָלייַעוויטש געשפּירט נאָכן שטייגער פֿון זאַריאַדיע סייַ אינדערוואָכן, סייַ בייַס יאָמטויווים.

די הייַזער אין זאַריאַדיע, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַזעצט יידן, האָבן געהערט צו באַוווּסטע מאָסקווער גווירים. די געבייַדעס האָט מען אויפֿגעבויט זייער שפּאָרזאַם, ספּעציִעל צוליבן פֿאַרדינגען זיי די קליינע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן פֿאַרגעשטעלט דעם איקער פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין זאַריאַדיע. צוליבן פֿאַרקלענערן דאָ די צאָל טרעפּ און אַרייַנגענג, האָט מען אינעם הויפּטייל געמאַכט לאַנגע גאַלערייעס, אָדער, ווי מע האָט זיי דעם נאָמען געגעבן, — „גאַלדאַרייקעס". פֿון די „גאַלדאַרייקעס" האָט געפֿירט בלויז איין אַרייַנגאַנג אין יעדער דירע.

אויף די „גאַלדאַרייקעס" פֿלעגן זומערצייַט זיצן די באַלעבאָסטעס מיט זייערע שטריקערייַען און נייעכצן, ווי אויך די באַלמעלאָכעס — שוסטערס, שנייַדערס, קירזשנער.

זאַריאַדיע האָט מען צומאָל גערופֿן „מאָסקווער געטאָ". איר שטייגער האָט ווייניק־וואָס זיך אונטערשיידט פֿונעם שטייגער פֿון אַוועלכע־ס'ניט איז יידישע יישוּווים אין טכום־האַמוישעוו. דאָ זייַנען געווען יידישע פֿלייש־ און וווּרשט־קלייטן. אין די בעקערייַען האָט מען אויף פּייסעך געבאַקט מאַצע.

ערעוו־שאַבעס פֿלעגט די טומלענדיקע, פֿאַרהאַוועטע זאַריאַדיע אַנשטילט ווערן. אין יעדער שטוב פֿלעגן די מישפּאָכעס פּראַווען וועטשערע. שאַבעס באַטאָג פֿלעגט מען זיצן אינדערהיים, פֿון

א. נ. אָסטראָווסקי. 1856

אינדערפרי אָן לייענען הייליקע ספֿרים און נאָכן מיטיק גיין שפּאַצירן. דאָס באַליבטע אָרט פֿון די שפּאַצירן זײַנען געווען די קרעמל (אַלעקסאַנדער)־גערטנער. קיין שום אַרבעט און האַנדל איז אין אָט די טעג ניט געווען.

גליעבאָווס הויף, ווי אַן אײַנפֿאָר־הויז, באַשטימט אויסשליסלעך פֿאַר אָנגעפֿאָרענע ייִדן, איז ליקווידירט געוואָרן ערשט אין 1856. שפּעטער האָט מען דאָ אויפֿגעשטעלט די ערשטע מאָסקווער סינאַגאָגע.

ניקאָלײַ פֿיאָדאָראָוויטש האָט געשטרעבט געבן זײַנע קינדער לאָגישע, ראַציאָנעלע, אינטעלעקטועלע און פֿיזישע דערציִונג. ער האָט ניט פֿאַרקלאַפּט זייערע קעפּ מיט קירכלעכע דאָגמעס און טפֿילעס, ניט געשטרעבט אײַנצופֿלאַנצן בײַ זיי אונטערטעניקע געפֿילן, קולטיווירט אַרבעטזאַמקייט, אײַנפֿאַלערישקייט, פֿעסטקייט פֿון גײַסט. אַ גרויסע באַדײַטונג האָט ער צוגעגעבן דעם דערלערנען שפּראַכן. אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט אַן אוניקאַלן זיקאָרן, האָט שוין אין די יוגנט־יאָרן געקענט גריכיש, העברעיִש, לאַטײַן, איטאַליעניש, פֿראַנצויזיש, ענגליש, שוועדיש, דײַטש, אוקראַיִניש און פּויליש, און שפּעטער — שפּאַניש. קענענדיק אַזויפֿיל שפּראַכן, האָט ער פֿאַרשטאַנען אויך ייִדיש.

ניקאָלײַ פֿיאָדאָראָוויטש האָט פֿאַרמאָגט אַ גרויסע הויז־ביבליאָטעק, וווּ ס'זײַנען געווען אויך ביכער אויף העברעיִש. צווישן זיי האָבן דאָס בעקאַוועדיקסטע אָרט פֿאַרנומען דער טאַנאַך און דער טאַלמוד. זײַענדיק נאָך אַ ייִנגל, האָט דער קומענדיקער דראַמאַטורג מיט אינטערעס געלייענט אָט די ספֿרים.

בייִסן לערנען אין דער גימנאַזיע האָט אַלעקסאַנדער אָסטראָווסקי דערפֿילט אַ „נעטיִע צו אוווּרשאַפֿט". וויסנדיק, אַז די ליטעראַרישע אַרבעט פֿאַרזאָרגט בלויז זייער און זייער ניט קיין סאַך, האָט דער פֿאָטער געריכטעט דעם זון זײַנעם אויף אַן אַנדער וועג. ער האָט געוואָלט מאַכן פֿון אים אַ יוריסט, זײַנעם אַ יורעש אין די איניאָנים.

נאָכן פֿאַרענדיקן די גימנאַזיע איז אַלעקסאַנדער אָנגעקומען אויף דער יורידישער אָפּטיילונג פֿונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. אויפֿן צווייטן קורס האָט ער געהערט לעקציעס פֿונעם פּראָפֿעסאָר גראַנאָווסקי, וועלכער האָט אונטעריכט אַלגעמיינע געשיכטע און איז דאַן געווען איינער פֿון די הערשער איבער די מוחות פֿון דער דעמאָלטיקער פֿאָרגעשריטענער מאָסקווער אינטעליגענץ. מיט סטודענטן האָט גראַנאָווסקי זיך געהאַלטן פּאַשעט, פֿלעגט אײַנלאַדן זיי צו זיך אַהיים, געפֿירט מיט זיי אָפֿנהאַרציקע געשפּרעכן וועגן פֿרײַהײַט, גלײַכהײַט און ברידערלעכקײַט, דערוועקט אין זיי אַ לעבעדיק געפֿיל פֿון הומאַניזם, פֿון אָפּשײַ צו לײַדנדיקע מענטשן, סינע צו גוואַלדטאַט, צו נאַציאָנאַליזם.

צווישן די פֿראַגעס, וואָס גראַנאָווסקי פֿלעגט באַהאַנדלען מיט זײַנע שילער, איז געווען אויך די ייִדישע פֿראַגע. מיט גראַנאָווסקיס אָנשויונגען אויף אָט דער פּראָבלעם איז אָסטראָווסקי געווען באַקאַנט נאָך לאַנג ביז זײַן אָנקומען אין אוניווערסיטעט. אין דעם פֿאָטערס ביבליאָטעק האָט זיך מיט זאָרג געהיט אַן אויסשניט פֿון גראַנאָווסקיס ערשטן אַרטיקל, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין 1835 אינעם זשורנאַל „ביבליאָטעק פֿאַר לייענען". דער אַרטיקל האָט געהייסן „גורל־אָלעס פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. זינט דעם פֿאַלן פֿון די מאַקאַבייער ביז דער הײַנטיקער צײַט".

די קולטור־ווירקונג פֿון די ייִדן אין דער געשיכטע, האָט באַהויפּטעט גראַנאָווסקי, איז אומגעהייער. גראַנאָווסקי האָט אָנגעוויזן אויפֿן טאַנאַך ווי אויף אַן אורקוואַל פֿאַר דערלערנען ניט בלויז די היסטאָרישע ריאַליע פֿון די ייִדן, נאָר אויך פֿאַר דערלערנען די געשיכטע פֿונעם אוראַלטן מיזרעך ביכלאַל. שפּעטער, אינעם פֿאָרוואָרט צו דעם „לערנבוך פֿאַר אַלגעמיינער געשיכטע", וועלכער איז געבליבן ניט פֿאַרענדיקט, האָט גראַנאָווסקי געשריבן: „סײַ לויטן אָפּשטאַם, סײַ לויטן אינהאַלט זייערן שטייען די הייליקע ספֿאָרים פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אָן אַן עק העכער פֿון אַנדערע היסטאָרישע גוויִעס־איידעס וועגן דעם לעבן פֿונעם אוראַלטן מיזרעך און שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אומויסשעפּלעכן קוואַל פֿון באַלערונג פֿאַר אַלע יאָרהונדערטער און אַלע פֿעלקער".

אין 1843 האָט אָסטראָווסקי פאַרלאָזט דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. דער פאָטער האָט אים אײַנגעאָרדנט אַף דינסט אינעם מאָסקווער געוויסן־געריכט און דערנאָך אַריבערגעפירט אין מאָסקווער קאָמערץ־געריכט.

ווי ניקאָלײַ פיאָדאָראָוויטש, האָט אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלן זיקאָרן, באַאָבאַכטערישקײַט, אַרבעטזאַמקײַט, ברײַטקײַט פון וויסן, רעדנער־קונסט. ער וואָלט געקאָנט מאַכן זייער אַ גוטע ביוראָקראַטישע קאַריערע, אָבער אַזאַ האָט אים ניט צוגעצויגן. דער יונגער אָסטראָווסקי האָט פעסט באַשלאָסן זיך צו ווידמען דער דינסט פון דעמאָקראַטישע אידעאַלן. ער האָט געשטעלט פאַר זיך אַן אויפגאַבע צו ווערן אַ דראַמאַטישער פאָלקס־שרײַבער. אָסטראָווסקי האָט קלאָר באַנומען, ווי שווער עס איז דער וועג, וועלכן ער האָט אויסגעוויילט. אָט וואָס ער האָט געשריבן אין אַ פריִערן אַרטיקל זײַנעם:

„ביכדיי צו ווערן אַ פאָלקס־שרײַבער, איז נאָך ווייניק ליב האָבן דאָס היימלאַנד, — די ליבע גיט בלויז ענערגיע, דאָס געפיל, נאָר גיט ניט דעם אינהאַלט, מע דאַרף נאָך גוט קענען דײַן פאָלק, ווערן מיט אים וואָס מער נאָענט. די בעסטע שול פאַר אַ קינסטלערישן טאַלאַנט איז דערלערנען זײַן פאָלק, און רעפּראָדוצירן אים אין קינסטלערישע פאָרמען איז דער בעסטער געביט פאַר שעפערישער טעטיקײַט. דאָס דערלערנען די פײַנע דענקמעלער פונעם אַלטערטום, שטודירן די נײַסטע טעאָריעס פון קונסט דאַרף ווערן אַ צוגרייטונג פונעם קינסטלער צו דער הייליקער זאַך פון דערלערנען זײַן היימלאַנד, זאָל ער אַרײַנגיין מיט אָט דעם סכום קענטענישן אינעם פאָלקס־לעבן, אין זײַנע אינטערעסן און האָפענונגען”.

אין דעם זעלבן אַרטיקל האָט דער יונגער אָסטראָווסקי פאַרורטיילט די יעסוידעס פון נאַציאָנאַליזם — די אידיי פון נאַציאָנאַלער איבערהאַנט און נאַציאָנאַלער אויסשליסלעכקײַט, דעם גײַסט פון נאַציאָנאַלער סינע.

דער ערשטער רײַפער פרוּוו פון אָסטראָווסקין דעם דראַמאַטורג איז געווען דער איינאַקטער „דאָס בילד פון פאַמיליען־גליק”, וואָס האָט פאַרורטיילט די צוויִעסדיקע געזעצן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, די מאַכט פון געלט, קלאָר אָנווײַזנדיק, וויאַזוי די מאַטעריעלע, עקאָנאָמישע זײַט הערשט אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אין אַלע לעבנס־פאַרהעלטענישן. די פיעסע האָט מען פאַרבאָטן צו שטעלן אַף דער בינע.

אין סאָף פונעם יאָר 1849 האָט אָסטראָווסקי פאַרענדיקט די קאָמעדיע „באַנקראָט”.

אַדהײַנט האָט קיינער ניט באַמערקט, אַז אָט די קאָמעדיע, וועלכע מע האָט אָנערקענט אַלס שעדעווער פון דער רוסישער דראַמאַטישער קונסט, איז פעסט פאַרבונדן מיט דער העברעיִשער מיפאָלאָגיע.



א. נ. אָסטראָווסקיס פיעסע, וועלכע די צענזור האָט פאַרבאָטן

די העברעיִשע מיפאָלאָגיע, ווי באַוווּסט, האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אַף דער שאַפונג פון פיל מײַסטערס פון דער קונסט. אין אַ רײ קלאַסישע קינסטלערישע ווערק האָט באַקומען איר טיקן די לעגענדע וועגן שימשון־הגיבור. די אויסערגעוויינלעכע פיזישע קראַפט, דערציילט די לעגענדע, האָט זיך פאַרבאָרגן אין זײַנע לאַנגע האָר. דאַלילע, אַן אָפּשטאַמיקע פון די פלישטים, שימשונס געליבטע, האָט מיט כיטרעקײַט זיך דערוווּסט בײַ דעם גיבער דעם סאָד פון זײַן קראַפט. זי האָט אָפּגעשוירן באַם שלאָפנדיקן שימשון די האָר, געבראַכט צו אים די פלישטים און זיי האָבן אים אויסגעשטאָכן די אויגן, פאַרשמידט אין קייטן. אין געפענקעניש זײַנען בײַ שימשונען די האָר ווידער אויסגעוואַקסן; דערפילט דעם פריִערדיקן קויעך, האָט ער כאָרעוו געמאַכט דעם טעמפּל, אונטער די כורוועס פון וועלכן ס'האָבן געפונען זייער טויט די פלישטים.

שימשונס געשטאַלט האָבן רעפּראָדוצירט אין זייער שאַפן די קינסטלער רעמבראַנדט און וואַן דייק, די סקולפּטאָרן מ. אי. קאָזלאָווסקי און ס. ט. קאָנענקאָוו, די קאָמפּאָזיטאָרן גענדעל און סען־סאַנס און אַ סאַך אַנדערע.

די לעגענדע וועגן שימשון־האַגיבער האָט אויך געדינט אַסטראָווסקין אין זייַן אַרבעט אַף דער קאָמעדיע „באַנקראָט“. אַסטראָווסקי מאָדיפיצירט אָט דעם מיף אַף זייער אַן אומגעוויינלעכן אויפן און פאַרבונדן מיט דער מאָדערנער פראָבלעמאַטיק. קיין שום מיפישע פערסאָנאַזשן — שימשון־האַגיבער און דאַלילען — זייַנען אין דער קאָמעדיע „באַנקראָט“ ניט געווען. דאָ האָבן געהאַנדלט רעאַלע פערסאָנאַזשן — דער מאָסקווער סויכער סאַמסאָן סיליטש באָלשאָוו און לאַזאַר יעליזאַראָוויטש פאָדכאַליוזין — דער פאַרקויפער באַ דעם דאָזיקן סויכער, אַ באַוווּסטזיניקער און קלוגער שווינדלער. צום אונטערשייד פונעם ביבלישן שימשון־האַגיבער איז סאַמסאָן סיליטש באָלשאָוו געווען ניט יונג, נאָר אַלט, „קוים געשלעפט די פיס“. זייַן מעכטיקייַט אָבער איז געווען אַן אַן ערך גרעסער, איידער באַ דעם ביבלישן שימשון־האַגיבער. סאַמסאָן סיליטשס מעכטיקייַט איז געווען ניט קיין מיפישע, נאָר אַ רעאַלע און האָט זיך באַזירט אַף זייַן קאַפיטאַל. דורכן שווינדל האָט פאָדכאַליוזין פאַרכאַפט סאַמסאָן סיליטשס קאַפיטאַל און צו אים איז אַריבער דעם באַלעבאָס' גאַנצע מעכטיקייַט. פאַרלירנדיק זייַן קאַפיטאַל, איז באָלשאָוו אַרייַנגעפאַלן אין כיוועס־גרוב, וועלכע האָט אים פולשטענדיק פאַרוואַנדלט אין אַן אָנמעכטיקן זאָקן.

די קאָמעדיע „באַנקראָט“ האָט בעפּויעל מאַמעש דערוויזן, אַז דער קאַפיטאַל איז ניט קיין פערזענלעכע קראַפט. קורץ פאַרן שאַפן די קאָמעדיע „באַנקראָט“, האָט וועגן דעם זעלבן דערקלערט אין 1848 „דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי“, דעפינירנדיק די אומפאַרמייַדלעכקייַט פון פאַרוואַנדלען דעם קאַפיטאַל אין קאָלעקטיוון אייגנטום, וואָס געהערט אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

די קאָמעדיע „באַנקראָט“ איז געווען פאַרבאָטן צו שטעלן אַף דער בינע. דעם אַרויסגעבער פונעם זשורנאַל „מאָסקוויטיאַנין“ מ. פ. פאָגאָדינען האָט זיך איינגעגעבן זי אָפדרוקן אונטערן נאָמען „אייגענע מענטשן — וועלן מיר אַדורכקומען“ („סוואָי ליודי — סאָטשטשיאָמסיאַ!“).

די קאָמעדיע האָט געהאַט דערפאָלג אַפילע באַ די סאַמע ניט־באַהאַוונטע לייענער. מענטשן געבילדעטע האָבן זי אויפגענומען מיט היספייַלעס. פיל האָבן געשטעלט דעם אווטאָר אין איין ריי מיט פאָנוויזינען, גריבאָיעדאָוון, גאָגאָלן. דער קייסער, אויסהערנדיק דעם ראַפאָרט פונעם שעף פון די זשאַנדאַרמען וועגן דעם „מעכאַבער“ אַסטראָווסקי, האָט באַפוילן אים נעמען אונטער אַ פאָליצייישער אויפזיכט און אויסער דעם איינשטעלן נאָך אים אַ געהיימע זשאַנדאַרמען־נאָכשפירונג.

אין אווגוסט 1849 איז אין פאַריזש פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פאַר שאָלעם — דער ערשטער אין דער געשיכטע פון אייראָפע קאָנגרעס פון די קעגנער פון פאַרכאַפערישע מילכאָמעס. אַפן קאָנגרעס זייַנען בייַגעווען פאָרשטייער פון דער פאָרגעשריטענער אינטעליגענץ פון אַ סאַך לענדער — שרייַבער, פילאָסאָפן, פובליציסטן, גייַסטלעכע — מענטשן פון פאַרשיידענע פאָליטישע און רעליגיעזע איבערצייַגונגען. זיי אַלעמען האָט פאַרייניקט איין פאַרלאַנג — אָפשאַפן די מילכאָמע־געפאַר. אַלס פאָרזיצער פונעם קאָנגרעס האָט מען אויסגעוויילט דעם מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, דעם שרייַבער וויקטאָר הוגאָ, וועלכן די בורזשואַזע רעוואָליוציע פונעם 1848 יאָר האָט אַרויסגעפירט אַפן ברייטן וועג פון געזעלשאַפטלעך־פאָליטישן קאַמף.

אין זייַן רעדע באַם עפענען דעם קאָנגרעס האָט הוגאָ דערקלערט, אַז ווען די מיליאַרדן, וואָס מע אַסיגנירט אַף מילכאָמעס, וואָלט מען אָפגעבן דער זאַך פון פרידלעך שאַפן, וואָלט עס געבראַכט צו באַנייַונג פון דער גאַנצער ערד, צו דער פאַרניכטונג פון אָרעמקייַט און הונגער. און באַם שליסן דעם קאָנגרעס האָט ער, רופנדיק זייען אומעטום דעם גרויסן געדאַנק וועגן דעם קאַמף פאַר שאָלעם אַף דער וועלט, פאַר פרייַהייַט און פעלקער־איינייקייַט, געזאָגט:

„פאַרקלערט זיך וועגן דעם אָוואַר — דער אָוואַר וואַרפט דאָך אָפט אַ שייַן אַף דער צוקונפט! דעקט אויף די געשיכטע — וועט איר שטאַרקער ווערן אין אייַער גלויבן!

יאָ, דער אָוואַר און די געשיכטע — דאָס זייַנען אונדזערע זייַלן“.

ווען די ידיעס וועגן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס זייַנען דערגאַנגען צו מאָסקווע, האָט דער יונגער אַסטראָווסקי פאַרטראַכט צו שרייַבן אַ היסטאָרישע דראַמע, וועלכע זאָל דינען דער זאַך פון קאַמף פאַר שאָלעם, זייַן אָנגעזעטיקט מיט פאַטאָס פון טאַדלען די טיראַניע, מיטן גלויבן אין זיג פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייַט. זוכנדיק מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער טראַגעדיע, האָט זיך אַסטראָווסקי געווענדט צו דער געשיכטע פון אַלעקסאַנדער מוקדן.

גראַנאָווסקי האָט, לייענענדיק אין מאָסקווער אוניווערסיטעט לעקציעס וועגן אָט דעם גרויסן פאָלקנפירער און מעלוכע־טוער, געזאָגט:

„איבערקלייַבנדיק אין געדאַנק די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, וועלן מיר ניט געפינען נאָך אַזאַ פערזענלעכקייַט, וואָס זייַן היסטאָרישע טעטיקייַט וואָלט לויטן סכום און ווירקונג זיך געקאָנט פאַרגלייַכן מיט אַלעקסאַנדערן. ער שטייט ווי אַ פאַרמיטלער און רוידעפשאָלעמניק צווישן מייַרעוו און מיזרעך. גאַנצע פעלקער האָט ער אַנטפלעקט, וועגן, מיט וועלכע ביז אים זייַנען געגאַנגען בלויז געוואַגטע רייַזנדער“.

אַלעקסאַנדער מוקדנס מילכאָמעס זייַנען ניט געווען קיין באַפרייַונגס־ און פאַרטיידיקונגס־מילכאָמעס. דער מיליטערישער וועג, מיט וועלכן עס איז געגאַנגען אַלעקסאַנדער, האָט ניט געקאָנט



ט. נ. גראַנאָווסקי



נ. ג. רובינשטײַן



פּ. אי. טשײַקאָווסקי

געבן קיין פֿאַרנונפֿטיקע לייזונגען — ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע, ניט קיין אינערלעכע. זײַנע בלוטיקע מילכאָמעס האָבן געפֿירט בלויז צום קריזיס פֿון זײַן אימפּעריע. א געשאַפֿענע אין רעזולטאַט פֿון פֿאַרכאַפּונגען און ניט האָבנדיק קיין פֿעסטע עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונגען, איז זי נאָכן טויט פֿון איר גרינדער זיך צעפֿאַלן אויף א ריי זעלבשטענדיקע העליניסטישע מעלוכעס.

אָסטראָווסקי איז געווען נאָך א ייִנגל, ווען אַלעקסאַנדער מוקדן האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אים, ווי א מענטש, אין וועלכן מוט און גרויסקייט האָבן פֿאַרשטעלט די העכסט נעגאַטיווע אייגנשאַפֿטן: פֿאַרדעכטיקייט, צוועקלאָזע ברוטאַלקייט, היפּאָכאָנדריע, אומגעהייערע אַמביציעזקייט. אינעם פּאַטערס ביבליאָטעק האָט ער געלייענט די אַרבעט פֿונעם רוימישן היסטאָריקער און ריטאָר קווינט קורצי רוף „די געשיכטע פֿון אַלעקסאַנדער מוקדן". אָט דאָס ווערק האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש און אַרויסגעגעבן אין 1750 דער אַקאַדעמיקער סטעפּאַן קראַשעניניקאָוו — מ. וו. לאָמאָנאָסאָווס מיטקעמפֿער, א באַרימטער פֿאָרשער פֿון קאַמטשאַטקע.

קענענדיק פֿיל אַנדערע ווערק, געווידמעט אַלעקסאַנדער מוקדנען, האָט אָסטראָווסקי אין זײַן דראַמע אויסגעפֿורעמט דאָס געשטאַלט פֿון א יונגן גאָען פֿון בלוטיקע פֿאַרכאַפּערישע מילכאָמעס. אין אָט דער דראַמע, וועלכע ער האָט אָנגערופֿן „אַלעקסאַנדער דער גרויסער אין באָוול", האָבן זיך צונויפֿגעשטויסן אין א שאַרפֿן קאָנפֿליקט פֿאַרשקלאַפֿער און פֿאַרשקלאַפֿטע — גריכן און ייִדן.

ווי באַוווּסט, האָט דער באָוולשער קייסער נעוווּכאַדנעצער דער צווייטער אין 586 יאָר ביז אונדזער צײַט־רעכענונג, נאָכן אײַנעמען ירושאָלאַיִם, מיט גוואַלד איבערגעזעצט די ייִדן קיין באָוול.

די באָוולשע געפֿענקעניש איז געווען איינע פֿון די גרויליקסטע צײַטלעך אין דער געשיכטע פֿון די אוראַלטע ייִדן. אין באָוול האָט דאָסראָוו פֿון זיי געהאַט אויסצושטיין שווערע יעסורים און פּײַנט געקראָגן די באָוולשע שקלאַפֿן־באַזיצער.

נאָך נעוווּכאַדנעצערס טויט האָט באָוול, א געשפּאָלטענער פֿון אינערלעכע ווידערשפּרוכן און שאַרפֿן קלאַסן־קאַמף, אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן זײַן באַדײַטונג. אין 539 יאָר ביז אונדזער צײַט־רעכענונג איז באָוול פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך קוירעש (כּורש) דעם צווייטן — דעם גרינדער פֿון דער מאַלכעס אַכעמענידן, וואָס האָט אַרײַנגענומען אין זיך דאָסראָוו לענדער פֿונעם נאָענטן און מיטעלן מיזרעך. קוירעש האָט דערלויבט די ייִדן זיך אומקערן קיין ירושאָלאַיִם. שפּעטער איז אַהער אַרײַן אַלעקסאַנדער מוקדנס מיליטער, דערנאָך פֿאַרכאַפּט ער אויך באָוול.

אין אָסטראָווסקיס דראַמע איז אָבער דער הויפּט־העלד ניט דער גרויסער באַהערשער, נאָר אַן אומבאַוווּסטער אָרעמער יונגער ייִד. דער יונגער ייִד האָט ליב זײַן שטאַמשוועסטער, נאָר זי, א פֿאַרבלענדטע פֿון אַלעקסאַנדער מוקדנס רום, האָט אָפּגעגעבן די בכוירע דעם אַלמעכטיקן דעספּאָט. שפּעטער ווערט אָט דער ייִד, וועלכער איז באַשאָנקען מיט סייכל און טאַלאַנט, אַן אומייגננוציקער, נאָבעלער, א פֿרײַהײַטסליבנדיקער, — א גרויסער נאָווי. מיט לײַדנשאַפֿט פֿאַרורטיילט ער די בלוטיקע פֿאַרברעכנס פֿון די פֿאַרכאַפּער, און אַלעקסאַנדער מוקדן פֿאַרורטיילט אים צו טויט. פֿאַרן טויט האָט דער נאָווי פֿאָרויסגעזאָגט אַלעקסאַנדערן, אַז זײַן אימפּעריע וועט זיך צעפֿאַלן, ווײַל ס'קאָן ניט זײַן דויערנדיק די קראַפֿט פֿון א מאַלכעס, וואָס פֿאַרשקלאַפֿט פֿעלקער.

אַלעקסאַנדער מוקדנס געשטאַלט, וואָס עס האָט געשאַפֿן אָסטראָווסקי, האָט זיך אַסאָציִירט מיטן געשטאַלט פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטן, פֿון וועמענס דרייקנדיקער זעלבסטהערשונג האָט געליטן ניט בלויז רוסלאַנד, נאָר אויך אייראָפּע. די רוסישע זעלבסטהערשונג איז געווען אין יענער צײַט דער לעצטער גרעסטער רעזערוו פֿון דער אייראָפּעיִשער רעאַקציע.

אין זומער 1850 האָט אָסטראָווסקי אָנגעהויבן לייענען פֿראַגמענטן פֿון זײַן דראַמע אין די מאָסקווער הײַזער. אַזעלכע ליטעראַרישע לעזונגען זײַנען דעמלט געווען זייער פֿאַרשפּרייט.

אָסטראָווסקיס דראַמע האָט דערוועקט אַן אינטערעס ניט נאָר בא די מאָסקווער קרײַזן. דער כוידעש־זשורנאַל „ליטעראַטור, וויסנשאַפֿטן, קונסטן, אינדוסטריע, נײַס און מאָדעס", „די ביבליאָטעק פֿאַר לייענען" האָט אָפּגעדרוקט אינעם דעקאַבער־נומער פֿאַרן יאָר 1850 א פֿאָלגנדיקע אינפֿאָרמאַציע: א. נ. אָסטראָווסקי שרײַבט איצט א דראַמע אין פֿערזן. אין א. נ. אָסטראָווסקיס נײַער דראַמע, פֿראַגמענטן פֿון וועלכער מיר האָבן געהערט פֿונעם מעכאַבער גופֿע, זעט מען שוין די ווײַטערע אַנטוויקלונג פֿון אונדזער יונגן דראַמאַטורג. די לײַדנשאַפֿטלעכע נאַטור פֿונעם יונגן האַרץ און דאָס וואָרט, אַן אויסגעוועבטס פֿון דער ריינער האַרמאָניע פֿון דער רוסישער שפּראַך, האָבן זיך דאָ אַנטפּלעקט אינעם אינטערעסאַנטסטן סיוזשעט, וואָס איז גענומען פֿון דער געשיכטע פֿונעם אוראַלטן מיזרעך. די דראַמע פֿונעם הער אָסטראָווסקי הייסט „אַלעקסאַנדער דער גרויסער אין באָוול".

דרײַ כאַדאָשים פֿאַרן דערשײַנען פֿון אָט דער נאָטיץ האָט די דריטע אָפּטיילונג פֿון דער „אייגענער קאַנצעלאַריע פֿון זײַן אימפּעראַטאָרישער מאַיעסטעט" פֿאַרבאָטן אָסטראָווסקיס איבערזעצונג פֿון שעקספּירס קאָמעדיע „צוימונג פֿון דער ניט־געהאָרכזאַמער". אין יאַנוואַר 1851 האָט מען אָסטראָווסקין, אויף וויפֿל נאָך אים איז אײַנגעשטעלט געוואָרן א פּאָליציייִשער און זשאַנדאַרם־אויפֿזיכט, באַפֿרײַט פֿון זײַן שטעלע אינעם קאָמערץ־געריכט, און ער איז געצוווּנגען געווען איבערצורײַסן די אַרבעט איבער דער דראַמע „אַלעקסאַנדער דער

גרויסער אין באָול", ניט האָבנדיק קיין שאַנס זי אָפּצודרוקן, שוין אָפּגערעדט פֿון אויפֿירן זי אויף דער בינע.

קעדיי אויפֿצופֿירן דראַמאַטישע ווערק אויף דער בינע, האָט דעמלט עקזיסטירט אַ באַזונדערע ספּעציעלע צענזור מיצאַד דער באַרימטער דריטער אָפּטיילונג באַם דירעקטן אָנטייל פֿונעם זשאַנדאַרמען־שעף און אין באַזונדערע פֿאַלן פֿונעם קייסער גופֿא. די דאָזיקע צענזור האָט זיך געהאַלטן באַם קלאַל, אַז דאָס וואָרט, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט פֿון דער בינע, ווירקט אָן אַ שיר שטאַרקער, איידער אַרויסגעלייענט פֿון אַ בוך, דעריבער איז זי געווען אָן אַ שיר שטרענגער און פֿאַרדעכטיקער. ס'איז געווען פֿאַרבאָטן די מינדסטע קריטיק פֿון דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פֿון דער זעלבסטהערשונג, מע האָט ניט געטאָרט ווײַזן אויף דער בינע פֿאַרשטייער פֿונעם קייסערלעכן הויף און באַרימטע אַדעליקע פֿאַמיליעס, דעם קלער.

אין פֿיל יאָרן אַרום, ווען דער צאַריזם, בעשאַס דעם רעוואָליוציאָנערן דראַנג אין אָנהייב פֿון די 60ער יאָרן, איז געווען גענויט אַ ביסל אָפּטרעטן אין פֿראַגע פֿון צענזור, האָט אָסטראָווסקי געשריבן אין זײַן אַנאָנימען אַרטיקל „די אומשטענדן, וואָס טאָרמאָזירן די אַנטוויקלונג פֿון דער דראַמאַטישער קונסט אין רוסיש":

„דער אוטאָר, און באַזונדערס דער אָנהייבער, באַ וועמען מע האָט פֿאַרבאָטן איינע אָדער צוויי פּיעסעס, ניט דערקלערנדיק אים די סיבעס דערפֿון, דאַרף פֿאַר אַלצדינג מוירע האָבן... ער פֿאַלט אויף אַ ברייטן געדאַנק — דאַרף ער אים פֿאַרשמעלערן; ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַ שטאַרקער כאַראַקטער — דאַרף ער אים אָפּשוואַכן; ס'זײַנען אַרײַן אין קאָפּ טיכטיקע און וואָגיקע פֿראַזעס — דאַרף ער זיי אויסגלײַכן, ווײַל דערין זעט ער די סיבעס צום פֿאַרבאָט... אַזעלכע שטענדיקע קירצונגען, באַגרענעצונגען ווירקט שעדלעך אויף די פּראָדוציר־מעגלעכקײַטן, לאָזט זיך לאַנג פֿילן אין דער גאַנצער טעטיקײַט; דאָס זאָג איך לויט מײַן אייגענער דערפֿאַרונג. קעדיי האָבן בלויז די מעגלעכקײַט צו זען דײַנע ווערק אויף דער בינע, שרײַבסטו ווילנדיק, ניט־ווילנדיק פֿונעם קאָפּ ערנסטע לעבנס־אידייען, ווײַלסט אויס אויפֿגאַבעס, וואָס זײַנען מער אַלגעמיינע, סיוזשעטן — מער קלענערע, כאַראַקטערן — מער בלאַסע".

אַ פֿיליאַריקע פֿרײַנטשאַפֿט האָט פֿאַרבונדן אָסטראָווסקין מיט נ. ג. רובינשטיינען — דעם אָנגעזעענעם פּיאַניסט, דיריזשאָר, מוזיק־טוער. איינעם פֿון די סאַמע געדענקלעכע טעג פֿון זײַן לעבן האָט אָסטראָווסקי געהאַלטן דעם טאָג, ווען אין מאָסקווע האָט זיך געעפֿנט „דאָס אַרטיסטישע קרײַזל". צוזאַמען מיט נ. ג. רובינשטיינען האָט ער טיכטיק געזאָרגט וועגן דער גרינדונג פֿון אָט דער געזעלשאַפֿט.

„דאָס אַרטיסטישע קרײַזל" איז געוואָרן די ערשטע אין רוסלאַנד געזעלשאַפֿטלעכע קונסט־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פֿאַראייניקט טוער פֿון פֿאַרשיידענע קונסט־אַרטן (ליטעראַטן, אַרטיסטן, מוזיקער, קינסטלער). דאָס קרײַזל האָט עקזיסטירט אין די יאָרן 1865—1883 און האָט געשטעלט פֿאַר זיך די אויפֿגאַבע שעפֿעריש דערנענטערן די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, פֿאַרברייטערן זייערע קענטעניש אין די פֿראַגן פֿון קונסט, העלפֿן פֿאַר אַקטיאָרן־אָנפֿאַנגער, אַרויסווײַזן מאַטעריעלע שטיצע פֿאַר נויטבאַדערפֿטיקע. אינעם „אַרטיסטישן קרײַזל" פֿלעגט מען אײַנאָרדענען רעגולערע פֿאָרלעזונגען, אויספֿילן און באַהאַנדלען ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע ווערק, דורכפֿירן לעקציעס, אָרגאַניזירן אויסשטעלונגען, ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע און טאַנץ־אָוונטן. אַ באַדײַטנדיק אָרט אינעם לעבן פֿון דעם קרײַזל פֿלעגן פֿאַרנעמען אויפֿירונגען פֿון ספּעקטאַקלען. אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע איז געווען דעמלט פֿאַרבאָטן אײַנצואָרדענען פּריוואַטע עפֿנטלעכע ספּעקטאַקלען. דעם „אַרטיסטישן קרײַזל" האָט זיך אײַנגעגעבן צעשטערן די מאָנאָפּאָליע פֿון די אימפּעראַטאָרישע טעאַטערס און זיך דערשלאָגן צוערשט די אויפֿירונג פֿון פֿאַרמאַכטע ספּעקטאַקלען — פֿאַר די מיטגלידער פֿונעם קרײַזל, און פֿונעם 1868 יאָר — אויך פֿון עפֿנטלעכע. אָנהייבנדיק פֿונעם יאָר 1869, האָט דער טעאַטער פֿונעם „אַרטיסטישן קרײַזל" געשפּילט אין בראָניקאָווס (בעלאָפּוטינס) טעאַטער, וווּ ס'געפֿינט זיך הײַנט דער צענטראַלער קינדער־טעאַטער. אין דער געשיכטע פֿונעם „אַרטיסטישן קרײַזל" איז אַרײַן ניט בלויז נ. ג. רובינשטיין, נאָר אויך ג. וועניאַווסקי, פּ. לאַווע און אַנדערע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געמיט אין געביט פֿון קונסט, בעסיכעם אויך דער גרינדער פֿונעם ייִדישן טעאַטער אַ. גאָלדפֿאַדן, וועלכער פֿלעגט באַזוכן דאָס קרײַזל בײַם די גאַסטראָלן פֿון זײַן טרופּע אין מאָסקווע.

אין 1877 האָבן די מאָסקווער צושויער, לויט אָסטראָווסקיס און רובינשטיינס איניציאַטיוו, אָפּגעגעבן גרויס קאָוועד איינעם פֿון די בעסטע אויספֿילער פֿון די ראָלן פֿון שעקספּירס רעפּערטואַר דעם איטאַליענישן טראַגיקער ערנעסטאָ ראָסי, וועלכער האָט מיט דערפֿאָלג גאַסטראָלירט איבער די גרעסטע שטעט פֿון רוסלאַנד. אין זײַן ווענדונג צו דעם באַרימטן אַרטיסט האָט אָסטראָווסקי קלאָר און דײַטלעך אויסגעדריקט די באַציִונג פֿונעם דעמאָקראַטישן רוסלאַנד צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. ער האָט געשריבן:

„מיר זײַנען אַ יונגע נאַציע, קיין שום נאַציאָנאַלע פֿאָרורטיילן פֿאַרבלענדן אונדז ניט, און מיט אָפֿענע אויגן קוקן מיר און מיט אָפֿענער נעשאָמע נעמען מיר אויף די וווּנדערבאַרע שאַפֿונגען פֿונעם גרויסן דיכטער. זאָל זײַן, אַז די סאַמע פֿולקומע דראַמאַטישע ווערק האָט אָנגעשריבן אַן ענגלענדער, זאָל זײַן, אַז מיט ווירדע פֿירט זיי פֿאַר אונדז אויף אַן איטאַליענער; אָבער דאָס איז שיינ־

קײַט, קראַפט און עמעס, און מיר גיבן אָפּ קאָוועד דעם דיכטער — שעפער און קאַרגן ניט קײן אָפּלאַדיסמענטן און לאָרבער־קרענץ פאַרן אַרטיסט־אויספילער. קונסט פאַרײניקט די פעלקער און באַפרײַנדעט".

אָסטראָווסקי האָט זיך געכאַוועט ניט בלויז מיט ניקאָלײַ רובינשטײנען, נאָר אויך מיט זײַן ברודער אַנטאָן. דאָס סאַמע וויכטיקע אין א. ג. רובינשטײנס לעבן איז געווען די גרינדונג פון דער רוסישער מוזיקאַלער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקײַט אין האַרבסט 1859 אין פעטערבורג. א. ג. רובינשטײן איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער דירעקציע פון דער געזעלשאַפט, געוואָרן איר פאַקטישער אָנפירער און נאָכדעם געוואָרן דער הויפט פון די מוזיק־קלאַסן, וועלכע זײַנען אין 1862 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ערשטער רוסישער קאָנסערוואַטאָריע. א. ג. רובינשטײן איז געוואָרן איר דירעקטאָר און פּראָפעסאָר. צווישן די ערשטע אַרויסלאָזניקעס אירע איז געווען פ. אי. טשײַקאָווסקי — רובינשטײנס שילער לויטן קלאַס פון אינסטרומענטאָוועקע. אָף לאַנגע יאָרן האָט טשײַקאָווסקי פאַרהיט די ליבע און אַכטונג צו זײַן לערער.

טשײַקאָווסקי האָט געהאַט א נעטיע צום טעאַטער, האָט אים געהאַלטן פאַר דער קונסט פון ברײטער, מאַסעווער ווירקונג.

אין סאָף 1885 האָט טשײַקאָווסקי געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע און איז לויט דער אײַנלאַדונג פון נ. ג. רובינשטײנען געקומען קײן מאָסקווע. אין די ערשטע כאַדאָשים האָט ער אונטעריכט מוזיק־טעאָריע אין די מוזיקאַלע קלאַסן פון דער מאָסקווער אָפּטײלונג פון דער רוסישער מוזיקאַלער געזעלשאַפט.

מיטן עפענען די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע איז טשײַקאָווסקי געוואָרן א פּראָפעסאָר פון אירע טעאָרעטישע קלאַסן. נ. ג. רובינשטײן האָט געווירקט אָף זײַן דערנעענטערן זיך מיט אָסטראָווסקין. די באַקאַנטשאַפט מיטן דראַמאַטורג האָט קאַרדינאַל געענדערט טשײַקאָווסקיס שעפערישע פּלענער. פריער האָט ער געטרוימט שאַפן אַן אָפּערע אָפן סיוזשעט פון „דעם געוויטער", נאָר ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אַזאַ אָפּערע שאַפט שוין דער קאָמפּאָזיטאָר וו. נ. קאַשפּעראָוו, האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זײַן פאַרטראַכט.

אָנשטאָט דעם האָט אָסטראָווסקי פאַרגעלייגט מאַכן פאַר טשײַקאָווסקין א ליברעטאָ אָפן סיוזשעט פון זײַן פּיעסע „דער וואָיעוואָדע". די האַנדלונג אין דער פּיעסע קומט דאָ פאַר בעשאַס דעם פאָלקס־אופשטאַנד פון סטעפּאַן ראַזינען. אין די 60־ער יאָרן, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז אין רוסלאַנד זײער שטאַרק געווען דער דראַנג פון פאָלקס־באַפרײַערישער באַוועגונג, דעריבער האָט די פּיעסע געהאַט א ספּעציעלן אונטערטעקסט. די רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט געשריבן, אַז אין אָט דער פּיעסע „זעט מען ניט די רוסישע געשיכטע", בלויז רעצעפּטן פון רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן. טשײַקאָווסקי איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט איבער דער אָפּערע „דער וואָיעוואָדע" אין 1867. דערמאָנענדיק אין 11 יאָר אַרום, ווי אַזוי עס איז געשאַפן געוואָרן „דער וואָיעוואָדע", האָט טשײַקאָווסקי געשריבן: „די אָפּערע איז געווען אָנגעשריבן צו גיך און צו לײַכטזיניק, מאַכמעס דעם האָבן די פאָרמען זיך באַקומען ניט קײן אָפּערישע און זײַנען ניט געווען פּאַסיק פאַר די באַדינגונגען פון דער בינע. איך האָב פּאַשעט געשריבן מוזיק צו דעם געגעבענעם טעקסט, האַבנדיק קלאָר ניט אין זינען דעם אומענדלעכן כילעק צווישן סימפאָנישן און אָפּערע־סטיל".

טשײַקאָווסקי האָט פאַרענדיקט די אָפּערע „דער וואָיעוואָדע" אין 1868. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אירע רעפּעטיציעס. אין אָט דער צײַט האָט אָסטראָווסקי באַגײַסטערט טשײַקאָווסקין מיט א נײַעם שעפערישן פאַרטראַכט. אין סאָף 1868 האָט דער קאָמפּאָזיטאָר געשריבן א. אי. טשײַקאָווסקין: „מיקויער מײַנע קומענדיקע שאַפונגען קאָן איך דיר מעלדן זײער אַן אָנגענעמע מיטײלונג: די טעג האָב איך געמיטיקט בײַ אָסטראָווסקין, און ער אַלײן האָט מיר פאַרגעלייגט אָנשרײַבן א נײַע גרויסאַרטיקע ליברעטאָ. זײַן סיוזשעט פּלאַנירט ער שוין אין מעשעך פון 20 יאָר, און ביז איצט האָט ער זיך נאָך ניט אַנטשלאָסן אים עמעצן צו געבן, און ענדלעך, אויסגעוויילט מיך. די האַנדלונג קומט פאָר אין באַוול און גריכנלאַנד בימיי אַלעקסאַנדער מוקדן, וועלכער נעמט אַלײן אין דער אָפּערע אַן אַקטיוון אָנטײל. אין דער אָפּערע שטויסן זיך צונויף פאַרשטײער פון צוויי קלאַסישע נאַציעס: יידן און גריכן; דער העלד — א יונגער ייד, אַן אָפּגענאַרטער אין ליבע צו א יידישקע, וואָס האָט פון ערגעײַץ וועגן געגעבן די בכירע אַלעקסאַנדערן, איז צום סאָף געוואָרן א נאָווי. דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן, אָף וויפל עס איז אָט די קאַנווע גרויסאַרטיק".

אָסטראָווסקין און טשײַקאָווסקין האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו שאַפן די אָפּערע „אַלעקסאַנדער דער גרויסער אין באָוול". דאָס באַווײַזן זיך פון אָט דער אָפּערע איז געווען אומעגלעך אָף דער בינע פון די אימפּעראַטאָרישע אָפּערע־טעאַטערס. זי האָט אָף א נאָך מער אומיטלבאַרן אויפן, אײדער די אָפּערע „דער וואָיעוואָדע", זיך אַסאָצײִרט מיטן הײַנטצײַטיקן באַפרײַונגס־קאַמף פון די פעלקער. ס'איז ניט דורכגעגאַנגען קײן יאָר נאָכן אָנהײבן די פאַרהאַנדלונגען צווישן אָסטראָווסקין און טשײַקאָווסקין וועגן שאַפן די אָפּערע „אַלעקסאַנדער דער גרויסער אין באָוול", ווי אין דער רעפּובליקאַנישער שווײץ, אין דער שטאָט לאָזאַנע, עפענענדיק דעם קאָנגרעס פאַר שאָלעם, האָט זײַן פאַרזיצער וויקטאָר הוגאָ געזאָגט:

„מיר ווילן שאָלעם, לײַדנשאַפטלעך ווילן מיר אים. מיר ווילן אומבייגזאַם, קאַטעגאָריש. מיר ווילן שאָלעם צווישן אַלע מענטשן, צווישן אַלע פעלקער, צווישן אַלע ראַסן...

נאָר וואָס, אייגנטלעך, פאַר א שאָלעם ווילן מיר? א שאָלעם אום יעדער פרײַז? א שאָלעם אָן קיין שום באַדינגונגען? ניין! מיר ווילן ניט אַזא שאָלעם, בא וועלכן אײַנגעבויגענע וואָלטן ניט געוואַגט אופהייבן דעם קאָפּ; מיר ווילן ניט שאָלעם אונטערן יאָך פון דעספּאָטיזם, מיר ווילן ניט שאָלעם אונטערן שטעקן, ווילן ניט שאָלעם אונטערן סצעפּטער!..

מיר ווילן, אַז דאָס פאָלק זאָל פרײַ לעבן, אַקערן די ערד, פרײַ קויפן, פאַרקויפן, אַרבעטן, רעדן, לעבן און פרײַ טראַכטן; מיר ווילן, עס זאָלן זײַן שולן, וועלכע זאָלן גרייטן בירגער, און סע זאָלן ניט זײַן מער קיין קיניגן, וועלכע באַפוילן אויסאַרבעטן האַרמאַטן...

...אונדזער ציל איז פרײַהייט! פרײַהייט וועט באַוואָרענען א שאָלעם!"

זינט אָסטראָווסקיס טויט איז דורכגעגאַנגען הונדערט יאָר. פון זײַן דראַמע „אַלעקסאַנדער דער גרויסער אין באָוול" האָט זיך פאַרהיט בלויז „דעם ייִדנס ליד". אָט איז איר טעקסט:

(בוכשטעבלעכע איבערזעצונג)

עפן אוף דײַן גאָרטן,
בא די טויערן וואַרט דײַן ברודער.
כ'בין אַדורך אין מידבער וויסטן
א וועג א לאַנגן און א וויסטן.
דער מידבער וואַסערלאָז איז און פּוסט,
עס האָט דער דורשט געברענט מײַן מויל.
און בא דיר אין טרייסטנדיקן שאָטן
לויפט א קוואַל פון וואַסער קילן,
אָבער טײַערער פון שטראָמען ריינע
איז פאַר מיר דער קאַלעס קוש:
דאָרשט איך נאָך דער קאַלעס בליק
מער, ווי נאָכן זאַפט פון ווײַנטרויב.

ייִדיש — **ל. ראַכמאַן**

כראָניק

וועגן די ייִדישע נעמען און פאַמיליע־נעמען

די הויפט־רעדאַקציע פון מיזרעך־ליטעראַטור אין דעם מאָסקווער פאַרלאַג „נאַוקאַ" האָט אַרויסגעלאָזט א בוך אונטערן נאָמען „סיסטעמען פון פּערזענלעכע נעמען בא די פעלקער פון דער וועלט". אין דער אויסגאַבע זײַנען אײַנגעשלאָסן אַרטיקלען, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם אַנטראָפּאָנימיקאָן פון קימאַט 100 פעלקער און עטנישע גרופּעס.

מיט אינטערעס לייענט זיך דער אַרטיקל, וואָס דערציילט וועגן דעם אַנטראָפּאָנימיקאָן פון די ייִדן. דער אַווטאָר אַווראָם טאָרפּוסמאַן איז באַקאַנט קוידעמקאָל אַלס ביבליאָגראַף. אין זײַן נײַער אַרבעט אַנאַליזירט ער די אָפּשטאַמונג פון ייִדישע נעמען און פאַמיליע־נעמען אין פאַרשיידענע שפּראַכן: העברעיִש, אַראַמעיִש, ייִדיש, גריכיש, לאַטײַן און אַנד., דערציילט וועגן די זיטן און מינהאָגים, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט צוטיילן נעמען לויט דער ייִדישער טראַדיציע. א. טאָרפּוסמאַן שטעלט זיך ספּעציעל אָפּ אויף דער סיסטעם פון פּערזענלעכע נעמען בא די אַשקענאַזים (ייִדיש־שפּראַכיקע ייִדן).

צווישן דער רעקאָמענדירטער ליטעראַטור איבער דער דאָזיקער טעמאַטיק ווערט אָנגעוויזן א פאָרשונג פונעם באַוווּסטן ייִדישן סאָוועטישן אָנאָמאַסט אַווראָם פּריבלודע, וועמענס ווערק האָבן זיך הויפּטזאַכלעך געדרוקט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

איבער לענדער און קאָנטינענטן

אָלעג געראַסימאָוו

פונעם אוטאָר

מאכמעס מײַנע אמט־פליכטן קומט מיר אָפט אויס צו זײַן אין אויסלאַנד, דערונטער אין די לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך און פון אפריקע. באַקאַנענדיק זיך מיט דער רײַכער ציוויליזאַציע פון די דאָזיקע לענדער, באַזיניקנדיק די געשיכטע פון די פעלקער, וועלכע לעבן אין אָט די ראַיאָנען, האָב איך שוין פון די ערשטע טעג גענומען פאַרנאָטירן מײַנע אײַנדרוקן. די דאָזיקע וועג־נאָטיצן זײַנען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פון די עטנאָגראַפישע און דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען, וועלכע איך לייג פאָר די לייענער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”.

די וואָרעמקייט פון דער האַנט

דער מאָנאַך כײַלע, וועלכער באַדינט דעם הויפּט פונעם טעמפּל פון דער בסולע מיריאַם אין דער עטיאָפּישער שטאָט אַקסום, זאָגט:

— ניין, מײַן הער. די מאַלקע שוואָ האָט געלעבט ניט אין מאַרעב, נאָר דאָ אין אַקסום. דאָ האָבן געלעבט אויך אירע אָוועס. הינטער דער שטאָט געפינט זיך אויך איר קייווער. מיר וועלן אים אײַך באַווײַזן.

מיר זיצן אויף שלאַבעריקע בענקלעך אין אַ ניט־גרויסן קוואַדראַטן צימער פונעם הויפּט פון דעם טעמפּל. אַליין דער הויפּט — אַ מענטש פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ טונקל געקנייטשטן פּאָנעם און מיט אַ שיטערער באָרד, איז אײַנגעקוטעט אין אַ ווײַכן צודעק, און אויפן קאָפּ — אַ טיורבאַן. לעבן זײַן פּאָטעל שטייען אַ ראַדיאָ־אויפנעמער און אַ קלײנינקער טישל מיט פּאַפּירן. אויף איין וואַנט — אַ פּרימיטיוו בילד פון לעגענדאַרע סצענעס וועגן דער מאַלקע שוואָ און וועגן שלוימע־האַמעלעך. אויף דער אַנדערער וואַנט איז אויף אַ פּאָשעטן בויגן פּאַפּיר אָנגעמאָלט אַ מאָגנדאָוויד מיט אַ קרייץ, וועלכער סימבאָליזירט די צונויפגיסונג פון עלעמענטן פון יודאַיִזם און קריסטנטום, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער רעליגיע פון דער איצטיקער עטיאָפּיע. ווען דער מאָנאַך האָט גערעדט, האָט דער הויפּט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אונטערהאַלטנדיק זײַן באַדינער אין זײַן דערציילונג וועגן דער מאַלקע שוואָ, וועמענס לעבן איז באַשריבן קימאַט אין אַלע רעליגיִעזע מײַסעס און לעגענדעס. דאָס איז געווען אין אָנהייב פון די 60־ער יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט אין צאָפן־טײַמען און צוליב נײַגעריקײַט אָנגעהויבן שטודירן די געשיכטע פון אַראַוויע און פון מיזרעך־אַפריקע.

אָנהייבנדיק פונעם צווייטן יאָרטויזנט ביז אונדזער ערע, זײַנען אין דאָרעם־אַראַוויע אַנטשטאַנען, זיך אַנטוויקלט, דערגרייכט די הייכן פון ציוויליזאַציע און אומגעקומען מעלוכעס, אַזעלכע מעלוכעס און קיניגרײַכן, ווי די מינייער און סאַבייער, קאַטאַבאַן, כאַדראַמאַוט — מאָדנע קימאַט גאָרניט זאָגנדיקע דער מערהײַט פון אונדז, נעמען. פיל היסטאָריקער פונעם אַלטערטום האָבן געשריבן וועגן די מירמלנע פּאַלאַצן און טעמפּלען פון די דאָרעם־אַראַווישע הערשער, וועגן די קאַראַוואַנען, וועלכע האָבן געפירט מיט זיך פּראַכטן מיט ווײַרעך, מירטן און מיט אַנדערע דופטן פון דאָרעם־אַראַוויע קיין באָוול, פּערסיע, עגיפּטן און פּאַלעסטינע. די דופטן האָט מען געברענט אויף די מיזבייכעס און אַלטאַרן לעקאָוועד כאַסענעס און דעם געבורט פון אַ קינד, לעקאָוועד אַ גוטער גערעטעניש און דעם ניצאָכן איבערן סוינע, אויף לעוויַעס און מישפּאָכע־אומגליקן. לויט די פאָרשטעלונגען פון די אוראַלטע, האָבן די געטער, וואָס האָבן געוווינט אין די הימלען, זיך גענערט מיט דופטיקן

רויק, דעריבער איז דער גרעסטער און בעסטער טייל פון די דופטן געגאַנגען אַף רעליגיעזע צערעמאָניעס. אין XII יה. ביז אונדזער ערע האָט דער עגיפּטישער פּאַרע ראַמסעס II אויסגעבויט אַ ספּעציעלע געבײַדע, ווו מע האָט אײַנגעהיט די דופטן פאַרן גאָט אַמאָן. אין דער פעסטונג פון יערושאַלאַיִם איז געווען אַ הייליקער צימער, ווו עס האָבן זיך געפונען אונטער אַ פאַרשטאַרקטער וואַך רעזערוון פון ווײַרעך. דער פּערסישער מײלעך דאַרי האָט באַקומען פון אַראַוויע יערלעכע צינשן פון טויזנט טאַלאַנטן ווײַרעך. אַלעקסאַנדער מוקדן, זײַענדיק אַ צעניאַריק ייִנגל, האָט אַ וואָרף געטאָן אינעם פײַער, וואָס האָט געברענט אַפן הייליקן מישן אַלטאַר, אַ הויפן ווײַרעך, אַף וואָס ער האָט באַקומען אַ באַמערקונג פון זײַן האַרבן דערציִער לעאָניד: „דו ביסט ניט אַף אַזויפיל רײַך, קעדיי וואַרפן זשמעניעס דופטן". פאַר אַלע געטער — ייִדישע, אַלט־עגיפּטישע, גריכישע און רוימישע — האָט מען געדאַרפט אויפרייכערן די האַרט־געוואָרענע טראָפּנס פון אַראָמאַטישער סמאָלע, באַקומענע פון באָסוועליע און קאָמיפאָרע, וועלכע וואַקסן אין דאָרעם־אַראַוויע, אַפן ברעגלאַנד פון סאָמאַלי און אין עטיאָפּיע. די דופטן האָט מען געהאַלטן פאַר אַ מאַטאָנע פון די געטער, און דעם ראַיאָן, פונוואַנען מע האָט זיי געבראַכט, — פאַר אַ הייליקן.

אין דער צאָפן־טײַמענער שטאָט מאַרעב, דער הויפּט־שטאָט פונעם אוראַלטן סאַבייער קיניגרײַך, געפינען זיך די רויִנען פון דער הערבליע, וועלכע מע האַלט פאַר איינעם פון די ניסים פון דער אוראַלטער וועלט. אַפילע לויט אירע רויִנען, וועלכע די צײַט האָט פאַר אונדז פאַרהיט, קאָן מען אורטיילן וועגן דער גרויסער אינזשעניערישער מײַסטערשאַפט פון די אוראַלטע סאַבייער. די לענג פון דער הערבליע לויטן קאַם האָט באַטראָפן אומגעפער 600 מעטער. דער קערפער פון דער הערבליע, וואָס איז אָנגענייגט אונטער אַ ווינקל פון 45° צו דער אויבערפלאַך פונעם וואַסער, איז באַשטאַנען פון אַן ערד־דאַמבע, אַ פאַרפעסטיקטע מיט בראָכשטיינער און אויסגעלייגט פון אויבן מיט אָפּגעשליפענע באַזאַלט־פליטעס. אין יעדער פליטע זײַנען אַף אַ געוויסן מעהאַלעך געמאַכט געוואָרן פאַרטיפונגען, ווּהין מע האָט אַרײַנגעקלאַפּט בלײַענע פינגער, וועלכע האָבן אַרויסגעשפּאַרט אַף 10 סמ. איבער דער אויבערפלאַך פון דער פליטע. בייסן אַרופלייגן איין פליטע אַף דער צווייטער האָט מען די לעכער, אויסגעבויערטע אין דער לעצטער פליטע, אַרײַנגעשטעקט אין די פינגער פון דער ערשטער, און די פליטעס האָבן זיך אײַנגעניטעוועט אַף אייביק. אין VI יה. פון אונדזער ערע איז די הערבליע רויִנירט געוואָרן. דאָס וואַסער איז אויסגערונען, און צוזאַמען מיטן וואַסער זײַנען אַוועק אויך די מענטשן, איבערלאָזנדיק די אַמאָל בליִענדיקע סעדער און פעלדער. דער ווידערגעבורט פון אָט דעם ראַיאָן פאַרבינדט מען הײַנט מיטן נאַפט, וואָס מע האָט דאָ געפונען אין 1885. עס שטייט נאָך פאַר פיל אויפצוטאָן, נאָר דער ראַיאָן פון מאַרעב טרעט געוויס אַרײַן אין אַן ערע פון נאַפט־אויפבלי.

די אַראַבער פאַרבינדן מאַרעב מיטן נאָמען פון דער ביבלישער מאַלקע שוואָ, וועלכע האָט, דערהערנדיק וועגן דער גרויסער קלוגשאַפט פון שלוימע־האַמעלעך געמאַכט אַ רײַזע קיין יערושאַלאַיִם בעראָש פון אַ קאַראַוואַן מיט דופטן און גאָלד. די אַראַבער רופן די לעגענדאַרע מאַלקע מיטן נאָמען בילקיס, און דעם טעמפּל אוואַם אין דער איצטיקער שטאָט מאַרעב — כאַראַם בילקיס. אַגעוו, איז דאָס וואָרט „כאַראַם" אַנטשטאַנען פונעם אַלגעמיינעם פאַר די סעמיטישע שפּראַכן וואָרצל „כאַראַמאַ", וואָס באַטײַט „זײַן אַ הייליקער, אַ פאַרבאָטענער". פון דעם זעלבן וואָרצל איז געשאַפן געוואָרן אויך דער רוסישער נאָמען „כראַם" (храм). וואָס עס באַטײַט דאָס וואָרט „בילקיס", איז ניט באַוווּסט. איינע האַלטן, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט זעצט זיך איבער ווי „די אייגנטימערין פון רײַכטום", אַנדערע מיינען, אַז בילקיס אָדער באַלקיס איז אַ נאָמען פון אַן אָפּגאָט, צו וועלכן ס'האָבן זיך געבוקט די ביז־איסלאַמישע אַראַבער. מע האַלט, אַז די צווייטע הויפּט־שטאָט פון דעם סאַבייער קיניגרײַך איז געווען די עטיאָפּישע שטאָט אַקסום, ווּהין עס האָבן איבערגעוואַנדערט אָפּשטאַמיקע פון דאָרעם־אַראַוויע נאָך אין טיפן אוראַלט.

„דערהערנדיק וועגן שלוימע־האַמעלעכס רום אין גאָטס נאָמען, איז די מאַלקע שוואָ געקומען אויספּרוּוון אים מיט רעטענישן. און געקומען איז זי קיין יערושאַלאַיִם מיט אַ גאַנץ גרויסן רײַכטום: קעמלען, אָנגעלאָדן מיט דופטן, און מיט אַ גרויסער צאָל גאָלד און איידלשטיינער" — איז געזאָגט אין דער ביבל. ווײַטער ווערט פילפאַרביק דערציילט וועגן די אײַנדרוקן, וואָס האָבן געמאַכט אַף דער מאַלקע שוואָ, די שמועסן מיט שלוימען: „און געזאָגט האָט זי צום מײלעך: ריכטיק איז דאָס, וואָס איך האָב געהערט אַף דער ערד מײַנער וועגן די מײַסים דײַנע און דער קלוגשאַפט דײַנער. אָבער איך האָב ניט געגלייבט אין די רייד, ביזוואַנען איך בין ניט געקומען אַהער און מײַנע אויגן האָבן דאָס ניט דערזען. און אָט, אַפילע אַף אַ העלפט האָט מען מיר ניט געזאָגט: כאָכמע און רײַכטום איז בא דיר מער, איידער איך האָב געהערט". שלוימע־האַמעלעך האָט ניט ווייניקער אַנציקט גערעדט וועגן דער קלוגשאַפט און שיינקייט פון דער מאַלקע שוואָ, ניט ווייניקער ברייטהאַרציק באַשאָנקען זײַן גאַסט: „און שלוימע־האַמעלעך האָט געגעבן דער מאַלקע שוואָ אַלץ, וואָס זי האָט באַגערט און וואָס זי האָט געבעטן אויסער דעם, וואָס שלוימע־האַמעלעך האָט איר געשאָנקען פון דער אייגענער האַנט".

אין קאָראַן איז װעגן דער מאַלקע שװאָ געזאָגט אין דעם קאַפּיטל „מוראַשקעס". אַגעװ, דאָ װערט געבראַכט איינע פֿון די אייגנשאַפֿטן פֿון שלוימע־האַמעלעך — זײַן קענען דאָס לשון פֿון פֿייגלען און חײַעס. „פֿאַרװאָס זע איך ניט דעם דודל־פֿויגל? צי ער איז אַפֿװעזנד?" — האָט געפֿרעגט דער מײלער בײַ די פֿאַרזאַמלטע חײַעס און פֿייגל. דער דודל־פֿויגל איז אײַנגיכן געקומען מיט אַ פֿאָלגנדער מיטײלונג: „איך האָב זיך דערװוּסט, װאָס דו װייסט ניט, און בין געקומען צו דיר פֿון סאַבע מיט אַ ריכטיקער ידיעה. איך האָב געפֿונען אַ פֿרוי, װאָס פֿירט אָן מיט זײ (מיט די אײַנװוינער פֿון דער מלוכה סאַבע. — אָ. ג.) און איר איז געגעבן אַלץ, און זי האָט אַ גרויסן טראָן".

אין איינער פֿון די ביבלישע לעגענדעס איז געזאָגט, אַז אַ דזשין, אויספֿילנדיק שלוימע־האַמעלעכס באַפֿעל, האָט אַריבערגעטראָגן דעם טראָן פֿון דער מאַלקע שװאָ קיין ירושלאַיִם. נאָך איר קומען האָט מען די מאַלקע אַרײַנגעפֿירט אין אַ פּאַלאַץ, און, אַריבערטרעטנדיק די שװעל, האָט זי ניט־װילנדיק אויפֿגעהויבן איר קלייד, באַװײַזנדיק אירע קנעכלעך, װײַל דער דיל איז געװען אויסגעמאָסטעט פֿון קרישטאָל און האָט אויסגעזען װי אָן אָפֿענער באַסיין מיט װאַסער. לויט דער איבערצײַלונג פֿון די אוראַלטע סעמיטן, איז איינער פֿון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון אַ טײַװל — ציגענע פֿיס. שלוימע־האַמעלעך האָט מורא געהאַט, אַז אונטערן אויסזען פֿון אַ װוּנדערבאַרער פֿרוי באַהאַלט זיך אויס אין זײַן גאַסט אַ טײַװל. דעריבער האָט ער באַשלאָסן דורכקאָנטראָלירן זײַנע פֿאַרדאַכטן מיט אַזאַ ביז גאָר אָריגינעל מיטל.

אייניקע היסטאָריקער מערקן אָפּ, אַז אין דאָרעם־אַראַװיע איז ניט געװען קיין איין מאַלקע, געהערשט האָבן טאָמיד מאַנצבלען. אָבער זייערע אָפּאָנענטן ברענגען אַ סך היסטאָרישע בײַשפּילן, װען אין אַראַװיע איז אַ פֿרוי געשטאַנען בעראָש פֿון דער סוװערענער מלוכה און האָט גאַנץ פֿײַן זיך ספּראַװעט מיט אירע פֿליכטן. דער אַשורישער קיניג טיגלאַט־פּאַלאַסאַר III האָט אין 778 יאָר ביז אונדזער ערע אונטערגעאָרדנט דעם שיװעט אַריבי בעראָש מיט דער קיניגן מיטן נאָמען זאַביטי. אין פֿינף יאָר אַרום האָט אַ געװיסע „סאַמסי, די קיניגן פֿון אַראַװיע", געמוזט אָנערקענען די סוװערעניטעט פֿונעם אַשורישן מאָנאַרך. דער אַשורישער קיניג טיילט מיט אין שײַכעס דערמיט, אַז סאַמסי, ד. ה. „יענע, װאָס איז פֿון דער זון", איז אויװער געװען אױף דער שװוּע, װעלכע זי האָט געגעבן דעם גאָט שאַמאַש. זײַענדיק װידער דערפֿירט צו געהאָרכזאַמקײַט, האָט זי געבראַכט „צום רום פֿון זײַן װילגעבורט און אַלס מאַטאָנע... גאָלד, זילבער, קעמלען... פֿאַרשיידענע מינים דופּטיקע געװיקסן". סאַרגאָן II (722—705 ביז אונדזער ערע) האָט אויך גערעדט װעגן דער קיניגן סאַמסי. די פּרעסקעס פֿון די טעמפּלען דײר אַל־באַכרי אין עגיפּטן דערצײלן װעגן דער עקספּעדיציע, װעלכע די קיניגן כאַטשעפּסוט האָט פֿאַרגענומען אין XVII יה. ביז אונדזער ערע אינעם לאַנד פּונט. אױף זײ איז געשילדערט די אָרטיקע הערשערן פֿון אַן אויסערסט באַלײַבטער קאָמפּלעקציע. און לעסאָף, די באַװוּסטע זענאָביאַ פֿון דער סירישער פּאַלמירע גיט אונדז נאָך איין בײַשפּיל, װען אַ פֿרוי האָט פֿאַרמאָגט די אויבער־מאַכט.

אַ סך אוראַלטע היסטאָריקער האָבן געשריבן װעגן דער מעדינע סאַבע און װעגן אירע אײַנװוינער. אַזוי, לעמאָשל, דערמאָנט דיאָדאָר סיציליער, ריידנדיק װעגן דער גליקלעכער אַראַװיע, די „סאַבייער" און „די שטאָט סאַבע, װעלכע געפֿינט זיך אױף אַ באַרג, די הויפּט־שטאָט פֿונעם גאַנצן לאַנד". סטראַבאָן װידמעט עטלעכע שורעס סאַבע, װעלכע געפֿינט זיך אױף „אַ פֿאַרװאַקסענעם מיט װאַלד באַרג". די פּאַטערס פֿונעם קריסטלעכן קלויסטער, װעלכע האָבן גענומען אױף זיך די אויפֿגאַבע צו אויסטײַטשן די ביבל, טראָגן אַרײַן זייער צושטײַער און אַ צוגאָבלעכע פּלאָנטערניש אין דער פֿראַגע װעגן דער מאַלקע שװאָ. „די ערד פֿון סאַבע געפֿינט זיך אױף דער ערד פֿון די אַראַבער און בײַ דעם ים־סוף. אַרויספֿאָרנדיק פֿון אָט דעם ראַיאָן, איז די מאַלקע פֿון די עטיאָפּן אָנגעקומען קיין ירושלאַיִם בײַם שלוימע־האַמעלעכס צײַטן, — שרײַבט דער עװאַנגעליסט קיריל אַלעקסאַנדריער. אַ צװייטער עװאַנגעליסט, טעאָדאָר פֿון קיר, טיילט אויך מיט, אַז „די באַפֿעלקערונג פֿון סאַבע איז געװען אָן עטיאָפּישע, װײַל זי האָט זיך באַזעצט, װי מע זאָגט, אױפֿן ברעג פֿונעם אינדישן אָקעאַן. װײַל מע האָט זײ גערופֿן כימיאַריטן... זייער קיניגן איז געװען די זעלבע באַצויבערנדיקע פֿרוי, װעלכע קריסטוס האָט דערמאָנט אין דער הייליקער עװאַנגעליע. און װירקלעך, דערהערנדיק װעגן שלוימע־האַמעלעכס קלוגשאַפֿט, האָט זי פֿאַרגענומען אַ פּילטאָגיקע רײַזע. די מידקײַט און די שװעריקײַטן האָבן ניט געהאַט קיין װערט אין פֿאַרגלײַך מיטן טײַנעג און די העכסטע גליקן, װעלכע זי האָט גענאָסן אינעם פּאַלאַץ".

ניט בלויז היסטאָריקער און טעאָלאָגן, נאָר אויך קאַרטאָגראַפֿן זײַנען ניט געבליבן גלײַכגילטיק צו דער מאַלקע שװאָ. דער אַװטאָר פֿונעם אַטלאַס אין די צײַטן פֿון קאַרל V האָט געשילדערט די מאַלקע שװאָ װי אַ שװערלײַביקע דאַמע מיט אַן אײדלמוטיקן אויסזען, װעלכע הערשט אינעם ראַיאָן פֿון דער „אַראַװישער סאַבע, אַ לאַנד פֿון דופּטן, אָדער אַראַװיע פֿון דער מאַלקע שװאָ". פֿראַ מאַוראָ, װעלכער האָט אין 1459 געשאַפֿן זײַן פּלאַניספֿערע פֿאַרן פּאָרטוגאַלישן קיניג אַלפֿאָנס V, דערמאָנט אין זײַנע באַמערקונגען שלוימע־האַמעלעכס גאַסט, װעלכע איז געקומען פֿון אַראַװיע צום קיניג פֿון די יעהודים. אַפֿילע אין XIX יה., װען די געאָגראַפֿן האָבן זיך שוין ניט דערלויבט אַזאַ לוקסוס, װי אילוסטרירן

די מאפעס, האָט דער ענגלישער געלערנטער וו. פלאט אָנגעשריבן אַף דער מאפע פון טײַמען: „די רעזידענץ פון דער קיניגן פון דער שעבא, אָדער סאבע, וועלכע האָט באזוכט שלוימע־האמעלעך", דערנאָך פון אונטן: „מאריב (מאריאבא), וועלכע איז געווען, ווי מע האָט פריער געהאלטן, די רעזידענץ פון דער מאלקע שוואָ". צו דעם דאַרף מען צוגעבן, אז א סאך אָריענטאליסטן, ווען זיי האָבן געשריבן וועגן מארעב, האָבן אויך געהאלטן פאר זייער כויוו צו דערמאָנען די מאלקע שוואָ און איר וויזיט אין ירושאָלאַיִם.

ווער זשע איז געווען די דאָזיקע העלדן פון דער פארכאפנדיקער ביבלישער מעסירע, אין וועלכער ס'האָבן זיך איבערגעפלאָכטן פאקטן, מיזרעכדיקער פאָלקלאָר און פאנטאסטישע לעגענדעס? צי האָט זי ווירקלעך געלעבט אין סארעב און געמאכט א רײַזע צו שלוימע־האמעלעך?

די דאָזיקע געהיימניס האָבן נאָך אדהײַעם ניט אויסגעפאָרשט די געלערנטע, צווישן וועלכע עס זײַנען פאראן אָנהענגער סײַ פון דער אראבישער, סײַ פון דער עטיאָפישער אָפשטאמונג פון דער מאלקע שוואָ. די זאך באשטייט אין דעם, וואָס די מאלקע שוואָ האָט זיך אומגעקערט פון ירושאָלאַיִם ניט נאָר מיט שלוימע־האמעלעכס פראכטפולע מאטאָנעס. זי האָט ניט געקאָנט בײַשטיין שלוימעס צויבערקראפט, און, קומענדיק אהיים, האָט זי געבוירן א קינד, פון וועלכן עס האָט געפירט דעם אָפשטאם די געשטירצטע דינאסטיע פון די עטיאָפישע נעגוסן.

אַף וואָס פאר א סמאך האלט די באפעלקערונג פון עטיאָפיע, אז די מאלקע שוואָ האָט געלעבט אין אקסום? אן ענטפער געפינען מיר אין „קעברא נאגאסט", אינעם נאציאָנאלן עפּאָס פונעם עטיאָפישן פאָלק, ווו עס ווערט געזאָגט וועגן די הערשנדיקע דינאסטיעס, וועלכע פירן זייער אָפשטאם פון דער באוווסטער רײַזנדערן.

די עטיאָפן רופן די מאלקע שוואָ מאקעדא, און איר זון פון שלוימע־האמעלעכן — יעבנא כאקעם, וואָס באטײַט „דער זון פונעם קיניג". דער צווייטער עטיאָפישער נאָמען פון דער מאלקעס זון איז מענעליק. די דערציילונג וועגן מאקעדעס רײַזע קיין ירושאָלאַיִם פארמאָגט פיל וואריאנטן, ווײַל די פאָלקס־דערציילער קארגן ניט קיין פראָטים און צוימען ניט זייער פאנטאזיע, קעדיי צופרידנשטעלן די צוהערער.

דער מאָנאך כײַלע, מיט וועלכן כ'האָב זיך באקאנט אין אקסום, האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א גאנץ אינטערעסאנטן דערציילער. פון אים טאקע האָב איך דערהערט דעם עטיאָפישן וואריאנט וועגן דער מאלקע שוואָ, עמעס, שוין א באשרײַבענעם אינעם פאָריקן יאָרהונדערט מיצאד דעם שוועדישן מיסיאָנער סונדסטריאָם.

„...די מוטער פונעם קיניג מענעליק — אטיא־אזעב איז געווען א טאָכטער פון איינעם א מענטשן פונעם שיוועט טיגרע. אין יענער צײַט האָט דער שיוועט זיך געבוקט דעם דראקאָן און געבראכט אים קאָרבאָנעס. יעדע מישפּאָכע, ווען ס'איז געקומען איר ריי, האָט געשיקט דעם דראקאָן איר נאָרוואָס געבוירענע טאָכטער און מילך. ווען ס'איז געקומען די ריי פון אטיא־אזועבס עלטערן, האָבן זיי צוגעבונדן זייער טאָכטער צו דער קרוין פון א בוים, וווהין עס האָט געדארפט קומען צו פליען דער דראקאָן. און אָט זײַנען צום אָרט, ווו זי איז געווען צוגעבונדן, געקומען זיבן הייליקע און זיך צוגעזעצט אין שאָטן פונעם בוים. און ווען זיי זײַנען געזעסן, האָט זי אָנגעהויבן וויינען, און אירס א טרערעלע איז אראָפּגעפאלן אַף איינעם פון זיי. ווען ס'איז אראָפּגעפאלן דאָס טרערעלע, האָבן זיי א קוק געטאָן ארוף־צו, דערזען די צוגעבונדענע און געפרעגט: „ווער ביסטו? די בסולע מיריאם אָדער א מענטשלעכע באשעפעניש?" האָט זי זיי געענטפערט: „איך בין א מענטשלעכע באשעפעניש". האָבן זיי געפרעגט בא איר: „און פארוואָס ביסטו דאָ צוגעבונדן?" — „מע האָט מיך דאָ צוגעבונדן, קעדיי דער דראקאָן זאָל מיך אופרעסן".

דרײַ פון די דאָזיקע הייליקע האָבן זיך דערוווסט, ווו עס געפינט זיך די הייל פונעם דראקאָן, און אים דערהארגעט. ווען זיי האָבן דערהארגעט דעם דראקאָן, איז א טראָפּן פון זײַן בלוט אראָפּגעפאלן אַף איר פיאטקע, און איר פוס האָט זיך פארוואנדלט אין א קאָפּיטע פון אן אייזל. נאָך דעם האָבן זיי זי באפרײַט און געזאָגט: „גיי אין דײַן דאָרף". ווען זי איז געקומען אין דאָרף, האָבן מענטשן נאָך ניט געוווסט, אז דער דראקאָן איז דערהארגעט, און האָבן זי פארטריבן.

אטיא־אזעב איז געקומען אין דאָרף אפן אנדערן טאָג און באוויזן די אײַנוווינער דעם טויטן קערפער פון דעם מאָנסטער. זיי האָבן זי אויסגעוויילט פאר זייער אָנפירערן, און זי האָט גענומען פאר זיך איין באהעלפערן פאר א מיניסטער.

שפּעטער האָט זי דערהערט אָט וואָס: אין ירושאָלאַיִם איז פאראן א מיילעך מיטן נאָמען שלוימע. ווער עס זאָל צו אים ניט קומען צו פאָרן, היילט ער אויס פון קראנקהײַטן. אויב דו וועסט פאָרן אהין, וועט דײַן פוס, ווי נאָר דו וועסט אריבערטרעטן די שוועל, ווערן ווי פריער. אזוי האָט מען איר געזאָגט. דערהערנדיק דאָס, האָט זי זיך געמאכט אזא פריזור, אז זי זאָל ענלעך זײַן אַף א מאנצבל, און איר באהעלפערן האָט זי געמאכט דאָס זעלבע. דערנאָך האָבן זיי אָנגעטאָן שווערדן און זיך געלאָזט אין וועג. ווען זי האָט זיך דערנעענטערט, האָט שלוימע־האמעלעך דערהערט, ווי־אזוי מע רעדט וועגן איר. דערנאָך האָט מען אים געזאָגט: „ס'איז געקומען דער קיניג פון אביסיניע". „זאָל ער ארײַנגיין", — האָט ער געענטפערט. און ווען זי האָט אריבערגעטראָטן די שוועל, איז איר פוס געוואָרן אזא, ווי פריער. זי איז צוגעגאנגען צום מיילעך און גענומען אים פאר א האנט. דער

מיילער האָט באַפוילן ברענגען ברויט, פלייש און האָניק. און זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט עסן. בייסן עסן האָבן די פרויען, פון באַשיידנקייט, געגעסן און געטרונקען ווייניק. און דאָ איז דער מיילער געפאַלן אַף אַ כשאַד, אַז זיי זײַנען ניט קיין מאַנצבלען.

דער מיילער האָט באַפוילן אָוועקשטעלן זייערע בעטן אין זײַן שלאָפצימער און לעבן די בעטן — אַ קרוג מיט האָניק. באַנאַכט זײַנען זיי אופגעשטאַנען, קעדיי אַ ביסל אָפּעסן. שלוימע האָט דעמלט זיך איבערצײַגט, אַז זיי זײַנען פרויען, און זיי געמאַכט פאַר זײַנע ווײַבער. שפּעטער האָבן זיי באַשלאָסן זיך אומקערן קיין אַביסיניע. ער האָט יעדערער פון זיי געגעבן אַ זילבערנעם שטעקן און אַ פינגערל, זאָגנדיק דערבײַ: „אויב ס'וועט געבוירן ווערן אַ טאָכטער, זאָל זי נעמען אָט דעם שטעקן און קומען צו מיר. אויב עס וועט זײַן אַ זון, זאָל ער נעמען אָט דאָס פינגערל און קומען צו מיר".

די מאַלקע האָט נאָך געקויפט פאַר זיך אַ שפּיגל. נאָכדעם האָט זי זיך אומגעקערט אין איר לאַנד. שפּעטער האָבן זיי ביידע געבוירן זין, און ווען די ייִנגלעך זײַנען אונטערגעוואַקסן האָבן מענטשן פון דעם שיוועט טיגרע געזאָגט: די דאָזיקע ייִנגלעך פאַרמאָגן ניט קיין טאַטעס. דעמלט האָבן די ייִנגלעך געפרעגט זייערע מוטערס, און זיי האָבן געענטפערט: „אײַער פאָטער איז שלוימע־האַמעלעך, און ער לעבט אין יערושאָלאַיִם". דער מאַלקעס זון איז זייער ענלעך אַף זײַן פאָטער, אַפילע מיטן קאָליר פון שלוימע־האַמעלעכס פּאָנעם. דעמלט האָט זי אים געזאָגט: „זון מײַנער, דו ביסט זייער ענלעך אַף דײַן טאַטן. נעם דעם דאָזיקן שפּיגל און גיי צו אים. ער איז זייער אַ קלוגער און וועט זיך באַהאַלטן פון דיר. אויב דו וועסט דערזען אַפן טראָן אַן אַנדער מענטש, באַגריס אים ניט".

די צוויי ייִנגלעך האָבן זיך אָוועקגעלאָזט קיין יערושאָלאַיִם. דער מיילער האָט אָוועקגעזעצט איינעם פון זײַנע מענטשן אַפן טראָן, און אַליין אַנגעטאָן אין טראַנטעס. ניט געקוקט אַף דעם, האָט אַטיִ־אַזעבס זון דערקענט, פאַרגלײַכנדיק די פאַרב פון זײַן פּאָנעם מיט דער שאַטירונג פון שלוימעס הויט אַדאַנק דעם שפּיגל, וועלכן די מוטער האָט אים געגעבן. דער מיילער האָט איבערגעלאָזט דעם זון לעבן זיך, אָבער די אײַנוווינער פון דער שטאָט האָבן פּראָטעסטירט, און שלוימע האָט באַשלאָסן אים אָפּשיקן, פאָדערנדיק, אַז אַלע ערשטלינגען פון יערושאָלאַיִם זאָלן אויך אַרויסגעשיקט ווערן פון דער שטאָט. און שלוימע־האַמעלעך האָט געזאָגט דעם זון זײַנעם: „נעם מיט מיט זיך מיכאָעלס טייווע". ער האָט אָבער גענומען מיריאַמס טייווע. און ער האָט אָוועקגעלייגט דעם באַדעק פון מיריאַמס טייווע אַף מיכאָעלס טייווע, און דעם באַדעק פון מיכאָעלס טייווע — אַף מיריאַמס טייווע.

דאָס אָוועקגאַנווענען פון דער טייווע האָט מען גיך אַנטפּלעקט, און שלוימע האָט געשיקט אַ שאַליעך צו זײַן זון. דער זון אָבער האָט זיך אָפּגעזאָגט אומקערן די טייווע. די אַנטלאָפנדיקע זײַנען אָנגעקומען אין ראַיאָן פון דעם שיוועט טיגרע און אויסגעבויט אַ קלויסטער, געווידמעט מיריאַמען..."

לויט אַן אַנדער לעגענדע, האָט מענעליק אַרויסגעגאַנוועט פונעם בייס־האַמיקדעש מוישע־ראַבייִנוס געבאָט־טייווע, איבערלאָזנדיק אַנשטאָט איר אַ געפעלשטע. זינט דעמלט, ווי מע האַלט, ווערט די עמעסע געבאָט־טייווע, דאָס גרעסטע הייליקטום פון די קריסטלעכע אין עטיִאָפּיע, אָפּגעהיט אין אַקסום, אָבער קיינער פון די לעבעדיקע האָט קיין רעכט ניט זי צו זען. אַפילע בייס דעם גרויסן יאָמטעוו מאַסקאַל, געווידמעט דעם סאַף פונעם רעגן־פעריאָד, ווערט אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמענס אויגן בלויז אַ קונציק געמאַכטע קאָפּיע פון דער טייווע.

די דאָזיקע לעגענדע, וואָס ווערט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן באַאַרבעט מיט דער פאַנטאַזיע פון די דערציילער, האָט נאָך ביז הײַנט אַ גאַנג אין עטיִאָפּיע. געלערנטע האַלטן, אַז די אַמערסטן פאַרשפּרייטע ווערסיע פון דער לעגענדע וועגן מאַקעדעס רײַזע צו שלוימע־האַמעלעך האָבן באַאַרבעט גײַסטלעכע אין XIV יה. און אין אָט דער פאָרם איז זי אַרײַן אינעם פאָלקס־עפּאָס. אָבער די, וועלכע האַלטן, אַז די מאַלקע שווא שטאַמט פון עטיִאָפּיע, ברענגען היסטאָרישע פאַקטן און פאַרופן זיך אַף אַוטאָריטעטן, קעדיי דערווײַזן, אַז די מאַלקע מאַקעדאַ האָט געלעבט גראַד אין אַקסום, פונוואַנען זי האָט טאַקע געמאַכט די רײַזע צו שלוימע־האַמעלעך. זיי טיילן אַפילע מיט אַזעלכע פּראַטים, אַז מאַקעדאַ איז אַלט געווען 50 יאָר, ווען זי איז געפאָרן קיין יערושאָלאַיִם, און אַז געשטאָרבן איז זי אין יאָר 986 ביז אונדזער ערע.

כוץ דעם, באַהויפּטן זיי, זײַנען אין עטיִאָפּיע פאַראַן פיל רעליגיִעזע ריטואַלן, וועלכע דערמאָנען אַלט־ייִדישע מינהאָגים, אַדער, פּינקטלעכער, סעמיטישע, און ס'איז אַ סאַפעק, צי זיי וואָלטן געקאָנט זיך אײַנוואָרצלען אין אַ לאַנד אָן דער שטיצע מיצאַד דער אויבער־מאַכט. אַהער גייט אַרײַן מינהעג־שאַבעס, דאָס טיילן באַלעכאַיִם אַף ריינע און אומריינע, רעליגיִעזע טענץ און אַפילע דער טיטל פונעם געוועזענעם אימפּעראַטאָר פון עטיִאָפּיע — אַ לייב, דער דעראָבערער, וועלכער שטאַמט פון יעהודע. די אָנהענגער פון עטיִאָפּישן אָפּשטאַם פון דער מאַלקע שווא ווײַזן אָן, אַז איר זון יעבנאַ כאַקעם האָט געגעבן די געזעצגעבער פון די יעהודים — די לעוויִים דאָס רעכט צו צונויפשטעלן געזעצן און טײַטשן זיי. נאָך מער, אַ ניט־גרויסע רעליגיִעזע גרופּע פון אַביסינישע יעהודים — פאַלאַשן זײַנען, לויט דער מיינונג פון אייניקע געלערנטע, דורעס פון יעהודים, וועלכע זײַנען גע־

9*

קומען קיין אקסום פון יערושאָלאַיִם. אין „קעברא נאגאסט" ווערט דאָך געזאָגט, אַז צוזאמען מיט יעבנא כאקעמען זייַנען געקומען קיין אקסום פון יערושאָלאַיִם אויך די בכוירים פון דער שטאָט, וועלכע שלוימע־האמעלעך האָט ארויסגעטריבן. אייגנטלעך, באַטייַט דאָס וואָרט „פאַלאשא" — „עמיגראַנט".

ווייסנדיק אָט די אַלע פאַקטן, די געשיכטע פון דאָרעם־אראַוויע און פון עטיאָפּיע, האָב איך באַשלאָסן זיך אוועקלאָזן קיין אקסום, קעדיי באַקוקן זייַנע היסטאָרישע דענקמעלער.

...א קליינינקער אעראָפּלאַן, אונטערשפּרינגענדיק און דורכלויפנדיק א מעטער הונדערט איבער דער סטעזשקע פונעם אעראָדראָם אין אסמארא, האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייַט פון דער געבייַדע פונעם אעראָוואָקזאַל, וואָס איז ארומגעצוימט מיט בלי׳ענדיקע קוסטעס. די קילבלעכע לופט איז אָנגעזאַפּט מיטן אראַמאַט פון פעלד־בלומען און עווקאַליפּטן. אסמארא געפינט זיך אָף דער הייך פון 2400 מעטער, און די קאָנטראַסטן פון דעם הייסן און פייַכטן קלימאַט פון כאָדיידא אָפּן טייַמענער ברעגלאַנד פונעם יאַם־סוף און אסמארא פילסטו באַזונדערס שאַרף.

איך שטעל זיך אָפּ אינעם האָטעל „אַלבערגאָ איטאַלי׳א" און אינטערעסיר זיך גלייַך, ווו קאָן מען געפינען אַן אווטאָמאַשין, קעדיי פאָרן קיין אקסום, וואָס געפינט זיך 190 קילאָמעטער פון אסמארא.

— בעסער פון אַלץ איז זיך ווענדן צום סיניאָר באָנדיני. איך וועל אייַך געבן א באַגלייטער, — האָט געזאָגט אַן אָנגעשטעלטער פונעם האָטעל.

אין אסמארא האָבן דעמלט געלעבט ארום 20 טויזנט איטאַליענער. זיי זייַנען געקומען אהער אין די יאָרן 1935—1936 צוזאמען מיט דער ארמיי, געקומען קאָלאָניזירן אָט דעם רייַכן קאַנט. זייערע טרוימען אָבער זייַנען ניט מעקויִעם געוואָרן. און איצט לעבן זיי אויס זייערע לעצטע יאָרן, פרעמדע אין עטיאָפּיע און אומנייטיקע זייער היימלאַנד.

דער וועג ביז אַדי־אוגרי, וואָס ציט זיך בא 60 קילאָמעטער, איז א גאַנץ נישקאָשעדיקער. די מאַשין יאָגט איבערן זילבערנעם פונעם פרימאָרגנטוי שאָסיי. ארום ציִען זיך די רויטע באָדנס פון עריטרייע. אין די פאַרטיפונגען ליגט נאָך דער פרימאָרגנדיקער נעפּל, און אָף די גרינע בערגלעך פאַשען זיך שוין דאָ און דאָרט סטאַדעס שאָף, ציגן און האָרבאַטע קי — זעבו. ארויסשפּרינגענדיק פונעם נעפּל, שטויסן מיר זיך פּלוצעם אָן אין א גרויסער טשערעדע קי, און עטלעכע מינוט שטייען מיר, ביז וואַנען די פאַסטעכער צעטרייַבן די באַלעכאַיִם. איבער דער סטאַדע טראָגן זיך גאַנצע מאַכנעס פליגן, און נאָר די בעזעמלעך — בעהיימישע עקן, צוגעמייַסטרעוועט צו די הילצערנע הענטלעך, קאָנען באַשיצן די פאַסטעכער פון די אינזעקטן.

פונדערווייַטנס באַווייַזט זיך און דערנענטערט זיך גיך אַן אזשור־אָרקע — א בריק איבערן טייַך מארעב. צי איז צופעליק אָט דער נאָמען? א פאַרטונקלטער ברוין־קאָליריקער שטראָם טראָגט זיך שנעל אינמיטן דעם ברייטן טאָל, וואָס איז באַשאָטן מיט דריבנע קיזלשטיינדלעך. אָף די שטייַלע ברעגן הייבן זיך עווקאַליפּטן, טויעס, און פון די געלע געדיכטענישן — א שפּאַנישער דראָק. צוויי קילאָמעטער ווייַטער קומען מיר צו א צווייטער בריק, וועלכע פאַרייניקט די ברעגן פונעם טייַך־אָדער מארעב. דאָס וואַסער איז דאָ א ריינס און דורכזיכטיקס, ערגעץ־ווו אין די דאָזיקע ערטער געפינט זיך א קוואַל פון מינעראַל־וואַסער, וועלכן מע גיט אַלע טראַנזיט־פאַסאַזשירן אינעם אסמאַרער אעראָפּאָרט.

גרינע פליינען בייַטן זיך בעהאַדראָגעדיק מיט בערגלעך, פאַרוואַקסענע מיט קוסטאַרניקעס און מיט וועלדלעך פון שטעכיקע אַקאַציעס און טאַמאַריסקן. די באַרבעטע פעלדער זייַנען פאַרזייט מיט פּאַפּשויען, דורא, ווייץ. אין אָט דער גרינער מאַסע גראָבלען זיך פאַרשיידנקאָליריקע פייגל. געלע וועבערלעך האָבן אויסגעבויט אין די קוסטעס ניט ווייַט פון די וועגן נעסטן, וועלכע זייַנען ענלעך אָף קליינינקע, אונטערגעהאַנגענע אָף א דין צווייַגעלע קוישעלעך מיט אַן אַרייַנגאַנג פון אונטן. רויטע פייגל, די גרייס פון אונדזער שניירל, הוידען זיך אָף הויכע בעזעמלער פון דורא. פייגל מיט א טונקל־בלויער באַפעדערונג, א ביסל גרעסער פון א שטאַר, לויפן מונטער איבער דעם וועג. גרויסע, ווילדע טויבן מיט ראָזעווע פליגל גראָבלען זיך אין הנאָי און פלי׳ען אוף ניט־ווילנדיק פאַר דער אווטאָמאַשין. פאַזע דעם וועג לויפן אום צעפּודערטע דודל־פייגל, וועמענס איינער פון זייערע אָוועס האָט געבראַכט שלוימע־האמעלעכן די יעדי׳ע וועגן דער מאַלקע שוואָ. אָף ריזיקע באָאַבאַבן, וועלכע הייבן זיך, ווי גיגאַנטן, צווישן די גרינע בערגלעך, זיצן גאַדלעסדיק גריפן. איך כאַפּ זיך באַם געדאַנק, אַז די דאָזיקע בילדער האָב איך שוין ערגעץ געזען: אַזוי שטעלסטו זיך טאַקע פאָר אַפריקע — גרינע בערגלעך, באָאַבאַבן, א בונטע פייגל־וועלט.

לענגויס דעם ראַנד פונעם וועג גייען באָרוועסע מאַנצבלען אין לאַנגע צעריסענע הויזן, ענלעך אָף אונדזערע גאַליפע, נאָר מיט קלענערע קעשענעס, אין ווייַסע פעלערינעס שאַמו און מיט שטעקנס אָפן אַקסל. די קעפּ זייַנען בא דער מערהייַט ניט געדעקט, אָבער יעדערער האָט א ווייַסן טיורבאַן. די פרויען זייַנען אָנגעטאָן אין ווייַסע לאַנגע קליידער. אַלס קלאַל, איז צוגעבונדן הינטער דער פּלייצע א זויג־קינד. נאָך אין אסמארא האָב איך געזען, וויאַזוי אַן עטיאָפּקע זעצט אוועק הינטער דער פּלייצע דאָס קינד. א שטיקל לעדער מיט פיר לעכלעך פאַר די הענט און פיס איז איבערגעבונדן מיט צוויי שטריקלעך אָדער רימענס,

וועלכע ווערן דערנאָך צוגעפּעסטיקט אפן בויך און אף די אַקסלען פון דער פרוי. די קינדער זײַנען זעט אויס, צו דעם צוגעוווינט, און אין עטיאָפּיע האָב איך אין קיין איין שטאָט ניט געהערט קיין קינדערשן געוויין. באַזונדערס זײַנען בײַ די פרויען סימפּטאָמאַטיש די פריזורן: די האָר פאַרפּלאָכטן אין דריבנע צעפּעלעך און אריבערגעוואָרפן אפן נאַקן, אף די עקן זײַנען זיי צעלאָזט; בײַ אייניקע עלטערע פרויען זײַנען די קעפּ אײַנגאַנצן אָפּגע־גאָלט; מיידעלעך לייגן צומאָל אויס זייערע צעפּע־לעך אין דער ברייט פון דעם קאָפּ.

מיר לאָזן הינטער זיך די לעצטע שטאָט פאַר אַקסום — אַבי־אַדווא. פּינקטלעכער, זײַנען דאָס עטלעכע גרויסע דערפער, וועלכע שפּרייטן זיך לענגאויס דעם וועג, וואָס פאַרייניקט צוויי מאַגיסט־ראַל־שאָסייען: אַסמאַראַ—גאָנדאַר און אַסמאַראַ—אַדיס־אַבעבע. ניט ווײַט פונדאַנען געפינט זיך דער יִשוּוּ מאַקאַלע, ווו די איטאַליענישע פאַשיסטן זײַנען אין נאָיאַבער 1935 באַגאַנגען אַן אַכזאָריעס־דיקן פאַרברעכן. אין יענע טעג האָבן די עטיאָפּי־שע מיליטער־קויכעס, אָפּטרעטנדיק פון דער גוט באַוואָפנטער איטאַליענישער אַרמיי אף דאָרעם־מײַ־רעוו, פאַרנאַרט די איטאַליענער אין די בערג און ניט איין מאָל זיי דערלאַנגט גוטע קלעפּ. בײַ די פאַשיסטן האָט, ענדלעך, געפּלאַצט דאָס געדולד, און זיי האָבן לויטן באַפעל פון דער פאַשיסטישער מוסאָליני־רעגירונג באַשלאָסן אָנצווענדן איפּריט. צוערשט האָבן זיי דעם גיפט אַראָפּגעוואָרפן אף די פּאָזיציעס פון די עטיאָפּישע פּאַטריאָטן אין פעס־לער, דערנאָך אָנגעהויבן אים צעשפּריצן פון עראָפּלאַנען, און ניט בלויז אף די מיליטער־פאַרײַ־ניקונגען, נאָר אויך אף די פרידלעכע אײַנוווינער. קעגן אַזאַ באַרבאַרישן געווער האָבן די עטיאָפּן ניט געהאַט קיין מיטלען זיך קעגנשטעלן, און זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן איבער דער גאַנצער פראָנט־ליניע. דעם 20 מאַרט האָבן די איטאַליענער פאַר־כאַפּט גאָנדאַר, דעם 15 אַפּרעל — דעסיע און זיך דערנענטערט צו אַדיס־אַבעבע. דעם 5 מײַ 1936 האָבן די גלעקער פון די קאַטױלישע קאַ־טעדראַלן אין רוים צו וויסן געגעבן, אַז עטיאָפּיע איז צעקלאַפּט, און מוסאָליני האָט אונטער אַנציק־טע אָוואַציעס פון די פאַשיסטן געמאָלדן וועגן דעם סאָף פון דער קאַמפּאַניע.

געקומען קיין אַקסום און זיך אָפּגערוט אַ ביסל אין אַ ניט־גרויסן טוריסטישן האָטעל, לאָזן מיר זיך אַוועק צו דער ריזיקער קאָלאָנע אפן צענטראַלן פּלאַץ פון דער שטאָט. די קאָלאָנע פון העל־גרויען גראַניט, אַן ערך 20 מעטער די הייך און צוויי מעטער די ברייט, איז אַרײַנגעגראָבן אף אַ ניט קיין גרויס בערגל, וואָס איז אויסגעפּלאַס־טערט מיט גרויסע פּליטעס, וועלכע זײַנען אָפּגע־פּאַלירט מיט טויזנטער באַרוועסע פיס ניט פון איין דאָר. אין איינער פון די פּליטעס, גלײַך אַנטקעגן דעם אָבעליסק זײַנען געמאַכט פיר פאַרטיפונגען, וויזט אויס, צוליב רייכערן דופּטן. צום סאַמע פּלאַץ פירן פונעם אָבעליסק עטלעכע טרעפּלעך, אף זײַן אויסערלעכער זײַט זײַנען אויסגעקריצט פענצטער און טירן מיט אַ געקינצלטן ריגל. דער קאָנוסאַרטיקער אָבעליסק פאַרענדיקט זיך מיט אַ האַלבקרײַז, פון וועלכן עס גייען פאַרזשאַווערטע וואַסער־שפּורן. דער פּלאַץ, דאָס אויסגעפּלאַסטער־טע מיט גראַניט־פּליטעס בערגל און דער אָבעליסק זעען אויס ווי אַ מין געצנדינערישער טעמפּל אונ־טערן אָפענעם הימל. דער אָבעליסק מיט זײַנע „פענצטער" און „טירן" איז זייער ענלעך אף אַ הימלקראַצער. די גרויסע קאָלאָנע איז אַרומגע־רינגלט מיט דרײַ ניט־געטעסטע קאָנוסאַרטיקע קלענערע אָבעליסקן. וויזט אויס, אַז דאָ איז גע־ווען אויך אַ פערטער. די יאַטלעך, מיט וועלכע כ'האָב זיך באַקאַנט אפן פּלאַץ, האָבן באַשטעטיקט די דאָזיקע השערה: דעם פערטן אָבעליסק האָבן די איטאַליענער אַרויסגעפירט קיין רוים. קוקנדיק אף אַט דער אײַנריכטונג, דערמאָן איך זיך אין די גוויעס־איידעס פון די ערשטע מוסולמענישע אַוו־טאָרן וועגן דעם פּאַלאַץ גומדאַן, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרן אין דער צאַפּן־טײַמענער שטאָט סאַנאַ. דער פּאַלאַץ האָט געהאַט צוואַנציק שטאָקן און אַ גאָלדענעם דאַך, וואָס האָט ביז גאָר באַוווּנדערט די ערשטע מוסולמענער, וועלכע זײַ־נען געקומען פון דעם פּרוכטלאָזן מדבר אין דער גליקלעכער אַראַוויע.

פאַר דער צווייטער מערקווירדיקײַט פון אַק־סום האַלט מען דעם טעמפּל פון דער בסולע מי־ריאַם — איינע פון די וויכטיקסטע הייליקײַטן פון די קריסטלעכע פון עטיאָפּיע, לעבן וועלכער איך האָב זיך באַקאַנט מיט כּײַלען. דער טעמפּל איז אויסגעלייגט פון ניט־גרויסע גרויע שטיינער, פאַר־פעסטיקטע מיט ליים, אַ פאַרמישטן אף געהאַקטער שטרוי. דער מויער ווערט עטוואָס פאַרשמעלערט אַרויף־צו. אין די ווינקלען פון דער וואַנט הייבט זיך אינמיטן איבערן דאַך אין דער פאָרם פון פאַר־קײַלעכיקטע צײַנער ניט קיין גרויסער באַגילדעטער קופּאָל. די פענצטער זײַנען פאַרמאַכט מיט הילי־צערנע גראַטעס. אף ניט קיין גרויסן פּלאַץ אַנט־קעגן דער קוואַדראַטער געבײַדע פונעם טעמפּל זײַנען פאַנאַנדערגעוואָרפן עטלעכע גראַניט־מאָנאָ־ליטן, וועלכע דערמאָנען לויט דער פאָרם ניט קיין טיפּע, שווערע שוועדישע פּאַטעלן. דאָס איז דאָס אָרט, ווו מע האָט געקרוינט די עטיאָפּישע אימפּע־ראַטאָרס. ווײַטער פון די דאָזיקע שטיינער איז פרויען ניט דערלויבט צו גיין.

און ווירקלעך, הינטער דער שטאָט אַקסום, אַ מעטער פינף הונדערט פון דעם וועג, ליגן אף אַ ווײַצענעם פעלד עטלעכע גראַניט־פּליטעס מיט אָבעליסקן, ענלעכע אף יענע, וועלכע כ'האָב גע־זען אפן צענטראַלן פּלאַץ פון דער שטאָט. כּײַלע האָט אָנגעוויזן אף איינער אַ פּליטע פינף מעטער אף אַנדערהאַלבן די גרייס, אונטער וועלכער ס'איז

קלוימערשט געבראַכט געוואָרן צו קווורע די לעגענדאַרע מאַלקע. אונטער צוויי אַנדערע פֿליטעס איז באַהאַלטן, ווי מע האָט מיר דערקלערט, דאָס געביין פֿון נאָך צוויי קיניגן פֿון אַקסום, און אויפֿן באַרג, וואָס זעט זיך באַם האָריזאָנט, איז באַערדיקט מענעליק, דער זון פֿון דער מאַלקע שוואָ און פֿון שלוימע-האַמעלעך.

שוין מיטן וועג קיין אַסמאַראַ האָב איך איבערגעקליבן אין זיכּאָרן פֿאַקטן, זיך דערמאָנט די לעגענדע וועגן דער מאַלקע שוואָ, וועלכע איך האָב פֿאַרשריבן אין אַקסום, דעם אָבעליסק אויפֿן פּלאַץ, דעם טעמפּל פֿון דער בסולע מיריאַם, דעם קיניגלעכן בעסוילעם אינעם ווייצענעם פֿעלד, דעם טעמפּל אַוואַם אין מאַריב. ווו איז דאָ דער עמעס, ווו זײַנען די אוראַלטע טיפֿן, ווו די באַנאַלע געשיכטעס פֿאַר די אויסלענדישע טוריסטן, וועלכע האָבן כיישעק צו סענסאַציע?

די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער גאָרער וועלט איז הײַנט צוגעצויגן צו עטיאָפּיע. די סיבע פֿון אַזאַ אינטערעס איז פֿאַרבונדן ניט מיט דער רײַכער געשיכטע פֿונעם לאַנד אָדער מיט די צוגעפּוצטע לעגענדעס וועגן דער מאַלקע שוואָ. די סיבע איז פֿאַרבונדן מיט דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין אַפֿריקע, ווו מיליאָנען מענטשן לײַדן הײַנט פֿון הונגער און פֿון ניט-דערעסן, און מיט די וועגן פֿון בײַקומען אָט די קרענק.

די פּראָבלעם פֿון הונגער אין אַפֿריקע, און אין עטיאָפּיע באַזונדערס, איז אַ קאָמפּליצירטע. ניט-ווילנדיק קומט אויף די פֿראַגע: ווער טראָגט פֿאַר דעם די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט — דער מענטש צי די נאַטור? ווו איז געווען אָט דער קריטישער מאָמענט, יענער אויסגאַנג-פּונקט, באַ וועלכן דער מענטש איז געווען מאַכטלאָז קעגן דעם גרויסן אַפֿריקאַנישן מידבער סאַכאַרע און קעגן דער דערבײַיקער אויסגעטריקנטער זאָנע סאַכעל, וואָס ציט זיך אויף טויזנטער קילאָמעטערס פֿון דער אַטלאַנטיק ביז דעם יאַם-סוף?

מײַן מיטשמועסער — דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם דירעקטאָר פֿון דעם אינסטיטוט פֿון אַפֿריקע באַ דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדעמיע פֿון פֿסס"ר, דאָקטאָר פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש וואַסיליעוו — האָט אין באַשטאַנד פֿון אַ דעלעגאַציע פֿון סאָוועטישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס ניט לאַנג צוריק באַזוכט עטיאָפּיע. דעם ערשטן שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם סאָוועטישן קאָמיטעט פֿאַר סאָלידאַרישקײַט מיט די פֿעלקער פֿון אַזיע און אַפֿריקע א. ס. דזאַסאָכאָוו, וועלכער איז איצט באַשטימט געוואָרן אַלס אַמבאַסאַדאָר אין סיריע, און אים, א. מ. וואַסיליעוו, האָט מען באַאויפֿטראָגט איבערגעבן אַ מאַטאָנע פֿון די סאָוועטישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס דעם פֿרײַנטלעכן פֿאָלק פֿון עטיאָפּיע אין צוזאַמענהאַנג מיטן אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפֿן.

— דער הונגער אין אַפֿריקע איז סײַ אַ סאָציאַל-פּאָליטישע, סײַ אַן עקאָנאָמישע, סײַ אַן עקאָלאָגישע פּראָבלעם, — זאָגט אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש. — אין אַפֿריקע לײַדן פֿון דער טריקעניש 21 לענדער. לויט די אָנגאַבן פֿון דער דערנערונגס- און לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע באַ דער אונאָ, זעצט פֿאַר דער דעפֿיציט פֿון שפּײַזפּראָדוקטן אין אַפֿריקע זיך פֿאַרגרעסערן. עטיאָפּיע האָט אַרומגעכאַפּט אַ הונגער. ער דראָט רעאַל סודאַן, ניגער, גאַנאַ, מאַלי, מאַוריטאַניע און מאָזאַמביק.

אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש ווערט אויף אַ מינוט אַנשוויגן, דערמאָנענדיק זיך, ווײַזט אויס, אין די ציפֿערן און פֿאַקטן, וועלכע ס'איז אים ניט איין מאָל אויסגעקומען אויסניצן אין די שמועסן מיט מײַרעוודיקע געלערנטע און זשורנאַליסטן, וועלן זיי, מיטפֿילנדיק קלוימערשט דעם פֿאָלק פֿון עטיאָפּיע, ניט דורכלאָזן די געלעגנהײַט אָנצורעדן לאַשנהאָרע אויף דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וועלכע האָט איבערגעגעבן די ערד די פּויערים און געמינערט די שטײַערן.

— רייידנדיק וועגן דער טריקעניש, וועגן דעם הונגער אין אַפֿריקע, קאָן מען דען פֿאַרגעסן דעם פּעריאָד פֿון קאָלאָניאַליזם? — פֿרעגט דער סאָוועטישער געלערנטער. — יאָ, דער מידבער גרײַפֿט אָן, יאָ, די פּיציכטלער און ערדאַרבעטער, וועלכע פֿירן אַן אַרכאַישע ווירטשאַפֿט, האַקן הײַנט אויס ביימער, כּדי צוגרייטן שפּײַז אָדער זיך דערוואַרעמען באַ אַ שײַטער. כּדי אָבער זיך קעגנשטעלן דעם מידבער, זײַנען נייטיק קאַפּיטאַל-אינוועסטיציעס. און ווו זאָל זיי נעמען אַפֿריקע, וועלכע די אייראָפּעיִשע קאָלאָניזאַטאָרן האָבן יאָרהונדערטער באַרויבט און עס זעצן פֿאָר צו באַרויבן זי הײַנט די זעלבע קאָלאָניזאַטאָרן צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער ביזנעסמענער?

איך דערמאָן זיך אין מײַן רײַזע אין דער מאָנאַרכיסטישער עטיאָפּיע. אינעם טאָל אַרום האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ דערפֿל, וואָס באַשטייט פֿון קײַלעכדיקע הײַזקעס, געמאַכטע פֿון לאַנגע דרענגלעך און אַרומגעשמירטע מיט ליים, די דעכער זײַנען געדעקט מיט שטרוי. נאַקעטע, שמוציקע יינגעלעך צעלויפֿן זיך, ווען זיי דערזעען מיך. אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, באָרוועסע פּויערים אין ווײַסע צודעקן בוקן זיך נידעריק און סטאַרען זיך אַ קוש טאָן די האַנט, אויפֿנעמענדיק מיך פֿאַר אַ גאַסט פֿונעם אָרטיקן פֿאַרשקלאַפֿער-פֿעאָדאַל אָדער פֿון אַ גײַסטלעכן טוער. האָרבאַטע זעבו און קעמלען קײַען פֿויל די פּאַפּשוי-שטענגלעך, וועלכע די פֿרויען וויקלען אַרום פֿאַר געווירץ מיט עטלעכע פֿרישע גרעזלעך. אַנדערע פֿרויען קלײַבן צונויף דאָ טאַקע פֿרישן הנאָי און פֿאַרשמירן די לעכער אויף די ווענט פֿון זייערע הײַזקעס. כמאַרעס פֿליגן אַרום און אַרום.

— האָבן דען די פראַנצויזישע קאָלאָניזאַטאָרן אין טשאַד, מאַלי אָדער ניגער אָנגענומען מיטלען קעגן דער פאַרוויסטעוועטקייט? — האָט פאַרגעזעצט די טעמע אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש. — דער סאַדיסט און מערדער באָקאַסאַ, דער געוועזענער אונטער־אָפיצער פונעם פראַנצויזישן אויסלענדישן לעגיאָן, האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער צענטראַל־אַפריקאַנישער רעפּובליק, וועלכע ער האָט געפּרוווט פאַרוואַנדלען אין זײַן געיאַרשנטער מאָנאַרכיע. אופגעלעבט פלעגט ער ווערן בלויז דעמלט, ווען ער האָט געזען געגאַנווטע דימענטן און כּעזשבוינעס פאַר דער געקויפטער ערד אַף דער פראַנצויזישער ריוויערע. נו, און די עטיאָפּישע פעאָדאַלן, האָבן זיי דען געפּרוווט פאַרהיטן די וועלדער?

ניין, ניט געפּרוווט. אינעם אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט זײַנען 40 פּראָצענט פון דער עטיאָפּישער טעריטאָריע געווען באַדעקט מיט וועלדער, הײַנט — בלויז צען פּראָצענט. כּדי פאַרמײַדן א טריקעניש, דאַרף מען פאַרזעצן וועלדער, שאַפן „גרינע הרעבליעס”. „פאַרזעצסטו א בוים — ציסטו צו וואַסער”. דאָס דאָזיקע אַפריקאַנישע שפּריכוואָרט איז, אַפּאָנעם, געוואָרן דאָס סאַמע פּאָפּולערסטע אין עטיאָפּיע. איצטער ווערט דאָ אָנגענומען א ברייטע פּראָגראַם פון וואַלדפאַרפלאַנצונגען. אין איר רעאַליזירונג באַטייליקן זיך פּויערים, יוגנט, סאָלדאַטן, מיטגלידער פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי און פונעם עטיאָפּישן קאָמיוג. אין 1984 זײַנען פאַרפלאַנצט געוואָרן 120 מיליאָןביימער. אין דער שטאָט אואַנדאַ איז געשאַפן אַן אינסטיטוט פון וואַלד־ווירטשאַפט און אונטער זײַן וויסנשאַפטלעכער אָנפירונג זײַנען איבערן גאַנצן לאַנד אָרגאַניזירט ספּעציעלע קורסן, מע האָט גענומען אַפן דיסקאָנט אַלע גרינע מאַסיוון. אייניקע אמעריסטן אַנטשלאָסענע אָנהענגער פון באַגרינונג פאָדערן, מע זאָל פאַר אויסהאַקן ביימער באַשטראָפן פונקט אַזוי, ווי פאַר דערהאַרגענען א מענטשן. אײַנצײַטיק ווערן אָנגענומען מיטלען אַף צו אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינבוווּנג, איריגאַציע. אין דער שטאָט נאַזרעט האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן א טראַקטאָר־זאַוואָד, וועלכער איז אויסגעבויט לויטן סאָוועטישן פּראָיעקט און וועט אַרויסלאָזן טויזנט טראַקטאָרס א יאָר. עס זײַנען פאַנאַנדערגעאַרבעט פּראָיעקטן פון איריגאַציע־בוווּנג אַף די פולוואַסערדיקע טײַכן בלויער נילוס, גיבע, אוואַש און אַף אַנדערע, פון בויען ניט קיין גרויסע הרעבליעס אַף צו פאַרהאַלטן די געוויסער־וואַסערן בײַסן פּעריאָד פון גרויסע רעגנס — פון יוני ביז סענטיאַבער, און בײַסן פּעריאָד פון קליינע רעגנס — פון פעווראַל ביז אַפּרעל.

עטיאָפּיע קאָן ניט בלויז דערנערן איר פּערציקמיליאָניק פאָלק, נאָר אויך עקספּאָרטירן שפּײַזפּראָדוקטן קיין אויסלאַנד. איר טעריטאָריע אַנטהאַלט אַרום 1200 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער, און ס׳איז שווער צו פאָרשטעלן זיך, וויפל ניט־אויסגעניצטע פרוכטבאַרע באָדנס זײַנען פאַראַן אין די דאָרעם־מײַרעוודיקע פּראָווינצן גאַמו־גאָפאַ, אילו־באַבאָר, קאַפאַ, אואָלעגאַ. די פּראָווינץ קאַפאַ (לויט איר נאָמען איז אָנגערופן קאַווע) פאַרמאָגט פרוכטבאַרע רויטערד. איר טעריטאָריע איז באַדעקט מיט ברייטע טראָפּישע וועלדער, ריטשקעס און טײַכן פליסן פון די גרינע בערג און אין די טיפע טאָלן. אין די טראָפּישע וועלדער אַף דאָרעם פון דער פּראָווינץ, באַזונדערס אינעם טאָל פון דעם טײַך געלאָ, בלאָנקען ביז איצט פראַנק־און־פרײַ העלפאַנדן, זשיראַפן, מאַלפּעס, נאָזהאָרנס. אינעם אַדמיניסטראַטיוון צענטער פון דער פּראָווינץ, דזשימאַ, איז פאַראַן א פראַכטפולער מאַרק פון קאַווע. דאָס שטעטל קאָן זיך באַרימען אויך מיטן אַגראָנאָמישן טעכניקום. די באַרג־פּראָווינץ אילובאַבאָר געפינט זיך אַף דער גרענעץ מיט קעניע, און איר דאָרעםטייל גייט אַרויס צו דער אָזערע רודאָלף. א רײַכע טראָפּישע פלאָרע און פאונע, פרוכטבאַדע באָדנס— דאָ איז פאַראַן אַלץ, די פּראָווינץ זאָל קאָנען דערנערן ניט בלויז אירע אייגענע אײַנוווינער, נאָר אויך איבערוואַנדערער פון די הונגערנדיקע צאָפן־ראַיאָנען.

הײַנט־צו־טאָג איז שוין פיל אופגעטאָן, הונדערטער טויזנטער מענטשן האָט מען אײַנגעאָרדנט אַף נײַע ערטער. אָבער רעאַליזירן די גראַנדיעזע פּלענער פון איריגאַציע און פון באַהערשן נײַע באָדנס פאָדערן צײַט און מיטלען. און דערווײַל שטרענגט אָן די סאָציאַליסטישע עטיאָפּיע אירע באַמיונגען, כּדיי, אַרויסגייענדיק פון די רעאַליטעטן פונעם הײַנטיקן טאָג, לייזן די פּראָבלעם פון הונגער, וועלכער זעצט פאַר צו דראָען מיליאָנען מענטשן. די גערעטעניש פון די טוווע־קולטורן אין 1985 איז געווען ניט קיין גרויסע, רעזערוון אין אייניקע ראַיאָנען זײַנען געבליבן ווייניק, די גוס־רעגנס האָבן צעשווענקט די גרונטוועגן און שפּײַז האָט מען געקאָנט צושטעלן נאָר פונדערלופטן. און אין דער זעלבער צײַט זײַנען אין די דערוויײַטערטע און פּראַקטיש ניט־צוטריטלעכע יישוּווים אויסגעגאַנגען פון הונגער זקיינים, קינדער און פרויען.

ווען עס טרעפט דיך אַן אומגליק, פרייען זיך דײַנע סאָנים. אַזוי איז געשען אויך דאָס מאָל מיטן הונגער אין עטיאָפּיע. די פאָלקס־רעוואָליוציע פון 1974 האָט אַראָפּגעשלײַדערט די סאַמע אוראַלטע מאָנאַרכיע אין דער וועלט. זײַן אימפּעראַטאָרישע מאַיעסטעט הײַלע סעלאַסיע I, דער אימפּעראַטאָר פון עטיאָפּיע, דער קיניג פון די קיניגן, דער אויסדערוויילטער פון גאָט, דער לייב־דעראָבערער פון יעהודעס שטאַם, איז געווען דער 225־טער מאָנאַרך פון דער דינאַסטיע, וועלכער האָט געפירט איר הערשאַפט פון מענעליק I, דעם זון פון שלוימע־האַמעלעך און פון דער מאַלקע שוואָ. די

איבערהערשאַפֿט פֿון די פֿעאָדאַלע קלאַנען, די שוידערלעכע אָרעמקייט, דער דורכויסיקער אַנאַלפֿאַבעטיזם, דאָס רעליגיעזע און עטנישע מחלוקעס, די שטאַרקע אָפּהענגיקייט פֿון פשא און פֿון אַנדערע אימפּעריאַליסטישע מלוכעס — דאָס אַלץ האָט דער נײַער עטיאָפּיע איבערגעלאָזט בעירושה דער מאָנאַרכיסטישער רעזשים פֿון שלוימע־האַמעלעכס דינאַסטיע.

קעדיי אויסבעסערן די לאַגע, אַרויסרײַסן זיך פֿונעם מיטלאַלטערלעכן שלאַף, אַראָפּטרייסלען די צוגעקלעפּטע ווי פּיאַווקעס טראַנסאַקאַנישע טוגנטן, האָט מען געדאַרפֿט אַ סך אַרבעטן. אָבער די אינערלעכע רעאַקציע און די אויסערלעכע סאָנים האָבן ניט געלאָזט צורו דאָס שטאָלצע פֿאָלק. און עס זײַנען אַוועק אַ גאַנג פֿאַרשווערונגען, טעראָריסטישע אַקטן, די אַגרעסיע פֿון סאָמאַלי, וועלכע האָט געפּרוווט רעאַליזירן אַפֿן שלאַכטפֿעלד אירע נאַציאָנאַליסטישע גרויסמלוכישע שטרעבונגען, אַרויסטרעטונגען פֿון די סעפּאַראַטיסטן אין דער מוסולמענישער עריטרייע און אין דער קריסטלעכער פּראָווינץ טיגרײַ. און אומעטום, הינטער יעדער פֿײַנטלעכער אַקציע האָט זיך געפֿילט די ריכטנדיקע האַנט פֿון דער צענטראַלער אויסשפּיאָנג־פֿאַרוואַלטונג און פֿונעם פּענטאַגאָן, וועלכע האָבן ניט געקאַרגט קיין געווער און געלט פֿאַר די סאָנים פֿון דער נײַער עטיאָפּיע. ביז הײַנט בענקען די גאַנץ געבליבענע סאָנים נאָך זייערע פּריווילעגיעס, נאָך זייערע רײַכע ווילעס און האַלבפֿאַרשקלאַפֿטע האַרעמען. אַראָפּפֿירן אָבער דאָס פֿאָלק פֿון עטיאָפּיע פֿונעם וועג איז הײַנט שווערער, אייַדער פֿריִער. אין 1984 איז געשאַפֿן געוואָרן די אַרבעטער־פּאַרטיי פֿון עטיאָפּיע. אַקטיוו זײַנען טעטיק די יוגנט־אַסאָציאַציע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער עטיאָפּיע, די אַסאָציאַציע פֿון רעוואָלוציאָנערע פֿרויען. אינעם לאַנד ווערט אַקטיוו ליקווידירט דער אַנאַלפֿאַבעטיזם: פֿונעם יאָר 1979 ביזן 1985 האָבן נײַן מיליאָן דערוואַקסענע זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן.

אינעם לאַנד האָט מען געעפֿנט 6600 לייענשטיבלעך, דערבײַ די גרעסטע צאָל — אין די דערפֿער. ס'איז געווען גאָר ניט לײַכט: אין עטיאָפּיע זײַנען צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אַלעפֿבייסן אויף פֿערצן אָרטיקע שפּראַכן, און איצט דערשײַנען צײַטונגען ניט בלויז אויף דער אַמכאַרישער שפּראַך און אויף דער שפּראַך אָראָמאָ, די אָפֿיציעלע שפּראַכן פֿונעם לאַנד, נאָר אויך אויף אַנדערע שפּראַכן. אינעם מאָנאַרכיסטישן פּעריאָד זײַנען געווען אין אַדיס־אַבעבע צוויי מיטל־ און עטלעכע אָנפֿאַנגשולן, אָבער בלויז אַ נישטיקער טייל קינדער פֿון די אָרעמסטע שיכטן האָבן געקאָנט אַרײַנטראָגן סכאַר־לימעד. מײַנע כאַווײרים, וועלכע האָבן אין יענער צײַט געלעבט אין אַדיס־אַבעבע, האָבן דערציילט, אַז אַ העפֿטל אָדער אַ פּאָר בלײַערס איז געווען פֿאַר אַן אָרעמאַן די טײַערסטע מתּנה.

הײַנט האָט די לאַגע זיך געענדערט. די צאָל שילער פֿון די אָנפֿאַנג־ און מיטלשולן איז פֿאַר אַ יאָרצענדליק אויסגעוואַקסן אין פֿיר מאָל, אין די אָוונט־שולן — אין פֿינף מאָל, עס זײַנען אויסגעבויט זעקס נײַע פּעדאַגאָגישע קאָלעדזשן. די צאָל סטודענטן פֿונעם אַדיס־אַבעבער אוניווערסיטעט איז אויסגעוואַקסן ביז עלף טויזנט אַפֿן באַטאָגיקן און אַכט טויזנט אַפֿן אָוונט־אָפּטייל.

— אָן עמעסע רעוואָלוציע איז אומבאַגרײַפֿלעך אָן אַ קאַמף, — זאָגט אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש. — ווען מיר האָבן באַזוכט די מאָדערנע גרויסע געבײַדע פֿונעם הויפּטשטאָטישן מוניציפּאַליטעט, האָבן מיר געזען, ווי אַלע ווענט אינעם זאַל פֿאַר זיצונגען זײַנען באַהאַנגען מיט פּאָרטרעטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון פֿרויען און מאַנצבילן, יונגע און אַלטע. די דאָזיקע מענטשן לעבן שוין ניט. דאָס זײַנען אַקטיוויסטן פֿון די היגע מאַכט־אָרגאַנען, קאָרבאָנעס פֿונעם ווײַסן טעראָר, וועלכן די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט פֿאַנאַנדערגעבונדן אינעם סאָף פֿון די 70־קער יאָרן.

איצט ווערן געשאַפֿן אויף די ערטער רעוואָלוציאָנערע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע רופֿן זיך „קעבעלע”. זיי פֿאַרייניקן אין איין אָרגאַן די פֿונקציעס פֿון די שטאָטישע און ראַיאָנישע מוניציפּאַליטעטן, פֿאָרמירן כאַווערישע געריכטן, שאַפֿן באַוואָפֿנטע פּאַטרולן, דיסקאָנטירן די פּראָדוקטן, וועלכע זיי צעטיילן דורך די קאָאָפּעראַטיוון, קאָנטראָלירן די אַרבעט פֿון די שולן, קינדער־גערטנער און קלובן. נעמלעך אין די ראַמען פֿון קעבעלע אַנטפּלעקט זיך די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פֿון די מאַסן. דערשלאָגענע, געמינערטע פֿריִער אין אַלע רעכט מענטשן, באַקומען אַ געשמאַק צו געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט.

אָט איז אָבער געשען אַן אומגליק — טריקעניש און הונגער. פֿאַר די פּאָליטישע קעגנער פֿון דער סאָציאַליסטישער עטיאָפּיע האָט ווידער אָנגעהויבן שאַריען די האָפֿענונג: עפּשער וועט אָפּגאָלטן ווידער שטעלן אויף די קני דאָס עטיאָפּישע פֿאָלק.

די סאָנים פֿון דער סאָציאַליסטישער עטיאָפּיע האָבן אָבער פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער לאַנד און אַז דאָס עטיאָפּישע פֿאָלק פֿאַרמאָגט עמעסע פֿרײַנט — דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד און די אַנדערע לענדער פֿון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפֿט, וועלכע זײַנען טאָמיד גרייט קומען צו הילף דעם פֿרײַנט, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ צאָרע. און אַזוי איז עס געווען אויך איצטער.

צווישן די סאָוועטישע ספּעציאַליסטן, וועלכע העלפֿן דעם עטיאָפּישן פֿאָלק, איז פֿאַראַן אַ גרויסע גרופּע דאָקטוירים. דער הונגער ברענגט ניט בלויז אויסגעצערטקייט, נאָר אויך קראַנקהײַטן. די גרענעץ צווישן לעבן און טויט איז קימאַט אַן אומבאַמערקבאַרע: אָט האָט אַ זאַקן זיך צוגעלייגט אָפּרוען, מע טשעפּעט אים ניט, מע באַאומרויִקט אים

ניט, און אין א שאַ ארום איז ער שוין א קאַלטער.
און אזוי עטלעכע צענדליק מענטשן יעדן טאָג...

דער סאָוועטישער דאָקטער ניקאַלײַ וואסיליע־וויטש באָגדאנאָוו האָט מיר דערציילט:

— דער מאנגל פון ווײַסלשטאָף שוואכט אָפּ דעם אָרגאניזם. די קלענסטע פּאַרקילונג וואַרפט אום פון די פיס. אין די באַדינגונגען פון שאַרפע ענדערונגען פון דער טעמפּעראַטור אין די בערג גייען איבער די פּאַרקילונג־קראַנקהייטן אין לונגען־אָנצינדונגען. קיין רייד וועגן דער נויטווענדיקייט צו וואשן דאָס גרינוואַרג, ווען קיין גרינוואַרג איז ביכלאַל ניטאָ און דאָס שוואַמאַרטיקע עטיאָפּיש ברויט „ענדזשעראַ" איז געמאַכט פון טרוכליאַוון צעפוילטן האָלץ, — דאָס ברענגט צו מאָגן־קראַנקהייטן. מער פון אַלץ דערשיטערט דער טויט פון קינדער — זיי זײַנען געוואָרן די ערשטע קאָרבאָנעס פונעם הונגער...

סאָוועטישע דאָקטוירים ארבעטן אין פּילצאַליקע מעדיצינישע פּונקטן. אין דער פּראָווינץ אוּאַלעגא, וועלכע ליגט אויף מײַרעוו פון דער הויפּט־שטאָט, איז געעפנט א סאָוועטישער פעלד־האָספּיטאַל, ווו עס מײַען זיך אָנדערהאלבן הונדערט מעדיצינישע ספּעציאַליסטן אונדזערע.

די פּראָווינץ אוּאָלעגא איז איינע פון די פיר פּראָווינצן פון דער סאָציאַליסטישער עטיאָפּיע, וועלכע ס'האָט ניט געטראָפן די טריקעניש און, הייסט עס, דער הונגער. דאָס איז א ראיאָן מיט רײַכע באָדנס און מיט א גענוגנדיקער צאָל פײַכטקייט, א באַדעקטער מיט קאַווע־פּלאַנטאַציעס און מיט טראָפּישע וועלדער. איבערן וועג דורך אַדיס־אַבעבע אויף לעקעמפּטי באַוועגן זיך מעכטיקע לאַסטמאַשינען, אָנגעשטאָפּטע מיט אויסגעצערטע מענטשן פון די הונגעריקע ראיאָנען מיט זייער איינפּאַכן האָב־און־גוטס. אונדזערע העליקאָפּטערס לאָזן אראָפּ אויף די אָרטיקע לאַנדונגס־פּלעצער אין די שטעט אסאָסא, בייסא און דעמבידאָלאָ פּראַכטן מיט שפּײַז־פּראָדוקטן, מעדיקאַמענטן.

באָגדאנאָוו דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי מע באַזאָרגט די איבערוואַנדערער מיט פּראָוויאַנט, מע גיט זיי פי, מע בויט וווינונגען. ער האָט געשמועסט מיט איינעם פון די אַקטיוויסטן פון דער ארבעטער־פּאַרטיי פון עטיאָפּיע, וועלכע זײַנען געקומען אהער, קעדיי העלפן אײַנאָרדענען דאָס לעבן פון די איבערוואַנדערער אין גרויסע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, מאכן די פּראָווינץ אוּאָלעגא מיט אירע קימאַט ניט־באַהערשטע באָדנס און שיטערער באַפעלקערונג פאַר זייער נײַ היימלאַנד. אָטריאַדן פון דער יוגנט־אסאָציאַציע פון דער רעוואָליוציאָנערער עטיאָפּיע בויען וועגן, שולן, שפּיטאַלן, אגראָנאָמישע און וועטערינאַר־פּונקטן. מע דאַרף ניט בלויז אָנהאָדעווען די הונגעריקע, נאָר אויך זיי לערנען אויסקאָווען אויף די נײַע באָדנס א גערעטעניש און אויסהאָדעווען פי.

די געשיכטע פון דער ארבעט פון רוסישע מעדיקער אין עטיאָפּיע ציט זיך נאָך פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, ווען ס'האָבן צום ערשטן מאָל דאָ זיך באוויזן דאָקטוירים פון רוסלאַנד, וועלכע ס'האָט קאָמאַנדירט די געזעלשאַפט פון רויטן קרייץ. שפּעטער איז שוין אין אַדיס־אַבעבע געשאַפן געוואָרן א מאָדערנער שפּיטאָל, ווו עס ארבעטן צוואַנציק אונדזערע דאָקטוירים. די ארבעט אין עטיאָפּיע איז בעעמעס געווען א מעסירעסנעפּעשדיקע, און וועגן דעם ריידן קעסיידער מיט גרויסער ליבע די עטיאָפּן.

אין מײַ 1896, ווען די עטיאָפּן האָבן געקעמפט מיט די איטאַליענישע פאַרכאַפּער, איז געקומען אין לאַנד א מעדיצינישער אָטריאַד פונעם רוסישן רויטן קרייץ, וועלכער האָט געעפנט אין אַדיס־אַבעבע און כאַראַרע פעלד־האָספּיטאַלן. די זאַמלונג פון געלט־מיטלען אויף אויסצוהאַלטן דעם אָטריאַד איז דורכגעפירט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד. אין דער צווייטער העלפט פונעם XIX יה. האָבן עטיאָפּיע באַזוכט אָנגעזעענע רוסישע געלערנטע: מאַשקאָוו, יעליסייעוו, לעאָנטיעוו, זוויאַגין, בולאַטאָוויטש. אין 1889 האָבן זיך אײַנגעשטעלט פּערזענלעכע פאַרבינדונגען צווישן אַלעקסאַנדער II און מענעליק II, וועמענס דענקמאָל באַצירט אויך הײַנט די הויפּט־שטאָט פון עטיאָפּיע. מענעליקס פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס, זײַענדיק גרויספירשט פון שאָאַ, האָט ער פאַרייניקט די צעשפּליטערטע פירשטנטומס אין אן איינהײַטלעכער מעלוכע און דערפאַלגרײַך פאַרטיידיקט איר אומאָפּהענגיקײַט פון די פּרעטענדירונגען מיצאַד איטאַליע און גרויסבריטאַניע. אין 1896 האָט מענעליק צעגראָמירט די איטאַליענער אין דער שלאַכט בא אַדוא, און הײַנט ווערן באַם פיעדעסטאַל פון זײַן דענקמאָל פאַנאַנדערגעשפּילט טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען, וועלכע שילדערן עפּיזאָדן פון אָט דער וויכטיקסטער געשעעניש אין דער געשיכטע פון עטיאָפּיע. אין 1895 איז געקומען קיין רוסלאַנד מענעליקס אויסעראָרדנטלעכע אַמבאַסאַדע און אינעם יאָר פון דער שלאַכט בא אַדוא האָט דער נעגוס אין אַדיס־אַבעבע, וועלכע איז מיט עטלעכע יאָר פריִער דערקלערט געוואָרן אַלס הויפּט־שטאָט פון דער אײַנהײַטלעכער עטיאָפּיע, געשאָנקען א באַצירק ערד, אויף וועלכער עס געפינט זיך אויך איצט די סאָוועטישע אַמבאַסאַדע.

אינעם וואָרטזאַל פונעם הויפּטשטאָטישן עראָפּאָרט פון אַדיס־אַבעבע האָבן זיך פאַרזאַמלט פּאַסאַזשירן, וועלכע וואַרטן צו אַרופּזעצן זיך אינעם עראָפּלאַן, וואָס פליט קיין מאָסקווע. א סאַך פּאַסאַזשירן זײַנען באַקאַנט צווישן זיך, און דעריבער גייט צווישן זיי א לעבהאַפטער שמועס. מײַן קאָמאַנדירונג פאַרענדיקט זיך, דער בלאָקנאָט איז פול מיט פאַרנאָטירונגען, איך בין מיד, און ס'ווילט זיך ניט אַרײַנמישן אינעם שמועס. מיר לוינט צו שפּילן די ראָל פון א צופעליקן איידעס.

— אָן אַ דורכגעקלערטער און קאָנצענטרירטער הילף וועט אַריקאַ ניט קאָנען אויפשטעלן די אונטערגעריסענע מיצאַד דעם הונגער קויכעס. די ערשטע הילף מיט שפּײַז־פּראָדוקטן האָט אָפּגעשפּילט איר ראָליע: דעם הונגעריקן האָט מען געגעבן אַ שטיקל ברויט אָדער אַ טשאַשקע רײַז, אַ קוואָרט מילך, געגעבן אַ מעגלעכקייט ניט שטאַרבן פון הונגער. אַזעלכע זשעסטן אָבער לייזן בעטאָך קיין זאַך ניט. וויפל מע זאָל ניט ליפערן קיין שפּײַז, וועט אַלץ אויפגעגעסן ווערן. מע דאַרף אַקטיוויזירן די אינערלעכע רעזערוון פון אַפריקע, געבן איר מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַכשירים, אויסבויען באַוואַסערונג־סיסטעמען, קעדיי די מענטשן זאָלן ניט זײַן אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון דער נאַטור און פון די אויסלענדישע פילאַנטראָפּן. ליגט אַכט אויף דעם, אַז די פּשאַ און אַנדערע מײַרעוו־לענדער ליפערן עטיאָפּיע שפּײַז־פּראָדוקטן, אָבער קיינער פון זיי גייט ניט אײַן אויף טעכנישער הילף, אויף דער בויונג פון איריגאַציע־סיסטעמען, אויף באַהערשן נײַע באָדנס. דער סאָוועטנפאַרבאַנד אָבער גייט אײַן אויף אַזאַ מיטאַרבעט. מיר ווילן, אַז עטיאָפּיע זאָל זיך אַליין האָדעווען, ניט זײַן אָפּהענגיק פון די אויסלענדישע טווּע־ליפערונגען. אַ מיזרעכדיקער גלײַכווערטל זאָגט: אויב דו וועסט געבן אַ הונגעריקן אַ שטיקל ברויט — וועט ער לעבן איין טאָג. אויב דו וועסט אים אויסלערנען אויסכאַפּן טווּע — וועסטו אים אויסלערנען לעבן.

אַזוי זאָגט אונדזער סאָוועטישער ספּעציאַליסט, וועלכן אַלע רופן מיט רעספּעקט סאַן סאַניטש. אַ פעסטגעבויטער, אין אָפּגעקראָכענע דזשינסן און אין אַ רעגן־רעקל, מיט אויסגעצוויטעטע ווײַסלעכע האָר, ציט ער צו די אויפמערקזאַמקייט מיט זײַן אימפּעראַטיווער מאַניר צו רעדן און אַרויסזאָגן זײַנע געדאַנקען. ער איז געקומען אין אַ ניט גרויס שטעטל אַמבאָ, וווּ ער האָט געאַרבעט אויף דער סטאַנציע פון געוויקסן־סעלעקציע.

פאַר דער צײַט פון מײַן אַרבעט אין אַפריקע האָב איך געזען ניט ווייניק ספּעציאַליסטן און ראַטגעבער פון פאַרשיידענע לענדער. פאַרשטייער פון די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס מיט דער אײַנגעזעסענער היפּערטראָפירטער פאַרשטעלונג וועגן פערזענלעכן קאָמפאָרט לעבן אין פרעכטיקע ווילעס אָדער אין ערשטקלאַסיקע האָטעלן, בײַס די אָרטיקע אײַנוווינער וואַלגערן זיך אין האַלב־כאָרעווע הײַזקעס, צונויפגעקלאַפּטע פון צעבראָכענע פאַניער־קעסטלעך. די ראַטגעבער פאָרן אַרום אויף אויטאָמאָבילן מיט קאָנדיציאָנערן, בײַס די אָרטיקע אײַנוווינער פאַקן זיך אָן אין גרויסע אַרמײַשע לאַסטמאַשינען אָדער אין איבערגעפּולטע אויטאָבוסן, קעדיי זיך דערקלײַבן צום אָביעקט, וווּ עס שטייט זיי פאָר צו אַרבעטן. אַליין דער ראַטגעבער פון אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד אַרבעט ניט — ער אײַצעט, רעקאָמענדירט, גיט אָנווײַזונגען. אַרבעטן אַרבעטן די אַפריקאַנער. אַ סאָוועטישער ספּעציאַליסט, וועלכער הייסט אויך ראַטגעבער, פירט זיך אויף אַנדערש. ער אײַצעט און רעקאָמענדירט אויך, אָבער באַ אַ נויטווענדיקייט פאַרקאַטשעט ער די אַרבל און באַווײַזט אַליין, וויאַזוי אײַנריכטן די נײַטיקע אויסשטאַטונג. אַ מײַרעווידיקער ראַטגעבער איז אויסגעפּוצט טשאַקנדיק און קנאַקנדיק, מע קאָן אים גלײַך פון אַזאַ אַרבעט און ניט קיין איבערגעטאָנענעם פירן אין דעם בעסטן רעסטאָראַן. אונדזער ראַטגעבער איז אָנגעטאָן באַשיידענער, ווײַל ער איז דאָך געקומען אַרבעטן. מע האָט מיר דערציילט אַ צופאַל מיט איינעם אַן ענגלישן אינזשעניער, וועלכער איז געקומען אין דער מאָנאַרכיסטישער עטיאָפּיע אַלס ספּעציאַליסט איבער שאַכטע־אויסשטאַטונג. אַלץ איז געגאַנגען גוט, ביזוואַנען מע האָט דעם ענגלענדער ניט געבעטן באַווײַזן זײַנע קענטענישן און דערפאַרונג אויף דער פּראַקטיק. דער ענגלענדער האָט זיך אָפּגעזאָגט: „איך בין געקומען אַהער ניט אַרבעטן, נאָר אײַצענען”, — איז געווען זײַן ענטפער.

זעלטן טרעפן זיך אַזעלכע אַרבעטזאַמע, אַכרײַעספולע מענטשן, ווי די עטיאָפּן. באַזונדערס די יוגנט. גראָד אויף אירע פלייצעס פאַלט איצט די וויכטיקסטע אַרבעט צו באַהערשן נײַע באָדנס און, הייסט עס, קעמפן מיט דער טריקעניש און מיטן הונגער.

איוואַן טערענטיעוויטש, אַן אַגראָנאָם פון אַמבאָ, דערציילט, אַז אין עטיאָפּיע לײַדט אַ דריטטייל פון דער גערעטעניש פון קראַנקהײַטן און פון געוויקסן־שעדיקער. אַ לאַנד מיט אַן אוראַלטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קולטור, פונוואַנען דער אַקאַדעמיקער ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש וואַווילאָוו האָט אַרויסגעפירט פאַרן אינסטיטוט פון גענעטיק פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און פון פסר הונדערטער מוסטערן, וועלכע זײַנען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פון דער אַרבעט איבער דער סעלעקציע פון נײַע סאָרטן ווייץ, איז, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, געוואָרן גאַנץ הינטערשטעליק אין געביט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער וויסנשאַפט. און ווירקלעך, נ. אי. וואַווילאָוו, דער שעפער פון די הײַנטצײַטיקע וויסנשאַפטלעכע יעסוידעס פון סעלעקציע און פון דער לערע וועגן די וועלט־צענטערס פונעם אָפּשטאַם פון קולטור־געוויקסן האָט באַזוכט אין די יאָרן 1926—1927 עטיאָפּיע און פעסטגעשטעלט, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד איז דער צענטער פונעם אָפּשטאַם פון האַרטע סאָרטן ווייץ. אָבער די סיבע פון דער אָפּגעשטאַנענקייט האָט געשטעקט אינעם געביט פון סאָציאַלע באַציִונגען. אַ העלפט פויערים פון דער מאָנאַרכיסטישער עטיאָפּיע האָט ניט געהאַט קיין ערד, און פאַר איר אַרענדע האָט דער פויער אָפּגעגעבן דעם ערדבאַזיצער דרײַ פערטל פון דער גערעטעניש. די פויערים האָבן באַקומען ערד לויט דער רעפאָרם נאָך דער רעוואָליוציע פון

1974, און טויזנטער סטודענטן און שילער האָבן זיך אוועקגעלאָזט לערנען די פויערים גראַמאַטע, דעם אַלעפבייס פון דער אַגראַר־וויסנשאַפט. אַף די פעלדער האָבן זיך באַוויזן צווילינגען פונעם סאָוועטישן טראַקטאָר „בעלאַרוס" — די טראַקטאָרס „נאַזהעט", דיסק־באָראָנעס און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען.

בייס איך שרײַב אָט די פאַרצייכענונג זע איך איצט אין די צײַטונגען מיטיילונגען וועגן דעם, אַז די אָזערע טשאַד, איינע פון די גרעסטע אָזערעס אין אַפריקע, הייבט אָן צוביסלעך זיך אויסטריקענען און אין באַזונדערע ערטער איז דאָס וואַסער אַוועק פונעם ברעג אַף 60—80 קילאָמעטער. אין 1908 איז אָט דער באַסיין, וואָס געפינט זיך אַף דער גרענעץ פון פיר מעלוכעס — טשאַד, קאַמערון, ניגעריע און ניגער, — אַבסאָליוט אויסגעטריקנט געוואָרן. אינעם אָנהייב פון 1974 האָט די אָזערע טשאַד זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקן זומפּ און איבער זײַן פליסיקער בלאָטע זײַנען געגאַנגען קאַראַוואַנען קעמלען. אַ טריקעניש! בעשעך פון עטלעכע יאָר איז דאָ ניט אַראָפּגעפאַלן קיין איין טראָפּן רעגן.

לויט די אָפּשאַצונגען פון דער פּרעסע, הונגערן אין אַפריקע 30 מיליאָן מענטשן, און נאָך 120 מיליאָן געפינען זיך אַפן ראַנד פון הונגער. די זאַך אָבער איז ניט נאָר אין דער צאָל מענטשלעכע קאָרבאָנעס. דאָ האָבן זיך אַנטפּלעקט אַלע כעסרוינעס פון די פּאָליטישע סיסטעמען, געפענטעטע אין די קייטן פון נעאָקאָלאָניאַליזם. עס זײַנען פאָרגעקומען ערנסטע סאָציאַלע און סטרוקטור־ענדערונגען. ס'האָבן זיך אָבער אויך אַנטפּלעקט די פאָרצוגן פון דער פּאָליטישער אָרדענונג, ווי, צום בײַשפּיל, אין דער סאָציאַליסטישער עטיאָפּיע, וועלכע האָט געקאָנט מאָביליזירן אַלע רעסורסן אין קאַמף מיט די סטיכיישע אומגליקן.

„זוכט גאָלד אין דער ערד..." — ווערט געזאָגט אין אַן עטיאָפּישער מײַסע. גראָד אין אָט דער ריכטונג איז הײַנט טעטיק די אַרבעטער־פּאַרטיי פון עטיאָפּיע. אַ מענטש קאָן ניט ענדערן דעם קלימאַט, ער איז אָבער אימשטאַנד צו באַשיצן זיך פון זײַנע קאַפּריזן. דאָס עטיאָפּישע פאָלק איז אונטער דער אָנפירונג פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, מיט דער הילף און שטיצע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון די לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט, דערפאָלגרײַך גוווער די דאָזיקע שווועריקײַטן.

שײַע בראָנשטיין



נאָך אַ שווערער קרענק איז אין עלטער פון 78 יאָר געשטאָרבן דער קינסטלער שײַע בראָנשטיין.

ש. בראָנשטיין איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל הינטער קיעוו. צו 9 יאָר איז ער פאַריאָסעמט געוואָרן — דעם טאַטן האָבן דערהאַרגעט די ווײַסגוואַרדייער, דערנאָך זײַנען פון טיפוס געשטאָרבן די מוטער און די עלטערע שוועסטער. מע אָרדנט אײַן דעם קומענדיקן קינסטלער אין אַ קינדערהיים. דאָרט טאַקע האָבן זיך אַנטפּלעקט זײַנע פעיִקײַטן צו מאָלערײַ.

אין 1927 באַווײַזן זיך אַף אָרטיקע אויסשטעלונגען ש. בראָנשטיינס געמעלן און צייכענונגען — פּאָרטרעטן פון אַרבעטער פונעם קיעווער זאַוואָד „באָלשעוויק". פון דעמלט אָן ווידמעט ער זײַן שאַפונג די מענטשן פון סאָציאַליסטישער מי. ער מאָלט אויך פּייזאַזשן פון דער נאַטור און שטייגער־בילדער. אין מעשעך פון זײַן דויערנדיקן שאַפונגסוועג באַטייליקט ער זיך אין פאַרשיידענע רעפּובליקאַנישע און אַלפאַרבאַנדישע אויסשטעלונגען. אין די לעצטע יאָרן האָט ער געהאַט אויך פּערסאָנעלע עקספּאָזיציעס.

ברייט זײַנען באַקאַנט שײַע בראָנשטיינס סעריעס געמעלן „גאָרקי לעונסקיע". אַ טייל פון די דאָזיקע סעריעס, ווי אויך עסקיזן צו דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צו די ספּעקטאַקלען פונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכעטעאַטער, צוזאַמען מיט די פּאָרטרעטן פון די פאָלקס־אַרטיסטן שלוימע מיכאָעלסן און בינימין זוסקינען, זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין די קינסטלערישע בײַלאַגעס פון „סאָוועטיש היימלאַנד". פיל פון די דאָזיקע אַרבעטן געפינען זיך אין די פאָנדן פונעם טעאַטראַלן מעלוכע־מוזיי אַף א. א. באַכרושינס נאָמען אין מאָסקווע.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

דעמאָקראטיע – דאָס איז ניט צעלאָזטקײַט

היינט זײַנען מיר אלע א ביסל ווי שילער. שילער פון דער שול דעמאָקראטיע. אזא שול איז בא אונדז שוין פון לאנג ניט געווען! בא עמעצן — נאָך קיינמאָל אין לעבן. איז פארווײַלן מיר זיך מיט אלע קויכעס. איינער — ווײַל ער האָט ניט וווּהין אהינטאָן זײַן ענערגיע, און אנדערע — פארטײַעט, בייז און פלאך.

פון דעם ווערט צומאָל שווערמוטיק: צי וועט קלעקן געדולד אײַנצורײדן און בארויִקן? צי וועט ניט בעסער זײַן צום אָרט באצײַטנס א קלאפּ טאָן מיטן פויסט, העכערן די שטים? צי וועט ניט נעמען די אויבערהאנט די איבערצײַגטקײַט, אז איינעם איז רויִקער? פּערזענלעכע אָבער מיינונגען — אָט צו וואָס זיי ברענגען...

פון וועמען הענגט איצט אלץ אָפּ? בלויז פון אונדז.

פאקטן פון דער לעצטער צײַט... לאָמיר זיי איבערקלײַבן, זיך צוהערן צו זייער אינהאלט, זיך פּרוּוון מאכן אויספירן.

די אויסשטעלונג פון קאָנקורס־פּראָיעקטן פארנעם מאָנומענט פון זיג אין מאנעזש. זי האָט ארויסגערופן א קאָלאָסאלן, אופריכטיקן אינטערעס בא די מאָסקווער טוישווים. ווײַל דער גורל פונעם דענקמאָל אפן פארערונג־בארג האָט אויפגערודערט אלעמען. פיל האָבן זיך הייס אָפּגערופן אף דער אײַנלאדונג זיך צו באטייליקן אין דער אָפּהאנדלונג. די אויסשטעלונג האָבן באזוכט טויזנטער מענטשן. און אין דער זעלבער צײַט...

פון אינדערפרי ביזן אָוונט האָט איינס און דאָס זעלבע קופּקעלע מענטשן געפירט נאָך זיך איבער די זאלן באזוכער און מיט פניִעס געזוכט אין אלע פּראָיעקטן מאסאָנישע, ציִעניסטישע און נאציסטישע סימבאָליק צוזאמען (!). מע הערט, מע האָרכט, מ'איז מאסקים. איינמאָל האָב איך געהאט די האָזע איבערצורײַסן דעם פּלאפּלער: „צוליב וואָס פארנעמט איר זיך מיט פּראָוואָקאציע?! צוליב וואָס זוכט איר אין שלעכטע, טאלאנטלאָזע ארבעטן, מערסטנטייל נעבעכדיקע לויטן קינסטלערישן געדאנק און לויט דער אויספילונג, עפּעס אָן אידעאָלאָגישע דיווערסיע?" און גלײַך האָט מען מיך באשולדיקט, אז איך פארשטאָפּ דאָס מויל דעם פאָלק, אז איך בין נו, געוויינלעך, אָן אגענט, אז אזעלכע, ווי איך, שיקערן אָן דאָס פאָלק, ארויסטרעטנדיק פאר „קולטורעלער שיקרעס", און, ענדלעך, האָט מען דערקלערט: „אין זיבן־און־דרײַסיקסטן יאָר וואָלט מען געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט מיר". דאָ איז אויסגעקומען פּאָשעט העכערן די שטים, כדי צווינגען מיך אויסצוהערן און — אז ס'איז שוין יאָ דערגאנגען צו אזא עפנטלעכן געשפּרעך — באשטיין אף מײַן אייגענעם שטאנדפּונקט. אף א געוויסער צײַט זײַנען די באלדארשנס — צוויי זײַנען זיי געווען — פארשטומט געוואָרן.

אין מיר אָבער האָט זיך צערייצט דער אינטערעס: וואָס פאר א לאָגיק שטעקט אין אָט דער קריגערישקײַט? קיין צוואנציק מינוט זײַנען ניט דורכגעגאנגען, ווי אלץ איז געוואָרן קלאָר — אָפּגיסנדיק מיט פּאָמעניצעס אנדערע, האָבן די דאָזיקע מענטשן שטאָל און אײַזן געפּריידיקט די מײַלעס פון... זייער פּראָיעקט.

א פּאראדאָקס פון דער דעמאָקראטיע: דער פאָרזיצער פון זשורי בעט די פּרעסע ווי ווײַט מעגלעך אָביעקטיווער זיך ארויסזאָגן וועגן די ארבעטן, כדי ניט פאָרמירן אין דער געזעלשאפט קיין בכוירע פאר וועלכע־ניט־איז פּראָיעקטן איידער די זשורי וועט ניט ארויסטראָגן איר באשלוס. די צײַטונגען און וואָכנבלעטער באמיִען זיך מיט אלע קויכעס צו באפרידיקן די דאָזיקע ביטע. די טעלעוויזיע איז זייער פאָרזיכטיק — בײַס דער עפענונג פון דער אויסשטעלונג באווײַזט זי די ארבעטן בלויז אין אלגעמיינעם פּלאן. און אין זאל דרייען זיך ארום פרעכע העלדן־ענטוזיאסטן און פאָרמירן די געזעלשאפטלעכע מיינונג. ארום איין פּראָיעקט. דערבײַ אָן אפּעליאציעס, אומגעדולדיק צו באליביקע דערווידערונגען...

נאָר דעמאָקראטיע — דאָס איז א שול א נוצלעכע און, ניט געקוקט אף אלע „שטיפערײַען", אָן אומפעלערהאפטע: די זשורי פונעם קאָנקורס האָט, ווי באוווּסט, געזאָגט איר וואָרט, אז „קיין איינער פון די פּראָיעקטן, וועלכע זײַנען צוגעשטעלט אפן קאָנקורס, קאָן ניט זײַן רעקאָמענדירט צו פארווירקלעכן אָדער גענומען ווערן פאר א גרונט אין דער ווײַטערדיקער באארבעטונג".

...א געוויסע געזעלשאפט אין מאָסקווע לאדט אײַן אײַליק אף איר זיצונג אין איינעם פון די קולטור־פּאלאצן אין דער הויפּט־שטאָט א יונגן דיכטער, א טאלאנטפולן ליטעראטור־פאָרשער (איך וויל ניט קאָנקרעטיזירן, ווײַל מיר איז וויכטיק די טענדענץ — אין איר איז דער טאָך). אין גאנג פונעם געשפּרעך צעפלאקערט זיך א פּאָלעמיק ארום דעם טעזיס: די דעקאבריסטן פארדינען ניט קיין קאָוועד, ווײַל זיי זײַנען... מאסאָנען. מאסאָנען — ווײַל, ווי עס פּאסט קלוימערשט פאר מאסאָנען,

זײַנען זיי ארויסגעטראָטן קעגן דער דינאסטיע. א, אן איראָניע פונעם גורל, נאָר גיכער פון אלץ — א גרימאסע פונעם שיקזאל. פאָרשטייער פון די עלטסטע רוסישע אדלשטאמען, דער קאָוועד איז דער געוויסן פון דער רוסישער קולטור, אויב מע זאָל זי, אָט די קולטור, פארשטיין אין ברייטן זין, יענע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אין רוסלאנד, — זיי האָבן, לאָזט זיך אויס, געהאט די האָזע ארויסטרעטן קעגן דער צארישער דינאסטיע! דער יונגער דיכטער און ליטעראטור־פאָרשער האָט געוואגט צו פארטיידיקן די דעקאבריסטן, פאר וואָס די אומגעבעטענע פארטיידיקער פונעם נאציאָנאלן גײַסט האָבן אים צעמיימעסט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

די ריידערײַען וועגן דער מאסאָנסטווע ווערן, ווײַזט אויס, אן אײַנגעגעסענע אידיי בא א געוויסן טייל פון דער געזעלשאפט. אָט דאָ, אָט דאָרט הערט מען געשפּרעכן, אז צווישן די אָנפירער פון דער רעוואָליוציע זײַנען קלוימערשט אויך געווען מאסאָנען, מע כעזשבנט אפילע אויס די מאדרייגע פון זייער מאסאָנסטווע. אָט איז א מוסטער פון אזא באהויפטונג, וועלכע איך האָב די טעג געהערט פון א יונגן פונקציאָנער פון ראיאָנישן מאסשטאב, וואָס ער האָט אפילע ניט מוירע געהאט אָנצורופן זײַן נאָמען (פון דעליקאטקײַט וועגן וועל איך אים ניט אָנרופן). אָנבייגנדיק זיך צו מײַן אויער, האָט ער מיר מיטגעטיילט גאנץ אָפן: „דעם רוסישן כאראקטער פון דער רעוואָליוציע וועט נאָך אויסקומען צו פארטיידיקן".

עס לייגט זיך אים ניט אפן סייכל, אז די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אין רוסלאנד איז פון סאמע אָנהייב אָן געווען לויטן טאָך אירן אן אינטערנאציאָנאלע. „פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!" — האָט זי אָנגעשריבן אף איר פאָן די שטאָלצע ווערטער פונעם „קאָמוניסטישן מאניפעסט". און געמאכט האָט זי דער רוסלענדישער פראָלעטאריאט. ער האָט ארײַנגענומען אין זיך די ברייטע שיכטן פון פאָרשטייער פון סאמע פארשיידענע נאציעס, וועלכע האָבן געוווינט אין דער מעלוכע (און ניט בלויז אין איר!).

און צי ניט דער טיפער פארשטאנד פון דער מעכטיקער זיגרײַכער קראפט פון דער פראָלעטארישער אײנהײַט, טראָץ די פרוּוון צו פארמינערן, אָפשוואכן, צעשטערן אָט די אײנהײַטלעכקײַט, האָט געגעבן א מעגלעכקײַט וו. אי. לענינען שארף, פרינציפּיעל ארויסצוטרעטן קעגן דער צעשפאלטערישער, פאָליטיש באגרענעצטער, פראָוואָקאטאָרישער אין טאָך פאָליטיק פון די בונדאָווצעס, וועלכע האָבן זיך דערקײַקלט אין זייער נאציאָנאליסטישער שמאָלקעפיקײַט צו א דירעקטן פאראט פון דער רעוואָליוציע, פון די לײַבלעכע אינטערעסן פונעם פראָלעטאריאט?

די קלאסן־אײנהײַט פון די ארבעטער און פויערים אונטער דער אָנפירונג פון דער לענינישער פארטיי באָלשעוויקעס, און ניט נאציאָנאלע צעדרויבלטקײַט — אָט וואָס עס איז געווען און פארבלײַבט דער איקער אינעם רעוואָליוציאָנערן פראָצעס פונעם XX יאָרהונדערט.

אגעוו, האָט שוין דער זשורנאל „אָגאָניאָק" אָפגעדרוקט אין אָנהייב יאָר אן אינטערוויו מיטן אקאדעמיקער אי. אי. מינץ, דעם גרעסטן ספעציאליסט פון דער געשיכטע פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווו ער האָט איבערצײַגעוודיק — מיט ארגומענטן און פאקטן — דערוויזן ניט בלויז, אז די „מאסאָנישע טעאָריע" איז א פאלשע, נאָר אויך, אז זי איז טענדענציעז פאלש. אי. אי. מינץ האָט אויפגעדעקט די היסטאָרישע וואָרצלען פון אָט דער פארקריפלונג פון דער געשיכטע, עס זײַנען אָנגערופן געוואָרן אויך יענע, ווער עס האָט אין די זיבעציקער יאָרן אף א קלוימערשט וויסנשאפטלעכן אויפן זי פאָפוליאריזירט בא אונדז אין לאנד. נאָר אָט זעט איר, עס פויזעט א שעפטשערײַ, פארמערט זיך, ווערט פארוואנדלט אין א געהילך...

וואָס איז דאָס: טיפשעס צי א פראָוואָקאציע? צוליב וואָס ביכלאל, צוליב וועלכע טײַמים שטעלן דעם אקצענט אפן נאציאָנאלן באשטאנד פון דער פארטיי באָלשעוויקעס? צי וועט ענדערן די דאָזיקע „אריפמעטיק" דאָס פארשטיין די היסטאָרישע באדינגלעכקײַט פון דער רעוואָליוציע, איר אנטשפרעכונג די שטרעבונגען, די פארלאנגען פון אלע פעלקער, וועלכע זײַנען עקספּלואטירט געוואָרן אין דער געוועזענער אימפעריע? אויב אָנרופן די זאכן מיט זייערע נעמען, איז אזא „אריפמעטיק" א כילעל־האשעם בענעגייע דעם אָנדענק פון צענדליקער מיליאָנען, וועלכע האָבן אָפגעגעבן זייער לעבן אף די שלאכטפעלדער און אינעם הינטערלאנד פון צוויי מילכאָמעס — פונעם בירגערקריג און פון דער גרויסער פאָטערלענדישער, פארטיידיקנדיק נעמלעך די רעוואָליוציע און דעם סאָציאליזם.

מיר רעדן וועגן דער אנטוויקלונג פון פארשיידענע פאָרמען פון געזעלשאפטלעכער זעלבסטעטיקײַט. אָבער וואָס ווערט צומאָל אונטערגעמישט צו דעם? אָט, לאָמיר זאָגן, האָבן זיך באוויזן אין דער פרעסע אײַליקע מיטיילונגען וועגן א דערשײַנונג גאָר ניט קיין געוויינלעכער — וועגן מענטשן, וועלכע פארלאנגען מיט „זייערע" מעטאָדן, ניט נעמענדיק אין אכט דעם געזעץ, אײַנפירן אן אָרדענונג און אײַנשטעלן א דיסציפלין. לאָמיר אָבער זיך פארטיפן אין טאָך: א באליביקער גוואלדטאט געבירט א קאָנטער־גוואלדטאט. דאָס איז א פאקט. און וואָס זשע? „א ווענטל קעגן א ווענטל"? וואָס ווײַטער? ווי ווײַט וועט פארגיין אזא קייטל־רעאקציע? צי קאָן מען דערגרייכן סאָציאלן יוישער, ניט נעמענדיק אין אכט די ווירדע און אומבארירלעכקײַט פון דער פערזענלעכקײַט, וועלכע עס גאראנטירט דער געזעץ? און וויאזוי קאָן מען אָפשאצן אזא מין זעלבסטעטיקײַט פון די פאָזיציעס דעמאָקראטישע?

ניין, ניט צופעליק האָט זיך באוויזן אפן עקראן דאָס ייִנגל מיטן צונאָמען „פליומבום" — דער העלד פונעם פילם מיטן זעלבן נאָמען. ווער זשע איז אָט דאָס ייִנגל? א סאָציאל אקטיווע פערזענלעכקײַט צי א פערזאָניפיצירטע סאָציאל־געפערלעכע טענדענץ? ווער איז ער, אָט דער „סאניטאר" פון אונדזער לעבן, אָט דער „סאָציאלער קערער", וועלכער נעמט אף זיך די רעכט צו פראָוואָצירן, באשטראָפן און באגנעדיקן, מישפעטן קלוימערשט אין נאָמען פונעם פאָלק? ער איז לאכלוטן ניט קיין דערוואקסלינג — א לעבעדיקער, מיט פלייש און ביין, מענטש, איז ער א „דערשײַנונג—דערוואקס־

לינג", אזא דערשײַנונג, וואָס קאָן, אויב מירן דערלאָזן, איבערוואקסן אין עמעצן אנדערש, און מיר ווייסן שוין דעם נאָמען פון אָט דעם „עמעצן אנדערש" — ווארלאַם אראַווידזע פונעם פילם „אלכעט".

די שול פון דעמאָקראַטיע, אין וועלכער מיר אלע לערנען זיך איצט, דלובעט אײַן אין אונדז אף יעדן לימעד — דעמאָקראַטיע באַטײַט ניט צעלאָזטקײַט און אומפאראנטוואָרטלעכקײַט. אינערלעכע דיסציפלינירטקײַט און אָנשטענדיקײַט — אָט זײַנען די מײַלעס, וואָס, באַהערשנדיק זיי, וועלן מיר דערפאָלגרײַך אויסהאלטן די עקזאַמענעס אף אטעסטאטן פון בירגערלעכער, דעמאָקראַטישער רײַפקײַט.

פאר אונדז שטייט אַן אלטערנאטיוו, צוויי אויפאַנים פון אופירונג. זעלבשטענדיק דענקען און באַוווּסטזיניקע טאַטן, אָדער א פולע אונטערטעניקײַט און האַנדלען „אונטערן שטעקן". יעדער אײנער איז פאראנטוואָרטלעך פאר זיך אַליין און — דורך דעם — פאר דער געזעלשאַפט, אָדער מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פון דעם דאָזיקן רעכט, און דעמלט וועלן פאר אונדז זײַן פאראנטוואָרטלעך אַקטיווע פערזענלעכקײַטן, וועמען ס'איז גלײַכער אָפּצוזוכן „קראַמאָלע" בײַ אנדערע און פארגעבן זיך אַליין די זינד.

דאָס, וועגן וואָס איך רעד אין אָט דעם ארטיקל, זאָגט אײדעס: די קאָנסטרוקטיווע ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט, אַנטפּלעקן, לויכטן אויס אויך א מיִעסע ריכטונג אין דער טעטיקײַט פונעם „מענטשלעכן פאַקטאָר". צו די ענדערונגען האָט עס אָבער ניט קיין שײַכעס.

זיי פארוואנדלען בלויז דאָס פארבאָרגענע אין באַשײַמפערלעכן. דערפאר אָבער האָבן מיר צו דעם א שײַכעס. אָט וואָס עס באַקומט זיך: מיך, ווי א באַליביקן אנדערן בירגער, פרוווט מען אויך אף פעסטקײַט. אף פעסטקײַט פון אונדזערע דעמאָקראַטישע איבערצײַגונגען, אף טרײַהײַט דער דעמאָקראַטיע. צי איז ניט די צײַט, אײדער עפּעס אופטאָן, זיך זאָגן מיט דער גאנצער ערלעכקײַט — וואָס ווילן מיר זיך דערשלאָגן מיט אָט דעם אופטו? צו וואָס שטרעבן מיר? צו פארבעסערן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אָדער מיר האָבן אין זינען עגאָיִסטישע צוועקן, אונדזער פּוסטע גײַווע?

דער יונגער „מאַסאָנען־זוכער", וועגן וועלכן איך האָב שוין גערעדט, האָט פארסאכאַקלט זײַן אונטערשעפּטשענדיקן מאָנאָלאָג: „די געזעלשאַפט וועט ניט דערלויבן, מע זאָל זי צעוואקלען". און ער איז גערעכט. נאָר די זאַך איז אין דעם, וואָס ניט די דעמאָקראַטיע צעוואקלט די געזעלשאַפט, ניט די עפנטלעכקײַט און ניט די קריטיק, וועלכע איז באַפרײַט געוואָרן פון די „שווײַגעניש־זאַנעס" (דאָס האָט גראָד געהאַט אין זינען מײַן מיטשפרעכער), נאָר די אומפאראנטוואָרטלעכע פלאפלערײַ און אומפאראנטוואָרטלעכע אופטוען.

אוואדע איז די געזעלשאַפט בעקויעך זיך צו פארטיידיקן. צי איז ניט אָבער אין דעם דער הויפּטלימעד אין דער שול פון דעמאָקראַטיע, אז פארטיידיקן דאַרפן מיר זיך אַליין? און קודעמקאָל פון זיך אַליין.

אנדריי טשערקיזאָוו
(„סאָוועטסקאַיא קולטורא")

כראָניק

„מאַטעריאַלן פונעם XXVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאַנד"

דער פארלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט ארויסגעגעבן א זאַמלונג מאַטעריאַלן פונעם XXVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין דער איבערזעצונג אף ייִדיש. אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן דער פּאָליטישער פּאָרטראַג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפסס דעם XXVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאַנד, מיט וועלכן ס'איז ארויסגעטראָטן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפסס כאַווער מ. ס. גאָרבאַטשאָוו; די רעזאָליוציע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאַנד איבערן פּאָליטישן פּאָרטראַג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפסס; די באַשטימונג פונעם XXVII צוזאַמענפאָר פון קפסס וועגן דער נײַער רעדאַקציע פון דער פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאַנד; די פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאַנד; די רעדע פונעם כאַווער מ. ס. גאָרבאַטשאָוו בײַם פארמאַכן דעם XXVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאַנד.

דער בוך איז אָנגעקומען אין פארקויף.

לויט די שפּורן פֿון א טאַליען

ניטאָ קיין פֿאַרעלטערונגס־טערמין!

„סאָוועטיש היימלאַנד“ נום. 6, 1987; דער מאַטעריאַל איז איבערגעדרוקט פֿון דער צײַטונג „איזוועסטיִא“

אין יענעם טאָג, דעם 2 פֿעברואַל 1987, איז אויף דער פֿאַרלעצטער זײַט פֿון דער צײַטונג „איזוועסטיִא“ געווען פֿאַרעפֿנטלעכט בלויז איין פֿאָטאָגראַפֿיע: די פֿאַשיסטן הענגען אויף א יונג מיידל. א באַקאַנטע ביז די מינדסטע פּראַטים, האָט די פֿאָטאָגראַפֿיע אונדז אומגעקערט אין איין אויגנבליק צו די טראַגישע געשעענישן פֿון די ערשטע כאָדאָשים פֿון דער היטלער־אָקופּאַציע פֿון מינסק. די לייענער האָבן געזען אָט דעם ביטערן פֿאָטאָ־קאַדער פֿון דער עקזעקוציע איבער סאָוועטישע פּאַטריאָטן אינעם ערשטן נומער פֿונעם יעזשעגאָדניק „יאָר נאָך יאָר“, און נאָך פֿריִער — אין 1984 — אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. ס׳איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אונדזער דאָקומענטאַלע דערציילונג, אין וועלכער מיר האָבן טראָט נאָך טראָט אויפֿגעשטעלט דעם נאָמען פֿון דער אומבאַוווּסטער, וואָס איז באַוויזן אויף אָט דער פֿאָטאָגראַפֿיע. דאָס איז געווען מאַשע ברוסקינע, די 17־יאָריקע מינסקער קאָמיוגיסטקע. פֿריִער נאָך האָבן ווײַסרוסישע זשורנאַליסטן אָנגערופֿן די נעמען פֿונעם שילער וואָלאָדיע שטשערבאַצעוויטש און פֿון דעם שוין עלטערן פּאַרטיזאַן קיריל טרוס. זיי אַלע זײַנען געווען קעמפֿער אין איינער פֿון די ערשטע אין מינסק אונטערערדישע גרופּעס. די רוצחים האָבן זיי אויפֿגעהאַנגען דעם 26 אָקטיאַבער 1941.

אָבער קורץ ביז דעם, ווי ס׳האָבן זיך באַוויזן אין דער פּרעסע די נעמען פֿון די העלדן, האָבן די טשעקיסטן פֿון ליטע אָנגעהויבן אויפֿזוכן די קריגס־פֿאַרברעכער — די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן און קרימינעלע פֿאַרברעכער, געוועזענע דינער פֿונעם 2־טן באַטאַליאָן פֿון דער געהילף־פּאָליציי. זייערע הענט זײַנען פֿאַרפֿלעקט מיטן בלוט פֿון די דערשאָסענע אין קאָוונער פֿאָרט, פֿון די פֿאַרברענטע אין די ליטווישע דערפֿער, פֿון די פֿאַרפּײַניקטע אין די געטאָס פֿון מינסק, באָריסאָוו, סלוצק...

„איך באַפֿרײַ דעם מענטשן פֿון דער דערנידעריקנדיקער כימערע, וועלכע הייסט געוויסן“, — האָט געלערנט זײַנע מעשׂאָרסים דער פֿירער. אָבער ער, היטלער, האָט זיי ניט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון דער שטראָף פֿאַר זייערע פֿאַרברעכנס. אַרויסדרייען זיך פֿון איר האָט זיך אײַנגעגעבן בלויז יענע, וועלכע זײַנען אַנטלאָפֿן, מערסטנטייל, אויף יענער זײַט אָקעאַן.

אין פֿילאַדעלפֿיע האָט, צווישן אַנדערע, געפֿונען א מאָקעם־מיקלעט דער געוועזענער קאָמאַנדיר פֿונעם שטראָף־באַטאַליאָן מאַיאָר אימפּוליאַוויטשיוס, וועלכן דער אויבער־געריכט פֿון דער ליטווישער רעפּובליק האָט הינטעראויגיק פֿאַרמישפּעט צו טויט־שטראָף. נאָך אײַנעם אָנהייב פֿון די 60־ער יאָרן האָט דער אויסערן־מיניסטעריום פֿון פֿססר אין זײַן נאָטע צו דער אַמבאַסאַדע פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן געגעבן א פֿולע רעשימע פֿון די „פֿאַרדינסטן“ פֿונעם בלוטיקן מאַיאָר. „די סאָוועטישע רעגירונג דערוואַרט, — איז געזאָגט אין דער נאָטע, — אַז די רעגירונג פֿון פֿשא וועט אָננעמען די געהעריקע מיטלען, קעדיי אַרויסצוגעבן די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען דעם קריגס־פֿאַרברעכער, וועלכער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די בלוטיקע מײַסים און פֿאַרברעכנס קעגן דער מענטשהײַט“.

דאָס ווידערקאָל פֿון די דאָזיקע פֿאָדערונגען האָט זיך דערטראָגן ביז פֿילאַדעלפֿיע. אין דער דאָרטיקער צײַטונג האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל וועגן דער מיִעסער פֿאַרגאַנגענהײַט פֿון אימפּוליאַוויטשיוסן, וועמען די לאַנדסלײַט האָבן אָפּגעזאָגט צו פֿאַרקויפֿן אין זייערע קראָמען פּראָדוקטן. די רעגירער פֿון פֿשא האָבן אָבער ביזן סאָף פֿאַרטיידיקט דעם מערדער...

און אָט האָט מען נאָך איין פֿאַרברעכער אָנגערופֿן באַם נאָמען. די צײַטונג „איזוועסטיִא“

האָט מיטגעטיילט פּראַטים וועגן דעם איינוווי־נער פון דער שאַטלענדישער שטאָט עדינבורג אַנטאָנאָס געטשעס, אין דער פאַרגאַנגענהייט געצעוויטשיוס, דעם געוועזענעם ראַטע־קאָמאַנ־דיר פונעם שטראַף־באַטאַליאָן.

קעגן אים פאַרזאַמלער איז אָן איידעס דער גרויליקער דאָקומענט — די פאָטאָגראַפיע, וועל־כע ס'האָט נאָכאַמאָל באַוויזן פאַר די שטוינענ־דיקע לייענער די צייטונג „איזוועסטיאַ״. ניין, ס'איז ניטאָ קיין טערמין, וואָס איבער זיין פאַר־על'טערונג זאָלן פאַרגעסן ווערן די פאַרברעכנס פונעם פאַשיזם!

לעוו אַרקאַדיעוו,
אַדאַ דיכטיאַר

60 יאָר אין יידישן טעאַטער

די מישפּאָכע ראַטבאַום איז גוט באַוווּסט אין דער יידישער טעאַטראַלער וועלט. אין מאָסקווער גאָסעט האָט אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן געאַר־בעט סאָרע ראַטבאַום, וועלכע האָט געשאַפן א ריי מערקווירדיקע געשטאַלטן אין די בעסטע ספּעק־טאַקלען פון דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו. איר יינגערע שוועסטער — לייע האָט נאָך פאַר דער מילכאָמע געהאַט א שעם פון א באַגאַבטן באַלעטמייסטער. סאָרע איז פּריצייטיק געשטאָרבן, לייע אַרבעט נאָך ביז היינט אינעם וואַרשעווער יידישן מעלוכע־טעאַטער.

יאַקאָוו ראַטבאַום האָט אָנגעהויבן זיין רעזשיסער־רישע טעטיקייט אין די דרייסיקער יאָרן אין א ריי יידישע טעאַטערס פונעם אַמאָליקן פּוילן. אין דער באַרימטער „ווילנער טרופּע״ האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אויפירונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס „דאָס גרויסע געווינס״, אַניעלס „שוואַר־צע געטאָ״, טרעטיאַקאָווס „שריי, כינע״, לאַמפּעלס „דער בונט אינעם אויסבעסערונגס־הויז״, בערגעל־סאָנס „די ברויטמיל״ („דער טויבער״). שפּעטער האָט ער אין מיכאַל וויכערטס „יונג־טעאַטער״ גע־שטעלט מיט גרויס דערפאָלג אַזעלכע פּיעסעס, ווי ביל־בעלאָצערקאָווסקיס „דאָס לעבן רופט״, טעאָ־דאָר דרייזערס „די אַמעריקאַנער טראַגעדיע״.

ערעוו דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע לאָזט זיך יאַקאָוו ראַטבאַום צו וואַנדערן איבער מיזרעך־אייראָפּע, צאָפן און דאָרעם־אַמע־ריקע, ווו ער זעצט פאָר זיין רעזשיסערישע טעטי־קייט. וועגן אָט דעם פּעריאָד דערמאָנט זיך דער רעזשיסער:

„ס'איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט פאַר־שיידענע יידישע טעאַטערס אין פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק, מאָנטרעאַל, בוענאָס־איירעס און סאַן־פּאַולאָ. איך האָב געהאַט ניט איין געלעגנהייט זיך איבערצייגן, און דאָס „אויף דער אייגענער הויט״, אַז אויך אין אויסלאַנד פלעגן אַפילו די בעסטע יידישע טעאַטער־קאָלעקטיוון אָפּט ביטער קעמפן פאַר א באַשיידענער מאַטעריעלער עקזיסטענץ, און זייער זעלטן איז זיי געלונגען צו רעאַליזירן אין דער פולער מאָס זייערע קינסטלערישע פּלענער און שטרעבונגען...״

ווען קיין אויסלאַנד איז דערגאַנגען די ידיע, אַז אינעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן ווערט גע־שאַפן א יידישער מעלוכע־טעאַטער, האָט יאַקאָוו ראַטבאַום זיך אומגעקערט אהיים.

דער נייער עטאַפּ אין ראַטבאַומס רעזשיסערישער טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן פונעם ספּעקטאַקל לויט דער פּיעסע פונעם פראַנצויזישן שרייבער עמאַנועל ראָבלעס „מאָנסעראַ״ (ראַטבאַום האָט אַליין געמאַכט די איבערזעצונג אויף יידיש) — א פּיעסע, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דער נאַציאָנאַל־באַפרייַער קאַמף פון די דאָרעם־אַמעריקאַנער פעלקער אונטער דער אָנפירונג פון סימאָן באָליוואַר אין אָנהייב פונעם 19־טן יאָרהונ־דער קעגן די שפּאַנישע קאָלאָניזאַטאָרן.

„די דאָזיקע פּיעסע, — האָט שפּעטער געשריבן דער רעזשיסער, — האָט פאַר אונדזערע צושויער געהאַט זייער א שאַרפן, אַקטועלן פּאָליטישן אָפּ־קלאַנג. סיי די פּיעסע, סיי דער אויפן פון מיין רעזשי זיינען געווען א נייע דערפאַרונג אין דער

ביז־איצטיקער פּראַקטיק פונעם ייִדישן טעאַטער. דער שוישפּילער־קאָלעקטיוו איז געשטעלט געוואָרן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט נײַע, ניט־לײַכטע פאַר אים סצענישע אויפגאַבעס..."

גלײַך נאָכן ספּעקטאַקל „מאַנסעראַ" האָט יאַקאָוו ראָטבאַום נאָכאַמאָל איבעראַשט דעם צו־שויער מיט זײַן סצענישער קאָמפּאָזיציע „א גאָלד־פאַדן־כאָלעם". דאָס איז געווען ניט קיין טראַדי־ציאָנעלע רעקאָנסטרוקציע פון א פּאָפּולער ווערק פונעם גרינדער פון דעם ייִדישן טעאַטער, נאָר אַן אינטערפּרעטאַציע פון א ריי גאָלדפאַדן־מאָטיוון, גענומען פון זײַנע פּיעסעס, פאַרבונדן אין איין טע־מאַטישער גאַנצקייַט. דער רעזשיסער און אווטאָר האָט דאָ געלונגען אויסגענוצט אויך איציק מאַנ־גערס דיכטערישע טעקסטן און לידער. דאָס איז געווען א פּעיעריע פון ווירקלעכקייַט און כאַלוי־מעס, בענקשאַפט און טרויער, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן אין א „שמייכל דורך טרערן". דער ספּעקטאַקל האָט זייער אויסגענומען באַם צו־שויער, און ביז הײַנט־צו־טאָג גייט ער ניט אַראָפּ פון דער בינע.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן ראָטבאַומס רע־זשיסערישער וועג אינעם וואַרשעווער ייִדישן מע־לוכע־טעאַטער. דערנאָך האָט ער אויפגעפירט די סצענישע אַדאַפּטאַציע פון שאָלעם־אַליכעמס „סענ־דער בלאַנק און זײַן געזינד", „דאָס גרויסע גע־ווינס", האָוואַרד פאַסטס „30 זילבערשטיק" אין זײַן איבערזעצונג, „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", בען דזשאָנסאָנס קאָמעדיע „וואָלפּאָנע" (ייִדיש — אַרן קושניראָוו). אײַנצײַטיק פירט ער אויף א ריי פּיע־סעס אינעם פּוילישן דראַמאַטישן טעאַטער אין ווראָצלאַוו.

יאַקאָוו ראָטבאַום איז א רעזשיסער א נאָוואַ־טאָר. ער האָט דאָס באַשטעטיקט מיט א גאַנצער ריי גלענצנדיקע שטעלונגען, צווישן זיי — מיטן „גאָלדפאַדן־כאָלעם", וועגן וועלכן מיר האָבן שוין פריִער גערעדט, מיטן ספּעקטאַקל „א סקאַנדאַל אין גלופּסק" — א מוזיקאַלישע פאָלקס־קאָמעדיע לויט שאָמערס „דער ייִדישער רעוויזאָר" אין א גרינט־לעכער באַאַרבעטונג און נײַער אינטערפּרעטאַציע. אין דאָזיקן זין האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס קינסטלער, וועלכער איז אין משך פון א סאַך יאָרן געווען א הייסער אָנהענגער פונעם אַזויגע־רופענעם „סינטעטישן טעאַטער". דערבײַ שטעלן מיט זיך פאָר א ריי זײַנע ספּעקטאַקלען באַשטימטע עטאַפּן אינעם רעזשיסערס שעפערישע זוכונגען.

ניט לאַנג צוריק האָט די טעאַטראַלע געזעל־שאַפטלעכקייַט פון פאָלקס־פּוילן ברייט אָפּגע־מערקט 60 יאָר פון יאַקאָוו ראָטבאַומס רעזשיסע־רישער טעטיקייַט. דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד האָט אָרגאַניזירט לעקאָוועד אים א פּײַער־לעכע זיצונג, אַף וועלכער עס זײַנען אַרויסגעטראָטן קולטור־טוער, אַרטיסטן, פרײַנט פונעם קינסטלער. צו דער דאָזיקער דאַטע האָט דער מיניסטער פון קולטור און קונסט פון דער פּוילישער רעגירונג אַלעקסאַנדער קראַווטשוק אים צוגעשיקט א באַ־גריסונגס־טעלעגראַם, אין וועלכער עס ווערט, צווישן אַנדערס, געזאָגט:

„איר געהערט צום הויך־פּאַרדינסטפולן, גע־שעצטן דאָר אַרטיסטן, וועלכער האָט אָנגעהויבן די אַרבעט אַף דער בינע אין דעם צווישנמילכאָמע־פּעריאָד און מיט דערפאָלג זי פאָרגעזעצט אין די צײַטן פון פאָלקס־פּוילן. אַלס רעזשיסער האָט איר אַף לאַנג דערוואָרבן א שעם מיט אײַערע דערגריי־כונגען אין דער געשיכטע פון דער געשעצטער און גאָר דער וועלט טעאַטער־קולטור פון די פּוילישע ייִדן, און איר זײַט געוואָרן איינער פון די הויפּט־שעפער פונעם ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע, וואָס האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדײַטונג. אַלס גרויסע געשעעניש זײַנען אויך אָנערקענט געוואָרן די אינסצעניזאַטאָרישע אַרבעטן און די אָנגעפירטע דורך אײַך טעאַטערס „פּאָלסקי" און „קאַמעראַלני" אין ווראָצלאַוו".

בא א געלעגנהײַט שיקט איבער אויך די רע־דאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אירע האַרציקע באַגריסונגען דעם באַל־יויוול און ווינטשט אים גע־זונט, אַריכאַס־יאָמים און נײַע שעפערישע דער־פאָלגן.

יעפֿים גאָכבערג,
גענאַדי עסטרײַך

דאָס ערשטע גאָלד

קימאַט יעדן טאָג טײלן מיט די צײַטונגען, ראַ־דיאָ, טעלעוויזיע וועגן נײַע ניצכוינעס פֿון סאָוועטישע ספּאָרטסמענען אױף פֿאַרשײדענע צווישנפֿעלקערלעכע פֿאַרמעסטונגען. דאָס איז שוין געוואָרן אזוי געוויינלעך, אז אמאָל שרײַבט מען און מע רעדט מער ניט וועגן די ניצכוינעס פֿון דעם אָדער יענעם ספּאָרטסמען צי פֿון דער אָדער יענער קאָ־מאנדע, נאָר וועגן דעם, פֿאַרוואָס זיי האָבן ניט אויסגעשפּילט און ווער איז אין דעם שולדיק.

אזוי איז הײַנט. אָבער ס'זײַנען דאָך געווען די ערשטע. עמעצער האָט דאָך דורכגעלייגט די וועגן צו די הײַנטיקע פּילצאָליקע פּיעדעסטאַלן, גאָלדע־נע מעדאַלן און לאָרבער־קרענץ.

מיט פֿערציק יאָר צוריק איז דער ערשטער סאָ־וועטישער ספּאָרטסמען געוואָרן א וועלט־טשעמ־פּיאָן. זײַן נאָמען איז געווען גריגאָרי נאָוואַק.

מיר האָבן באַזוכט די דירע אויפֿן לענינגראַדער פּראָספּעקט, וווּ אַלץ דערמאָנט וועגן גריגאָרי נאָ־וואַקן. באַגעגנט האָט אונדז ציליע אראָנאָוונע. אויפֿן טיש בא איר איז אין יענעם טאָג געלעגן דער לי־טעראַרישער יאָרבוך „יאָר נאָך יאָר". זי האָט פּונקט פֿאַרענדיקט לייענען באָריס סאַנדלערס דערציילונג, וואָס האָט אויפֿגעוועקט בא איר דערמאָנונגען אי וועגן דעם שטעטל בעלץ, ווו מיט אַן ערעך פֿופֿצן יאָר צוריק זײַנען זיי געווען אײנײנעם מיט איר מאַן גריגאָרי, אי וועגן דער ייִדיש־רעדנדיקער סוויווע פֿון זייער קינדהײַט. ציליע אראָנאָוונע האָט אונדז דערציילט וועגן גריגאָריס לעבן.

גריגאָרי (הירש) נאָוואַק איז געבוירן געוואָרן דעם 5 מאַרט 1919 אינעם שטעטל טשערנאָביל, קיִעווער געגנט. זײַן פֿאָטער אירמע איז געווען א גראַבאַר. אזוי ווי די אַנדערע גראַבאַרעס, מיט וועל־כע אירמע נאָוואַק האָט געאַרבעט אין איין אַרטעל, איז ער געווען א קרעפֿטיקער ייִד. דעריבער איז בעראַשן דעם גראַבאַרס בכאָר מיט פֿיזישער קראַפֿט איז געווען ניט גרינג. אָבער פֿונעם טאָג, ווען אין טשערנאָביל איז אַרײַנגעפֿאָרן א וואַנדער־צירק, האָט הירש פֿאַרלוירן די רו, אים האָט זיך דעמלט געדוכט, אז אזא מין מײַסטערשאַפֿט איז אומדער־גרייכבאַר פֿאַר געוויינלעכע באַסאַר־וועדאָמס. דאָס ייִנגל איז „קראַנק געוואָרן" מיטן צירק, האָט זיך אויסגעלערנט שטיין אויף די הענט, דרייען סאַלטאָ־מאָרטאַלע, פֿלעגט שלעפּן און אויפֿהייבן שווערע שטיינער.

די „קראַנקהײַט" איז ניט דורכגעגאַנגען אויך נאָך דעם, ווי די מישפּאָכע איז אַריבערגעפֿאָרן קיין קיִעוו. גריגאָרי הייבט אָן אַרויסטרעטן אַלס אַקראָבאַט אויף פֿאַרשיידענע עסטראַדעס. אַמאָל פֿלעגן אים אַפֿילע אַנגאַזשירן די גאַסטראָלירנ־דיקע צירק־טרופּעס. סאָפֿקאָלסאָף וואָלט ער געוואָרן מיסטאָמע א צירק־אַקראָבאַט, אויב איינ־מאָל וואָלט אים אַלפּי נעס ניט באַגעגנט אַלעקסאַנ־דער קאָנקין, וועלכער האָט געגרייט דעמלט א קאָ־מאַנדע פֿון שווער־אַטלעטן.

אין יענעם טאָג איז אַלעקסאַנדער געזעסן אויפֿן פֿליאַזש און האָט צוגעזען, ווי עטלעכע באָכערים האָבן ניט ווײַט פֿון אים פֿאַרפֿירט א פֿריילעכן טומל. איינער א יאַט האָט זיך אויסגעטיילט אי מיט זײַן קראַפֿט, אי מיט געשיקטקײַט. אַלעקסאַנדער האָט זיך באַקאַנט מיט גרישען און פֿאַרגעלייגט אים אַרײַנגיין צו אים אויף א טרענירונג. אויף דער ערשטער טרענירונג האָט דער זעכצניאָריקער נאָ־וואַק אויפֿגעהויבן פֿינף פּוד — די נאָרמע פֿונעם ערשטן ספּאָרט־ראַזריאַד. מיט דרײַ כאַדאָשים שפּע־טער האָט גריגאָרי שוין פֿאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אויפֿן טשעמפּיאָנאַט פֿון קיִעוו.

טכילעס האָבן די קיִעווער צײַטונגען דערציילט וועגן גרישע נאָוואַקן ווי וועגן א פּערספּעקטיוון שטאַנגיסט. אין א פּאָר יאָר אַרום האָט ער באַרעכ־טיקט די ערשטע האָפֿענונגען, און די צײַטונגען האָבן שוין געשריבן וועגן א נײַעם רעקאָרדסמען און טשעמפּיאָן פֿון אוקראַיִנע. אין 1939 שטעלט דער יונגער ספּאָרטסמען זײַן ערשטן אַלפֿאַרבאַנ־דישן רעקאָרד, וואָס האָט גלײַכצײַטיק איבערגע־

שטיגן דעם וועלט־רעקאָרד. מיט א יאָר שפּעטער ווערט נאָוואק דער טשעמפּיאָן פונעם לאַנד.

די מילכאָמע האָט ער באַגעגנט אין די רייען פון דער רויטער ארמיי. געדינט האָט ער אין קיִעוו, אין דער ערשטער ארטילעריע־שול. דעם 22 יון 1941 האָט נאָוואק געדאַרפט ארויסטרעטן אויף דער דערעפענונג פון א נײַעם קיִעווער סטאַדיאָן. צו דעם ספּאָרטיוון יאָמטעוו האָט ער צוגעגרייט א מאַטאָנע — נײַע אַלפאַרבאַנדישע און וועלט־רעקאָרדן. אָבער קאָיאָר זײַנען אויף דער שטאָט געפאַלן די ערשטע פאַשיסטישע באָמבעס.

די ארטילעריע־שול האָט מען עוואַקויִרט קיין קראַסנאָיארסק. אָבער אינגיכן רופט מען נאָוואקן ארויס קיין נאָוואָסיבירסק. די מיליטער־קאָמאַנדשאַפט האָט זיך דעמלט זייער געניייטיקט אין אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן קענען צוגרייטן נאָוואָבראַנצעס צו שווערע פיזישע אָנלאָדונגען, און נאָוואקן האָט מען באַשטימט אַלס שעף פון ספּאָרט־אָפּטייל פונעם אָפיצערן־הויז. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שווערע און קימאַט גאַנצמעסלעסיקע ארבעט פון צוגרייטן סיבירער לײַזשע־פּאָלקן.

דער לייטענאַנט נאָוואק באַטייליקט זיך ניט נאָר אין פיזישער צוגרייטונג פון קומענדיקע פראָנטאָוויקעס. גלײַכצײַטיק גייט ער ארײַן אין אן אגיטבריגאַדע. דער קינסטלערישער אָנפירער פון דער בריגאַדע איז געווען דער באַוווּסטער אקטיאָר ניקאָלײַ טשערקאַסאָוו, דער באַלעטמייסטער — נאַדיעזשדאַ נאַדיעזשדינאַ, וואָס האָט שפּעטער אָרגאַניזירט דעם אוניקאַלן כאָרעאָגראַפישן אַנסאַמבל „בעריאָזקא".

אין 1942 האָט די קאָמאַנדשאַפט פאַרגעלייגט נאָוואקן ווידער אָנהייבן זיך טרענירן. צום סאָף פון דער מילכאָמע איז ער שוין א וועלט־רעקאָרדסמען אין צוויי וואָג־קאַטעגאָריעס (אין שטויס, אין רוק, אין דריקן און דרײַקאַמף). אַזוי־אַרום, איז ער צום ערשטן נאָכמילכאָמעדיקן וועלט־טשעמפּיאָנאַט געקומען אין א פולער קאַמפּס־גרייטקײַט.

די סאָוועטישע פרעסע האָט שוין עטלעכע מאָל געשריבן וועגן די וועלט־רעקאָרדן, אָבער אינדערעמעסן פלעגט מען אין אנדערע לענדער ניט אנערקענען די רעקאָרדן, וואָרעם סאָוועטישע ספּאָרטסמענער זײַנען דעמלט נאָך ניט געווען מיטגלידער פון קיין שום צווישנפעלקערלעכע פעדעראַציעס. די שטאַנגיסטן איז אָנפאַרטרויט געווען צו עפענען דעם כעזשבן, דעהײַנע — אויף דעם אָפיציעלן וועלט־טשעמפּיאָנאַט אין פּאַריזש.

דאָס פראַנצויזישע פובליקום האָט באַגעגנט די סאָוועטישע שטאַנגיסטן ניט זייער פרײַנטלעך, גאָר ניט אַזוי, ווי אין פרילינג פון דעם זעלבן 1946 יאָר אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וווּ ס'איז געווען די ערשטע נאָכמילכאָמעדיקע ארויסטרעטונג פון סאָוועטישע שטאַנגיסטן און ראַנגלער. בעמעשעך פון דער כוידעשלעכער רײַזע האָט נאָוואק אַוועקגעשטעלט צען וועלט־רעקאָרדן. דעמלט האָט ער גע־

גריגאָרי נאָוואק מיט זײַנע זין

גריגאָרי נאָוואק — דער וועלט־טשעמפּיאָן

שלאָגן די רעקאָרדן סײַ פונעם אמעריקאנער דעוויס, סײַ פונעם יוירעש פונעם קאירער שייך קאדאר על טוני. באזונדערס וואַרעם האָט נאָוואקן באגריסט די „געזעלשאפט פון די נאָוואקס" — פון די, וואָס טראָגן דעם זייער פארשפרייטן אין טשעכאָסלאָוואקיע פאמיליע־נאָמען.

די פראנצויזישע צײַטונגען האָבן צוגעגרייט א פסיכישע אטאקע. „קיין פאריזש איז פון רוסלאנד געקומען א סוידעספולע קאָמאנדע. אין באשטאנד פון דער קאָמאנדע גייען אריין טרעגער און בורלאקעס, וועלכע קענען נאָר אופהייבן זעק און שלעפן פיאנינעס...", ביפראט, אז „דער סאָוועטישער קילאָגראם איז געגליכן צו זיבן הונדערט פראנצויזישע גראמען". ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס ווען נאָוואק איז ארויס אף דער ארענע פונעם פאלאץ „שײַאָ", האָט מען אים באגעגנט מיט א געלעכטער און כויזעק־ווערטלעך. אָבער נאָך דעם, ווי ער האָט אופגעהויבן די שטאנגע הונדערט און פערציק קילאָגראם די וואָג און אף פופצן קילאָגראם איבערגעשטיגן דעם וועלט־רעקאָרד, איז דאָס פראנצויזישע פובליקום געוואָרן באצויבערט. ווען די ריכטער־קאָלעגיע (א פראנצויז, אן ענגלענדער און אן עגיפטער) האָט ניט פארעכנט דעם נײַעם רעקאָרד, האָט אינעם זאל זיך אופגעהויבן אזא מין טומל, אז פאָרזעצן די פארמעסטונגען איז מעגלעך געוואָרן נאָר נאָך דעם, ווי אף דער פאָדערונג פונעם אוילעם האָט מען צונויפגעשטעלט א נײַע ריכטער־קאָלעגיע מיטן אָנטייל פון א סאָוועטישן ריכטער.

דער נײַער וועלט־רעקאָרד אין דרײַקאמף און דער מאמעש פאנטאסטישער רעקאָרד אין דריקן זײַנען געוואָרן אין יענע טעג א סענסאציע. די פראנצויזישע פרעסע האָט שוין געענדערט דעם טאָן און מיט היספײַלעס מיטגעטיילט: „דער רוסישער קילאָגראם וועגט פונקט טויזנט פראנצויזישע גראמען!"

נאָכן פאריזשער טריומף איז נאָוואק געוואָרן זייער פאָפולער סײַ בא אונדז אינעם לאנד, סײַ אין אויסלאנד. פארשטייט זיך, אזא פאָפולערקײַט האָט ארופגעלייגט אף אים א כויוו טאָמיד אונטערהאלטן די פאָרם און באשטעטיקן זײַן רעפוטאציע מיט נײַע רעקאָרדן. אָט האלטן מיר די צײַטונג „אייניקײַט" פארן 26 אפרעל 1947, ווּ ס'איז פארעפנטלעכט א פאָטאָגראפיע מיט אן אונטערשריפט: „דעם 22־טן אפרעל איז פאָרגעקומען דער מאָסקווער טשעמפיאָנאט פון שטאנגען־ספאָרט אפן 1947 יאָר... אף דער פאָטאָ — די זיגער אין דער פארמעסטונג באקומען פריזן. אין צענטער — רעקאָרדסמען און וועלט־טשעמפיאָן הירש נאָוואק".

אין אלגעמיינעם סאכאקל האָט נאָוואק אוועקגעשטעלט מער ווי הונדערט אלפארבאנדישע און וועלט־רעקאָרדן. אין 1952 איז ער דאָס לעצטע מאָל ארויסגעטראָטן אין באשטאנד פון דער זאמל־קאָמאנדע פונעם סאָוועטנפארבאנד אף די אָלימפישע שפילן אין העלסינקי. ער איז שוין אלט געווען דרײַ און דרײַסיק יאָר, ניט איין מאָל געווען טראוומירט, אָבער ער האָט סײַווי אויסגעשפילט די זילבערנע מעדאל און געבראכט דער קאָמאנדע וויכטיקע באלן. דעמלט האָט די סאָוועטישע גיבוירים־דרוזשינע דאָס ערשטע מאָל דערלאנגט א מאפאָלע דער קאָמאנדע פון די פארייניקטע שטאטן, וועלכע מע פלעגט פריער האלטן פאר אן אומבאזיגבארער.

אין 1953, אינגיכן נאָך דער אָלימפיאדע, איז נאָוואק אוועק פון ספאָרט און — דאָס רעדל דרייט זיך — האָט אָנגעהויבן ארויסטרעטן אין צירק. ס'איז געווען ניט קיין אומגעריכטער באשלוס. אין צירק איז ער געקומען מיט א צוגעגרייטער פראָגראם און האָט גיך באצויבערט ניט בלויז די צושויער, נאָר אויך די סאמע קוואליפיצירטע צירק־ארטיסטן. „אזוי ווי אף די ספאָרטיווע פארמעסטונגען, איז ער געווען אומגעוויינלעך, ניט ענלעך אף די פאָרגייער. ניט אומזיסט האָט איינער אן ענגלישער זשורנאל אים אָנגערופן „דער גרויסער נאָוואק".

זינט 1974 הייבט נאָוואק אָן ארויסטרעטן אף דער עסטראדע אויך. ער דערציילט וועגן שווער־אטלעטיק, וועגן צירק. אין עטלעכע יאָר ארום דרוקט ער א טייל פון זײַנע דערציילונגען אינעם זשורנאל „סאָוועטסקאיא עסטראדא אי צירק". ער דערציילט א סאך וועגן זײַנע רײַזעס, וואָרעם קימאט די גאנצע צײַט איז ער געווען אין וועג: גאסטראָלן בא זיך אין לאנד, אין אונגארן, פוילן, אינדיע, ענגלאנד, בירמע, פראנקרײַך, יאפאָניע, אינדאָנעזיע, מאָנגאָליע... קיינמאָל האָט ער זיך ניט געזשאלעוועט, פײַנט געהאט פרײַע טעג און אורלויבן.

אינעם נעקראָלאָג, וואָס איז אָנגעדרוקט געווען דעם 11 יול 1980 אין דער צײַטונג „סאָוועטסקי ספאָרט", האָבן זײַנע כאווירים געשריבן: „ס'האָט אופגעהערט צו קלאפן דאָס הארץ פון א גיבער — דעם שטאָלץ פונעם סאָוועטישן ספאָרט. נאָך א שווערער קראנקהײַט איז געשטאָרבן גריגאָרי אירמאָוויטש נאָוואק — פארדיסטפולער ספאָרט־מײַסטער, פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר, דער ערשטער סאָוועטישער וועלט־טשעמפיאָן.

זייער גרויס איז געווען דער אויטאָריטעט פונעם אוניקאלן שווער־אטלעט. מיר אלע האָבן געוואָלט ווערן נאָוואקס..."

אזא איז ער געווען, אונדזער ערשטער וועלט־טשעמפיאָן. פאראיאָרן זײַנען אָרגאניזירט געוואָרן אלפארבאנדישע פארמעסטונגען אפן פריז פון גריגאָרי נאָוואק. מע געדענקט וועגן אים, מע שרײַבט און מע דערציילט וועגן אים, מע פאָלגט נאָך זײַן מוסטער.

ווי ס'איז שוין מיטגעטיילט געוואָרן, איז אין צו־זאַמענהאַנג מיטן 25־יאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מע־דאַלן פון פסםר א גרופּע רעדאַקטאָרן און פּאָלי־גראַפיסטן פונעם זשורנאַל. אויף די בילדער — בײַסן איבערגעבן די באַלוינונגען, אויבן: די זעצערן וואַלענטינא דיעכטיאַריאָווא צוזאַמען מיטן סעקרע־טאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסםר יורי ווערטשענקאָ; אונטן — די גרופּע מיטאַרבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע וווינט אין מאָסקווע.

10—301

קינסטלער

בראָניסלאוו טוטעלמאן

די מוזע

פּאָרטרעט פונעם קינסטלער

פרילינג

יול

פּאָרטרעט פונעם פאָטער. דיפטיך

אף א שפּאַציר

דער באפליגלטער

מוסיע. פאָרטרעט פונעם קינסטלערס
פרוי

עטוואָס וועגן ב. טוטעלמאנס קינסטלערישער מאניר



דער זיבן־און־דרײַסיקיאָריקער קינסטלער בראָניסלאוו טוטעלמאן לעבט אין טשערנאָוויץ. אין מעשעך פון זײַן שעפערישן וועג האָט ער זיך געביטן, איבערגייענדיק פון געוויינלעכע מאָלערײַ־פאָלקלאָרישע פאראלגעמיינערונגען (דאָס בילד „מײַן שטאָט”) און עקספרעסיווער פאָרטרעטירונג („מוסיע”) צו פאנטאסטישע פייזאזש־קאָמפאָזיציעס („פרילינג”, „פייזאזש מיט א טראמווײַ”, „שפאציר” און אנד.) און שיר ניט פאָטאָרעאליסטישע אָפוסן („פאָרטרעט פונעם טאטן”). ניט געקוקט אף דער גאנצער פילארטיקײַט פון דער דאָזיקער סטיליסטישער ריי קאָן מען דאַ נאָכשפירן דעם אימפולסיוון טאָך פון דער אַפענער נאטור בא דעם דאָזיקן פאנאטיש איבערגעגעבענעם דער קונסט מענטשן.

רעקאָנסטרויִרן די שטאָטישע סוויווע, וועלכע רינגלט ארום טוטעלמאנען, איז לויט זײַנע ווערק פראקטיש אומעגלעך — יעדנפאלס, דערגרייכן א דאָקומענטאלע פינקטלעכקײַט. גיכער פון אלץ וועט דער סאכאקל פון אונדזערע באמיִונגען זײַן אן עקסטרעמאל פאראלגעמיינערט פאָעטיש געשטאלט פון דער שטאָט, דאָס הייסט א מין פאנאנדערגעוויקלטע אינעם רוים מאָלערײַ־מעטאפאָרע, וועלכע איז צונויפגעשטעלט פון רייען פארשיידענע זאכן און סימבאָלן. רינוועס און טראמווײַען, ענג צונויפגעשלאָסענע צווישן זיך מאסיוון פון מעשונעדיקע ביניאָנים, הענגענדיקע איבער זיי לעוואָנעס און זון־דיסקן. קוימענס און וואַלקנס מיט ענלעכע אף פיש־פלוספעדערן פליגעלעך, ווי אויך איבערגעקרייצטע שווארצע דראָטן אפן פאָן פון רייִנער הימלשער לאזור. און אומעטום איז אף דעם קינסטלערס לײַוונטן דאָ עפעס א פריילעכע, אויסגעוואשענע אָדער טונקעלע און באומרויִקנדיקע פליסנדיקע מאטעריע.

מיר זײַנען אוואדע ניט איבערצײַגט אין דעם, אז דער קינסטלער טוטעלמאן, בייס ער שיקט אָפ זײַן אָרדנטלעכן טראמווײַ אַדער די רינוועס אף א פאראדאָקסאלן צוזאמענלעבן זיך מיט די וואַלקנס און קאליוזשעס, כאזערט פארטראָגענערהייט איבער מאנדעלשטאמס שורע « Я буду метаться по табору улицы темной...» („איך וועל אומשמײַען איבערן טאבאָר פון דער טונקעלער גאס...”). און דאָך איז די שארפקײַט און אומדערווארטקײַט פון זײַנע בילדערישע „פראַוואָקאציעס” אזא, אז אָן פאָעטישער ענטפער־מיטפילעוודיקײַט וועלן מיר אים קיינמאָל ניט פארשטיין. נאָך מער, אונדזער מעטאפאָרישע שטומקײַט קאָן ארויסרופן בלויז א באנאלע צושויערישע אופגעבראכטקײַט אָדער נאָך, כאסוועכאָלילע, א שטרעבונג צו באשולדיקן אין פלאגיִאט. דאָס לעצטע איז באזונדערס רעאל, נעמענדיק אין אכט, אז טוטעלמאנס בילדערישע פאָעטיק איז געדיכט דורכגעוועבט מיט די מאנירן און פלאסטישע גענג פון די בארימטע „קישעפמאכערס” פונעם XX יאָרהונדערט — זאָל עס זײַן מארק שאגאל אָדער די שטייענדיקע לעם אים כ. מיראָ און פ. קליי, אַדער די נעענטערע צו אונדז לויט דער צײַט א. טישלער און א. לאבאס. אגעוו, דער הויפטשטאָטישער אורבאניזם פון לאבאסן רופט זיך איבער מיטן פראָווינציִעלן אורבאניזם פון טוטעלמאנען. זײַנע טרוימען זײַנען גלײַך ווי פראָיעצירט אפן פלאכגרונט פון טעאטראלע דעקאָראציעס אין דער טיף פון א בינע און פארמאָגן ניט קיין דרײַמאָסקײַט, גלײַך ווי דער קינסטלער ווייסט וועגן זיך, אז ער לעבט אין א צוגעטראכטן רוים און די גאנצע שעפערישע פרײַהײַט זײַנע איז אן אָנטרעניִרטע פעיִקײַט צו שאפן עסטעטיש פולווערטיקע איליוזיִעס. אין דער דאָזיקער „באוווסטזיניקטער נויטווענדיקײַט” איז בעליסאָפעק פאראן א געוויסער טראגיזם, וועלכער צווינגט אונדז פונקט ווי אפסנײַ (לויטן זיקאָרן) איבערבאזיניקן דעם קינסטלערס ווערק פון פארשיידענע יאָרן, און דעמלט אנטפלעקט זיך זײַן קליינע געמיטלעכע שטאָט ניט בלויז אלס צוציִענדיקער „לעבנס־רוים”. אין איר אנטפלעקט זיך די גאנצע באגרענעצטקײַט און שטומקײַט, פון וועלכע ס'איז מעגלעך בלויז אנטלויפן אין אן אנדער, אינגאנצן אויסגעטראכטן רוים, אין דער קונסט און פאָעזיע.

ו. מײלאנד

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

דאַוויד בערגעלסאָן אין זײַן אַרבעטס־צימער. 1936.

פּאָרטרעט פון אַן אומבאַוווּסטן קינסטלער

ד. בערגעלסאָן צווישן די דעלעגאַטן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אויפן 4־טן פּלענום פון געזערד. 1936

ד. בערגעלסאָן (אין צענטער) מיט א גרופּע ווילנער ליטעראַטן. 1915
ד. בערגעלסאָן (ערשטער פון לינקס) מיט די ברידער יאַנקל און יעכיעל מייזיל
ד. בערגעלסאָן (צווייטע ריי, דער צווייטער פון רעכטס) מיט א גרופּע יידישע סטודענטן. קיעוו, 1918

אירמע דרוקערס פאָלקלאָר־אָנזאַמלנגען

אָרעמע און רײַכע

— מיר דוכט זיך, אַז איך בין געוואָרן אַ גוויר.
— האָסט באַקומען אַ סאַך געלט?
— ניין, קיין געלט האָב איך ניט באַקומען, נאָר אַ כאָזער בין איך שוין.

אַ גרויסע גווירישע לעווײַע.
צווישן די אַלע באַוויינער האָט זיך אַרויסגעוויזן איינער אַ פרעמדער אָרעמאַן.
— רעב ייִד, וואָס וויינט איר? איר זײַט דען דעם נאָגידס אַ קאָרעוו?
— אַף דערויף וויין איך דאָך טאַקע.

— אַז דו ביסט אַ בלינדער, איז פונוואַנען זשע ווייסטו, אַז איך בין אַן אַלטיטשקער?
— איך האָב אַ טאָעס געהאַט — איך האָב געוואָלט זאָגן: גיט אַ נעדאָווע אַ שטומען.

איינער אַ קאַרגער גוויר האָט ניט געוואָלט געבן קיין נעדאָווע אַן אָרעמאַן. דער אָרעמאַן האָט אים דערפאַר געווונטשן, אַז ער און אַלע גווירים זאָלן לעבן 120 יאָר.
— פאַרוואָס קומט עס מיך? — האָט זיך דער גוויר פאַרווונדערט מיטן אָרעמאַנס בראָכע.
— איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, — האָט געזאָגט דער אָרעמאַן, — איר זײַט דאָך אַ ייִד אַ באַלכעזשבן, איז נעמט און רעכנט אויס, וויפל יאָרן וועלן אײַך אָנקומען, אויב אַלע גווירים אין דער וועלט צוזאַמען וועלן לעבן 120 יאָר.

פאַרשיידענע וויצן

וואָס טוט מען, אַז מ׳וויל פאָטער ווערן פון אַ באַקאַנטן, ער זאָל אופהערן אין שטוב צו קומען?
— אויב יענער איז אַ פאַרמעגלעכער, בעט מען בא אים אַ האַלוואָע, און אויב ער איז אַן אָרעמאַן — גיט מען אים אַ האַלוואָע.

פאַרוואָס האָט אַ מיטע צוויי שטעקנס, און אַ כופע — פיר?
— ווײַל אין אַ מיטע פירט מען באַגראָבן נאָר איינעם און אונטער אַ כופע — צוויי.

לויטן גוואַלד, וואָס איר האָט געמאַכט, האָב איך געמיינט, אַז איר האָט אָפּן צוג פאַרשפּעטיקט אָף אַ שאָ, לאָזט זיך אויס, אָף עטלעכע מינוט.

— ווי גייט עס?
— ניט צו פאַרזינדיקן, איך האָב מײַן אייגן קלייטל מיט שטענדיקער סכוירע: ניסלעך אין קאָפּ, מאַנדלען אין האַלדז, בוימל אין די אויערן, פלוימען פון הינטן און פײַגן אין קעשענע.

✷

א שויכעט האָט זיך איינציײטיק פאַרנומען מיט פאַריכטן זייגערס. האָט מען אַף אים געזאָגט: קוילעט ער א האָן, גייט ער, פאַריכט ער א זייגער — שטייט ער.

✷

דער רעבע האָט געהאַלטן באַם שטאַרבן, האָט יעדערער פון די כסידים געשענקט א טאָג פון זײַן לעבן, אייניקע אַפילע א וואָך.

איינע אַן אַלטע מויד האָט געשענקט צען יאָר.

— אַזויפיל? — האָבן זיך אַלע פאַרוואונדערט.

— איך גיב אוועק צען יאָר, ווײַל איך וויל א ביסל ייִנגער ווערן.

✷

— פאַרוואָס טרינקסטו אַזויפיל?

— איך וויל מײַנע צאָרעס דערטרינקען.

— ווען זשע וועסטו זיי דערטרינקען?

— שווער צו זאָגן, ווײַל וואָס מער איך טרינק, אַלץ מער לערנען זיך אויס די צאָרעס שווימען.

✷

גאָט מײַן האַרציקער, גיב מיר ברויט צום עסן און א קלייד צום אָנטאָן, א ביסל מאַשקע וועל איך שוין ווי־עס־איז אַליין בעמען.

✷

— דער שענקער איז א כאָכעם צי א טיפּעש?

— א טיפּעש, ער האָט בראָנפן און פאַרקויפט אים אַנדערע.

— שטילער, ער קאָן נאָך קליגער ווערן און ניט וועלן פאַרקויפן.

✷

א שנײַדער האָט געפירט הונדערט פּאָר הויזן אַפן יאַריד, האָט דאָס ווײַב געוווּנטשן, ער זאָל זיך אומקערן בעשאָלעם און אָן הויזן...

✷

אייַנער האָט געפירט א קאַלב פאַרן ווײדל. אינמיטן וועג האָט זיך דער קאַלב צעטראָגן און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך זײַן פירער. האָט דער פירער געגוואַלדעוועט און געשריגן:

— האַקט אָפּ דעם ווײדל, אַז ניט וועט מיר דער קאַלב האַרגענען!

וויצן וועגן נאַראָנים

אייַנער אײַלט.

— וווּהין?

— מאָרגן קומט מײַן טאַטע, אײַל איך אים באַגעגענען.

— אויב מאָרגן, וואָס זשע אײַלסטו הײַנט?

— מאָרגן איז א יאַריד־טאָג, און איך וועל זײַן פאַרנומען.

✷

אייַנער האָט באַקומען א בריוו, אַז דער טאַטע זײַנער איז געשטאָרבן.

— איך גלייב ניט.

— פאַרוואָס?

— ווײַל ס'איז ניט דעם טאַטנס קסאַו.

✷

יעקע נאַר האָט באַנאַכט געזוכט א רובל.

— ווו האָסטו אים פאַרלאָרן?

— הינטער דער שטאָט.

— וואָס זשע זוכסטו אים דאָ?

— ווײַל דאָ איז טרוקן, און דאָרט איז א בלאָטע איבערן האַלדז.

✷

בעניע, וועק מיך אויף פינף אַזייגער.

בעניע האָט אויפגעוועקט דרײַ.

— ס'איז דאָך ערשט דרײַ.

— איך ווייס, איך האָב אײַך אומיסנע אויפגעוועקט, אַז איר זאָלט וויסן, אַז איר האָט נאָך צוויי שאָ צו שלאָפן.

✷

— וואָס איז דער אונטערשייד פון א קלוגן ביז א נאַר? א קלוגער, אַז ער וויל ווערן א נאַר, קאָן ער עס טאָן צו יעדער מינוט, א נאַר דאַרף טויזנט מאָל וועלן, קאָן ער קיין קלוגער ניט ווערן.

ריווקע רובין

נאָך א דויערנדיקער קרענק איז אין מאָסקווע אין עלטער פון 81 יאָר געשטאָרבן ריווקע רובין. דעביוטירט אין דער ליטעראטור אין די 30־ער יאָרן אלס ליטעראטור-קריטיקער, האָט זי ארייַנגעטראָגן א וואָגיקן צושטייַער אין דער פאָרשונג פון דער שאפונג פון די ייִדישע קלאסיקער שאָלעם-אליכעם, י.־ל. פּערעץ. א היפש אָרט האָט פארנומען אין אירע ארבעטן די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור. ס׳זייַנען פארבליבן אינעם אוצער פון אונדזער פאָרשונג אירע ביכער „ייִצכאָק-לייבוש פּערעץ", „שרייַבער און ווערק", די פאָרווערטער צו שאָלעם-אליכעמס און י.־ל. פּערעצעס געזאמלטע שריפטן, וועלכע זייַנען דערשינען אין „עמעס"־פארלאג, אין די פארלאגן „סאָוועטסקי פּיסאטעל" און „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא". זי האָט אויך איבערגעזעצט אף רוסיש א ריי ווערק פון די ייִדישע קלאסיקער.

אין די לעצטע עטלעכע יאָרצענדליקער איז ר. רובין געווען באוווּסט מער אלס פּראָזאיִקער. די ערשטע זאמלונג פון אירע דערציילונגען — „ייִדישע פרויען" איז דערשינען אין 1943. זי איז דער אווטאָר פון די זאמלונגען דערציילונגען און נאָוועלעס „עס ציט זיך א פאָדעם", „אזא מין טאָג", וועלכע זייַנען דערשינען אויך אין דער רוסישער איבערזעצונג.

ר. רובין איז געווען א טאלאנטפולער פּעדאגאָג. אין די 30־ער יאָרן האָט זי אונטעריכטעט ייִדישע ליטעראטור אין מינסקער און אין מאָסקווער פּעדאגאָגישע אינסטיטוטן. זי האָט אקטיוו זיך באטייליקט אין דעם ליטעראַרישן לעבן: געווען א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם אלמאַנאך „היימלאנד" און אין די 60־ער יאָרן — א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פון די העכסטע ליטעראַרישע קורסן באַם ליטעראַרישן אינסטיטוט אף מ. גאָרקיס נאָמען האָט זי געפירט א ספּעציעלן לערן־קורס וועגן דער שאפונג פון י.־ל. פּערעצן.

ר. רובינעס דערציילונגען און ליטעראַרישע פאָרשונגען האָבן אין „סאָוועטיש היימלאנד" זיך געדרוקט זינט דער זשורנאל דערשייַנט. צו איר 80־טן געבורטסטאָג האָט זי אין 1986 פארעפנטלעכט איר לעצטע דערציילונג „דער אינוואליד און די וועכטערן".

קאָוועד איר אָנדענק!

САМОУЧИТЕЛЬ ЕВРЕЙСКОГО (ИДИШ) ЯЗЫКА

Урок V (*продолжение*) לימעד פינף (פאָרזעצונג)

СКЛОНЕНИЕ СУЩЕСТВИТЕЛЬНЫХ С ОПРЕДЕЛЕННЫМ И С НЕОПРЕДЕЛЕННЫМ АРТИКЛЕМ В ЕДИНСТВЕННОМ ЧИСЛЕ

Таблица 20

ИМЯ НАРИЦАТЕЛЬНОЕ: ЖЕНСКИЙ РОД	ИМЯ НАРИЦАТЕЛЬНОЕ: СРЕДНИЙ РОД	ИМЯ НАРИЦАТЕЛЬНОЕ: МУЖСКОЙ РОД	ИМЯ ЛИЧНОЕ	ПАДЕЖ	№№
די טאָכטער א טאָכטער	דאָס קינד א קינד	דער זון א זון	אידע בערל	ИМЕНИТЕЛЬНЫЙ	1
די טאָכטער א טאָכטער	דאָס קינד א קינד	דעם זון א זון	אידע-ן בערל-ען	ВИНИТЕЛЬНЫЙ	2
דער טאָכטער א טאָכטער	דעם קינד א קינד	דער זון א זון	אידע-ן בערל-ען	ДАТЕЛЬНЫЙ	3
מיט (צי, בא, פאר...) דער טאָכטער א טאָכטער	מיט (צי, בא, פאר...) דעם קינד א קינד	מיט (צי, בא, פאר...) דעם זון א זון	מיט (צי, בא, פאר...) אידע-ן בערל-ען	ДАТЕЛЬНЫЙ С ПРЕДЛОГАМИ	3а
דער טאָכטער-ס א טאָכטער-ס	דעם קינד-ס א קינד-ס	דעם זונ-ס א זונ-ס	אידע-ס בערל-ס	ПРИТЯЖАТЕЛЬН.	4

Как видно из таблицы, неопределенный артикль [а] (или его вариант [ан]) не склоняется и остается во всех падежах без изменения.

СХЕМА СКЛОНЕНИЯ СУЩЕСТВИТЕЛЬНЫХ В ЕДИНСТВЕННОМ ЧИСЛЕ

Таблица 21

ЖЕНСКИЙ РОД: СУЩЕСТВИТ.	ЖЕНСКИЙ РОД: АРТИКЛЬ	СРЕДНИЙ РОД: СУЩЕСТВИТ.	СРЕДНИЙ РОД: АРТИКЛЬ	МУЖСКОЙ РОД: СУЩЕСТВИТ.	МУЖСКОЙ РОД: АРТИКЛЬ	ИМЯ ЛИЧНОЕ	ПАДЕЖ
□	א, די	□	א, דאָס	□	א, דער	□	И.
□	א, די	□	א, דאָס	□	א, דעם	□ (ע)ן	В.
□	א, דער	□	א, דעם	□	א, דעם	□ (ע)ן	Д.
□	צי (מיט...) א, דער	□	צי (מיט...) א, דעם	□	צי (מיט...) א, דעם	צי (מיט, בא...) □ (ע)ן	Д.с ПРЕД.
□ ס	דער	□ ס	א, דעם	□ ס	א, דעם	□ ס	ПРИТЯЖ.

Особенности склонения существительных типа [та́тэ] — «отец», [ма́мэ] — мама

Существительные мужского рода

1) отец, 2) дедушка, 3) еврей, 4) человек — 1) ט׳אטע, 2) ז׳יידע, 3) ייִד, 4) מענטש

и женского рода

5) мама, 6) тётя, 7) бабушка — 5) מ׳אמע, 6) מ׳ומע, 7) ב׳אָבע.

склоняются в единственном числе по нижеследующему образцу:

Именительный	דער ט׳אטע	די מ׳אמע
Винительный	דעם ט׳אט־ן	די ׳ממע
Дательный	דעם ט׳אט־ן	דער מ׳אמע־ן
Дательный с предл.	צז (מיט...) דעם טאט־ן	צו (מיט...) דער מאמע־ן
Притяжательный	דעם טאט־נס	דער מאמע־ס

Задание 4. Руководствуясь таблицами 20, 21, просклоняйте существительные:

1) Фаня, 2) брат, 3) мальчик, 4) жена — 1) פ׳אניע, 2) דער בר׳ודער, 3) דאָס י׳ינגל, 4) די פרוי

По образцу склонения [дэр та́тэ] просклоняйте существительное «человек» — דער מענטש

При склонении поставьте перед существительными падежные вопросы, например:

נאָמינאט׳יוו: ווער? דער בר׳ודער

פּאָסעס׳יוו: וו׳עמענס? דעם בר׳ודערס

Задание 5*. Ответьте на вопросы, поставив данные в скобках существительные в соответствующем падеже единственного числа —

1. — ווער איז דאָס? — דאָס איז (דער ל׳ערער, די פרוי, דאָס ייִנגל, כ׳איִם).
2. — וו׳עמען ז׳עסטו? — איך זע (דער ז׳יידע, ט׳אניע, דאָס מ׳יידל, די שוו׳עסטער).
3. — וו׳עמען ׳ענטפערסטו? — איך ׳ענטפער (׳אדע, דער מענטש, די ב׳אָבע, דאָס מ׳יידל, דער זון).
4. — צו וו׳עמען ג׳ייסטו? — איך גיי צו (ל׳ייע, דער ייִד, דער בר׳ודער, די מ׳אמע, דאָס קינד).
5. — וו׳עמענס בוך איז דאָס? — (ס׳אָניע, דער כ׳אווער, די מ׳וטער, דער פ׳אָטער).

Ключ к заданию 5.

1. — דאָס איז דער ל׳ערער, די פרוי, דאָס ייִנגל, כ׳איִם.
2. — איך זע דעם זיידן, ט׳אניען, דאָס מ׳יידל, די שוו׳עסטער.
3. — איך ׳ענטפער ׳אדען, דעם מענטשן, דער ב׳אָבען, דעם מ׳יידל, דעם זון.
4. — איך גיי צו ל׳ייען, צו דעם ייִדן, צו דעם בר׳ודער, צו דער מ׳אמען, צו דעם קינד.
5. — ס׳אָניעס, דעם כ׳אווערס, דער מ׳וטערס, דעם פ׳אָטערס.

Слияние предлогов с артиклем [дэм]

Ряд предлогов может сливаться с определенным артиклем дательного падежа [дэм]. Предлоги получают при этом окончания [-эм] или [-н].

אין+דעם = א׳ינעם; א׳ונטער+דעם=א׳ונטערן

Задание 6. Спишите в свои тетради предлоги (в скобках указано окончание, принимаемое предлогом при слиянии с артиклем [дэм]).

1) под, 2) над, — 1) א׳ונטער(ן), 2) א׳יבער(ן),
3) в, 4) на, — 3) א׳ינ(עם), 4) אפ(ן),
5) без, 6) при, у, — 5) ׳אָנ(עם), 6) בא(ם),
7) до, 8) во время, — 7) ביז(ן), 8) בייס(ן),
9) через, сквозь, 10) позади, за, — 9) דורכ(ן), 10) ה׳ינטער(ן),
11) согласно, 12) совместно с, со, — 11) לויט(ן), 12) מיט(ן),
13) после, за, — 13) נאָכ(ן),
14) I. перед; II. за (*что-либо*), — 14) פאר(ן),
15) от, из, с (*чего-либо*), — 15) פ׳ונ(עם),
16) к — 16) צו(ם).

Склонение существительных во множественном числе

Неопределенный артикль [а] (или [ан]) во множественном числе опускается, сравните:

читаю **книгу** (ед. ч.) — **איך ל׳ייען א בוך**

читаю **книги** (мн. ч.) — **איך ל׳ייען ב׳יכער**

Притяжательный падеж во мн. числе, как правило, не употребляется. Значение принадлежности выражается при помощи предлога [фун]. Существительное множественного числа с этим предлогом переводится на русский язык существительным множественного числа в родительном падеже, например:

книги (*чьи?*) **детей**

די ב׳יכער פון די ק׳ינדער

Определенный артикль множественного числа [ди] и форма множественного числа самого существительного остаются во всех падежах без изменения:

נאָמינאַט׳יוו: **ווער? — די ט׳אַטעס, די ק׳ינדער.**

אקוזאט׳יוו: **וו׳עמען ז׳עסטו? — איך זע די ט׳אַטעס, די מ׳אַמעס, די ק׳ינדער.**

דאַט׳יוו: **וו׳עמען ׳ענטפערסטו? — איך ׳ענטפער די ט׳אַטעס, די מ׳אַמעס, די ק׳ינדער.**

צו וו׳עמען ג׳ייסטו? — צו די טאַטעס, צו די מ׳אַמעס, צו די קינדער.

Сравните также неизменяемую форму [ди ши́лэр] — «ученики» в различных падежах мн. числа:

1) Учитель спрашивает *учеников* — 1) **דער ל׳ערער פרעגט די ש׳ילער** (אקוז.)
2) Учитель отвечает *ученикам* — 2) **דער ל׳ערער ענטפערט די ש׳ילער** (דאַט.)
3) Учитель беседует с *учениками* — 3) **דער ל׳ערער שמ׳ועסט מיט די ש׳ילער** (דאַט. מיט א פרעפּאָז׳יציע).

דאָצענט ש. סאַנדלער

צו אלע אונדזערע לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער

ס'איז באַוווסט די ענגע פאַרבינדונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט די ליבהאָבער און שעצער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. די וואָרצלען פון אזא אָרגאַנישער אייניקייַט ציִען זיך צום פּעריאָד פון די קלאַסיקער און פון די אָנהייבער פון דער נייַער סאָוועטישער צייַט אין דער ייִדיש־שאַפונג. ס'איז קיין גוזמע ניט, אַז אין דער אויפלעבונג און אין דער ווייַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור האָבן א גלייַכן כײלעק די שרייַבער און די לייענער. אַלעמאָל, ווען עס קומט אָן די אַבאָנירונגס־צייַט אויפן קומענדיקן יאָר,— ווענדט זיך די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" צו דעם לייענער־אַקטיוו, ער זאָל טאָן אַלץ, כדי דער זשורנאַל זאָל אָנקומען אין יעדער ייִדישער מישפּאָכע, וווּ ס'איז ניט פרעמד אונדזער לאָשן. מיט גרויס צופרידנקייַט מערקן מיר אָפּ, אַז אומעטום, וווּ עס לעבט דער פּאָטענציעלער ייִדיש־לייענער, טרעטן גלייַך צו צו דער אַרבעט די אומדערמידלעכע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער און די איבערגעגעבענע שעצער פונעם ייִדישן וואָרט.

הייַנט־צו־טאָג, ווען „סאָוועטיש היימלאַנד" טרעט שוין אַרייַן אין 27־טן יאָר פון זייַן עקזיסטענץ, קאָנען מיר זאָגן, אַז די באַמיִונגען פון זייַן אַקטיוו האָבן געשאַפן פאַר אים א סטאַבילן מאַצעוו, און איצט גייט די רייד אָט וועגן וואָס: ערשטנס, אין יעדער שטאָט און אין יעדן ייִשעוו, וווּ עס לעבן ייִדן, דאַרף מען פעסטשטעלן, ווער פון זיי, קענענדיק ייִדיש, אָדער דערמאָנענדיק זיך דאָס לאָשן, איז נאָך ניט אַבאָנירט אויפן זשורנאַל, און העלפן אים די אַבאָנירונג אויספאָרמירן; צווייטנס, דאַרף אין דער דאָזיקער צייַט ווערן אָפּעראַטיווער די פאַרבינדונג מיצאַד די לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער מיט דער רעדאַקציע, כדי די אַבאָניר־קאַמפּאַניע זאָל דורכגעפירט ווערן אָרגאַניזירט און זי זאָל אַרייַנברענגען פיל נייַע לייענער.

מיר זייַנען זיכער, אַז ס'וועט זיך ניט געפינען קיין איין ליבהאָבער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור סייַ אין לאַנד, סייַ אין אויסלאַנד, וועלכער זאָל שטיין אין א זייַט פון דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע ווינטשן די אַקטיוו מיטבויער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור, אַז אונדזער געמייַנזאַם ווערק — דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", צוזאַמען מיט זייַנע באַגלייט־אויסגאַבעס — דער ביכער־בייַלאַגע און דעם יעזשעגאָדניק — זאָל אויך אויף ווייַטער טראָגן אין די לייענער־מאַסן דאָס הויך־קינסטלערישע וואָרט פון דער דוירעסדיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

די אַבאָנירונג אויף אונדזער זשורנאַל ווערט אָנגענומען אין אַלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט" אָן באַגרענעצונגען. די אַבאָניר־פּרייַז אויפן זשורנאַל צוזאַמען מיט דער כוידעשלעכער ביכער־בייַלאַגע:
אויף א יאָר — 9 רובל מיט 60 קאָפּיקעס
אויף 6 כאָדאָשים — 4 רובל מיט 80 קאָפּיקעס

Подписка на наш журнал принимается во всех отделениях «Союзпечати» без ограничения.

Подписная цена на журнал вместе с ежемесячным приложением:

на год — 9 рублей 60 копеек
на 6 месяцев — 4 рубля 80 копеек

En "Nuestra sección cosmonáutica" publicamos el ensayo "Camino al cielo", de Víctor Mitroshénkov (Moscú), sobre el famoso contructor de aviones y naves espaciales V. F. Boljovítinov.

El contacto del gran dramaturgo ruso A. N. Ostrovski con el arte teatral de otras naciones, en particular la judía, es tema del artículo "El arte une y emparienta a los pueblos", de Mijaíl Ostrovski (Moscú).

El moscovita Oleg Guerásimov es un nuevo autor de nuestra revista. Con frecuencia sale en comisión de servicio al extrajero, incluído los países del Oriente Medio y Africa. A base de sus diarios de ruta escribió, en los últimos años, una serie de ensayos, el primero de los cuales, titulado "El calor de la mano", se lo ofrecemos a los lectores en esta ocasión.

En los números 7 y 8 de 1984 en nuestra revista, así como en el anuario "Año tras año", fue publicada la crónica documental "La desconocida", de los periodistas capitalinos Lev Arkádiev y Ada Dijtiar, dedicada a Masha Brúskina, heroína de la lucha clandestina en Minsk durante la Gran Guerra Patria, ahorcada por los fascistas, junto con otros patriotas, el 26 de octubre de 1941. Bajo la rúbrica "Continuamos el diálogo con el lector" aparece en el presente número el artículo "Por las huellas del verdugo", de los mismos literatos, que recoge nuevos testimonios sobre dos autores de dicho crimen: Impuliavičius, refugiado después de la guerra en Philadelphia (EE.UU.), y Antanas Gečies, que reside actualmente en la ciudad británica de Edinburgo.

En su ensayo "El primer oro" Efim Gójberg y Guennadi Estraij (Moscú) hablan del pesista Grigori Novak, que cuarenta años atrás por primera vez en la historia del deporte soviético se proclamó campeón mundial en halterofilia.

El lector encontrará asimismo las secciones tradicionales "Hojeando la prensa", "Crónica", "Por boca del pueblo" y "Manual autodidáctico del idioma yidish"

Suplemento: V. Gorodetski

"Enrevista a sí mismo"

EL RESUME

"Soviétish Heimland" (La Patria Soviética"), N° 8, agosto, 1987

Este año, bajo la rública "Con motivo del Setentenario del Gran Octubre", nuestra revista publica obras clásicas de la literatura judía soviética que tratan sobre la lucha por el Poder Soviético protagonizada por amplias masas populares. En el presente número les ofrecemos los relatos "En la versta 101[a]", de David Berguelsón (1884-1952), e "Inna", de Jaim Guildin (1883-1940); un fragmento de la novela "En la carretera de Lademir", de Nohem Oislénder (1893-1962), así como versos de Moishe Broderzón (1890-1956).

"Moishe Broderzón, —se dice en la nota de presentación,— nació en Moscú, desde la infancia se compenetró con la cultura rusa y, aunque durante muchos años residió en la ciudad polaca de Lodz, su amor hacia Rusia, sobre todo hacia la nueva Rusia revolucionaria, nunca se extinguió. Debutó en la literatura en 1913 con el libro "Mariposas negras". Durante la primera guerra mundial y la Revolución de Octubre volvió a vivir en Rusia y aceptó con entusiasmo su renovación social. Testimonio de ello son sus poesías, escritas en aquellos años y publicadas en las primeras ediciones soviéticas. Fue en Moscú donde apareció su libro "Rocío". Ocupada Polonia por los nazifascistas, Broderzón se refugia en la URSS, donde escribe versos sobre la lucha contra el sangriento enemigo. En 1947 el Teatro Estatal Judío de Moscú lleva a la escena su pieza "En vísperas de la fiesta".

Los "Versos de Octubre" de M. Broderzón son reproducidos acorde al texto publicado en la revista moscovita "Cultura y educación" en 1918.

En los números 4 y 5 de "Soviétish Heimland" apareció la primera parte de la novela "Erase una vez un shtetl", de Grigori Poliánker (Kíev). Ahora comenzamos a publicar la segunda parte de esta obra, que narra el escabroso destino de tres generaciones de trabajadores a lo largo de más de medio siglo.

En la sección poética presentamos el poema "Chernobil", de Jaim Béider (Moscú), y una colección de versos de Pinia Plotkin (Bobruisk).

De ensayos les damos a conocer "El comienzo del mundo", de Borís Míller (Birobidzhán); "Mi shtetl", de Elisheva Kantsedik (Vilnius), y "La muchacha de Zhmérinka", de la moscovita Elvira Fáguel. Continuamos la publicación de la novela documental "En aquellos días", de Zalman Yakub (Daugavpils), sobre los mártires de un ghetto, cuya primera parte vio luz en el número 5 de este año.

"Our Space Corner" carries the essay "Way to the Sky" by Victor Mitroshenkov (Moscow) which is devoted to V. F. Bolkhovitinov, the famous aircraft and space ship designer.

The history of the creative links of the great Russian playwright A. N. Ostrovsky with the theatre art of other peoples, and particularly of the Jewish people, is dealt with in the article "Art Unites and Links People" by Mikhail Ostrovsky (Moscow).

Oleg Gerasimov (Moscow), a new contributor to the magazine, often works in foreign countries including those of the Middle East and Africa. The documentary essays he has written in recent years are based on his travel notes. "The Warmth of a Hand", the first essay of this series, is published in the current "Sovietish Heimland" issue.

"Unearthing the Traces of the Hangman" is the title of the article by journalists Lev Arkadyev and Ada Dikhtyar (Moscow), authors of the documentary essay "The Unknown" published in issues Nos 7 and 8, 1984, and then in the "Year after Year" Annual, about Masha Bruskina, heroine of the underground organization in Minsk, whom the nazis hanged together with other members of the organization on October 26, 1941. The section "Continuing our Conversation with the Readers" contains an article which cites additional proof about the hangmen Impuliavičius hiding in Philadelphia (USA) and Antanas Gečes now living in Edinburgh (U.K.)

In their essay "The First Gold" Yefim Gokhberg and Gennadi Estraikh (Moscow) deal with the Soviet athlete Grigori Novak who forty years ago was the first in the history of Soviet sport to win the world championship in heavy athletics.

The issue carries its traditional sections: "Scanning Newspapers and Magazines", "Chronicle", "From the Mouth of the People", "Teach Yourself Yiddish".

Supplement to the issue:
"Interview with Oneself" by V. Gorodetsky

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("Soviet Homeland")
No 8, August, 1987

In preparation for the 70th Anniversary of the Great October Socialist Revolution, "Sovietish Heimland" has been publishing this year works of classical Jewish literature which reflect the fight for the Soviet power and the participation in it of the wide masses of people. The current issue opens with a similar selection including the stories "The 101st Verst" by David Bergelson (1884-1952), "Inna" by Chaim Gildin (1883-1940), an excerpt from the novel "On the Lademir Road" by Nochem Oislender as well as poems by Moishe Broderzon (1890-1956).

"Moishe Broderzon, the foreword to the publication says, born in Moscow, absorbed the Russian culture, and in spite of the fact that he lived in Lodz for many years, his attachment for Russia, particularly the new revolutionary Russia, never perished. He made his debut in literature in 1913 with his collection "Black Butterflies". During the First World War and during the October Socialist Revolution he again lived in Russia, accepting with enthusiasm the social renovation of the country. This is proved by the poems Broderzon wrote at that time and published in the first Soviet editions, like his collection "Dew" which came out in the Soviet capital. When the German nazis occupied Poland, M. Broderzon escaped to the USSR to write poems devoted to the fight against the deadly enemy. In 1947, the Moscow State Jewish Theatre produced his play "On the Eve of the Holiday".

The selection "October Poems" has been taken from the journal "Culture and Education" that was published in Moscow in 1918.

"Sovietish Heimland" Nos 4 and 5 carried part one of the novel "There was a Shtetl Once" by Grigori Polyanker (Kiev). Issue No 8 includes the beginning of part two of the novel dealing with the hard life of three generations of toilers for a span of over fifty years.

Poetry is represented in the issue by Chaim Beider's (Moscow) poem "Chernobyl" and a number of poems by Pinya Plotkin (Bobruysk).

Contributing to the "Essays" section are: Boris Miller from Birobidzhan ("The Beginning of the World"), prosaist Elisheva Kantsedik from Vilnius ("My Shtetl") and Elvira Fagel from Moscow ("The Girl from Zhmerinka"). The section publishes the continuation of the documentary novella "In those Days" about ghetto prisoners by Zalman Yakub (Daugavpils), whose beginning was included in the May issue.

Рубрика «Наш космический уголок» представлена в номере очерком Виктора Митрошенкова (Москва) «Путь в небо», в котором рассказывается об известном авиаконструкторе, создателе космических кораблей В. Ф. Болховитинове.

История творческих связей великого русского драматурга А. Н. Островского с театральным искусством других народов, в частности с еврейским, рассматривается в статье Михаила Островского (Москва), озаглавленной «Искусство единит народы и роднит».

Олег Герасимов (Москва) — новый автор журнала. По роду своей работы ему приходится бывать за рубежом, в том числе в странах Ближнего Востока и Африки. Его путевые дневники легли в основу документальных очерков, написанных им за последние годы. Первый очерк из этой серии — «Тепло руки» — печатается в августовском номере «Советиш геймланд».

«По следам карателя» — так озаглавлена заметка журналистов Льва Аркадьева и Ады Дихтярь (Москва), авторов документального очерка «Неизвестная», опубликованного в №№ 7 и 8 за 1984 год, а затем в ежегоднике «Год за годом», — о героине минского подполья Маше Брускиной, повешенной фашистами вместе с другими подпольщиками 26 октября 1941 года. В заметке, напечатанной под рубрикой «Продолжаем разговор с читателями», приводятся дополнительные свидетельства о вешателях Импулявичюсе, скрывавшемся в Филадельфии (США) и Антанасе Гечесе, ныне проживающем в шотландском городе Эдинбурге.

Ефим Гохберг и Геннадий Эстрайх (Москва) рассказывают в своем очерке «Первое золото» о советском спортсмене Григории Новаке, сорок лет назад впервые в истории советского спорта завоевавшем звание чемпиона мира по тяжелой атлетике.

В номере представлены и традиционные рубрики: «Листая журналы и газеты», «Хроника», «Из уст народа», «Самоучитель еврейского языка».

Приложение к номеру:
В. Городецкий «Интервью с самим собой»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 8, август, 1987

В этом году, под рубрикой «К 70-летию Великого Октября», «Советиш геймланд» публикует произведения советской еврейской классики, в которых отражена борьба за Советскую власть, участие в ней широких масс. Такой подборкой открывается и восьмая книжка журнала. Печатаются рассказы Давида Бергельсона (1884—1952) «На 101-й версте», Хаима Гильдина (1883—1940) «Инна», отрывок из романа Нохема Ойслендера (1893—1962) «На Ладемирской дороге», а также стихи Мойше Бродерзона (1890—1956).

«Мойше Бродерзон, — говорится в предисловии к публикации, — родился в Москве, с детства впитывал в себя русскую культуру, и несмотря на то, что много лет жил в Лодзи, привязанность к России, особенно к новой, революционной России, никогда в нем не угасала. Дебютировав в литературе в 1913 году сборником «Черные бабочки», он в годы первой мировой войны и во время Октябрьской революции вновь проживал в России и с восторгом воспринял социальное обновление своей родины. Об этом свидетельствуют стихи, написанные Бродерзоном в то время и опубликованные в первых советских изданиях. В столице Страны Советов он издал свой сборник «Роса». Когда германский фашизм оккупировал Польшу, М. Бродерзон бежит в СССР, пишет стихи, посвященные борьбе против кровавого врага. В 1947 году Московский государственный еврейский театр поставил его пьесу «Накануне праздника».

Подборка «Октябрьские стихи» печатается по журналу «Культура и просвещение», выходившему в 1918 году в Москве.

В четвертом и пятом номерах «Советиш геймланд» опубликована первая часть романа Григория Полянкера (Киев) «Было когда-то местечко». В восьмом номере печатается начало второй части этого произведения, повествующего о трудной судьбе трех поколений тружеников на протяжении более чем пятьдесят лет.

Поэзия номера представлена поэмой Хаима Бейдера (Москва) «Чернобыль» и циклом стихотворений Пини Плоткина (Бобруйск).

В рубрике «Очерки» выступают биробиджанец Борис Миллер («Начало мира»), прозаик из Вильнюса Элишева Канцедик («Мое местечко») и москвичка Эльвира Фагель («Девушка из Жмеринки»). Публикуется продолжение документальной повести об узниках гетто Залмана Якуба (Даугавпилс) «В те дни» (начало — в майской книжке журнала за этот год).

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Чернина
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 29.05.1987. Подписано к печати 20.07.1987. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 301.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции».
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1987

Цена 70 коп.

70821

issn 0134—4315

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

К 70-летию Великого Октября. Д. Бергельсон. На сто первой версте. Н. Ойслендер. Из романа «На Ладомирской дороге». Х. Гильдин. Инна. М. Бродерзон. Октябрьские стихи.

Г. Полянкер. Было когда-то местечко (роман, вторая часть).

Х. Бейдер. Чернобыль (поэма).

Очерки Б. Миллера, Э. Канцедик, Э. Фагель.

П. Плоткин. Стихи.

З. Якуб. В те дни (документальный рассказ, продолжение).

Наш космический уголок. В. Митрошенков. Путь в небо.

Из истории культуры. М. Островский. «Исскуство единит народы и роднит».

По странам и континентам. О. Герасимов. Тепло руки.

Е. Гохберг, Г. Эстрайх. Первое золото.

Читая газеты и журналы. Хроника культурной жизни. Из уст народа. Самоучитель еврейского языка.

Резюме на русском, английском и испанском языках.

1987

№ 8